STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05536

VAYT FUN MOSKVE

Vasilii Azhaev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואסילי אַזשאַיעוו

ווײַט פון מאָסקווע

ראָמאַן

יידיש: לעאָ פרומקין

ערשטער בוך

●

פאַרלאַג „היימלאַנד"
בוענאָס־אײַרעס 1954

Queda hecho el depósito que previene la Ley
Copyright by Editorial Heimland
Buenos Aires, 1954
Edición Argentina

V. AZHAIEV

VAIT FUN MOSKVE

LEJOS DE MOSCU

Novela

I

PRIMER TOMO

EDITORIAL "HEIMLAND"
BUENOS AIRES
1954

קאַפּיטל איינס

אַף ווידערזען, מאָסקווע!

ביז דער סאַמע לעצטער מינוט האָט דער אינזשעניער אַלעקסיי קאָוושאָוו ניט געגלייבט, אַז ער פאָרט אַרויס אַפן מיזרעך, אין טיפן הינטערלאַנד. אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג, ווו מ'האָט אים ענדגילטיק מיטגעטיילט וועגן זײַן נײַער באַשטימונג, האָט ער ניט געקענט גויווער זײַן די געדריקטע שטימונג, און האָט גלײַכגילטיק אויסגעהערט אין דער קאַדרען־אָפּטיילונג די אײַליקע אינסטרוקציעס, גלײַך זיי וואָלטן צו אים קיין שײַכעס ניט געהאַט.

— זוכט אויף דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג, באַטמאַנאָוון, און דעם הויפּט־אינזשעניער בערידזען, — האָבן זיי אים געאייצעט. — זיי זײַנען נאָך ניט אַוועקגעפאָרן.

אַלעקסיי איז אַרומגעגאַנגען איבער די קאָרידאָרן און געכאַפּט אַ קוק אין די קאַבינעטן אַרײַן. די אינסטיטוציע האָט זיך עוואַקויִרט פון דער רעזידענץ. אַ סאַך אַרבעטנדיקע זײַנען שוין אַרויסגעפאָרן. אין די לערגעוואָרענע צימערן מיטן קאַנצעלאַרישן מיסט אַף דער פאָדלאָגע האָבן געבאַלעבאַטעוועט מיליטער־לײַט — די נײַע באַלעבאַטים פון דעם ביניען.

לעסאָף האָט זיך קאָוושאָוון אײַנגעגעבן אָפּצוגעפינען בערידזען, וועלכער איז ערשט נעכטן געקומען צו פליִען פון גרוזיע. דאָרט האָט ער, אונטער דער קאַווקאַזער זון, פאַרבראַכט זײַן אורלויב נאָכן פאַרענדיקן די בויונג אַפן דאָרעם, און אין אָנהייב פון דער מילכאָמע אָנגעפירט מיטן אויפבוי פון אַ געוויסן פאַרטיידיקונגס־אָביעקט.

די אינזשעניערן האָבן זיך פרײַנטלעך אַרומגענומען. פון בערידזען האָט ווי געשמעקט מיט דאָרעמדיקן ווינט, זון און יאַם־כוואַליע. ער האָט געשמייכלט און געשפּאַסט, פינקלענדיק מיט די אויגן, ניט אַרויסווײַזנדיק מיט גאָרניט, ניט קיין אומרויִקייט, ניט קיין צערודערונג. אַלעקסיי האָט,

אַראָפּלאָזנדיק מיט פּאַריבל די ליפּן־ווינקלען, באַטראַכט דעם כאַוועדס עלעגאַנטע קליידונג: אַ נײַער קאָסטיום, מאָדערנע שיך, אַ פּילצענע הוט — דאָס אַלץ פון שאָקאָלאַד־קאָליר.

— דו כידעשט זיך? — האָט פריילעך געפרעגט בערידזע.

— ס׳איז שווערלעך זיך ניט צו כידעשן. איך בין געוווינט געוועזן דיך צו זען אין אַ צעשפּיליעטער בלוזע און אין געקנייטשטע הויזן, אַרײַנגעלאָזטע אין געזונטע, פּראָסטע שטיוואַלעס. צו דעם דאָזיקן פּראַנטישן קאָסטיום ווידער קליידט ניט די באָרד. וואָלסט זי געמעגט אַראָפּנעמען.

— ניין, אַליאָשאַ, כ׳בין ניט מאַסקים. איך וועל זי שלעפּן ביז אין קייווער אַרײַן. דו ווייסט אַליין, אַז מײַן גאַנצער קויעך איז אין דער באָרד. — בערידזע האָט אַ גלעט געטאָן זײַן שוואַרצע באָרד, וואָס האָט קוים פּאַרדעקט דעם קראַוואַט. — נאָר דעם קאָסטיום וועט מען מוזן טוישן, דאָס איז ריכטיק.

ער האָט מיט אימפּעט אַ נעם געטאָן קאָוושאָוון אונטערן אָרעם. אַלעקסיי האָט זיך פאַרקרימט און אָפּגערוקט:

— גיי בעסער פון דער צווייטער זײַט, געאָרגי. מײַן האַנט האָט זיך פאַרהיילט, אָבער ניט פולשטענדיק — זי איז נאָך אַלץ שפּירעוודיק.

— זײַ מויכל, טײַערער!

בערידזעס אויפמערקזאַמע אויגן האָבן באַטראַכט אַלעקסייען: אַן אָנגעכמורעט, באַזאָרגט פּאָנעם, אַן אָפּגעבליאַקעוועטע בלוזע, שווערע זעלנערישע שיך און ציווילע לאַנגע הויזן.

— דיך איז אויך ניט טייקעף צו דערקענען. ביסט עפּעס אַזוי שטרענג געוואָרן. האָסט, הייסט עס, אַ שמעק געטאָן פּולווער? אַ כוואַט!

— וואָס־זשע פּאַר אַ כוואַט? גלײַך אין דער ערשטער שלאַכט פאַרוווּנדעט געוואָרן, — האָט אַלעקסיי געזאָגט פאַרכמורעט.

— ערגער זיך ניט. עס שטייען דיר פאָר שלאַכטן פון אַן אַנדערן מין, און אין זיי וועסטו אָניאָגן, וואָס דו ביסט געבליבן הינטערשטעליק. מיר זעען זיך ווידער צוזאַמען, און דאָס איז גוט. ווען כ׳האָב זיך נעכטן דערוווּסט, אַז דו ביסט אין מאָסקווע, — האָב איך זיך מעשוגענערווײַז דערפרייט. כ׳בין אַוועקגעלאָפן צו באַטמאַנאָוון און געזאָגט: „ס׳האָט זיך אָפּגעפונען דער נייטיקער מענטש, קיין בעסערער איז אין גאַנץ מאָסקווע ניטאָ”. וואָס ביסטו אַזאַ זויערער? האָסט זיך מיט עסיק אָנגעטרונקען? צי סע גלוסט זיך דיר ניט אַרבעטן מיט מיר אַף דער דאָזיקער בויונג?

— קעמפן וויל איך! — האָט אַלעקסיי געענטפערט פאַרביטערט.

— איך וויל אַפן פראָנט. עס מאַכט מיך מעטורעף די דאָזיקע טײַוולאָנישע האַנט. געלעגן אין שפּיטאָל — געליטן, פאַרפאַלן, מע מוז וואַרטן. אַרויסגעלאָזט אַף אַ באַשטימטער צײַט, זיך צו פאַרריכטן. וואָס טוט מען די דאָזיקע צוויי כאַדאָשים? זיצן אין שטוב? בין איך געגאַנגען בעטן אַרבעט נענטער צום פראָנט — נו, האָב איך זיך אָנגעפרעגט אַן אייסעק!

זיי האָבן געזאָגט: האָסט זיך אײנמאָל אַרויסגעדרייט פון דער באַפרײַונג פון פראָנט, אַ צווייט מאָל וועט עס ניט גיין. גוט, וואָס דו האָסט זיך אונדז אונטערגערוקט! זיי האָבן געהייסן זיך אונטערשרײַבן אונטערן באַפעל — און אָט האָסטו דיר, פאַר הינטער די האָריי־כווישעך!

בערידזע האָט געדולדיק אויסגעהערט.

— כ׳פאַרשטיי דיך, מײַן טײַערער. כ׳האָב אַליין אַזעלכעס איבער־געקרענקט. נאָר פאַרפאַלן, מע מוז זיך פאַרנעמען אין אַ זײַט פון דער מילכאָמע. סאַראַ בויונג דאָרט גייט!

— ניט שוין־זשע קען מען זיך דאָרט אָן אונדז ניט באַגיין, אַף דער דאָזיקער בויונג? — האָט אַלעקסיי געפרעגט אויפגערעגט. — וואָס פאַר אַ זין האָט עס אָפּצורײַסן מענטשן פון דאַנען און שיקן זיי אַפּן ווײַטן מיזרעך? מיר זײַנען דאָ, אומבאַדינגט, נייטיקער.

זיי זײַנען געשטאַנען אין קאָרידאָר. בערידזע האָט פרײַנטלעך גע־קוקט אַפּן כאַווער.

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע צוויי אַפּעלסינען און איינעם אַרײַנגעשטופּט אַלעקסייען אין האַנט. יענער האָט מיט פאַרדרוס געוואָלט אַ שמיץ טאָן דעם אַפּעלסין, נאָר ס׳האָט אים אַ נעם געטאָן זײַן זוניקע שיינקייט, און ער האָט אָנגעהויבן אָפּשיילן זײַן גאָלדיקע שאָלעכץ.

— ווען מען איז ערשט נייטיק די דאָזיקע בויונג צען טויזנט קילאָ־מעטער פון פראָנט? — האָט זיך קאָוושאָוו ניט אײַנגעשטילט. — ס׳איז אַ פאַרנעפּלטער איניען. די נאַפּט־רערן וועלן פאַרטיק ווערן צו דער קו־מענדיקער מילכאָמע.

— זײַ ניט קליגער פונעם פאָלקס־קאָמיסאַרן־ראַט, — האָט נאָך אַלץ אַזוי געדולדיק געזאָגט בערידזע און זיך אײַנגעביסן מיט די ציין אין דעם פלייש פון אַפּעלסין. — גלאַט אַזוי וואָלט מען ניט אָנגענומען קיין ספּעציעלן באַשלוס וועגן פאָרסירן די בויונג. עס האָט אַ זין אונדזער באַשטימונג. מע שיקט אַהין באַטמאַנאָוון, מיך און דיך. דרײַ. באַטמאַנאָוו און איך — זײַנען, אַ דאַנק גאָט, ניט קיין נײַע מענטשן אין יענע קאַנטן, האָבן שוין דאָרט עפּעס וואָס אויפגעבויט, דו ווידער, האַגאַם אַ נײַער מענטש פאַרן ווײַטן מיזרעך — ביסטו ניט קיין נײַער פאַר מיר, אַ געטרײַער געהילף, קיין בעסערן ווינטש איך זיך ניט. מיט איין וואָרט, איך זע דאָ ניט קיין פאַרנעפּלטקייט, מײַן ליבער. סײַדן עפּשער באַ דיר אין קאָפּ?

בערידזע האָט געפירט קאָוושאָוון זיך צו באַקענען מיטן נאַטשאַל־ניק פון דער בויונג. באַטמאַנאָוו האָט אַלעקסייען אַנטוישט. עפּעס איז ער געווען צופיל יאָנטעוודיק: אַ הויכע וווקס, אַ געפורעמטע, גוט־געבוי־טע פיגור, אַ קאָפּ מיט אַש־קאָלירטע גלאַטע האָר, אַ גרויסער שטערן, פּרעציז־געצייכנטע ליפּן. אין דעם פרעמדן קאַבינעט איז ער געזעסן, ווי אין אַן אײגענעם.

„אַף זיכער אַ פּאָזער און אַ פּאַרעץ" — האָט ניט פריילעך אַ טראַכט געטאָן אַלעקסיי. אים האָט עס איצט געצויגן צו מיליטערישע לײַט, פאַ־שעטערע און גרעבערע אַפן אויסזען, אין שטיוול, מיט רימענס און גע־ווער.

אַ יונגינק מיידל איז אַרײַנגעלאָפן אין קאַבינעט און האָט געשמייכלט צו באַטמאַנאָוון:

— איך האָב אײַך אומעטום אַרומגעזוכט, וואַסיל מאַקסימאָוויטש. די מאַשין שטייט פאַרן אַרײַנפאַר.

דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט זי באַדאַנקט מיט אַ קאָפּ־שאָקל. ער האָט די אינזשעניערן געשענקט ניט מער ווי אַ שאָ. אַלעק־סייען איז ניט געפעלן געוואָרן זײַן דורכדרינגענדיקער בליק און אויך ניט דאָס, וואָס בעייסן שמועס האָט ער זיך מער געווענדט צו אים, איי־דער צו בערידזען. אַלעקסייען האָט זיך געדאַכט, אַז באַטמאַנאָוו שטו־דירט אים אויס.

— איך קער זיך אום אַף עטלעכע טעג אַפן דאָרעם — איבערצו־געבן דעם אָביעקט, מיט וועלכן כ'האָב זיך די לעצטע צײַט באַשעפטיקט. כ'וועל צופאָרן קיין קרים זיך געזעגענען מיט דער פאַמיליע. פון דאָרטן וועל איך גלײַך פליען אַפן ווײַטן מיזרעך. אַרומשמועסן מיט אײַך וועגן דער בויונג איז איבעריק. אַפן אָרט וועט אַלץ קלאָרער זײַן. און ביכלאַל האָבן מיר דאָ ניט וואָס צו טאָן. צום נאַטשאַלניק פון דער הויפּט־פאַר־וואַלטונג איז אײַך ניט נייטיק צו גיין: איך האָב פאַרבראַכט באַ אים דעם גאַנצן טאָג. די הויפּט־פאַרוואַלטונג האָט זיך שוין קימאַט אויפגע־לאָדעוועט אין די וואַגאָנעס. אַלדאָס נייטיקע פאַר דער בויונג געפינט זיך — לויט די באַריכטן פון די אינטענדאַנטן — אַפן אָרט, אָדער אין וועג.

— באַטמאַנאָוו האָט זיך אויפגעהויבן און צונויפגענומען די פּאַפּירן אין אַ לעדערנער טעקע אַרײַן. — כ'פאַרלאַנג פון אײַך בלויז איין זאַך: אײַלט זיך צו מיטן אַרויספאָרן. ס'איז שווערלעך מיט בילעטן, די וואַק־זאַלן זײַנען אָנגעשטאָפּט מיט טויזנטער מענטשן — מע מוז אַרויסווײַזן ענערגיע און רירעוודיקייט. די פאַמיליע נעמט איר מיט זיך? — האָט ער געפרעגט אַלעקסייען.

— די אַלטע ווילן ניט אַרויספאָרן. דער טאַטע האָט אַ גאַנץ לעבן געוווינט אין מאָסקווע. דעם יינגערן ברודער האָט מען די טעג אַרײַנ־געגעבן אין אַ מיליטערישער שול. — וועגן זינעך, זײַן ווײַב, האָט קאָוו־שאָוו עפּעס פאַרשוויגן.

— שמועסט איבער נאָכאַמאָל מיט די עלטערן, עפשער וועלן זיי פאָרן, — האָט באַטמאַנאָוו געראַטן. עס וועט זיי בעסער זײַן מיט אײַך צוזאַמען.

— זיי וועלן ניט פאָרן, — האָט אַלעקסיי אָפּגעהאַקט דעם שמועס. זיי זײַנען געגאַנגען באַגלייטן דעם נאַטשאַלניק צו דער מאַשין. באַט־

מאַנאָוו האָט, פאַרבײַלאָזנדיק קאָוושאָוון פּאַרויס און אַנווינקענדיק אַף אים, געפרעגט בערידזען:

— איר זענט זיכער, אַז איר האָט צוגעקליבן אַ טיכטיקן פּאַרטרעטער? ער איז עפּעס צו יונג, און ער האָט זיך ניט, לויט כ׳זע, שטאַרק דערפרייט מיט דער פּערספּעקטיוו אַרויסצופאָרן אַפן ווײַטן מיזרעך. לויט אײַערע רייד האָב איך זיך פאָרגעשטעלט אַ פולשטענדיק אַנדערן מענטשן, איר וואָלט באַדאַרפט נעמען אַ סאָלידערן אינזשעניער. ערשט, וואָס אַן עמעס, איז שוין שפּעט!

— באַומרויִקט זיך ניט, וואַסילי מאַקסימאָוויטש. כ׳בין אין אים זיכער ניט ווייניקער, ווי אין זיך אַליין. ער איז יונג, דערצו איז קיין אייצע ניטאָ, און אומדערפאַרן; ער איז, קען זײַן, אַפילו נאַיִוו אין געוויסע זאַכן. נאָר אַף אַרבעט פאַרשטייט ער זיך ווי ס׳געהער צו זײַן. אַ זייער פעיִקער און אויסהאַלטעוודיקער. איך האָב אײַך שוין געזאָגט: אַף דער דאָרעמדיקער בויונג האָט ער זיך אויסגעצייכנט אַרויסגעוויזן בעסער פון אַ סאַך אַנגעזעענע. אַצינד האָט אים די מילכאָמע צוגעסמאַליעט, ער איז פאַרביסענער געוואָרן, אויסגעוואַקסן. אַט וועט איר זען, אַז איך בין גערעכט...

— איך האָב גאָרניט קעגן אים, כ׳בין בלויז באַזאָרגט צוליב אײַך. עס שטייט פאַר צו לייזן אַ שווערע אויפגאַבע, און אײַער געהילף דאַרף זײַן אַ פאַרלאָזלעכער.

באַטמאַנאָוו האָט זיך העפלעך, נאָר טרוקן געזעגנט מיט די אינזשעניערן, מיט אַ געוויינטער באַוועגונג צוגעקלאַפּט הינטער זיך דאָס לאַקירטע טירל פון דער מאַשין און אַוועקגעפאָרן — אַ שטאָלצער און שטײַפער.

— אַ פאַרדינסטפולער קונסט־טוער, אַן אָפּערע־ און באַלעט־אַרטיסט. ווו האָסטו עס אויפגעזוכט אַזאַ נאַטשאַלניק? — האָט אַלעקסיי געפרעגט.

— כ׳האָב עס פאַרויסגעזען! — האָט זיך בערידזע פונאַנדערגעלאַכט. — קוק ניט אַף מיר מיט קיין גאַנערישע אויגן און הער אויף צו צישען. ער איז פון דעם אייגענעם באַלעט, וואָס מיר. וואָלסט זיך כאָטש פאַראינטערעסירט מיט זײַן ביאָגראַפיע, מע האָט וועגן אים אַזויפיל געשריבן: אַ הייצער, אַ מאַשיניסט, אַ פּאַרטיי־טוער, געענדיקט די אַקאַדעמיע, האָט אַנגעפירט מיט דער גרעסטער בויונג אין פאַרבאַנד. און איז מער ניט אַלט ווי דרײַ און פערציק יאָר. אַזעלכע נאַטשאַלניקעס זײַנען ניטאָ קיין סאַך אין דעם פאָלקס־קאָמיסאַרן־ראָט. וואָלט איך דען געגאַנגען צו אַבי־וועמען? גלאָט אַזוי באַשענקט מען ניט קיין מענטשן מיט קיין צוויי לעניך־אָרדענס. אים באַשטימט מען אַף אַזעלכע ערטער, ווו פיל אַנדערע וועלן ניט באַוויזן. נו, כ׳האָב דיך איבערצײַגט? ניין, אַוואַדע! איך קען דיך, אַליאָשע, כ׳זע דיך דורך און דורך.

— מיר האָט ער געאייצעט נעמען די פאַמיליע מיט זיך, און זײַן אייגענער לאָזט ער איבער אין קרים ? — האָט האַלב־פרעגנדיק באַמערקט אַלעקסיי.

— זײַן זינדל איז שווער קראַנק אַף שווינדזוכט, און אַנאַ איוואַ־נאָוונאַ, זײַן ווײַב, וווינט מיט אים אין יאַלטע.

די אינזשעניערן האָבן זיך אומגעקערט אין דער פאַרוואַלטונג נאָך די דאָקומענטן. איצט זײַנען זיי געווען פרײַ. ווי אין פאַרלעגנהייט האָבן זיי זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן.

— איך האָב דיך דערוואַרט אין גרוזיע, — האָט בערידזע געזאָגט,

— האָסטו פאַרפירט, ניט געקומען, צוגעוואַקסן געוואָרן צו די מאָסקווער שטיינער, אײַנגעליבט זיך אין עפּעס אָ בלאָנדינע און אַפילע אַף דער כאַסענע ניט פאַרבעטן. ווען איז פאַרגעקומען די דאָזיקע פֿײַערלעכע גע־שעעניש ?

— דעם פינפצעטן יוני, אום זונטיק...

— עפשער וואָלסטו זי מיר געוויזן...

אַלעקסיי האָט שווײַגנדיק אַרויסגענומען פון דער בלוזע־קעשענע אָ פאָטאָגראַפיע.

— אַ פרעכטיק מיידל, — האָט אָפּגעזיפצט בערידזע. אַ ליבלעך, גוט פּאָנעם, אויגן העלע און קלוגע און... עפּעס אַזעלכע פרעגנדיקע. ווײַז זי מיר אָ לעבעדיקע, קיין פאָטאָגראַפיעס גלייב איך ניט. אַניט, וועל איך ניט דערלויבן מיטנעמען זי מיט זיך.

— זי איז אָפן פראָנט, — האָט אָנגעכמורעט אָ זאָג געטאָן אַלעק־סיי. — אויב פינקטלעכער, איז הינטער דער פראָנט־ליניע.

בערידזע איז שטיין געבליבן אָ פאַרוווּנדערטער.

— אַזוי גאָר ! ווי האָט זי זיך אַהין באַקומען ?

— זי האָט געשטודירט אָפן לעצטן קורס פון אינסטיטוט. אַ פאַרבינדלערן, אַ ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט. איך בין אַוועק אין זאַפּאַס, און זי גלײַך נאָך מיר, דורכן ראַיאָנקאָם פון קאָמיוג, — אין דער אַרמיי. זי פאַרטיידיקט ערשט דאָס היימלאַנד, און איך... — אַלעקסיי האָט מיט ערגערניש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַוועק פאָרויס.

בערידזע האָט מיט אַ באַזאָרגטן בליק באַגלייט דעם כאַווער, דער־נאָך אים אָנגעיאָגט.

— קוק זיך אײַן אין מאָסקווע, אַלעקסיי, קוק זיך אײַן זשעדנע ! ווער ווייס, ווען מיר וועלן זיך אַמאָל אומקערן... — האָט ער געזאָגט, וועלנדיק אָפּווענדן אַלעקסייען פון זײַנע מאַכשאָוועס.

אַלעקסייס האַרץ האָט זיך ווייטיקלעך אײַנגעשרומפּן. זיי זײַנען געגאַנגען איבער דער סאַדאָווע. דער פֿײַכטער ברוק האָט געגלאַנצט. די שקיִעדיקע זון האָט זיך געזעגנט מיט די זעניטלער אָף די דעכער פון די הײַזער. פון די „רויטע טויערן” האָט זיך דערטראָגן אַ געזאַנג, געבוירן

פון דער מילכאָמע, — ס׳איז דאָרט געגאַנגען מיליטער. אין מיטן דער ברייטער גאַס האָבן שלאַכט־לײַט געשלעפּט דעם ריזיקן קערפּער פון אַן אַעראָסטאַט. ווען ס׳האָבן זיך פאַרבײַגעטראָגן אויטאָמאָבילן, שאָרכנדיק איבערן אָפּגעפּאָלירטן אַספאַלט, האָט זיך געדאַכט, אַז מאַכמעס דער באַ־וועגונג פון דער לופט וועט זיך דער אַעראָסטאַט אַ רײַס טאָן צום הימל און מיטשלעפּן מיט זיך די מענטשן, וואָס האַלטן אים צו.

— אָט איז זי, די לײַבלעכע, אינגאַנצן אַ פאַרקלעפּטע מיט פּאַפּי־רענע צלאָמים, ווי פאַרן טײַוול, — האָט בערידזע געזאָגט. — נישט קיין פריילעכע — קיין איין פײַערל נישט אין דער נאַכט. מאָסקווע אָן פײַערן... בלויז פאַר דעם אַליין וואָלט איך דעם פאַשיסט איבערגעביסן דעם גאָרגל!

— מײַן פליכט איז... באַשיצן יעדן שטיין... ביזן לעצטן אָטעם, — האָט דורך פאַרקריצטע ציין און אַ ביסל זיך פאַרהיקענדיק אַ זאָג געטאָן קאָוושאָוו. — אָנשטאָט דעם שלעפּ איך זיך... נאָך דיר... צום טײַוול ערגעץ!

— גענוג וועגן דעם! מע וועט מוזן פאָרן, אָפּרופן דעם באַפעל וועט מען נישט, — האָט שטרענג און האַרט אַ זאָג געטאָן בערידזע. ער האָט אַ קוק געטאָן אַפן כאַוועס פאַרפינצטערט און ווי פאַרשאַרפט פּאָנעם און גענומען אים אונטערן אָרעם: — לאָז זיך נישט אַרײַן אין אַזאַ שטימונג, פּײַניק זיך נישט. גיי אַהיים צו די עלטערן און פאַרברענג מיט זיי. איך וועל זיך אַראָפּכאַפּן אַפן וואָקזאַל, קריגן בילעטן און פון דאָרט וועל איך קומען צו דיר.

קאַפּיטל צוויי

אַף אַ נײַ אָרט

די ערשטע נאַכט אַפן נײַעם אָרט איז קאָוושאָוו געשלאָפן אין אַן אַמטלעכן קאַבינעט, אַף אַ צעראַטעװער גלאַטער און קילער קאַנאַפּע.

זיך אויפגעכאַפּט און שווער אויפגעעפנט די אויגן, האָט אַלעקסיי נישט גלײַך פאַרשטאַנען, ווו ער געפינט זיך. דער ראַכוועסדיקער קאַבינעט איז באַגאָסן געווען מיט דער ראָזלעכער זון־שײַן פון אַ קילן פרימאָרגן. אַף דער צווייטער קאַנאַפּע איז געלעגן בערידזעס אַקוראַט צונויפגעלייגט בעטגעוואַנט. ער אַליין איז געזעסן באַ אַ שרײַבטיש און איבערגעקוקט פּאַפּירן. באַם פענצטער איז אַפן ראַנד פון אַ שטול געזעסן אַן אויפגעבלאָזענע עלטערע פרוי אין פּענסנע אַף אַ שנירל און מיט אַ מידער שטים דערציילט:

— איך האָב עוואַקויִרט נאַטעטשקען מיט איר קינד און פאַרבליבן אַליין אין אַ ריזיקער זומער־וווינונג, ווו ס׳האָט פריִער געוווינט אַ פאַמיליע פון צען אירע. יעדן טאָג האָט זיך פאַר מיר געשטעלט דאָס פּראָבלעם: אָפּהיטן דאָס האָב און גוטס, אָדער ראַטעווען זיך אַליין אין באַהעלטעניש? שרעקלעכער פון אַלץ אַף דער וועלט זײַנען פאָרט די באָמבעס. איך בין אַרײַנגעקראָכן אין דעם באַהעלטעניש מיט אַנדערע אַלטע לײַט און געציטערט דאָרט, ווי אַ פאַרשיווע הינטל. צווישן אונדז האָט זיך עפּעס נישט געפונען קיין איין געזעצטער אַלטער מאַן — איר ווייסט, אומעטום זײַנען פאַראַן אַזעלכע גוטע אַלטע לײַט, וואָס קומען מיט אַ טרייסט־וואָרט. באַ אונדז, פאַרקערט, האָט זיך אָפּגעפונען אַן אַלטער פון אַן אַנדער מין, ער האָט געטרייסט אַזוי: „די דײַטשן וועלן זיכער קומען און זיך אָפּרעכענען מיט אונדזער מוזען. איך מיין, אַז זיי וועלן אונדזער טײַערע שכיינע אויפהענגען אַפן סאַמע העכסטן בוים”. דאָס האָט ער אַף מיר, הייסט עס,

אַזוי נעוויעס געזאָגט. מײַן איידעם, פֿאַרשטייט איר מיר, איז אַ קאָמאַנדיר אין דער רויטער אַרמיי. פֿאַרוואָס, זאָגט מיר, האָבן מיר פֿאַר דער מילכאָמע נישט באַמערקט די רישעסדיקע מענטשן? דער דאָזיקער גיפּטיקער אַלטינקער האָט געוווינט לעבן מיר פֿופֿצן יאָר, און איך האָב אים געהאַלטן פֿאַר אַ ליבן און סימפּאַטישן. צי שטער איך אײַך נישט צופֿיל?

— נישט זייער, — האָט בערידזע געענטפֿערט, נישט אָפּרײַסנדיק זיך פֿון די פּאַפּירן.

— איין דאַטשע־גאַס איז אינגאַנצן כאָרעוו געוואָרן, ס׳זײַנען איבערגעבליבן בלויז ברעטלעך און גרוז, און גרודעס צעשטויסן גלאָז!...

איך בין אינגאַנצן אַראָפּ פֿון מוט. וואָס אַשטייגער האָט אַן אַלטער מענטש מורא צו האָבן פֿאַרן טויט, נאָר איך האָב זיך איבערגעשראָקן. באַקאַנטע האָבן צוגערעדט אַוועקצופֿאָרן. אָפֿן וואָקזאַל איז געווען אַ דערשטיקעניש, די באַגלייטער זײַנען געבליבן הינטערשטעליק מיט מײַנע טשעמאָדאַנעס, זיכער, אומיסטן זאָל זיי ווויל באַקומען! עפּעס אַ כעוורע ווילע און פֿריילעכע יינגלעך האָבן מיך, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט, אַרײַנגעפּאַקעוועט אין וואַגאָן אַרײַן. און איך בין אַוועקגעפֿאָרן, אַלטער נאַר, אָפֿן עק וועלט. עפּשער שטער איך אײַך?

— ביטע! — באַוועגנדיק מיט די פֿינגער די שוואַרצע באָרד, האָט בערידזע געקוקט אָף דער פֿרוי.

— כ׳האָב זיך אַזוי דערפֿרייט, דערוויסנדיק זיך, אַז איר זײַט געקומען צו פֿאָרן, טײַערע מאָסקווער! איך ווויין דאָ שוין מער פֿון אַ כוידעש און קאָן זיך אַלץ נישט צוגעוווינען. אַפֿילע די לופֿט איז עפּעס נישט, ווי באַ אונדז. מע שמועסט, אַז זי שאַדט צום האַרצן?

— די לופֿט איז נישט קיין שלעכטע. אַ פֿרישע. און זי איז דאָ לעראָוו. מע דאַרף נישט אַרויספֿאָרן אָף זומער־וווינונג, — האָט דער הויפּט־אינזשיניער צעשטרייט אונטערגעהאַלטן דעם שמועס.

— ס׳איז נישטאָ מיט ווועמען אַ וואָרט צו ריידן. ס׳האָט מיך גערירט ביז טרערן, וואָס איר האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט צו נעמען פֿאַר אַ סעקרעטאַר אַן אַלטן מענטשן. געוויינלעך קלײַבט מען זיך צו פֿאַר אַ סעקרעטאַר אַ מיידל, אַזאַ, וואָס האָט אַ יונג פּנעמל.

— מיר איז אָנגענעם צו האָבן פֿאַר אַ סעקרעטאַר אַ מאָסקווערן, אַ קולטורעלן מענטשן. און זייער יונגע און פֿריילעכע מיידלעך האָב איך נישט באַזונדער ליב אָף דער אַרבעט, — האָט זיך בערידזע מוידע געווען, אַ בליק טוענדיק מיט די אויגן צו אַלעקסייען, וועלכער האָט זיך שטום צוגעהערט צום שמועס. — איך האָב אײַך דאָ אָנגעשריבן, מוזע פּיליפּאָוונע, אָפֿן דאָזיקן פּאַפּירל מײַנע ערשטע אויפֿטראָגן. איך דאַרף טייקעף־אומיאַד האָבן אַלע טאָמען פֿונעם פּראָיעקט און די צושריפֿטן צו זיי. פֿון צוועלף אַזייגער וועלן מיר אַרויסרופֿן די מענטשן.

— כ׳וועל שוין אָנהייבן אַרבעטן, — האָט זיך מוזע פּיליפּאָוונע

צערודערט. — דערנאָך אין דער פרײַער צײַט װעט איר מיר דערציילן װעגן מאָסקװע.

„אָט בין איך אויך אַנטלאָפן פון מאָסקװע, און איצט װעל איך זיך אינטערעסירן מיט איר פונדערװײַטנס", — האָט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ אַ טראַכט געטאָן קאָװשאָװ.

— איר האָט שוין פאַרפירט אינטריגעלעך, כאָװער הויפּט־אינזשי־ניער? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, באַגלייטנדיק מיט די אויגן די סעק־רעטאַרן.

— כ׳באַמי זיך, נישט צו פאַרלירן קיין צײַט, קאַלזמאַן דו שלאָפּסט, טײַערער, — האָט זיך אָפּגערופן בערידזע.

אַלעקסיי איז לײַכט אַראָפּגעשפּרונגען און אין די בלויזע טרוסיקעס צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט ברייט צעעפנט די שויבן־טירלעך און געמאַכט עטלעכע גימנאַסטישע באַװעגונגען. די מוסקולן אונטער דער אָפּגעברענט־ברוינער הויט האָבן זיך אָנגעבלאָזן. בערידזע האָט אים באַ־טראַכט מיט אַ שמייכל.

— ס׳איז אינטערעסאַנט, װען עס װעט זיך אין דיר אָנהייבן די ענדערונג: דאָס אָפּזאָגן זיך פון די גוטע געװוינהייטן, װי אַשטייגער גימנאַסטיק, לעטויװעס די שלעכטע, װי לעמאָשל רייכערן אָדער אַ קעלי־שאָקל פאַרן מיטיק? כ׳האָב באַמערקט: מיט די יאָרן װערט דער מענטש אומבאַדינגט באַװאַקסן מיט שלעכטע געװוינהייטן.

— כ׳װעל זיך באַמיִען זיך קעגנשטעלן דעם דאָזיקן נאַטור־געזעץ, — האָט זיך אָפּגערופן אַלעקסיי.

זײַן טאָמיד בלאַס פּאָנעם איז ראָז געװאָרן, די האָר האָבן זיך אַראָפּגע־לאָזט איבערן שטערן, װי אַ העלע גלײַכע פּאַסמע. ער האָט טיף געאָטעמט, פילנדיק װי ס׳דערװאַרעמט זיך אין אים דאָס בלוט. זיך צוזעצנדיק אַף אַ שטול, האָט ער זיך גענומען מאַסירן די לינקע האַנט. פון דער דלאָניע ביז צום עלנבויגן האָבן דרײַ ברייטע העפטן איבערגעהאַקט די הויט.

— נו, װי איז אַליאָשע, מיט דער האַנט?

— נישקאָשע, אינגיכן װעט זי זײַן פולשטענדיק נאָרמאַל.

זיי האָבן געקוקט אין פענצטער. דער פיר־עטאַזשיקער ציגל־בנין פון דער בויונג־פאַרװאַלטונג איז געשטאַנען אַפן באַרג־שיפּוע. אונטן האָט זיך ברייט געצויגן דער אייביק לעבעדיקער טײַך, אַף זײַנע כװאַליעלעך האָט געשימערט די ערשט נישט לאַנג געבוירענע זון. דער קעגנאיבערדיקער ברעג האָט זיך מיט אַ געבראָכענער ליניע פון סאָפּקעס אַרויסגעשיילט אין אַ בלויען נעפּל. די ערד האָבן באַצירט ברוינע, געלע און גאָלדיקע בלומען — דער צייכן פון דעם האַרבסטיקן העלן װעלקן פון דער נאַטור.

— גרויס און ראַכװעסדיק איז אונדזער אַדון! ס׳איז אַװאַדע אים נישט איבערצושװימען. — האָט מיט שטױנונג געזאָגט אַלעקסיי.

ערגעץ־װוּ האָט, װי מיט אַ טײַנע, אַ װאָיע געטאָן אַ לאָקאָמאָטיװ.

זײַן פּײַף האָט דערמאָנט די אינזשינירן זײער צוואַנציק־טאָגיקע רײַזע איבער די פעלדער, וועלדער און בערג פון היימלאַנד. זײ האָבן אָפּגע־זיפצט.

אַלעקסייס קערפּער האָט זיך איבערגעצויגן מיט אַ געגנדזענער הויט, ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און געלאָפן זיך אַרומוואַשן.

— מיר וועלן זיך האַלטן צוזאַמען, זיך נישט שיידן אײנער פונעם צווייטן, אָדער, ווי ספּאָרטמענער דריקן זיך אויס, אַטעמען צוזאַמען, — האָט בערידזע געזאָגט, ווען זײַן געהילף איז צוריקגעקומען. ער האָט געוואָלט אויפמונטערן אַלעקסייען, באַמערקנדיק אַן אומעט אין זײַנע אויגן.

בערידזע האָט אָנגעצייכנט דעם פּלאַן, וואָס זײ האָבן צו טאָן. די ערשטע אויפגאַבע באַשטייט דעריך, מע זאָל אָפּעסן, זיך אַרומוואַשן אין באָד, באַקומען אַ וויזע, קריגן צײַטונגען און אַ מאַפּע, געגוי זיך אָריענטירן אין דעם מאַצעוו פון דער בויונג.

— ס׳וועט קלעקן אַף דער ערשטער צײַט ? אין מער נייטיקן זיך נישט קיין הויך־קוואַליפיצירטע ספּעציאַליסטן צום לעבן און צו דער אַרבעט ? — האָט בערידזע געפרעגט.

— ס׳וועט קלעקן. אפן ערשטן אָרט וואָלט איך געשטעלט דעם פרישטיק, — האָט קלאָרער געמאַכט אַלעקסיי.

— הייבן מיר אָן !

— בערידזע האָט אָנגעקלונגען צום נאַטשאַלניק פון אַפּראָוויזאַציע. יענער האָט עטלעכע מאָל געפרעגט, מיט וועמען ער רעדט, און געענטפערט אומבאַשטימט :

— כ׳וועל עס אויפקלערן.

— וואָס ווילט איר אויפקלערן ? — איז געאָרגי דאַווידאָוויטש רויט געוואָרן פון פאַרדרוס. — ס׳איז נישטאָ וואָס אויפצוקלערן. איך כאַזער איבער : מיט אײַך רעדט דער הויפּט־אינזשיניער פון דער בויונג, בע־רידזע. פאַראָרדנט מיקויעך אַ פרישטיק פאַר מיר און מײַן פאַרטרעטער, דעם כאַווער קאָווּשאָוו. טוט אַ טראַכט וועגן אונדזער פּראָוויאַנטירונג ביכלאַל.

דער אַפּראָוויזאַציע־נאַטשאַלניק האָט געענטפערט, אַז אים איז באַ־קאַנט בלויז איין הויפּט־אינזשיניער — גרובסקי און זײַן פאַרטרעטער — טאָפּאָליעוו. כוץ דעם פירט ער אויס אויסשליסלעך די באַפעלן פון דעם פאַרוואַלטונגס־נאַטשאַלניק. בערידזע האָט טעלעפאָניש אַרויסגערופן די גאַרקיך. פון דאָרט האָט מען געמאָלדן : זײ וועלן אַרויסגעבן פרישטיק, אויב ס׳וועט זײַן אַ פאַראָרדענונג פונעם אַפּראָוויזאַציע־נאַטשאַלניק. בערידזע האָט אַן אויפגעקאָכטער אַ וואָרף געטאָן דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און זיך אויסגעזידלט. אַלעקסיי האָט זיך צעלאַכט.

צעפּעפּענדיק ברייט די טיר, איז אַרײַנגעקומען באַטמאַנאָוו. די אינ־

זשיניערן זײַנען געקומען צו פֿאָרן באַנאַכט און האָבן זיך מיט אים נאָך נישט געזען, בלויז גערעדט דורכן טעלעפֿאָן.

דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג איז געווען אין מיליטערישער קליי־דונג. דאָס האָט אים פֿולשטענדיק געענדערט. אַלעקסיי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן: אין מאָסקווע האָט ער זיך באַקענט מיט אַ מענטשן, וואָס איז ענלעך אַף אַן אַרטיסט אָדער מאָלער, און ערשט שטייט פֿאַר אים אַ געהעריק געקליידעטער קאָמאַנדיר: אַלץ אַף אים האָט געגלאַנצט — פֿון דעם ווײַסן זוים פֿון קעלנערל ביז די אָפּגעפּוצטע שטיוול. אַלעקסיי האָט נישט ווילנדיק אַ קוק געטאָן אַף די אייגענע פֿאַרשטויבטע שטיוול און זיך אַ גלעט געטאָן דאָס נישט געראַזירטע פּאָנעם.

באַטמאַנאָוו האָט מיט בעפּיירעשן פֿאַרגעניגן, קימאַט האַרציק באַ־גריסט די אינזשיניערן. זײַן געוויינלעכע אײַנגעהאַלטנקייט האָט אים קאָנטיק געשטערט זיך פּאַשעט צו צעקושן מיט זיי. ער האָט זיך געגוי אויסגעפֿרעגט וועגן דער רײַזע און די אײַנדרוקן. באַטמאַנאָוו אַליין איז געקומען צו פֿליִען אַף אַן אַעראָפּלאַן.

בערידזע האָט דערציילט וועגן די פּאַסירונגען אין וועג. באַ דאַנילאָוו איז דער צוג אָנגעגריפֿן געוואָרן פֿון דער לופֿט. זיי זײַנען געשטאַנען באַ אַ קליינער באַן־סטאַנציע, און דעם באַנדיט, וואָס איז אָנגעפֿלויגן אומ־דערוואַרט, האָט זיך אײַנגעגעבן גוט אָנצוצילן. די באָמבע האָט געטראָפֿן אין אַ וואַגאָן. די שכײנעסדיקע וואַגאָנען האָט עס צעשעדיקט. אין דעם וואַגאָן, ווו בערידזע מיט קאָוושאָוון האָבן זיך געפֿונען, האָט עס אַרויס־געריסן די ראָמען און אויסגעשלאָגן די שויבן.

די געשעענישן פֿון יענע מינוטן האָבן זיך אײַנגעשניטן אין זיקאָרן. אַלעקסיי האָט אויפֿגעשווידערט, — אַזוי פּינקטלעך האָבן זיי נאָכאַמאָל אויפֿגעלעבט, בעיס בערידזעס דערציילן. אַנידערפֿאַלנדיק בעייסן אויפֿ־רײַס, האָט קאָוושאָוו צוגעדריקט אונטער זיך דעם הויפּט־אינזשיניער און אים פֿאַרשטעלט מיט זײַן קערפּער. דערנאָך האָבן זיי זיך געשטעלט אַף די פֿיס, נישט גלייבנדיק, אַז זיי זײַנען גאַנץ. בערידזע האָט זיך דער־שראָקן, דערזעענדיק בלוט אַפֿן כאָוועריס פּאָנעם און האָר. נאָר, כאָץ לײַכטע אײַנשניטן, האָט קאָוושאָוו קיין ווונדן נישט באַקומען.

דער דײַטש איז נאָכאַמאָל געקומען צו פֿליִען — שוין נישט צו באָמ־באַרדירן, נאָר צו באַטראַכטן זײַנע אויפֿטוען. קאָוושאָוו מיט בערידזען האָבן איבערגעטראָגן אין אַ ראָוו אַרײַן אַ פֿרוי מיט צעדרויבלטע פֿיס. דער פֿרוי האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מע האָט זי אַוועקגעוואָרפֿן, און זי האָט געגוואַלדעוועט:

— טײַערינקע... ליבינקע... לאָזט נישט איבער... כ׳וועל אומ־קומען!... כ׳וועל אומקומען!...

אַלעקסיי איז אַרויפֿגעלאָפֿן אַפֿן פּלאַנט און געשריגן צו בערידזען:

— דאָס איז אַ כאַרפּע, דו הערסט! ס'איז אַ כאַרפּע זיך אויסצור־באַהאַלטן אין די ראָוועס. צום טײַוול!

פֿון דאַנילאָוו איז אָנגעקומען אַ סאַניטאַר־צוג. די גאַנץ־געבליבענע פּאַסאַזשירן האָבן גענומען טראָגן די פֿאַרווונדעטע. בערידזע האָט אַרויס־געצויגן פֿון אונטער די ברעטער פֿון אַ וואַגאָן אַ יִינגל; זײַן פּאָנעם איז געווען צעשמעטערט, נאָר אין דער ברוסט האָט נאָך געצאַפּלט דאָס לעבן. דער דאָקטער האָט זיך צעקאָסט:

— די פֿאַרווונדעטע דאַרף מען טראָגן, די טויטע זאָלן ליגן, זיי וועט שוין גאָרנישט העלפֿן.

— ער איז נאָך געווען לעבעדיק.

— נעמלעך — געווען. גייט נאָך די ווײַטערדיקע.

דער סאַניטאַר־צוג איז אַוועק. אַלעקסיי און געאָרגי דאַווידאָוויטש זײַנען אַרײַן אין וועלדל — אײַנצורײדן די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, זיי זאָלן זיך אומקערן אין די וואַגאָנען. לעסאָף האָט זיך דער צעקאַליעטשעטער צוג גערירט ווײַטער. אין דאַנילאָוו האָבן זיי זיך פֿאַרהאַלטן. דער סטאַנציע־נאַטשאַלניק האָט נישט געהאַט צוצור־שטעלן פֿאַר די פּאַסאַזשירן קיין אַנדערן צוג אַף ווײַטער צו פֿאָרן. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געווענדעט טעלעגראַפֿיש צום פֿאָלקס־קאָמיסאַר מיט אַן אָנקלאַגע אַפֿן סטאַנציע־נאַטשאַלניק און געבעטן הילף. אויסגעמאַטערט פֿון די אַגמעס־נעפּעשן, וואָס האָבן זיך אַף אים אַראָפּגעלאָזן צוזאַמען מיט די דײַטשע צינד־באָמבעס, האָט דער אײַזנבאַן־באַאַמטער איבערגעלייענט די טעלעגראַמע און זיך פֿאַרווונדערט אַף איר נאַיִווקייט.

— מע קאָן מיינען, אַז בלויז אײַך אַליין אַף דער גאַנצער וועלט האָט הײַנט דער דײַטש באָמבאַרדירט. דער פֿאָלקס־קאָמיסאַר האָט נישט מער קיין אַגמעס־נעפּעשן — ווי נאָר צו לייענען אײַער טעלעגראַמע. ווײַזט זי בעסער קיינעם נישט, צערײַסט זי. איך וועל אײַך אָפּשיקן טאָקע מיט אײַער צוג קיין קיראָוו, דאָרט איז שוין טיף הינטערלאַנד, און דאָרט וועט מען אײַך אײַנאָרדענען.

און מע האָט זיך ווידער געמוזט אויסבאַהאַלטן: אַף דער סטאַנציע זײַנען צום זעקסטן מאָל דעם טאָג אָנגעפֿלויגן די דײַטשן. ס'האָבן גע־וואָיעט די לאָקאָמאָטיוון. פֿון צוויי מיליטערישע עשעלאָנען, וואָס זײַנען געשטאַנען אַף דער סטאַנציע, האָבן אַ זעץ געטאָן זעניטקעס און קוילנ־וואָרפֿער. די ערד האָט זיך אַ וויג געטאָן, די לופֿט האָט זיך באַוועגט.

ביז קיראָוו איז מען געלאָפֿן אָן איין איינציקן אָפּשטעל. די פּאַסאַ־זשירן האָבן זיך געשטופּט אין די צוג־קאָרידאָרן, נעענטער צום אַרויס־גאַנג. די קיראָווער אײַזנבאַן־באַאַמטע האָבן געוואָלט פֿאַרהאַלטן די אויס־געמאַטערטע מענטשן און זיי שפּעטער אָפּשיקן ווײַטער, אַף וויפֿל ס'איז מעגלעך אין קליינע גרופּעס. אָבער די געליטענע האָבן אויסגעפֿוילט, מע זאָל זייער צוג דורכלאָזן. אַזוי זײַנען זיי דערפֿאָרן קיין סווערדלאָווסק

— אין וואַגאָנען אָן פענצטער און טירן. אַף די סטאַנציעס זײַנען צום צוג אַרויסגעקומען האַמוינים מענטשן און האָבן אים באַגלייט מיט געװיין: פון די וואַגאָנעס זײַנען נישט אַרויסגעקומען יענע, וועלכע זיי זײַנען געקומען באַגעגענען.

דערציילנדיק וועגן דעם, האָט בערידזע נישט דערמאָנט וועגן זײַן אינצידענט מיט אַלעקסייען אין דאַנילאָוו. דאָרט, באַם צעגראַמירטן צוג, האָט קאָוושאָוו געמאָלדן אַנטשלאָסן, אַז ער קערט זיך אום קיין מאָסקווע. אַף בערידזעס אַלע טײַנעס האָט ער געהאַט איין אַקשאָנעסדיקן ענטפער:

— איך מוז זײַן אין מיליטער. מײַן אָרט איז אַפן פראָנט, כ׳בין אַ זעלנער.

באַטמאַנאָוו, ווי ער וואָלט זיך עפּעס אָנגעשטויסן, האָט איבערגעפירט דעם בליק אַף אַלעקסייען.

— דאָ שטעלן מיר אַ פּינטל. ערשט איז דאָס איקערדיקסטע פאַר די רײַזנדער — אַ פרישטיק, אַ באָד, אַ שערער און דערנאָך אַ וווינונג.

קאָוושאָוו האָט זיך נישט אָפּגערופן, האַגאַם דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט זיך געווענדעט צו אים. ס׳האָט געענטפערט בערידזע:

— איר האָט אונדז געטראָפן אַקוראַט אין דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך באַמיט אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיטן אַפּראָוויזאַציע-נאַטשאַלניק. און דער ערשטער ביסן איז אונדז שטעקן געבליבן אין האַלדז: ער אָנערקענט אונדז נישט.

— אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיטן אינטענדאַנט לאָזט איבער פאַר מיר, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט. זײַן פּאָנעם איז געוואָרן האַרב. — לאָמיר זיך אָפּריידן אַף דער ערשטער צײַט: איר פאַרנעמט זיך מיט די אינזשיניערישע איניאַנים, באַקענט זיך מיט דער טעכניק, מיטן מאַצעוו פון דער בויונג, קלײַבט זיך פונאַנדער אין דעם פּראָיעקט. די אָרגאַניזאַציאָנעלע זײַט זאָל אײַך ביז אַ געוויסע צײַט נישט אינטערעסירן — דאָס איז מײַן מאָנאָפּאָל, ביז איך וועל דאָ נישט ווערן דער פולשטענדיקער באַלעבאָס.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון קאַבינעט.

— אַף וואָס האָט ער זיך צעבייזערט אונדזער ליבער נאַטשאַלניק?

— האָט אַלעקסיי געפרעגט. מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן אין עפּעס זיך צו פאַרשולדיקן.

— האָסט נישט פאַרשטאַנען. באַטמאַנאָוו איז בייז געוואָרן פאַר אונדז.

זיי זײַנען געזעסן און געוואָרט.

— ווײַזט אויס, אַז סע וועט זיך אים נישט אַזוי שנעל אײַנגעבן צו ווערן דער פולשטענדיקער באַלעבאָס און אײַנשטעלן גוטע באַציִונגען.

— האָט אַלעקסיי געזאָגט מיט אַ זיפץ: מיר ריזיקירן צו שטאַרבן פון הונגער.

גלײַך ווי אַן ענטפער אױף דעם, האָט אַ רוף געטאָן דער טעלעפאָן:
— מ׳האָט זיי פאַרבעטן אין גאָרקיך.
— די באַציִונגען שטעלן זיך אײַן, — האָט בערידזע אַ זאָג געטאָן, ווערנדיק פריילעכער.
אין צוויי שאָ אַרום האָבן זיי זיך אומגעקערט, מער אָדער ווייניקער זאַטע, זויבערע, אָפּגעראַזירטע. בערידזע האָט געקראָגן אַן אַרטיקע צײַטונג. אַלעקסיי האָט אױף אַ קאָל איבערגעלייענט דעם פראָנט־קאָמוניקאַט און דאָס לײַט־אַרטיקל פון דער „פּראַוודאַ". די דײַטשע דיוויזיעס האָבן ווײַטער אָנגעגריפן אונדזער מיליטער. דאָס לײַט־אַרטיקל האָט גערופן די אַרמיי און דאָס פאָלק צו פאַרטיידיקן יעדן מעטער באָדן און צו פאַרניכטן אַלץ אין די אָפּגעגעבענע שטעט און דערפער.
דעם גאַנצן טאָג האָבן זיך די אינזשעניערן פונאַנדערגעקליבן אין די מאַטעריאַלן פונעם פּראָיעקט. ס׳האָט זיי צוגעהאָלפן גרובסקי — דער געוועזענער הויפּט־אינזשעניער און איינער פון די אויטאָרן פון פּראָיעקט. אַ קליין מענטשל מיט אַ פייגלש פּאָנעם און נאַקעטן ברוינעם שאַרבן; ער האָט זיך געהאַלטן וויכטיק, מיט אַ צו גרויסער, ווי אויפגעבלאָזענער כשיווע.
— מיט וואָס קאָן איך אײַך דינען? — האָט ער געפרעגט, זיך מעלדנדיק ערשט נאָכן פערטן אַרויסרוף: איך בין ערשט זייער פאַרנומען און געקומען בלויז דערפאַר, וואָס די כאַשעווע דאַמע אין פענסנע האָט מיך געצוווּנגען זיך אָפּצורײַסן פון אַ דרינגענדיקן איניען. אַ זייער אײַנגעשפּאַרטע פּערזאָן.
— דער סאַמע דרינגענדיקסטער איניען אין איצטיקן מאָמענט איז פאַר אײַך — דאָס אַרײַנפירן אונדז וואָס שנעלער אין דעם קורס פון די איניאָנים, — האָט דערווידערט בערידזע.
— דאָס דאָזיקע איז מיר נישט באַוווּסט. — גרובסקיס דינע ליפּן האָבן זיך איראָניש פאַרקרימט.
— אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך זיך האַלטן באַ מײַן קוק אױף די פליכטן, וועלכע איך האָב אײַך נאָך נישט איבערגעגעבן.
— וואָס פאַר אַ באַדײַטונג האָט עס? איבערגעבן די איניאָנים וועט איר נישט אין אַ יאָר אַרום, נאָר שוין מאָרגן.
— איך וועל אָנהייבן איבערגעבן, ווען עס וועט מיר באַפעלן מײַן נאַטשאַלניק פון דער בויונג. אויב ער וועט באַפעלן, קאָן איך אָנהייבן מאָרגן. הײַנט אַפילע. אין אַ שאָ אַרום. איך וועל גערן אַריבערוואַרפן אױף אײַך די דאָזיקע נישט לײַכטע מאַסע.
אַלעקסיי האָט געקוקט אױפן אינזשעניערס שמאָל פּאָנעם, זײַן דינעם האַלדז מיטן גרויסן קנאָפּ, אויסגעהערט דעם סיכסעכדיקן שמועס — און ער האָט זיך אָנגעהויבן אויפרעגן. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער

— איבערן טײַך האָבן אָן אויפהער געשוויבלט שיפלעך און קוטערס, אין מיטן איז פּאַמעלעך געשוווּמען אַ גרויסער דאַמפּער.

— פּאַר אַן אַנהייב פאַרלאַנגען מיר פון אײַך נישט קיין סאַך: העלפן אונדז קלאָר צו מאַכן די טעכנישע קאָנצעפּציע פון דער בויונג, — האָט פאַרגעזעצט בערידזע.

— העלפן בין איך מאַסקים, ביטע זייער. אין אַ שאָ אַרום וועל איך דאָ זײַן, נאָך דעם ווי איך וועל פאַרענדיקן דעם איניען, וואָס איך האַלט פאַרט פאַר נישט אָפּלייגלעך.

ער איז געקומען פּינקטלעך אין אַ שאָ אַרום. גרובסקי האָט געשמור־עסט גלאַטיק, באַנוצנדיק אָט פּאָפּולערע, אָט ספּעציעלע און קאָמפּלי־צירטע פאַרמולירונגען. דעם צען־טאָמיקן פּראָיעקט האָט ער געקענט אַף אויסנווייניק און שנעל אויפגעזוכט די נייטיקע בלעטער מיט די צייכע־נונגען און טאַבעלעס. די בויונג איז, לויט זײַנע אויפקלערונגען, אויסגע־פּלאַנירט געוואָרן, נישט צו ענדערן, אַף אַ מעשעך פון דרײַ יאָר.

דער נאָפט פון דעם אינדזל טאַיסין זאָל קומען צום קאָנטינענט, צו די נאָפט־ראַפינעריעס אין דער שטאָט נאַווינסק, מיטן קירצסטן וועג, דורך אַ רערן־לייטונג — דאָס איז דער זין פון דער בויונג. מע דאַרף אויסמײַדן דאָס שווערע אַריבערפירן דורך יאַם־ און טײַך־וועגן מיטן איבערגיסן דאָס שוואַרצע גאָלד פון יאַם־שיפן אַף טײַך־שיפן. ווינטער זײַנען די וועגן פאַרפרוירן געוואָרן, די נאָפט־צושטעלונג פונעם אינדזל האָט זיך איבערגעריסן. אין מעשעך פון לאַנגן ווינטער האָט זיך דער נאָפט אָנגע־זאַמלט אין טאַיסין אין ריזיקע סכומים. דאָס זײַן אָפּהענגיק פון דעם ווינטער, פון טראַנספּאָרט האָט שוין לאַנג פאַראַליזירט די אַנטוויקלונג פון דעם אַרויסבאַקום. טאַיסין וואָלט געקאָנט געבן אַ סאַך מער ברען־מאַטעריאַל, איידער ס'האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסצופירן איבער די לאַנגע וואַסער־וועגן. די נאָפט־לייטונג איז געווען אַ לעבנס־נויטבאַדער־פעניש: זי וואָלט ביליקער געמאַכט דעם ברען־מאַטעריאַל, פאַרשפּאָרט די ריזיקע העזייקעס באַם איבערפירן און, דער איקער, געגעבן די מעג־לעכקייט צוצושטעלן דעם נאָפט אַף די זאַוואָדן אַ גאַנץ קײַלעכיק יאָר אָן איבעררײַס.

גרובסקי האָט אַקשאָנעסדיק אונטערגעשטראָכן די שוועריקייטן פון דער בויונג. די פּיל־קילאָמעטערדיקע טראַסע האָט זיך געצויגן איבער ווילדע שטאָכים טײַגע מיט רייען הויכע סאָפּקעס, וואַסער־פּאַרצוימונגען און זומפּיקע פלעצער. צום ערשטן מאָל איז אויסגעקומען צו בויען אַ נאָפט־לייטונג אין די באַדינגונגען פון אַ קורצן זומער־סעזאָן און אַ לאַנגן ווינטער מיט בוראַנען, שניי־פאַלן און פופציק־גראַדיקע פרעסט; קיין שום דערפאַרונג איז נישט געווען. די ווינטערדיקע כאַדשים, האָט מען, לויט גרובסקיס מיינונג, ביכלאַל באַדאַרפט אַראָפּנעמען פון כעשבן דער־פאַר, ווײַל די סאַמע אויטאָריטעטסטע אויסלאַנדישע ספּעציאַליסטן האָבן

אין זייערע בײַכיקע ווערק קאַטעגאָריש פאַרוועדט דאָס שווייסעווען און דאָס אויסלייגן די רערן־לייטונג אין ווינטער־צײַט. אייניקע קאָמפּליצירטע טעכנישע פּראָבלעמען זײַנען ביז איצט פאַרבליבן נישט געלייזט. די מילכאָמע האָט געבראַכט נײַע שוועריקייטן, פאַרקאָמפּליצירט דעם מאַצעוו. מען מוז פונאַנדערפירן די רערן און די מאַטעריאַלן איבער דער טראַסע, און קיין וועגן זײַנען נישט פאַראַן, און דאָס אויפבויען זיי פאָדערט אַ סאַך צײַט און קויכעס. עס שטייען פאַר די אָוווידעס־פאַרעכדיקע ערד־אַרבעטן, און קיין אַרבעטס־הענט זײַנען נישטאָ — ווו זאָל מען זיי ערשט נעמען? ווי קאָן מען אויסשטעלן אָף אַן ענדגילטיק אויסלייגן די רערן־לייטונג, אויב די רערן און די אינסטאַלאַציע זײַנען נאָך ביכלאל נישט אָנגעקומען, און ס׳איז אומבאַוווּסט, צי קאָן מען אָף זייער אָנקומען אויסשטעלן? די קאַדרען זײַנען שוואַכע, מיט זיי צו פירן די אַרבעט האָט קיין זין נישט, און אָף אַ פאַרשטאַרקערונג איז נישטאָ וואָס צו האָפן.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז צו גרובסקיס טײַנעס וועט קיין סאָף נישט נעמען. נאָר ווען ער איז לעסאָף פאַרט אַנטשוויגן געוואָרן, האָט בערידזע געזאָגט מיט איראָניע:

— יאָ, די אויפגאַבע איז נישט קיין לײַכטע, אַ סאַך שוועריקייטן. עס בלײַבט אונדז איבער בלויז צו באַדאַנקען אײַך פאַר אײַער אויספיר־לעכער אינפאָרמאַציע. נאָר איר האָט אונדז נישט דערציילט דעם איקער: ווי אַזוי איז איבערגעבויט געוואָרן די טעכנישע קאָנצעפּציע אין צוזאַ־מענהאַנג מיט דעם נײַעם באַשלוס פון דער רעגירונג. די צײַט פאַרן אויסלייגן די נאַפט־לייטונג איז פאַרקירצט געוואָרן פון דרײַ יאָר אָף איינעם. איך בעט אײַך באַרירן אויך דאָס דאָזיקע פּראָבלעם.

— דאָס דאָזיקע פּראָבלעם האָבן מיר באַרירט אין אַ מעמאָריאַל צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג. איך האָב געמיינט, אַז ער איז אײַך באַקאַנט. באַ מיר איז פאַראַן אַן אָפּשריפט, איר קאָנט זיך מיט איר באַקענען.

— איך האָב אים געלייענט אין מאָסקווע. איר פאַרזיכערט, אַז ס׳איז נישט מעגלעך אויפצובויען די נאַפט־לייטונג אין איין יאָר. און שוין, דערמיט איז עס פאַרענדיקט?

— איך כאַזער איבער: פון דעם איינציקן יאָר, וואָס איז אונדז צוגעטיילט געוואָרן, מיט זײַנע צוועלף כאָדאָשים — פאַלט אויס זיבן פון זיי אָף ווינטער.

— אָבער אָף אײַער אויספירלעכן באַריכט האָט מאָסקווע געגעבן אַ פולשטענדיק קלאָרע פאַראָרדענונג — אָן קיין שום טערעץ צוטרעטן צום פּראַקטישן אויספירן דעם באַשלוס פון דער רעגירונג און, באַזונ־דערס, איבערצואַרבעטן דעם פּראָיעקט.

— מיר פאַרשטייען דאָס אַליין: דעם באַשלוס פון דער רעגירונג מוז מען אויספירן אָן קיין שום טערעץ און פּראַקטיש. נאָר צי איז נישט

בעסער צו זאָגן ערלעך דעם עמעס וועגן דער נישט־רעאַלקייט פון דעם טערמין, איידער אָפּצונאַרן די רעגירונג מיט, אין טאָך, נישט־ערלעכע פּרווון צו פאַרקירצן די צײַט אַף דרײַ מאָל ?

— פאַרוואָס עפּעס מיט נישט־ערלעכע ? — האָבן בערידזעס גרויסע אויגן אַ גלאַנץ געטאָן.

— כ׳וועל אײַך זאָגן פאַר וואָס. אין פּלאַן פון דער מילכאָמע־פירונג רעכנט אָפּאָנעם די רעגירונג אַף אונדזער נאַפט־לייטונג, און דעריבער באַשליסט זי זיך אויסצוגעבן אַף איר אויפבוי די טײַערע מענטשן־ענערגיע און מאַטעריעל־טעכנישע מיטלען. צי איז נישט אונדזער בירגערלעכער כויוו צו דערווײַזן, אַז די מענטשן און די מיטלען דאַרף מען איבערשליסן אין דינסט פון דער מילכאָמע אַף אַ צווייטן פּלאַץ, ווו אַלע אויסגאַבן וועלן ברענגען אַ באַלדיקע הילף דעם פראָנט.

— צי אַף דער געגעבענער טעמע האָט איר געשיקט אַ צווייטן אויס־פירלעכן מעמאָריאַל ? — האָט בערידזע געפרעגט.

— מיר האָבן געשיקט אַ טעלעגראַמע. איר זין איז אַזעלכער : זײַענ־דיק באַם פולן געזונט און באַם פעסטן זינען, קאָנען מיר זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דעם ערשטן מעמאָריאַל.

— שטאַנדפּונקט, שמאַנדפּונקט ! — האָט בערידזע אַ געשריי געטאָן מיט פאַרדרוס : איר האָט אומזיסט צעפּאַטערט די טײַערע מילכאָמע־צײַט אַף צו פאַרפאַסן מעמאָריאַלן. אײַך האָבן פאַרהיפּנאָטיזירט די צען טאָמען פונעם פּראָיעקט, איר האָט זיך צו אים צוגעוווינט, ווי צו אַ ווײַב. מ׳האָט באַדאַרפט דרײַסט און אַנטשלאָסן רעווידירן דאָס דאָזיקע פאַר־מילכאָמעדיקע ווערק, אַנשטאָט צו האָבן ספּייקעס מעקויעך דעם באַשלוס פון דער רע־גירונג.

גרובסקי איז אויפגעשטאַנען. ער איז געווען נישט ווייניקער אויפ־געטרעגט פון בערידזען, נאָר האָט זיך באַהערשט.

— בלײַבט איבער פאַר אײַך צו טאָן דאָס, וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט : אַרויסווײַזן דרייסטקייט, אַנטשלאָסנקייט און די אַנדערע מײַלעס פון אַ לייב, וועלכע האָבן באַ אונדז אויסגעפעלט. כ׳וועל צופרידן זײַן צו באַטראַכטן אײַערע העלדנטאַטן, — האָט ער געזאָגט קימאַט רויִק און איז אַרויסגעגאַנגען.

בערידזע האָט אײַליק געשפּאַנט איבערן קאַבינעט, פאַרפלעכטנדיק די פינגער הינטערן רוקן און זיך אַ ביסל אײַנבייגנדיק.

— דער דאָזיקער אינדיק וועט זיך ערשט אָפּוואַשן די הענט, שטיין מין־האַצאַד און אָפּלאַכן פון אונדז, — האָט ער געזאָגט, צוגייענדיק צו אַלעקסייען, וועלכער איז אומבאַטייליקט געזעסן אַפן פענצטער־פּאַראַ־פּעט. — וואָס וו ע ס ט ו זאָגן ?

— וועגן דעם אינדיק וועל איך זאָגן אָט־וואָס : אין זײַנע אורטיילן

איז פאַראַן לאָגיק. איך האָב אַפילע נישט דערוואַרט פון אים אַזאַ סייכל־האַיאָשער.

— קאָן זײַן, אַז לאָגיק איז פאַראַן, אָבער ער אורטיילט שענדלעך, — האָט בערידזע אָפּגעשניטן.

— שענדלעך ? דאַכט זיך, אַז ער אורטיילט ניכטער. די דײַטשן זײַנען שוין ווײַט אַוועק, זיי גייען, ווי אַ געפּאַנצערטע לאַווינע, אױף מאָסקווע, דער גורל פון דער מילכאָמע ווערט אַנטשיידן אין מעשעך פון טעג. וועמען איז נייטיק די נאָפט־לייטונג, אויב אַפילע זי וועט פאַרטיק ווערן נישט אין דרײַ יאָר אַרום, נאָר אין אַ יאָר אַרום ? אָדער ס׳וועט אינגיכן זײַן אַן אַנטשיידנדיקע שלאַכט, און מיר וועלן זיי צעשלאָגן. אָדער . . .

— אַלעקסיי, שווײַג ! — האָט בערידזע אַ געשריי געטאָן. מיט איין שפּרונג איז ער געווען לעבן קאָווּשאָוון.

די אינזשיניערן זײַנען געשטאַנען באַם פענצטער פאָנעם־על־פּאָנעם : אַלעקסיי — אַ בלייך געוואָרענער, ווי פּאַפּיר ; בערידזע — רויט פון אויפרעגונג.

— פאַרגעדענק, שלאָג זיך אַרײַן אין דײַן נאַרישן קאָפּ אַרײַן : קיינע „אָדערס״ ! די מילכאָמע וועט געדויערן אַזוי לאַנג, וויפל ס׳וועט נייטיק זײַן פאַרן ניצאָכן. אויב ס׳וועט נייטיק זײַן — אַ יאָר ! אויב ס׳וועט נייטיק זײַן — דרײַ יאָר, פינף יאָר, צען יאָר ! און נאָך שלאָג זיך אַרײַן אין דײַן קאָפּ : קוים האָט די רעגירונג באַשלאָסן ווײַטער אָנצוגיין מיטן אויפבוי פון דער נאָפט־לייטונג, הייסט עס, אַז מע דאַרף זי האָבן אין לעבן אַרײַן און נישט שפּעטער ווי אין אַ יאָר אַרום . . . — בערידזע האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און געזאָגט מיט מער גלײַכ־געוויכט : — צי האָט מען אונדז דען געשיקט אַהער, אַז מיר זאָלן אונ־טערהאַלטן יעדע צווייפלהאַפטע „לאָגיק״ ?

— מיך האָט מען אַהער נישט געשיקט, — האָט שנעל אַ זאָג געטאָן אַלעקסיי און זיך אַוועקגעדרייט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אומגערעכט, נאָר ער איז נישט אימשטאַנד געווען אונטערצודריקן אין זיך דעם כיישעק פון איבערשפּאַרן און האָט האַרב צוגעגעבן : — דיך האָט מען געשיקט. מיך האָסטו מיטגעכאַפּט פּאָשעט צוליב פריילע־כער געזעלשאַפט.

בערידזע האָט לאַנג שטום געקוקט אױף קאָווּשאָוון. זײַנע הענט, צע־נויפגעקוועטשט אין פויסטן, האָבן זיך געהויבן, אין די אויגן איז אים טונקל געוואָרן פאַר צאָרן.

אַלעקסיי האָט ווי נישט באַמערקט בערידזעס צושטאַנד, נאָר, פּילנ־דיק אַ נויטווענדיקייט איבערצורײַסן דעם שמועס, האָט ער זיך אָנגעלענט אָפן פענצטער־פּאַראַפּעט און, אומצופרידן מיט זיך, וואָס ער האָט באַ־

ליידיקט דעם כאַווער, געקוקט מיט נישט־זעענדיקע אויגן אין דער ראָכ־
ווערסדיקער ווײַט פון יענער זײַט פענצטער.

— איך האָב פאַר דיר אָרעוו געווען באַטמאַנאָוון, — האָט, שטיקנ־
דיק זיך, אַ זאָג געטאָן בערידזע. — כ׳האָבן אים געזאָגט, אַז איך בין
זיכער אין דיר, ווי אין זיך אַליין. צווינג־זשע מיר נישט צו צווייפלען
דערין, אויב דיר איז טײַער אונדזער פרײַנטשאַפט און אַלדאָס הייליקע!
דו הערסט, וואָס איך רייד?

קאָווּשאָוו האָט זיך נישט אָפּגערופן. בערידזע האָט אַ מאַך געטאָן
מיט ביידע הענט, האָסטיק זיך אויסגעדרייט און שנעל אַרויסגעגאַנגען,
קימאַט אַרויסגעלאָפן פון צימער.

קאַפּיטל דרײַ

צי דאַרף די מילכאָמע האָבן אַ נאַפּטלייטונג?

אַלעקסיי האָט געהאַט גענוג פרײַע צײַט אין די דאָזיקע ערשטע טעג פון זײַן וווינען אין נאָווינסק. די אַרבעט האָט זיך דערוויַיל באַגרעניצט מיט דעם באַקענען זיך מיט די מאַטעריאַלן פון דעם פּראָיעקט און מיט די באַריכטס־דאָקומענטן. דערצו נאָך האָט זיך בערידזע, נאָך זייער פּלוצעמדיקן סיכסעך, אָפּגעזונדערט און אויפגעהערט צו ריידן מיט אַלעקסייען, האָגאָם זיי האָבן זיך ווי פריִער באַשעפטיקט אין איין קאַבינעט.

דעם דריטן טאָג האָט זיך קאָוושאָוו געלאָזט צופוס אין שטאָט אַרײַן, אַף פּאָטשט. פון דער פאַרוואַלטונג, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם וואָקזאַל־ראַיאָן, ביז אין שטאָט אַרײַן איז געווען אַכט קילאָמעטער. אַלעקסיי איז אַראָפּ פון דעם שטויביקן, געלעכערטן וועג און געלאָזט זיך צו די סאָפּקעס, פאַרקירצנדיק דעם מעהאַלעך. פונדערווײַטנס האָבן די סאָפּקעס, אונטער דער זון אויסגעזען, ווי פאַרשפּרייט מיט אַ ברוינלעכער וואָל. ווען אַלעקסיי האָט זיך דערנענטערט, זײַנען זיי געוואָרן פּוכיק און זייער פילקאָליריק.

אַפּן וועג פון מאָסקווע, אין צוג, האָט בערידזע דערציילט אַלעקסייען וועגן דעם ווײַטן מיזרעך, צוזאָגנדיק אַ סאַך טשיקאַווע און נײַע זאַכן. בעעמעס, די ווײַט־מיזרעכדיקע נאַטור האָט איבערראַשט שוין אַף די ערשטע טריט.

די שיפּועים פון די סאָפּקעס, אַף וועלכע אַלעקסיי האָט זיך אויפגעהויבן, זײַנען באַוואַקסן מיט אַ יונג דעמבנוועלדל. זײַנע גרויסע זשאַווערדיקע בלעטער, באַוועגט פון ווינט, האָבן טויטלעך געשאָרכט, אָבער נישט אַראָפּגעפאַלן. די צווײַגן פון אַ „בלעטערבוים" איבערן דעמבנוועלדל זײַנען געווען נאַקעט. די נאָדל־טראַכט פון דעם דאָזיקן בוים,

וואָס צעשיט זיך פאַרן ווינטער, האָט געקנאַקט אונטער די פיס. אַלץ נישט אַזוי ווי אין דער געגנט אַרום מאָסקווע: די בלעטער פון דעמב בלײַבן איבערווינטערן אַף די צווײַגן, און אַ נאָדלבוים הייסט דערפאַר „בלעטערבוים“, ווײַל זײַנע נאָדלען פאַלן צו ווינטערצײַט אַראָפּ...

אַלעקסיי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין יאַר און געקראָכן אין די גראָזן, וואָס זײַנען קימאַט פון דער וווקס פון אַ מענטשן. זיי האָבן דאָ איבערגעדויערט און געוואַקסן, דורכגעטריקנטע פון דער זון, און זיך נישט דערוואַרט אַפן שנײַדמעסער. באַ יעדן טראָט האָבן אין דעם גראָז אויפגעשימערט העלע האַרבסטיקע בלומען — געלע, פורפורנע און טונקל־בלויע, ענלעכע אַף גרויסע גלעקלעך. זיי האָבן זיך דרײַסט געצויגן אַרויף, גלײַך זיי וואָלטן דערוואַרטן נישט ווינטער, נאָר זומער.

דער אינזשיניער האָט שנעל אָנגעקליבן אַ גרויסן בוקעט אים אומבאַקאַנטע בלומען, זייער שיינע, נאָר אָן אַן אַראָמאַט, און גענומען זיך אַרויסבאַקומען אַפן וועג. ער האָט אָנגעטראָפן אַף געוויקסן פון טרוקענע נישט־אָנזעעוודיקע קוסטיקעס. אַלעקסיי האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אַף זיי מיט אַ באַדויערנדיקן שמייכל — ער האָט שוין געוווסט, אַז דאָס זײַנען ראַדאָדענדראָנען,*) וועגן וועלכע באַ אים האָט זיך געשאַפן אַ פאָרשטעלונג, לויט זשול ווערנס ביכער, אַז זיי זײַנען פּרעכטיק שיין, ווי אין אַ צויבער־מעשׂה.

אויך נאָווינסק האָט אַנטוישט דעם מאָסקווער טוישעוו. מ׳האָט אַזויפיל געשריבן וועגן דער דאָזיקער שטאָט — וווּ־זשע איז זי? נישט קיין הויכע שיינע ביניאָנים, נישט קיין רעגולערע גאַסן, מיינסטנטייל זײַנען דאָ געווען הילצערנע געביידן, אַנשטאָט שטיינערנע ברוק און אַספאַלט האָבן זיך דאָ געצויגן שלעכטע גרונט־וועגן. די פוסגייער האָבן געשפּרײַזט איבער ברעטער, אויסגעלייגטע באַ די פענצטער פון די הײַזער. אַלע הויפּט־גאַסן פון שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן באַם טײַך און זיך פון אים אָוועקגעצויגן אַף עטלעכע קילאָמעטער מיט פּאַראַלעלע רייען פון סטאַנדאַרטנע געביידן. צווישן זיי האָבן זיך זעלטן געטראָפן ציגל־ביניאָנים — גראָבע גרויסע פּודלעס אָן אַרכיטעקטורישער באַפּוצונג.

אַף דער פּאָטשט האָט אַ מיידל געענטפערט אַלעקסייען מיט אַ שמייכל.

— מע שרײַבט ערשט.

קאָוושאָוו האָט זיך געערגערט: ער האָט געהאָפט צו באַקומען אַ בריוול פון דער היים. ער האָט זיך אָפּגערעדט מיט דער שוויגער, אַז זי וועט אים אָנשרײַבן וועגן זינען, ווי נאָר זי וועט באַקומען עפּעס אַ ידיעה. הייסט עס, אַז ס׳איז נאָך פון דאָרט גאָרנישט נישטאָ. אַלעקסיי

---

*) אַלפּן־בלומען.

האָט אָפּגעגעבן באַם פּענצטערל אַ בריוו מיט אַ טעלעגראַמע — אַ לימיט אַף צוואַנציק ווערטער אויסצודריקן הינטער די אויגן די האַרציקסטע געפילן. אַלעקסיי האָט באַשלאָסן צו שרײַבן וועגן זיך צו זינען — אין דער האָפענונג, אַז סאָפּקאָלסאָף וועט זיך אײַנגעבן איבערצושיקן זײַנע בריוו און טעלעגראַמעס פון מאָסקווע, און זיי וועלן אַרײַנפאַלן אין אירע הענט.

דאָס מיידל הינטערן פענצטערל האָט איבערגעציילט די ווערטער פון דער טעלעגראַמע, זיי איבערגעלייענט און פאַראינטערעסירט אויפ־געהויבן די אויגן אַף אַלעקסייען:

— און פאַר וועמען זײַנען די בלומען?

— פאַר קיינעם נישט. איך קאָן זיי אײַך שענקען.

מיט אַן ערנסטער מינע האָט ער איר דערלאַנגט די בלומען, זיך פאַרנייגט און אַרויסגעגאַנגען פון דער פּאָטשט־געבײַדע. זײַן אייגענע טע־לעגראַמע האָט נאָך מער צעגראַבלט זײַן גײַסטיקע ווונד. אין זײַן ברוסט איז דער ווייטיק זיך צעוואַקסן, פאַרשאַרפט ביז פיזישער פּײַן. ער איז שטיין געבליבן אינמיטן גאַנג און אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּינקטלעך צוזאַמענגעלייגט שטיקל פּאַפּיר.

„איך בין געגאַנגען אָפּן עקזאַמען. טראַכט וועגן מיר. נאָר באַ־אומרויִק זיך נישט באַזונדערס — כ׳וועל זיכער אויסהאַלטן. זינע".

דאָס בריוועלע מיט די עטלעכע ווערטער, וואָס האָט זיך צופעליק פאַרהיט אין טישקעסטל, און ער האָט עס אָפּגעפונען נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל — סאַראַ גרויסע באַדײַטונג ס׳האָט געהאַט פאַר אַלעקסייען! ער האָט עס געקאָנט לייענען שאָענווײַז. זײַן פאַרברענגען אין באָווינסק, אין טיפסטן הינטערלאַנד, אין זיכערקייט און פוסטאונפּאַסטקייט, האָט זיך אַלעקסייען אויסגעוויזן פאַר אַן אומגליק.

„ווער ביסטו ערשט? — האָט ער זיך געפרעגט מיט צאָרן. — ווער ביסטו, דו וואָס שפּאַצירסט זיך רויִק אַרום אַף דער פרידלעכער נאַטור, בעיס דײַן פרײַנדן און כאַוויירים קעמפן פאַרן היימלאַנד, ווען דאָס סאַמע ליבסטע און טײַערסטע, אָן וועלכן דאָס לעבן האָט קיין זין נישט — די צוקונפט פון דײַן פאָלק, מאָסקווע, איז יעדע מינוט אויס־געשטעלט אַף טויט־געפאַר?..." ס׳איז שוין אַזוי געשען, אַז ברעדיזען האָט זיך אײַנגעגעבן אים צו איבערצײַגן אין דאַנילאָוו! פון באָווינסק אַרויסצופאָרן איז נאָך שווערער, זײַן יעדער פּרווו וועט אַף זיכער אויפ־גענומען ווערן פון ברעדיזען און באַטמאַנאָוון נישט ריכטיק, פײַנטלעך, סקאַנדאַליעז, זיי וועלן נישט באַנעמען זײַנע מאָטיוון, נישט גלייבן, אַז ער קאָן פּאָשעט אַנדערש נישט האַנדלען. פון דער צווייטער זײַט קאָן אים דער סיכסעך מיט ברעדיזען אויספאַלן לעטויווע: באַטמאַנאָוו וועט אים מער נישט פאַרהאַלטן, אַף וויפל ברעדיזע האָט זיך שוין צוריק־געצויגן...

באַם וועג־אויסבייג האָט קאָוושאָוון אַריבערגעיאָגט אַ פּאַסאַזשירן־אויטאָ, אַרויסלאָזנדיק אַף אים שטויב מיט בענזין. אָפּפאָרנדיק נישט קיין סאַך, האָט זיך די מאַשין אָפּגעשטעלט. ווען אַלעקסיי האָט זיך מיט איר אויסגעגלײַכט, האָט אים דער מענטש, וואָס איז געזעסן באַם רודער, אַ רוף געטאָן און פאַרגעלייגט אונטערצופירן.

די מאַשין איז געפאָרן מיט אַ גרויסער שנעלקייט, געשיקט אויס־מײַדנדיק די נישט־גלײַכקייטן אַפן וועג.

— וווהין דאַרפט איר? — האָט דער שאָפער געפרעגט.

— צו דער פאַרוואַלטונג פון דער בויונג, ווו באַטמאַנאָוו איז נאַ־טשאַלניק. אײַך איז אַזעלכעס באַקענט?

דער שאָפער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אויפמערקזאַם, שאַרף אַ קוק געטאָן אַף קאָוושאָוון.

— אײַך קאָן איך עפּעס נישט, — האָט ער געזאָגט, איבערוואַרפנ־דיק דעם פּאַפּיראָס פון איין ליפּן־ווינקל אין צווייטן. — כ'האָב אײַך קיינמאָל נישט געזען...

— איר זענט דען מעכויעוו אַלע צו קענען?

— מעכויעוו. יעדנפאַלס וואָלט איך אײַך פאַרגעדענקט, ווען איך וואָלט אײַך כאָטש איין מאָל געווען געזען.

— איר זענט גערעכט, איך בין דאָ הי בעסאַכאָקל דרײַ טעג. אַ צו־געפאָרענער.

— פון מאָסקווע? אויב אַזוי, ווייס איך, ווער איר זענט. אינזשע־ניער קאָוושאָוו.

— פאַרוואָס־זשע דאַווקע קאָוושאָוו. מיר זײַנען דאָ דרײַ צוגעפאָ־רענע. איינער פון די דרײַ האָט ווירקלעך אַזאַ פאַמיליע.

דער שאָפער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם פּאַפּיראָס און אַ שמייכל געטאָן. אַ גאָלדענער צאָן אין מויל האָט אויפגעשימערט ווי אַ פּערל. דער בליק פון זײַנע לעבעדיקע אויגן האָט ווידעראַמאָל זיך אַ גליטש געטאָן איבער אַלעקסייס פּאָנעם.

— איך האָב באַשטימט ווער איר זענט לויטן מעטאָד פון אויס־שליסן. איר זענט ניט באַטמאַנאָוו.

— און עפּשער יאָ באַטמאַנאָוו?

— באַטמאַנאָוו איז אַ מאַן פון מײַן עלטער און אַט מיט די זעלבע סימאָנים פון פאַרוועלקטער יוגנט. — דער שאָפער האָט באַרירט מיט דער האַנט זײַן גרויליעכן שלייף. — באַטמאַנאָוו איז אַ פּאָפּולערע פּער־זענלעכקייט.

— הייסט עס, אַז איך בין בערידזע.

— וואָס־זשע פאַר אַ בערידזע זײַט איר! — האָט זיך דער שאָפער פונאַנדערגעלאַכט. — בערידזע איז, אורטיילנדיק לויט דער פאַמיליע, אַ גרוזין. איר אָבער זענט דאָך אַ רוס, און דערצו נאָך אַ מאָסקווער.

עס פאַראַט אײַך די מאָסקווער אויסשפּראַך און די פאַרריסענע רוסישע נאָז. בערידזע האָט אַ נאָז מיט אַ הויקערל, אַ שוואַרצע באָרד. און האַגאַם ער רעדט ריין, אָן אַ פרעמדן אַקצענט — אָבער פאָרט ניט אָפּן מאָסקווער שטייגער.

— פון וואַנען־זשע ווייסט איר פונדעסטוועגן וועגן בערידזעס שוואַרצער באָרד און זײַן אויסשפּראַך? איר האָט שוין באַוויזן זיך צו באַקענען?

— כ׳בין זיך מוידע: בערידזע און באַטמאַנאָוו זײַנען מײַנע אַלטע באַקאַנטע. מיט דרײַ יאָר צוריק האָב איך זיי באַגלייט פונעם ווײַטן מיזרעך אַף מײַרעוו. בערידזע האָט שוין דעמאָלט געטראָגן אַ באָרד, און באַטמאַנאָוו האָט שוין געהאַט פערציק יאָר. נו, איר גיט זיך אונטער, כאַווער קאָווּשאָוו?

— כ׳גיב זיך אונטער. איצט בלײַבט אײַך איבער בלויז צו זאָגן, ווער איר זענט — און מיר וועלן זיך קענען האַלטן פאַר באַקאַנטע.

די מאַשין איז, אונטערשפּרינגענדיק, אַריבערגעפאָרן אַ בריקל פון קלעצער.

— כ׳וועל אײַך ניט זאָגן מײַן פאַמיליע. שטויסט זיך אַליין אָן, — האָט שפּאַסיק פאַרגעלייגט דער שאָפער.

אַלעקסיי האָט באַטראַכט דעם מענטשן באַם רודער. אַ גרויער קאָסטיום, אַ פריש, אַף צוויי קנעפּלעך צוגעשפּיליעט, גרוי זײַדן העמד. שוואַרצע מאַטעווע האָר, ווי אַ דריבנער קאַראַקול, צוגעזילבערט בלויז בײַ די שלייפן. אַ טונקל צוגעברוינט פּאָנעם, אַ העלער שמייכל. מאַכמעס דעם שמייכל קלײַבן זיך צונויף שטראַלעכלעך אַרום די אויגן, און דאָס פּאָנעם באַקומט אַן אויסדרוק פון גוטסקייט.

אויפכאַפּנדיק דעם פאַרשנדיקן בליק, האָט זיך דער מענטש פאַרן רודער צעלאַכט.

— אַ גוט רעטעניש פאַרגעבן?

— טרעפן ווער איר זענט איז מיר שווער, ס׳איז ניטאָ פאַר וואָס זיך אָנצוכאַפּן. איין זאַך נאָר איז קלאָר: איר זענט ניט קיין שאָפער, כאָטש איר פירט אויסגעצייכנט די מאַשין. איר זענט זיכער אַן אָנפירנדיקער כאַווער, וואָס האָט עפּעס אַ שײַכעס צו דער בויונג.

דער מענטש פאַרן רודער האָט זיך ווידער צעלאַכט. ער האָט קענטיק ליב געהאַט אַ שפּאַס צו טאָן.

— אין שטאָט זענט איר געווען? נאָווינסק איז אײַך געפעלן געוואָרן? — האָט ער געפרעגט נאָך אַ מינוט שווײַגן — ער האָט אַרויפגעפירט די מאַשין אָפן וועג, צו די ביניאָנים אין וואָקזאַל־ראַיאָן.

— ניין, — האָט, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, קאָווּשאָוו זיך אַ ביסל דענערווירט: ניט געפעלן געוואָרן. ס׳איז דען אַ שטאָט? עטלעכע טויזנט אַלציינע הילצערנע הײַזער, אויסגעצויגן אין שרענגעס. קיין זאַך דער־

קעדיי אויפצושטעלן אַ געהעריקע שטאָט. אומזיסט האָבן די צײַטונגען פרייט ניט דאָס אויג, אין טאָך אַרײַן וועט מען מוזן אַלץ צעלאָמען, אַזוי אויסגעלויבט אײַער נאָווינסק.

קאָוושאָווס באַמערקונגען זײַנען אויסדריקלעך ניט געפעלן געוואָרן זײַן מיטרײַזנדער.

— צו שאַרף, איך וואָלט געזאָגט — טענדענציעז האָט איר זיך אָפּגערעכנט מיט נאָווינסק. דער פּאַראורטייל איז, איבעריקנס, פאַרשטענד־לעך: איר זענט געקומען צו פאָרן פון מאָסקווע, און איר מאַכט אַ פאַר־גלײַך מיט איר. איך מיין, אַז אײַער מיינונג וועגן אונדזער שטאָט וועט זיך אינגיכן ענדערן. איר האָט לעמאָשל ניט געזען די זאַוואָדן אין גאַנג, — זיי קענען פאַרשאַפן קאָווען יעדער אונטערנעמונג אין דער וועלט, — ווי אויך ניט די נאַפט־ראַפינעריעס, צו וועלכע איר וועט דאַרפן ציִען די נאַפט־לייטונג. איר האָט ניט געזען די זאַוואָדן, וואָס האַלטן זיך אין בויען. איר האָט ניט געזען ניט דעם טעאַטער און ניט דעם פּאַלאַץ פון די פּיאָנערן. נאָווינסק האָט זיך פאַרדינט געלויבט צו ווערן. שטעט וואַקסן אויס אין מעשעך פון יאָרהונדערטער — אונדזער נאָווינסק איז נאָך קיין צען יאָרעלעך ניט אַלט, זי איז ערשט אַן אונטערוואַקסנדיקע. איר, יונ־גערמאַן, זענט צעבאַלעוועט, עס פאַלט אײַך גאָרניט אײַן אַנטקעגנצור־שטעלן: וואָס ס׳איז געווען — און וואָס ס׳איז איצט. צי איז מעגלעך ניט אָפּצושאַצן דעם שווונג, מיט וועלכן עס האָט זיך געבויט די שטאָט און וועט זיך בויען נאָך דער מילכאָמע? מיר פאָרן שוין אַ מינוט פופצן איבערן דיאָמעטער פון דער קומענדיקער שטאָט. אײַך איז ניט באַוווּסט, אַז בעסאָכאַקל מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן די נאַנײַצעס *) אַף די דאָזיקע פּלעצער געשטעלט פאַנג־נעצן פאַר סויבלען. אָט דעם דאָזיקן רײַ־זיקן פּליין האָט מען אַרויסגעריסן באַ דער טײַגע, און זי פאַרטריבן אַף יענעם ברעג. איר וואָלט באַדאַרפט באַטראַכטן דעם פּראָיעקט פון דעם צוקונפטיקן נאָווינסק. צי האָבן דען די אַמאָליקע שטאָט־בויער געוווּסט פאָרויס, וואָס באַ זיי וועט אַרויסקומען?

— צו שטאַרק נעמט איר זיך אָן פאַר נאָווינסק. וואָס זענט איר, אַן אַרכיטעקט אָדער דער פאַרוואַלטער פון דעם שטאָטישןווירטשאַפט־קאָמיסאַריאַט?

— איר וועט דאָ וווינען — וועט איר געוואָר ווערן. כ׳וועל אײַך נאָך אַמאָל דערמאָנען די שלעכטע מיינונג וועגן נאָווינסק.

— ניטאָ וואָס זיך צו שרעקן. איר וועט מיר גאָרנישט ניט טאָן: איך קלײַב זיך צו פאָרן צוריק אַף מײַרעוו.

די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן פירשטאָקיקן ברייטן גע־מויערטן הויז פון דער פאַרוואַלטונג.

---

*) אַרטיקע אײַנוווינער.

— איך גיי אַראָפּ, און איר פֿאָרט ווײַטער איבערן דיאַמעטער פֿון אײַער שטאָט. און מער וועלן מיר זיך, זיכער, ניט זען. אַ דאַנק פֿאַרן צופֿירן. אַדיע.

דער אומבאַקאַנטער האָט זיך צעלאַכט:

— אַדיע... אַדיע...

נאָר אויך ער איז אַרויס פֿון דער מאַשין און געגאַנגען הינטער אַלעקסייען. יענער האָט זיך פֿאַרהאַלטן.

— איר דאַרפֿט צו אונדז?

דער אומבאַקאַנטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געפֿרעגט ערנסט, קימאַט בייז:

— צוליב וואָס האָט איר גערעדט וועגן צוריקפֿאָרן? איר האָט געמאַכט אַ שפּאַס, צי ס׳איז פֿאַראַן אַזאַ פֿאַראָרדענונג?

— קיין שום פֿאַראָרדענונג! פֿון אייגענער איניציאַטיוו וועל איך זיך מיט אַלע קויכעס דערשלאָגן, מע זאָל מיך צוריקשיקן אַף מײַרעוו. דרײַ טעג געפֿין איך זיך דאָ — און דרײַ טעג ברענען באַ מיר די אויערן צוליב מײַן שענדלעכן וווילזײַן.

זיי זײַנען שטיין געבליבן פֿאַרן טויער.

— ערשט זײַנט איר מײַן סוינע, — האָט אַ זאָג געטאָן דער אומבאַקאַנטער בייזלעך. — אַ מענטש, וואָס באַרעדט נאָוויסק און אַנטלויפֿט פֿונעם ווײַטן מיזרעך, איז מײַן פּערזענלעכער סוינע.

אין אַלעקסייען האָט עס אויפֿגעבליצט:

— איך האָב זיך שוין אָנגעשטויסן: איר זענט זאַלקינד, דער סעקרעטאַר פֿון נאָווינסקער שטאָט־קאָמיטעט? בערידזע האָט מיר וועגן אײַך דערציילט. איר האָט אים אויך אײנמאָל דערקלערט פֿאַר אײַער פּערזענלעכן סוינע.

— זאַלקינדס פּנים האָט אויפֿגעהעלט:

— ער האָט דערציילט וועגן מיר, בערידזע? הייסט עס, ער האָט ניט פֿאַרגעסן. נו, מיט אים זײַנען מיר מער ניט קיין סאָנים: ער האָט זיך צוריקגעקערט. נאָר אײַערער — אַן אומבערעכמאַנעסדיקער סוינע. יאָ, נעמט אויך אין אַכט: פֿון נעכטן אָן בין איך ניט בלויז דער סעקרעטאַר פֿונעם נאָווינסקער שטאָטקאָם, נאָר אויך דער פֿאַרטאָרג אַף דער בויונג.

אין אָוונט האָט קאָושאָוו אָנגעשריבן אַ ראַפּאָרט צו באַטמאַנאָוון. דער אינזשעניער האָט אַף צוויי זײַטן אַקשאָנעסדיק באַוויזן, אַז ער מוז גלײַך זיך אומקערן אַף מײַרעוו. איבערגעבנדיק דעם פּאַפּיר דעם סעקרעטאַר פֿון נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג, האָט אַלעקסיי גענומען וואַרטן אַף אַ טשוווע.

די צימערן פֿון דער צוזאַמענוווינונג זײַנען אַרויסגעגאַנגען אַף אַ

קאָרידאָר. אַלעקסייס צימער איז געווען דער סאַמע עקסטער. דער קאָמענדאַנט האָט צעעפנט פאַר אים די טיר.

אַן אײַזערן בעט מיט אַ דינעם מאַטראַץ, פלאַכער קישן און גרויער זעלנערישער קאָלדרע. אַ טומבעטשקע פון שפיטאָלישן טיפ. אַ קליינער טיש, צוויי שטולן. אַף דער וואַנט — אַ פאָרטרעט פון דימיטראָוון, אַפן טיש — אַ שוואַרצער קאַבינע־לאָמפ. אויסגעבויגן ווי אַ פרעגצייכן. אַפן פענצטער — אַ האַלב־אַראָפגעלאָזטע שטאָרע פון בלוי פאַפּיר צו פאַרמאַסקירן דאָס ליכט.

זיי זײַנען אַרײַן אין צימער זאַלבעצווייט, און ס׳איז געוואָרן ענג. דער קאָמענדאַנט האָט צווייפלדיק געקוקט אַף אַלעקסייען און זיך פאַרכידעשט אַף זײַנע ווערטער:

— פרעכטיק, עס פעלט מיר מער גאָרניט.

דער נײַער קוואַרטיראַנט איז מיט אַ האַנטעך דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, וואָס איז געווען טונקל באַלויכטן פון אַן איינציק לעמפעלע. ער האָט געעפנט די לעצטע טיר: ער האָט דערזען אַ גרויסע קיך — אַ שמוציקע און אומבאַקוועמע, ווי מע טרעפט געוויינלעך אין קאָמונאַלע וווינונגען. אין אַ ברייטער וואַנט־פאַרטיפונג האָט ער געפונען אַ וואַש־שיסל — צוויי אײַזערנע קאַריטעס, — איינע איבער דער אַנדערער. פון דער אייבערשטער האָבן אַראָפגעשטאַרצט קראַנען. באַמיִענדיק זיך ניט צו מאַכן קיין ראַש, האָט קאָוושאָוו זיך אָרומגעוואַשן.

ניט אַלע קוואַרטיראַנטן זײַנען געשלאָפן. מיט אַ טומל האָט זיך אויפגעעפנט די פאָדערשטע טיר, און ס׳איז אַרײַנגעקומען אַ מיידל אין אַ לעדערנער קורטקע און שטיוול. זי האָט זיך ניט זייער שטיל געהאַלטן און, אויפשליסנדיק די טיר פון איר צימער, האָט זי אונטערגעזונגען: „עס שלאָפן די טונקלע קורהאַנען...״

— שטילער! אַרום שלאָפן מענטשן, און ניט קיין קורהאַנען, — האָט אַלעקסיי געזאָגט.

— אוי, איך האָב אײַך ניט באַמערקט. איר זענט דער נײַער הייצער?

— אַ נײַער קוואַרטיראַנט, וואָס איז פאַראינטערעסירט, אַז דאָ זאָל שטיל זײַן באַנאַכט.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים און זיך נײַגעריק אײַנגעקוקט.

— הייסט עס, אַז דאָס האָט מען פאַר אײַך צוגעגרייט אינדערפרי אַ צימער? דער קאָמענדאַנט האָט געזאָגט — פאַרן נײַעם הויפט־אינזשעניער, אָדער זײַן פאַרטרעטער. דאָס זענט איר עס?

— איך בין זיך מוידע.

— איך האָב געזידלט דעם קאָמענדאַנט. מ׳האָט אײַך געגעבן אַן אײַזקעלער אַנשטאָט אַ צימער. ער איז איצט קאַלט, ווי זשע וועט שוין זײַן אום ווינטער? ער טויג זיך אַף צו האַלטן אין אים גרינצײַג, קיין

לעבעדיקער מענטש וועט דאָרט ניט אויסהאַלטן. זאָגט זיך אָפּ, זאָל מען איײַך געבן אַן אַנדערן.

קאָווּשאָוון האָט אויפגעהײַטערט דאָס, וואָס עמעץ האָט געשטערט זײַן דריקנדיקע איינזאַמקייט, און ער האָט מיט פאַרגעניגן געהערט דעם מיידלס געפלוידער. זי איז אַף אַ מינוט אַרײַנגעלאָפן צו זיך און צוריק־געקומען אַן דער לעדערנער קורטקע, אין אַ לײַכטער זײַדענער בלוזקע. פאַררייכטנדיק די האָר, האָט זי פאַרוואָרפן די הענט, נאַקעטע איבער די עלנבויגנס, הינטערן קאָפּ און אים נאָכאַמאָל געגומען אײַנריידן:

— אינגיכן וועלן באַפרײַט ווערן אַ סאַך צימערן. מע זאָגט, אַז דער נײַער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט באַשלאָסן אונדז אַלע פונאַנדער־צוטרײַבן. די פאַרוואַלטונג האָט זיך קימאַט אינגאַנצן אײַנגעפּאַקט און קלײַבט זיך אַרויסצופאָרן מיטן אַלטן נאַטשאַלניק.

— שטילער קענט איר ניט ריידן? — האָט אַלעקסיי געפרעגט.

— פאַרוואָס שטילער? בײַ אונדז איז מען געוווינט זיך ניט צו שטערן. זעקס אַזייגער אינדערפרי וועט איר זיך אַלײַן איבערצײַגן: קיי־נער וועט ניט ריידן „שטילער“. אָט דאָ קעגנאיבער וווינט גרעטשקין, דער נאַטשאַלניק פון דער פּלאַנירונג־אָפּטיילונג. בײַ אים זײַנען דאָ פיר קינדער, און זיי ליאַרעמען קיינמאָל ניט אייינציקווײַז — אומבאַדינגט אין כאָר. נאָר דאָס איז נאָך ניט דאָס סאַמע שרעקלעכסטע. דאָס סאַמע שרעק־לעכסטע איז ליזעטשקע, גרעטשקינס ווײַב. זי איז אַ קלייניקע, אַ דאַ־רינקע, נאָר ווען זי שרײַט, וועט אײַך טאָמיד קלינגען אין די אויערן.

דאָס מיידל האָט הינטער די אויגן באַקענט קאָווּשאָוון מיט די קוואַר־טיראַנטן. ניט בעטנדיק קיין דערלויבעניש, איז זי אַרײַנגעגאַנגען צום אינזשעניער אין צימער, קריטיש עס באַטראַכט און געבליבן אומצופרידן.

— פּײַכט. שלעכט געוואַשן, און זעט, סאַראָ וואַסער־פלעקן באַם פונדאַמענט. דאָס מעבל צופעליקס, כלאַם. קיין מאַטראַץ, זעט איר, איז ניטאָ, אַנשטאָט דעם האָט מען דאָ אָוועקגעלייגט פאַר אײַך אַ בויגן פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. אַף דעם איז אוממעגלעך צו שלאָפן, איר וועט זיך די זײַטן אָפּקוועטשן.

— מע קען דאָ שלאָפן, אומבאַדינגט, — האָט קאָווּשאָוו באַשלאָסן. דערצו נאָך וועט מיר ניט אויסקומען קיין סאַך צו לאָזן זיך וווילגיין אַפן געלעגער.

דאָס מיידל האָט פאַרענדיקט מיטן באַטראַכטן דאָס צימער און אי־בערגעפירט דעם בליק אַפן אינזשעניער: אירע אויגן זײַנען גרויסע און ליבלעכע.

— איר זײַט זיכער ניט קיין באַווײַבטער און געוווינט אָפּצוקומען מיט גאָרניט.

— כ'האָב טאַקע, וואָס אַן עמעס, ערשט ניט לאַנג כאַסענע געהאַט.

זי האָט אַף אים אַ קוק געטאָן איבערראַשט און זיך פאַרגאַנגען אין געלעכטער:

— דאָס יונגע ווײַב האָט איר איבערגעלאָזן אין דער היים? פײַן!

דעם אינזשעניער איז ניט געווען צום האַרצן די ווענדונג, וואָס דער שמועס האָט אָנגענומען, ער האָט מיטאַמאָל פאַרלוירן דעם אינטערעס צום מיידלס פלוידערן. זי האָט באַמערקט די דאָזיקע ענדערונג און איז אַוועקגעגאַנגען, ווינטשנדיק אים אַ גוטע נאַכט.

עס האָט זיך ניט געוואָלט שלאָפן. אַלעקסיי האָט צוגעלייגט דעם שטערן צום קאַלטן גלאָז. אינדרויסן איז געווען ליכטיק, ווי באַטאָג. דאָס פאָספאָרישע טויטע לעוואָנע־ליכט האָט באַגאָסן די באַראַק־אַרטיקע געבײַען און די אָן אַ שיר פּניאַקעס, פאַרבליבענע ווי שפּורן פון דער טײַגע, וועלכע איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון דעם פּלאַץ. רעכטער אַ ביסל, הינטער דעם עקסטן באַראַק, האָט געגלאַנצט דער מאַיעסטעטישער אַדון. ערגעץ־ווו האָט אָן אויפהער געוואָיעט און געקוויטשעט אַ צירקל־זעג, און טיילמאָל האָט זי געיאָמערט, ווי אַ פרויענצימער.

אומעטיקע געדאַנקען האָבן זיך ווידער געשטויסן אין קאָפּ. באַטאָג איז אָנגעקומען אַ בריוו פונעם ברודער. דער קליינער, אַכצניעריקער באַכערל האָט געשריבן פון דער מיליטערישער שול, אַז ער לערנט זיך שלאָגן די דײַטשן און וועט אינגיכן גיין אַפן פראָנט. אין די דאָזיקע עטלעכע פראַזן האָט אַלעקסייען דורכגעקלונגען אַ פּירהאַלט.

קאָוושאָווס איינזאַמקייט האָט געשטערט בערידזע. אַלעקסיי איז אויפגעשפּרונגען, אַף זײַן פּאָנעם האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט צעמישונג און פרייד: דער רויגעז מיטן כאָוער האָט אים געדריקט, ער האָט זיך געפילט שולדיק.

— כ׳בין געקומען דיך זידלען און שלאָגן, — האָט בערידזע געזאָגט און, צוגייענדיק צום כאָווער, האָט ער אים אומגעשיקט, פון דער זײַט אַרומגענומען.

דעם הויפּט־אינזשעניער איז אויך ניט געפעלן געוואָרן קאָוושאָווס צימער.

— איך האָב געהערט, אַז די ווענט ווערן באַצויגן מיט אײַז און עפּעס איז עס אַזאַ כוישעכדיקס. יאָגט אָן אָן אומעט. דו קלײַב זיך אַריבער צו מיר, באַ מיר איז וואַרעם, און די באַלעבאָסטע איז אַ געטרײַע.

— אַ דאַנק. דערווײַל וועל איך וווינען דאָ, מיר אַנטשפּרעכט דאָס צימער.

— דו האָסט בעעמעס באַשלאָסן אויסצופּויעלן צוריק צו פאָרן קיין מאָסקווע — האָט אים בערידזע געפרעגט גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן.

— יאָ, — האָט אַלעקסיי קורץ געענטפערט. ער האָט פאַרשטאַנען צוליב וואָס בערידזע איז צו אים געקומען. — באַטמאַנאָוו האָט דיר געזאָגט? ער לאָזט מיך אָפּ, אָדער ניט?

— באַטמאַנאָוו האָט גאָרניט גערעדט וועגן דיר. האָסט שוין באַוויזן זיך צו ווענדן צו אים?

— כ'האָב אים נעכטן דערלאַנגט אַ ראַפּאָרט.

— עך, אומזיסט־אומנישט! — האָט בערידזע געזאָגט מיט ערגערניש. ער איז בעפּיירעש געוואָרן געראָדערט און אָנגעהויבן אַרומשפּרײַזן איבערן צימער: דרײַ טריט פאָרויס, דרײַ טריט צוריק. — דו ביסט שוין, אַלעקסיי, אַ דערוואַקסענער מענטש, דו האָסט דײַן אייגענעם קאָפּ אױף די פּלייצעס, נאָר כאָוועריש וועל איך דיר זאָגן: האָסט אומזיסט פאַרצויגן דעם ניגן. דו האָסט זיך נאָך ניט אײַנגעשלאָסן אין דער אַרבעט, און דערפאַר וואַרפט עס מיט דיר. שטוסים. מע דאַרף אין זיך דערשטיקן די דאָזיקע שטימונג.

קאָושאָוו איז געזעסן אױפן נידעריקן בעט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. בערידזע האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן ניט צוצוגיין צו אים און אים גלעטן איבער די העלע האָר.

— ס'איז ניט באַקוועם לעגאַבע באַטמאַנאָוון, טײַערער. ס'איז אים ערשט זייער שווער: אַ כאַאָס אין דער אָרגאַניזאַציע, מענטשן צעקריכן זיך. מיר זײַנען געקומען צו פאָרן צוזאַמען מיט אים, און מיר זײַנען ערשט זײַן הויפּט־שטיצע און פּלוצים אַ ראַפּאָרט: 'זײַט מיר געזונט'. ס'איז ווי אַ זעץ אין רוקן.

— צו שיין שילדערסטו עס, געאָרגי דאַווידאָוויטש. דעם נאַטשאַלניק וועלן ניט קומען אין קאָפּ אַרײַן אַזעלכע פּײַנקייטן. איך בין פאַר אים אַ קליין מענטשל, ער וועט זיך אָן מיר אויך זייער גוט באַגיין.

— פאַרשטענדלעך, אַז ער וועט זיך באַגיין. נאָר צי וועט ער מאָסקים זײַן זיך צו באַגיין — דאָס ווייס איך ניט. יעדנפאַלס וועט ער זיך ניט באַציִען צו דײַן ראַפּאָרט גלײַכגילטיק. דו שטעלסט אויך מיך אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע — איך האָב פאַר דיר אַרעוו געוועזן. איך זע פאַר אומאָנגענעמלעכקייטן.

ס'האָט אָנגעקלאַפּט און אַרײַנגעקומען אין צימער זאַלקינד. ער האָט געטראָגן אַ לײַכטן זומער־פּאַלטאָ. ער האָט זיך אויפמערקזאַם אַרומגעקוקט.

— שאַלעם געוואָרן? — האָט דער פאַרטאָרג געפרעגט בערידזען, זיך צוזעצנדיק אױפן בעט לעבן אַלעקסייען. — ניט געדאַרפט. וואָס שײַעך מיר, קלײַב איך זיך ניט מיט אים שאַלעם ווערן.

— האָסט געהערט ? ער האָט שוין באַוויזן צו דערלאַנגען אַ שריפט־לעכן ראַפּאָרט דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג, — האָט בערידזע געזאָגט.

— אַלץ ערגער פאַר אים. — זאַלקינד האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אַף אַלעקסייס פּלייצע. — שפּעטער וועט אײַך אַליין זײַן ניט באַקוועם, איר וועט באַדויערן דעם ראַפּאָרט.

— פאַרוואָס ? — האָט אַלעקסיי געפרעגט דענערווירט. — איך בעט דאָך ניט מע זאָל מיך שיקן אַף אַ קוראָרט.

זאַלקינד האָט אונטערגעלענט דעם קאָפּ מיט בייד׳ע הענט.

— טייל מענטשן באַ אונדז כקירען אַזוי. אַלץ איז געשטעלט געוואָרן אַף דער מילכאָמע־קאַרט, דאָס לאַנד איז געשפּאַנט ביז דער העכסטער מאַדרייגע, ס׳איז אויסגערעכנט יעדער מענטש און יעדע קויל. און אַפן ווײַטן מיזרעך זײַנען דערווײַל אומטעטיק באַוואָפנטע קויכעס. מע דאַרף זיי גלײַך צונעמען פון דאַנען און אַריבערוואַרפן אַף מײַרעוו. די ווײַט־מיזרעכדיקע דיוויזיעס זײַנען גוט אויסגעשולט און באַוואָפנט — זיי זײַ־נען אימשטאַנד אָפּצושטעלן די פאַשיסטן. אויב די יאַפּאַנער וועלן דאָס אויסניצן און אָפּרײַסן באַ אונדז דעם ווײַטן מיזרעך — איז ניט אַזאַ אומגליק, מיר וועלן זיך באַגיין אָנעם ווײַטן מיזרעך. אונדז זײַנען די שטעט, דערפער און לענדערײַען פון דעם נאָענטן רוסלאַנד ליבער און טײַערער פון די האַרבע ווײַטמיזרעכדיקע שטאָכים. ווי שאַצט איר אָפּ אַזאַ מין אורטיילן ?

— אַזוי צו אורטיילן איז נידערטרעכטיק ! איך וואָלט זיך מיט אַזעלכע לײַט ניט געצערעמאָניעט.

— ריכטיק און פאַטריאָטיש ! — האָט אים געלויבט זאַלקינד. — יעדער שטיין און יעדעס זאָל זײַן פאַרזומפּיקט טײַכל איז טײַער דעם פאָטערלאַנד. ווען מיר זאָלן אַפילע זײַן די דירעקטע אייניקלעך פון יער־מאַקן און פּאָיאַרקאָוון, וואָלטן מיר אויך ניט געהאַט דאָס רעכט אָפּצו־געבן כאָטש איין זעמדעלע פון דעם ווײַטן מיזרעך. אַגעוו, דאָ איז יעדעס זעמדעלע גאָלד. און מיר זײַנען ניט בלויז די אייניקלעך פון יערמאַקן, מיר זײַנען די יאָרשים פון לענינען, סאָוועטישע מענטשן, מיר האָבן דעם דאָזיקן לאַנד געגעבן אַ נײַ לעבן.

— פרעגט זיך : וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט דערצו דער אינזשעניער קאָושאָוו ? — האָט אַלעקסיי געפרעגט.

— דער אינזשעניער קאָושאָוו, וועלכער האָט פאַטריאָטיש פאַר־אורטיילט די אַנטיפּאַטריאָטישע אַרויסזאָגונגען, איז אין דער ווירקלעכ־קייט מאַסקים אָפּצוגעבן די יאַפּאַנער דעם גאַנצן ווײַטן מיזרעך. אים איז טײַער איין מאָסקווע.

אַלעקסיי האָט אויפגעהויבן די ברעמען.

— עפּשער האָב איך ש ו י ן אָפּגעגעבן די יאַפּאַנער דעם ווײַטן מיזרעך ?

זאַלקינד האָט ניט געלייגט קיין אַכט אַף זײַן באַמערקונג.

— ס׳איז איבעריק צו ריידן וועגן דעם באַדײַט פונעם הינטערלאַנד אין דער מילכאָמע, — האָט ער ווײַטער גערעדט: די שטאַנדהאַפטיקייט און די אַרבעטס־פעיִקייט פונעם הינטערלאַנד באַדײַטן אַזויפיל, וויפל די אַרמיי אַליין. וואָס איז דאָס הינטערלאַנד? די זאַוואָדן, קאָלווירטן, די פאַרשיידענערליי בוינגען, די הונדערטער און טויזנטער גרויסע און קליי־נע מעלוכישע אינסטיטוציעס, וועלכע ווערן איבערגעבויט אַף אַ מילי־טערישן שטייגער...

— זייער אינטערעסאַנט, — האָט אַלעקסיי אַ שמייכל געטאָן. — ס׳איז, וואָס אַן עמעס, ענלעך אַ ביסל צו אַן אָרדנטלעך אַרטיקל אין אַן אָרטיקער צײַטונג. צי מיינט איר, אַז מיר זײַנען ניט קלאָר אַזעלכע פּאָ־פּולערע עמעסן.

— איר האָט מיך און בערידזען געערגערט מיטן ניט וועלן באַנע־מען געוויסע פּאָפּולערע עמעסן. אונדזער נאַפּטלייטונג באַטייליקט זיך אין דער מילכאָמע אין דער זעלבער מאָס, ווי אַ זאַוואָד פון וואָפן אָדער אַ טאַנקען־דיוויזיע. די בויונג פון דער נאַפּטלייטונג האָט אַ דירעקטע שײַכעס צו די באַוואָפנטע קויכעס פון דעם ווײַטן מיזרעך. אײַך קאָכן אויך די מענטשן, וועלכע לייגן פאָר אַראָפּצונעמען די אַרמיי פון דער ווײַט־מיזרעכדיקער גרענעץ. פּאַרוואָס־זשע שטיצט איר זיי אונטער אין דער פּראַקטיק, פאַרלייקענענדיק די נויטווענדיקייט פון דער נאַפּטלייטונג פאַר דער מילכאָמע?

קאָוושאָוו האָט זיך אויפגעהויבן, דורכגעשטופּט צווישן טיש און בעט און זיך געזעצט באַם טישל אין ווינקל, קעגנאיבער בערידזען. יענער האָט זיך שווײַגנדיק געשפּילט מיט אַ מעסערל, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנצן גאַנג אינסטרומענטן — פון אַ קאָנסערוון־מעסער ביז אַן אָל.

— איך פאַרלייקן ניט גאָרניט. איך זע פּאָשעט, אַז ס׳איז ניט מעגלעך זי אויפצובויען אַזוי שנעל. הייסט עס, אַז איר וועט ניט אויס־קומען זיך צו באַטייליקן אין דער מילכאָמע.

זאַלקינד האָט פון בערידזעס האַנט אַרויסגענומען דאָס מעסערל און אויפמערקזאַם גענומען אויפעפענען איין זאַך נאָך דער צווייטער.

— אײַערע ווערטער האָבן קיין וואָג ניט. איר האָט ניט קיין פאָר־שטעלונג וועגן דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער מילכאָמע, איר ווייסט ניט נישט אירע רעסורסן, ניט אירע טערמינען. אַוואַדע ווייסן אויך מיר ניט אַלץ. אַלץ ווייסן בלויז אונדזערע פירער אין מאָסקווע. און זיי טאַקע אַנטשיידן. פאַר זיי איז געשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון דער נאַפּטלייטונג, איינס פון מיליאָנען פּראָבלעמען. גרובסקי האָט דערוויזן: אויפבויען אין מעשעך פון איין יאָר איז אוממעגלעך. אין מאָסקווע האָט מען מיט אים ניט מאַסקים געווען. די נאַפּטלייטונג איז נייטיק פאַר דער מילכאָמע, אָפּזאָגן זיך פון איר איז ניט מעגלעך. צוליב דעם דער באַשלוס: אויס־

פירן די בוױנג אין מעשעך פון אַ יאָר. דאָס איז װי אַ באַפעל — שטעלן דאָס לעבן אין קאָן און שאַפן דאָס אוממעגלעכע. צוליב דעם דאָס טױשן די אָנפירונג פון דער בוױנג... איצט געפינט זי זיך אין זיכערע הענט. אײַך איז ניט אױסגעקומען צו לײענען בעשאַטױ אַ פאַרצײכענונג װעגן באַטמאַנאָװן און בערידזען: „װעגן מענטשן, װאָס קענען שאַפן דאָס אוממעגלעכע"?

— איך געדענק ניט, — האָט אַלעקסײ געזאָגט.

— ס'איז געװען בעשאַטױ אַזאַ פאַרצײכענונג, — האָט מיט שטאָלץ געזאָגט דער פּאַרטאָרג. — מיך האָט זײער דערפרײט דער באַשלוס פונעם ראַטפּאָלקאָם װעגן פאָרסירן די בוױנג. אין דעם האָב איך דערזען נאָך אַן אַרױסװײַז פון אונדזער קראַפט. טוט נאָר אַ טראַכט: אױב די נאַפט־לײטונג, װעלכע געפינט זיך װײַט פונעם פראָנט אַף עטלעכע טױזנט קי־לאָמעטער, איז נױטװענדיק און פאַרנעמט אַ באַשטימט אָרט אין דער מילכאָמע, האַגאַם זי װעט פאַרענדיקט װערן ערשט אין אַ יאָר אַרום, — הײַנט װאָס פאַר אַ כאָכמע פון פאָרױסזען איז שױן פאַראַן אין דעם אַלגע־מײנעם פּלאַן פון דער מילכאָמע מיט די פאַשיסטן!

— כ'פאַרשטײ אַלץ. כ'בין מױדע, כ'בין מיט אַלץ מאַסקים! — האָט אַלעקסײ אױסגערופן, אױפשפּרינגענדיק. — נאָר צי קענט איר מיך פאַרשטײן, אָדער ניט? איך װיל אַפן פראָנט, דאָרט, װוּ ס'איז ערשט צום שװערסטן! מע האָט אונדז געלערנט פון קינדװײַז אױף, און אַף דער שול־באַנק, און אין קאָמיוג: זיך ניט אױסבאַהאַלטן פאַר קײן שװע־ריקײטן, זײַן דאָרט, װוּ ס'איז צום געפערלעכסטן.

— און צי האָט מען אײַך ניט געלערנט כױץ דעם... דיסציפּלין? צי דאַרף מען זיך סאָפּקאָלסאָף אונטערװאַרפן עלטערע כאַװײרים, אָדער ניט? — האָט זאַלקינד אַ פרעג געטאָן האַרב. — צי האָט מען אײַך ניט געלערנט, אַז מע טאָר זיך ניט אָפּזונדערן פונעם קאָלעקטיװ? אױב מע האָט אײַך ניט געלערנט, װעט איר אױך אַפן פראָנט כקירען: „דאָס באַטײליקט זיך אין דער מילכאָמע, און דאָס באַטײליקט זיך ניט, דאָס איז װיכטיק, דאָס פּאַסט מיר יאָ, און דאָס פּאַסט מיר ניט". אָדער עפּ־שער זײַנען מיר ניט פאַר אײַך קײן עלטערע כאַװײרים? בערידזע האָט מיר געזאָגט, אַז דער פראָנט זאָל אײַך האָבן פאַרהאַרטעװעט. כ'בין זיך ערלעך מױדע — כ'באַמערק עס ניט. איך אײצע אײַך גוט אַרומצוטראַכטן, װאָס מיר האָבן גערעדט...

זאַלקינד האָט צוריקגעגעבן בערידזען דאָס מעסער און זיך אױפגעשטעלט. אױך דער הױפּט־אינזשעניער האָט זיך אױפגעשטעלט. אַלעק־סײ האָט זיך אָנגעלענט מיטן רוקן אין דער װאַנט, זײ אַדורכצולאָזן. פאַר־בײַגײענדיק, האָט אים זאַלקינד אַ דריק געטאָן מיט דער פּלײצע און זיך צעלאַכט:

— מיר האָבן צוגעשפּאַרט דעם באָכער צו דער וואַנט אין פיזישן און גײַסטיקן זין!

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר, עלטערע כאַווײרים — האָט אַלעקסיי געפרעגט.

— וואָס מיר פאַרלאַנגען פון אים, געאָרגי דאַווידאָוויטש? זאָג אים.

— מיר פאַרלאַנגען פון דיר, טײַערער, דו זאָלסט אויפהערן טראַכטן וועגן צוריקפאָרן. איך שטעל דאָך זייער אַ סאַך אַף דײַן הילף, שוין צײַט אַרײַנצוקריכן אין דער אַרבעט ביז איבער די אויערן. און נאָך עפּעס דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט. דײַן צוריקפאָרן וועט שלעכט ווירקן אַף די פאַרוואַלטונג־מיטאַרבעטער. אָן דעם איז אויך אומרויִק. מיט באַטמאַנאָוון וועל איך דערליידיקן: כ׳וועל אָפּנעמען בײַ אים דעם ראַפּאָרט, און דו וועסט ניט דאַרפן אים געבן קיין דערקלערונגען...

אַלעקסיי האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַף די שפּעטע געסט:

— מע דאַרף ניט אָפּנעמען דעם ראַפּאָרט, איך האָב ניט מוירע פאַר קיין דערקלערונגען. אויב ס׳איז נייטיק, וועל איך אַליין איבער־שמועסן מיטן נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

— דאָס איז נוצלעך, — האָט זאַלקינד אַ שמייכל געטאָן, זיך פאַר־שטעלנדיק מאַשמאָעס דעם פאַרשטייענדיקן שמועס און, אַ קוועטש טוענ־דיק אַלעקסייען מיט אַ פינגער אין בויך, איז ער אַרויסגעגאַנגען. בערידזע איז נאָך געשטאַנען אַ מינוט און אים נאָכגעגאַנגען.

אונטער דעם יאָמערדיקן קוויטש און דעם קרעכצן פון דער צירקל־זעג האָט זיך אַלעקסיי גענומען אײַנמאָסטיען אַף זײַן האַרט געלעגער.

קאַפּיטל פיר

אַלע ווילן אַוועקפאָרן

אין אַ זוניקן, זויבערן און פרישן טאָג, וואָס דער וועטער מיזרעך פאַרמאָגט אַזעלכע אַ סאַך אום האַרבסט, זײַנען בערידזע און קאָװשאָװ צום ערשטן מאָל געפלויגן מיט אַן אַעראָפּלאַן איבער דער טראַסע. זי האָט זיך געצויגן פאַזע דעם רעכטן ברעג פון טײַך און בלויז אין אייניקע ערטער אַ ביסל אָפּגעשטאַנען פון אים.

פון דער הייך האָט דער אַדון נאָך מער איבערראַשט מיט זײַן ראַכ־ווּעסדיקן פונאַנדערגאַס. דער אומאויפהערלעכער וואַסערשטראָם, וואָס האָט זיך אויפגעדעקט פאַרן בליק אַף דער ערד, איז זיך פונאַנדערגעפאַלן, ווען מ׳האָט געקוקט אַף אים פון דער הייך: דער טײַך האָט זיך פאַר־טאָפּלט, פאַרדרײַפאַכט און זיך פאַרמערט אין אַן אַ שיר אויסגוסן, בײַ־שטראָמען און צופלוסן. זיי האָבן געגלאַנצט, געשימערט און געפינקלט קעגן דער זון.

אַף ביידע זײַטן טײַך, ווי ווײַט דאָס אויג האָט דערגרייכט, האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט די טײַגע — אַן אומגעהײַערע אָנהויפונג פון גע־וויקסן. אין אירע גרענעצלאָזע וואַלד־געדיכטענישן זײַנען געוואָקסן אין דער נאָענטסטער שכיינעשאַפט די שטרענגע צאָפן־אײַנוווינער — דער „בלעטער־בוים״ און די שוואַרצע יאָגדע — מיט די צערטלעכע קינדער פון דאָרעם — דעם סאַמעט־בוים און די ווײַנטרויבן, און דער באַלעבאָס פון די טראָפּישע דזשונגלעס — דער טיגער האָט זיך געיאָגט נאָכן צאָפן־הירש.

מע האָט געקענט דוכטן, אַז קיין מענטשלעכער פוס האָט נאָך ניט געטראָטן איבער די דאָזיקע ווילדע מעקוימעס. נאָר אָט האָט זיך פּלוצים באַוויזן דער ערשטער יישעוו מיט אַ פּינקטלעכער ליניע פון הײַזלעך און מיט אַ פרישער געלקייט פון פאַרזייטע פעלדער. אינגיכן האָבן זיך די

ישוווים — די באַוווינטע און אַפן אַנבליק פריילעכע מענטשן־נעסטן באַם טײַך — אַלץ אַפטערע אַנגעהויבן פאַרבײַצוטראָגן אונטערן פליגל פונעם אַעראָפּלאַן.

דער אַדון האָט צוויי מאָל איבערגעשניטן די טראַסע — הינטער נאָווינסק און באַ דער קליינער שטאָט אַלגאַכטע, וואָס שטייט אויך באַם טײַך. אַ ביסל נידעריקער פון דעם דאָזיקן אָרט האָבן זיך דער טײַך און די טראַסע צעשיידט: דער אַדון איז זיך שטאָלץ אַוועקגעגאַנגען אַף רעכטס, די טראַסע האָט זיך אַוועקגעקערט אַף לינקס, אַף צאָפן. זי האָט זיך דערנענטערט צום יאַם, געצויגן זיך מיטן ברעג ביז צום קאַפּ טשאַנגר. דאָ — אַפן סאַמע שמאָלסטן אָרט — האָט די נאַפטלייטונג באַדאַרפט דורכשנײַדן דעם ברויזנדיקן צוועלפקילאָמעטערדיקן דזשאַגדינסקער דורכגוס און אַפן קאַפּ גיבעלני זיך אַרויסבאַקומען אַפן אינדזל טײַסין. די נאַפטגרובנס האָבן זיך געפונען אַף די צאָפנדיקע ראַנדן פונעם אינדזל, אינעם ראַיאָן פון דער שטאָט קאָנטשעלאַן — צו אים טאָקע האָבן די בוי־אַרבעטער געדאַרפט דורכלייגן די נאַפטלייטונג.

געאָרגי דאַווידאָוויטש איז צופרידן געבליבן מיט דער אינספּעקציע. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער דורכגעמאַרשירט די ברעגעס פון דעם אַדון מיט אַ גרופּע געאָלאָגן — און הײַנט פון דער הייך פון אַ פויגל־פלי דערקענט די באַקענטע מעקוימעס. עס זײַנען באַ אים געבוירן געוואָרן געוויסע געדאַנקען, ער האָט זיי נאָך ניט אַרויסגעזאָגט, נאָר פילבאַדײַטעוודיק געדראָט אַרויסצוגיין אין אָנגריף קעגן גרובסקין.

אַרויסקריכנדיק פונעם אַעראָפּלאַן, וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן קליינעם אַעראָדראָם הינטערן בערעזע־וועלדל, ניט ווײַט פון דער פאַרוואַלטונג, האָט זיך דער הויפּט־אינזשעניער געטאָן אַ וואָרף אין קאַבינעט אַרײַן און, ווי סע רעדט זיך, גלײַך פון וועג זיך אונטערגעטונקען אין די בלויע טהוימעס פון די צייכענונגען, ברומענדיק אונטער דער נאָז מאַיאַקאָווסקיס פערזן — ער האָט זיי ליב געהאַט און אַ סאַך פאַרגעדענקט:

נאָר ס'ווײַזט זיך אַרויס גאָר:
איידער מע נעמט זיך צום זינגען,
גייט מען אַרום און מע מאַטערט זיך לאַנג מיט דער יוירונג...

אַף אַלעקסייען האָט דער פלי איבער דער טראַסע געמאַכט אַ דערדריקנדיקן אײַנדרוק. ער איז ניט אויפמערקזאַם געווען אַף דער פרעכטיקער טראַכט פון דער האַרבסט־שיינקייט, ס'איז אים ניט געווען צום געמיט צו שעפּן פון איר נאַכעס. דער אינזשעניער האָט פלײַסיק באַטראַכט די לעבן־סימאָנים פון דער בויונג. ליידער, זי האָט זיך קוים־קוים געלאָזט באַמערקן: מיט אַ שרינט אין דער טײַגע, וואָס איז דורכגעהאַקט ווײַט ניט אומעטום, מיט אַ דורכגעלייגטן וועג ערגעץ, וואָס טוישט זיך ווידער מיט צענדליקער קילאָמעטערס אומוועג, מיט בײַדלעך אָדער געבײַדעס

פון פריש געהילץ אַף די באַצירקן. די טראַסע, ווי אַ גאַנצע, האָט עקזיס־טירט בלויז אין דער פאַנטאַזיע פון די פּאַרשער־פּראָיעקטירער, אין זייע־רע צייכענונגען און אויסרעכענונגען.

אַלעקסיי האָט מיט שרעק געזאָגט צום הויפּט־אינזשעניער:

— ס'איז דאָך גאָרנישט ניטאָ אַף דער טראַסע, אַ הוילער פּלאַץ קימאַט!

בערידזע, האָגאָם ער איז געווען מוטיק געשטימט, האָט אים ניט געקענט באַרויִקן:

— דער מאַצעוו איז ערגער, ווי דו טראַכסט, אַליאָשע, — האָט ער געזאָגט, באַוועַזנדיק דורך אַ שמייכל די ווײַסע ציין אין דער ראָם פון די שוואַרצע וואָנסן און באָרד. — לויט מיר נאָך האָבן מיר ביכלאַל קיין טראַסע ניט. מע וועט דאַרפן זוכן אַ נײַע. עס קומט אויס, אַז מיר, איך און דו, האָבן הײַנט באַטראַכט פון דער הייך אָן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט.

נאָך דעם פאַרגעדענקלעכן שמועס מיט זאַלקינדן אין דער צוזאַמענ־וווּינונג האָט אַלעקסיי אַלץ נאָך אָפּגעוואַרט באַטמאַנאָווס ענטפער אַף זײַן ראַפּאָרט, ער האָט אָבער אויפגעהערט צו האָפן אַף אַרויסצופאָרן. די זאָרגן וועגן דער בויונג האָבן אים אַלץ מער און מער אַרומגעקלאַמערט. עס האָט אים געכידעשט די רויִקייט פון באַטמאַנאָוון און בערידזען.

— ווי לאַנג וועט זיך באַטמאַנאָוו באַשעפטיקן מיטן איבערנעמען די בויונג? — האָט זיך געקאַכט אַלעקסיי. — ער איז פּאַמעלעכדיק, אײַער פאַרליבטער נאַטשאַלניק. אין דער פאַרוואַלטונג האָט זיך אַלץ אויסגעמישט — סײַ די פערד, סײַ די מענטשן. מע קען צו קיין טאָלק ניט דערגיין. די פריִערדיקע נאַטשאַלסטווע פאָרט עפּעס ניט אַרויס, מישט זיך אין אַלץ אַרײַן. די נײַע נאַטשאַלסטווע קוקט זיך צו צו אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום, וואַרט עפּעס אָפּ און נעמט ניט איבער די מאַכט.

בערידזען און קאָושאָוון האָט געביסן אַקטיוו זיך אַרײַנצומישן אין די איניאַנים. די אַרבעט איבערן פּראָיעקט האָט געפּאָדערט צו באַזײַטיקן גרובסקין, צו רעאָרגאַניזירן דעם אַדמיניסטראַציע־אַפּאַראַט, איבערצוגרו־פּירן די מענטשן.

באַטמאַנאָוו האָט אָפּגעקילט די אינזשעניערן:

— אײַלט זיך ניט, לאָזט מיך קוידעם איבערנעמען דאָס באַלעבאַ־טישקייט.

אַרויסצופאָרן איבער דער טראַסע האָט ער זיי ניט דערלויבט, איז אַפילע אין קאַס געוואָרן:

— מיט וואָס וועט איר זיך באַוועַזן אַף דער טראַסע, כאַווײרים אינזשעניערן? איר זענט דאָרט זייער נייטיק מיט לערע קעפּ און הוילע הענט! אַף יעדן באַצירק וועט מען אײַך באַוואַרפן מיט טויזנט פראַגעס, און איר וועט ניט אימשטאַנד זײַן צו פאַרענטפערן. די סאַמע העכסטע

בילדונג וועט איַך ניט העלפן, איר זענט נאָך ניט פעיִק צו געבן פאַר־אָרדענונגען — איר זענט ניט גרייט. איר וועט אומבאַדינגט אָנהייבן צו פלאָנטערן, און ס׳איז אַזוי אויך אַ גענוגער פלאָנטער. איך וועל איַיך לאָזן אַף דער טראַסע, און אַליין אַהין פאָרן נאָר נאָך אַ גרינטלעכער צו־גרייטונג. פאַרשטייט: דאָס סאַמע איקערדיקסטע אין דער ערשטער, אָר־גאַניזאַציאָנעלער סטאַדיע פון יעדער מין בויונג איז — די אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג, פון שטאַב.

דאָס איינציקע, אין וועלכן באַטמאַנאַוו האָט זיך אַנטשיידן און טייקעף אַרײַנגעמישט, איז געווען דאָס אויסלאָדן די מאַטעריאַלן, די אויסשטאַטונג, די לעבנסמיטל און דאָס צושטעלן זיי דורכן וואַסער אַפּן אינדזל און אַנדערע ווײַטע בויונגס־פונקטן. צו די בוכטעס פונעם אינדזל און די האַפּנס פון די טײַגעשע קאָנטינענט־באַצירקן זײַנען ניט געווען קיין אַנדערע צוגענג, אויסער דורכן וואַסער. עס האָט זיך געפאָדערט אַרויפ־צופירן אַף דער טראַסע וואָס מער לאַדונג אין מעשעך פון ווייניק טעג, איידער עס שטעלט זיך דאָס איַיז אַפּן אַדון, קעדיי שפּעטער זיך צו מאַ־טערן וואָס ווייניקער מיטן איבערפירן זי איבערן ווינטער־וועג. און באַט־מאַנאַוו האָט אַ דריק געטאָן סידאָרענקאָן, דעם פריִערדיקן נאַטשאַלניק פון דער בויונג, און אים געצוווּנגען צו פאָרן עטלעכע מאָל אין טאָג צום האַפּן, ווו מ׳האָט אָנגעלאָדעוועט די באַרזשעס און די דאַמפּערס, צו זיד־לען דורכן טעלעפאָן די פאַרוואַלטונג פון דער טײַך־קאָמוניקאַציע, צו שיקן צענדליקער טעלעגראַמעס אין געגנט־צענטער — די שטאָט רובע־זשאַנסק און קאָנטשעלאַן — אַ שטאָט אַף טײַסין.

אין די אַנדערע איניאַנים האָט באַטמאַנאַוו קימאַט ווי בעפּירעש אַרויסגעוויזן אַ פּאַמעלעכדיקייט. בערידזע האָט זי באַרעכטיקט און אָן טײַנעס אויסגעפאָלגט זײַנע פאַראָרדענונגען. אַלעקסייען האָט פאַרכידעשט אַזאַ־אַ האַכנאָעדיקייט, וואָס איז דעם הויפּט־אינזשעניער ניט אייגן געווען.

— דו אורטיילסט לויט די ערשטע איַינדרוקן, און איך קען אים שוין פון לאַנג, — האָט בערידזע ווייך געערדט. — איך בין געוווינט זיך אים אונטערצואָרדענען אַף אַ האַלב וואָרט, דערפאַר וואָס איך האָב צו אים צוטרוי, און ער האָט זיך קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן נידעריקער פון מײַן צוטרוי... דו קוק זיך צו אים צו אַ ביסל בעסער, וועסטו אויך אויפהערן צו וואָרטשען: ער איז אַ מאַן פון סיסטעם און האַנדלט שטענ־דיק מיט אַ טאַלק. מעגלעך, אַז צומאָל איז אָנגענעמער, ווען דער נאַטשאַל־ניק לויפט אַרום פאַרשמײַעט און געוואַלדעוועט אַף אַ קאָל, מיט אַרויס־געקראָכענע אויגן, אָפּגעבנדיק באַפעלן אַף רעכטס און אַף לינקס. באַט־מאַנאַוו איז אַן ערנסטער מענטש, און ער אָנערקענט ניט אַזעלכע שייך־און קלאַנג־עפעקטן.

בערידזע איז גערעכט געווען. דער צענטער האָט זיך אַרײַנגעמישט אין דעם מאַצעוו פון די איניאַנים אַף דער בויונג, געגעבן אַ נײַע איַינ־

שטעלונג און געטוישט די פירערשאַפט. דאָס איבעריקע האָבן געדאַרפט טאָן די נײַע באַלעבאַטים. און באַטמאַנאָוו האָט טיכטיק פאַרשטאַנען זײַן ערשטע אויפגאַבע: זי איז באַשטאַנען אין איבערבאַוואָפּענען די מענטשן, אין דעם צוגרייטן זיי צו גרויסע שווערע אַרבעטן. מע האָט ניט געטאָרט קיין טראַכט טאָן אַפילע וועגן אַ פולשטענדיקן פאַרטוישן דעם אַלטן קאָלעקטיוו אַף אַ נײַעם — ווער וואָלט עס געשיקט אַהער אַזויפיל נײַע מענטשן צום פאַרטוישן? עס איז פאַרבליבן איין מעגלעכקייט: שאַפן אַ נײַעם קאָלעקטיוו פון דעם אַלטן. דאָס איז געווען אַן אַ שיר קאָמפּלי־צירטער, איידער אָנצוהייבן אַלץ פונדאָסנײַ. באַטמאַנאָוו האָט געדאַרפט שנעל זיך פונאַנדערקלײַבן אין די מענטשן און באַשליסן זייער גורל.

די קראַנקייט פון דעם קאָלעקטיוו איז באַשטאַנען אין זײַן ניט־צור־געפאַסטקייט צו די באַדינגונגען פון דער מילכאָמע. די מענטשן האָבן געוווסט: ערגעץ־ווו, זייער ווײַט פון זיי, קומט פאָר אַ מילכאָמע. זיי האָבן געוווסט אין נאָמען פון וואָס זי קומט פאָר, זיך באַומרויִקט און אויפגע־רעגט, גיריק געהערט דעם ראַדיאָ, זיך פאַרזאַמלט באַ דער מאַפּע און געשמועסט וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געלייענט און געהערט. נאָר דעם סאַמע איקער האָבן זיי ניט געוווסט: וואָס פאַר אַ פּלאַץ עס דאַרף פאַר־נעמען יעדערער פון זיי אין דער מילכאָמע.

דאָס לעבן אַף דער בויונג איז ווײַטער געגאַנגען ווי פרידנס־צײַט און לויט אירע נאָרמעס. די פריִערדיקע אָנפירער פון דער בויונג האָבן ניט געקענט גיין פאָרויס און פירן די מענטשן נאָך זיך. די אויפגאַבע — אַף צוויי מאָל פאַרשנעלערן דעם אויפבוי פון דער נאַפּטלייטונג — איז גע־ווען זייער ערשטער פרווו, האָבן זיי זיך אים אָקעגנגעשטעלט. דער פּראָיעקט פון פרידנס־צײַט, אויסגערעכנט אַף דרײַ יאָר, איז אויך אַף ווײַטער פאַרבליבן ווי אַ געזעץ פאַר דער בויונג. עס האָט זיך זיי גע־דאַכט פאַר אוממעגלעך צו ענדערן אים, ווײַל ס'האָט געדויערט גאַנצע יאָרן אים צוזאַמענצושטעלן: אַף אויסצואַרבעטן אַ נײַעם פּראָיעקט וואָלט צומווייניקסטנס אָוועקגעגאַנגען אַ יאָר.

און דער איקער — די פריִערדיקע פירער האָבן ניט געגלויבט, אַז די בויונג, וואָס איז אַזוי ווײַט פון פראָנט און אויסגערעכנט אַף אַ לאַנגן טערמין, קען נייטיק זײַן דער מעלוכע באַלד. זיי האָבן דערוואַרט: אַט וועט זיך מאָסקווע אַ נעם טאָן אויך צו זיי, אַראָפּנעמען פון דער נאַפּט־לייטונג און צוטיילן צו אַ בעעמעס וויכטיקער אַרבעט פאַר דער מילכאָמע.

דאָס באַשטימען אַ נײַע אָנפירונג האָט אַרײַנגעבראַכט אַ צעמישונג. די מענטשן האָבן זיך אומבאַהאָלפן געטוליעט צו דער פריִערדיקער נאַ־טשאַלסטווע, און פיל האָבן אָפן אויסגעדריקט אומפרײַנטלעכקייט צו די געקומענע. אַנטרעפנדיק קעסיידער אַף מעניִעס, האָט זיך קאָוושאָוו גע־קאַכט:

— אַף וואָס וואַרט ער, דער נאַטשאַלניק! מע דאַרף זי וואָס שנע־

לער צעטרײַבן, די קאָמפּאַניע! זיי זײַנען דאָ פֿאַרשימלט געוואָרן. אַזעלכע מיטאַרבעטער זײַנען אַזויפֿיל ווערט, ווי אונדזערע פֿאַרבינדעטע אַף מײַרעוו!

— קאָך זיך ניט, אַליאָשע, — האָט אים בערידזע אײַנגעשטילט, — אײַל זיך ניט. וווהין יאָגסטו זיך? עס וועט קלעקן צײַט און ס'וועט נאָך איבערבלײַבן, וועסט זען! די פֿאַרשימלטע לאָז איבער אַף וואַסילי מאַקסימאָוויטשן און זאַלקינדן.

די מיטאַרבעטער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג האָבן זיך געהאַלטן פֿאַרשיידן. דער נאַטשאַלניק פֿון דער פּלאַנירונג־אָפּטיילונג, גרעטשקין, האָט ניט געוואַרט, מע זאָל אים אַרויסרופֿן, און איז אַליין געקומען צו באַטמאַנאָוון. ער האָט זיך אײַנקורצן פֿאָרגעשטעלט, אויפֿגעעפֿנט אַ טעקע און גענומען ראַפּאָרטירן זאַכלעך וועגן דעם מאַצעוו פֿון די אַרבעטן אַף דער בויונג. באַטמאַנאָוו ווידער האָט אויפֿגענומען דעם באַריכט אַזוי, ווי ער וואָלט שוין אַ סאַך מאָל געהערט גרעטשקינען.

— פֿאַר דער לעצטער צײַט איז בײַ אונדז קיין צוווּקס פֿון צוריקגעקערטן קאַפּיטאַל קימאַט ווי ניטאָ, — האָט גרעטשקין פֿאַרענדיקט, טײַטלענדיק מיט דער בלײַפֿעדער אַף די באַריכטן, וואָס זײַנען געלעגן פֿאַר באַטמאַנאָוון. — אין אַזעלכע פֿאַלן מאַכן מיר, עקאָנאָמיסטן, דעם אויספֿיר, אַז די אָרגאַניזאַציע האָט באַנקראָטירט. מענטשן באַקומען געלט, עסן, טרינקען, טוען עפּעס, רודערן, נאָר קיין טאָלק איז ניטאָ. די בויונג איז אַרײַן אין אַ טעמפּן ווינקל.

— אײַערע אָנגאַבן זײַנען פֿרישע? — האָט באַטמאַנאָוו געפֿרעגט, איבערקוקנדיק די באַריכטן.

— ערלעך גערעדט, זײַנען די אָנגאַבן שוין פֿאַרעלטערטע, מיט אַ באָרד. איך דערהאַלט זיי דורך פּאָסט. מע שטעלט זיי צו ווי עס לאָזט זיך, אַפֿילע מיט הינט. איך וויל טאַקע גלײַך אָפּן אָרט אַרויס מיט אַ טײַנע. ס'איז ניט מעגלעך אויסצוקומען אָן קיין דראָט־פֿאַרבינדונג! דער הויפּט־אינזשעניר, דער פֿריִערדיקער, האָט עפּעס געהאַלטן, אַז דער טעלעפֿאָן איז נייטיק בלויז מיר אַליין, צו באַקומען באַריכטן פֿון דער טראַסע. ער גופֿע האָט זיך אויסגעקליגלט צו באַגיין ביכלאַל אָן אַ פֿאַרבינדונג.

באַטמאַנאָוו האָט אַ פֿרעג געטאָן, זיך אָנשטויסנדיק פֿאָרויס וועגן דעו כאַראַקטער פֿונעם ענטפֿער:

— איר קלײַבט זיך אויך, וואָרשײַנלעך, אַוועקצופֿאָרן פֿונדאַנען?

— אויב איר וועט אַרויסטרײַבן, וועל איך אַוועקפֿאָרן, — האָט גרעטשקין געענטפֿערט, זיך ניט פֿאַרטראַכטנדיק.

דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג האָט אים באַטראַכט מיט פֿאַראינטערעסירונג. בײַ מענטשן, וואָס האָבן אים ניט געקענט, האָט גרעטשקין אַרויסגערופֿן אַ שמייכל. זײַן קליינער וווּקס מיט די קורצע דיקע פֿיס האָבן זיך שלעכט געפּאָרט מיטן היפּשן גוף און גרויסן קאָפּ. דאָס אַ ביסל אָנ־

געבלאָזענע פּאָנעם מיט דער גוליע אַף דער גאָמבע זײַנען געווען מיזעס. גערעדט האָט גרעטשקין פּילבאַדײַטעוודיק, אַפן שטייגער ווי מע רעדט אין דער וואָלגע־געגנט און ברייט צעעפענענדיק די גרין־געלע קעצישע אויגן.

— איר האָט קינדער? — האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט.

— פיר.

— ווען האָט איר דאָס באַוויזן? איר זענט דאָך קוים עלטער פון דרײַסיק יאָר.

— פינף און דרײַסיק. איך קען זיך ניט, כאַווער נאַטשאַלניק, אָפּזאָגן פון קינדער. זיי קומען איינס נאָכס אַנדערע, און וואָס טוט מען מיט זיי?

— הייסט עס, אַז צוליב די קינדער ווילט איר ניט אַוועקפאָרן, — האָט באַטמאַנאָוו באַשלאָסן. זײַנע ווערטער האָבן געקלונגען ווי אַ פאַר־וואורף.

— ס׳איז גאָר קיין כידעש ניט. קינדער זײַנען ניט קיין קעצלעך, — האָט גרעטשקין געזאָגט אַ ביסל באַליידיקט. — ס׳איז ניט לײַכט מיט זיי צו פאָרן פון איין עק אַפן צווייטן. איינס איז מיר אַזוי פאַרלוירן געגאַנגען אין וועג: האָט זיך פאַרקילט, קראַנק געוואָרן — און געשטאָרבן. נאָר אויב ס׳וועט נייטיק זײַן — וועל איך זיך ניט שרעקן צו פאָרן מיט דער גאַנצער פאַמיליע. מײַנע קינדער זײַנען פעסטינקע, און ליזאַטשקע, מײַן ווײַב, איז געוווינט צו מאַכן רײַזעס. ס׳איז פאַשעט ניט אַנגענעם אַוועק־צופאָרן פון דאַנען מיט גאָרניט. ס׳איז מיר זײַט איך לעב ניט אויסגעקומען אַוועקצוּוואַרפן אַ ניט־פאַרענדיקטע בויונג. איך האָב געאַרבעט אַפן ווײַטן מיזרעך אַף צוויי בויונגען, און פאַרביידע געקריגן פון דער רעגי־רונג אַ דאַנק. — ער האָט מיט אַנגעזשמורעטע אויגן אַ קוק געטאָן אַף באַטמאַנאָוון און נאָך געפרעגט: נו, און איצטער וועלן אונדזערע איניזאַ־נים אַוועק אָדער ניין?

— איך מיין, זיי וועלן אַוועק, — האָט באַטמאַנאָוו אַ שמייכל געטאָן. — אויסצייכענונגען האָט איר?

— צוויי מעדאַלן — „פאַר אויסגעצייכנטער אַרבעט״ און „פאַר אַר־בעטס־העלדישקייט״.

וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיך פאַרגעשטעלט די מעדאַלן אַף גרעטשקינס ראַכוועסדיקער ברוסט און נאָכאַמאָל אַ שמייכל געטאָן.

— לאָמיר זיך אָפריידן מיט אײַך אַזוי, — האָט זיך באַטמאַנאָוו אויפגעשטעלט. — איר וועט מיך באַקענען מיט די אַרבעטער פון אײַער אָפּטיילונג: כ׳וויל זען, וואָס פאַר אַ מענטשן דאָס זײַנען. מיט אַ ראַפּאָרט וועגן דעם גאַנג פון דער אַרבעט וועט איר קומען יעדן טאָג אַפן פרימאָרגן. אַרבעט איבער די דאָזיקע לײַלעכער, דאָ זײַנען פאַראַן דרײַ פּוד ציפערן.

— באַטמאַנאָוו האָט אויפגעהויבן אַ פּעקל טאַבעלעס מיט די אָנגאַבן, ווי אויסצופירן דעם פּלאַן.

— מע דאַרף זיי פֿאַראייפֿאַכערן, מאַכן זיי לאַקאָנישער און פֿאַר־שטענדלעכער. פֿאַרטראַכט זיך איבער אײַערע טעגלעכע אינפֿאָרמאַציעס: זיי האָבן ניט קיין זאַכלעכן אַנאַליז, און זיי דאַרפֿן אים יאָ האָבן. שפּע־טערצו וועלן מיר אָרגאַניזירן אַ פֿאַרבינדונגס־אַמט. איך מיין, אַז ער וועט זײַן אין אײַערע הענט. איך טראַכט ביכלאַל ווי אויסצובברייטערן דעם קרײַז פֿון די פֿליכטן פֿון דער אָפּטיילונג. פֿאַרשטענדלעך, מיר וועלן קומען דערצו ביסלעכווײַז... דערווײַל — איר זענט פֿולשטענדיק גערעכט — איז דאָס סאַמע אומאָנגענעמלעכסטע, וואָס ס'איז קיין פֿאַרבינדונג ניטאָ. מע דאַרף זי האָבן אין לעבן אַרײַן. אָן איר זײַנען מיר בלינד און טויב. איך בין געוווינט, אַז באַ מיר דאָ — ער האָט הילכיק אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער דלאָניע אָפּן טיש־גלאָז — זאָל שטיין אַ סעלעקטאָרישער טע־לעפֿאָן־אַפּאַראַט. איך מוז די גאַנצע צײַט הערן די טראַסע און האָבן די מעגלעכקייט צו ריידן מיט איר יעדע מינוט.

וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום געזע־גענען, דער פּלאַנען־צייכנער האָט זי אויפֿגעהײַטערט אַ כאַפּ געטאָן. דער האַנטדרוק האָט ווי פֿאַרפֿעסטיקט זייער פֿאַרשטענדיקונג וועגן מיטאַרבעט.

אין וואַרט־צימער פֿון דעם נאַטשאַלניק זײַנען געזעסן די מיטאַרבע־טער, וואָס זײַנען אַרויסגערופֿן געוואָרן צו באַטמאַנאָוון. אויסבאַהאַלטנדיק אונטער שפּאַסערײַען זייער צעמישונג און אומזיכערקייט, האָבן זיי גע־כאַפּט אַלעמאָל אַ קוק אַף דער טיר פֿון קאַבינעט, וועלכע איז געבויט געוואָרן לויטן אויסזען פֿון אַ שאַפֿע.

— נו, וואָס? — האָט איינער אַ פֿרעג געטאָן גרעטשקינען, ווען ער האָט זיך באַוויזן. — פֿאַרוואָס שוויצטו אַזוי? ס'איז הייס געווען?

גרעטשקין האָט כוויזעקלעך אַף זיי אַ קוק געטאָן, אַרויסגעקערט די אויגן און געהיים אַ שעפּטשע געטאָן:

— פֿאַר מיר איז דאָס גאָרניט, איך שוויץ פֿון פֿאַרגעניגן וועגן. אײַך אָבער וועט קאַלט ווערן. איר וועט אײַנפֿרירן. מיט אײַך איז ביטער דער אייסעק. דער אייבערשטער האָט אונדז געשענקט אַ נאַטשאַלניק — אַ ראַ־זיר־מעסער! ער זייפֿט אַליין אָן, און אַליין ראַזירט ער...

מער האָט ער גאָרניט צוגעגעבן און, אויסבאַהאַלטנדיק אַ שמייכל, קרומפּיסיק אַוועקגעשפּאַנט מיט זײַנע גרויסע אומגעלומפּערטע שטיוול.

באַטמאַנאָוו און זאַלקינד האָבן צוזאַמען אַרויסגערופֿן די נאַטשאַל־ניקעס פֿון די אָפּטיילן מיט אַלע זייערע מענטשן. אין אָנהייב האָבן די נאַטשאַלניקעס פֿון די אָפּטיילן ראַפּאָרטירט וועגן דער אַרבעט פֿונעם קאָ־לעקטיוו, דערנאָך האָט יעדער פֿון די מיטאַרבעטער דערציילט וועגן זײַן אַרבעט. מ'האָט זיי געשטעלט פֿראַגן, וועלכע האָבן זיי אויסגעדוכט צו זײַן מאָדנע און ניט־דעליקאַטע   די דאָזיקע פֿראַגן האָבן אַרויסגערופֿן אַ שמייכל אָדער פֿאַרב אַף די באַקן.

בערידזע, וועלכער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צום נאַטשאַלניק פֿון דער

בויונג, האָט לאַכנדיק איבערגעגעבן קאָוושאָוון דעם אינהאַלט פון באַט־מאַנאָווס אַ געשפּרעך מיט איינעם פון די נאַטשאַלניקעס פון אַן אָפּטייל:

— אַ כוצפּעדיקער פאַרשוין, אַן אַנגעבלאָזענער, ווי אַ קויל, פון צו־פיל פאַרזענלעכן שטאָלץ. אין מעשעך פון דרײַ מינוט האָט ער זיך אײַנ־געשרומפּן צו זײַן נאָרמאַלער גרייס. וואָסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיך דערוווּסט, אַז לויט זײַן ספּעציאַליטעט איז ער אַ שאָפער, און האָט גע־זאָגט: „איך האָב נאָך ניט איבערגענומען אַלע איניאַנים, אָבער ווי נאָר איך וועל זיי איבערנעמען, וועל איך גלײַך אײַנשטעלן יוישערדיקייט: כ'וועל אײַך געבן אַ מאַשין און אַרויסשיקן אױף דער טראַסע. אַ שלעכטער נאַטשאַלניק קען יעדער זײַן, אָבער אַ גוטן שאָפער מוז מען זוכן. דערווײַל נעמט אַרויס פון באַהעלטעניש אײַער פאַר־רעכט־לעגיטימאַציע און מאַכט זיך גרייט אַרויסצופאָרן".

געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט זיך דערמאָנט:

— יאָ, ער האָט געהייסן דיך שיקן. גיי צו אים, אַלעקסיי.

קאָוושאָוו האָט בעייסן אַראָפּגיין מיט די שטיגן פון דריטן עטאַזש אױפן צווייטן, צוגעטראַכט די רעדע צו פאַרטיידיקן זײַן ראַפּאָרט. אָבער צום פאַרטיידיקן דעם ראַפּאָרט איז עס פונדעסטוועגן ניט דערגאַנגען. באַטמאַנאָוו האָט טרוקן געענטפערט אױף זײַן באַגריסונג און געזאָגט:

— מיר, איך און כאַוור זאַלקינד, באַקענען זיך מיט די מענטשן. זיצט, הערט זיך אײַן.

דער נאַטשאַלניק איז געשטאַנען באַ דער באַלקאָן־טיר, אין דעם שטראָם זונשײַן, וואָס האָט אַרײַנגעפּלייצט אין קאַבינעט דורכן גלאָז פון דער טיר און דורך אַלע פיר פענצטער פון דעם גרויסן קאַבינעט. זאַלקינד איז געזעסן הינטער אַ לאַנגן טיש פאַר זיצונגען, וועלכער איז געווען צוגעשטעלט צו אַ שרײַב־טיש. ער האָט שווײַגנדיק אַנגעוויזן אַלעקסייען אַן אָרט לעבן זיך.

— רופט אַרײַן דעם ווײַטערדיקן, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט צום סעקרעטאַר.

ס'איז אַרײַנגעקומען אַ הויכער מענטש מיט אַ מאָגער פּאָנעם.

— אינזשעניער פילימאָנאָוו, — האָט ער קאַרג אַ ברום געטאָן.

— אין וועלכן אָפּטייל אַרבעט איר? פאַרוואָס זענט איר געקומען אַליין? ווו זײַנען די איבעריקע מיטאַרבעטער? — האָט באַטמאַנאָוו גע־פרעגט.

— איך בין אין קיין אָפּטייל ניט, כ'אַרבעט אַליין. מײַן אַמט ווערט אָנגערופן — אינזשעניר פון טראַנספּאָרט. איך בין אונטערגעאָרדנט די־רעקט דעם הויפּט־אינזשעניער.

פילימאָנאָוו האָט געענטפערט בעפּיירעש ניט גערן.

— ווען האָט איר געענדיקט דעם אינסטיטוט?

— אין אַכטאונדרײַסיקסטן יאָר.

— גלײַך פון אינסטיטוט אַפן װײַטן מיזרעך?

— יאָ, איך האָב געאַרבעט אַף דער בױונג פון װעגן װי אַן אינזשעניער־מעכאַניק.

— פון װאַנען שטאַמט איר?

— פון דאָנעצער געביט. — פילימאָנאָװ האָט אַ שמייכל געטאָן: די אַלע אָנגאַבן זײַנען פאַראַן אין די אַקטן פון דעם קאַדרען־אָפּטייל.

— אײַך איז שװער צו ענטפערן? — האָט װײַטער זיך אָפּגערופן װאַסילי מאַקסימאָװיטש. — ביז איצט האָב איך אײַך געשטעלט אַרײַנפיר־פראַגן, װעלכע זײַנען נישט באַליידיקנדיק נישט לויט דער פאָרם, נישט לויט זייער טאָן. װײַטער װאָלט איך װעלן אײַך שטעלן באַליידיקנדיקע פראַגן. װעגן געװיסע זאַכן מוז איך זיך מיט אײַך פאַרשטענדיקן פון סאַמע אָנהייב. סידאָרענקאָ האָט מיר איבערגעגעבן אײַער ביטע, אָבער איך האָב נישט בעדייע אײַך אָפּצולאָזן אַף מײַרעװ. צי דאַרפן מיר װײַטער שמועסן?

פילימאָנאָװ האָט געהויבן די אַקסל. באַטמאַנאָװ האָט געװאָרפן אַ שנעלן בליק אַף קאָװשאָװן — יענער איז געזעסן אײַנגעבױגן איבערן טיש.

— איר האָט געזאָגט: „דער אַמט װערט אָנגערופן — „אינזשיניער פון טראַנספּאָרט‟. איר האָט אַן אַנדער קוק אַפן דאָזיקן אַמט? ענטפערט מיר אַף אַזאַ אומדעליקאַטער פראַגע: מיט װאָס האָט איר זיך באַשעפטיקט אַף דער בױונג אָנהייב מילכאָמע?

באַטמאַנאָװ האָט געהאַט אַ מאַניר צו פירן אַ שמועס, נישט אָפּרײַסנדיק דעם דורכדרינגענדיקן בליק פון דעם מיטשמועסערס פּאָנעם. ער האָט נישט געהאַט די מיִעסע געװוינהייט, װאָס ס'האָבן געװיינלעך אַ סאַך נאַטשאַלניקעס, צו ריידן מיט די מענטשן צעשטרייט, זיך גראָבנדיק אין פּאַפּירן.

— ס'איז שװער צו ענטפערן אַף אײַער פראַגע, — האָט פילימאָנאָװ געזאָגט. — ס'קומט אויס אָדער צו זאָגן צװיי־דרײַ װערטער, זיך אַרויסצודרייען, אָדער זאָגן אַ סאַך.

— דאָס איז אײַער זאַך. ענטפערט װי אײַך געפעלט. כ'װעל נישט פאַרבאַהאַלטן, אַז פאַר מיר װאָלט ניכער געװען, איר זאָלט ריידן אַ סאַך.

שװײַגנדיק אַ װײַל, האָט פילימאָנאָװ אַרויסגעזאָגט אויפריכטיק און שאַרף, אָן טערוצים און אָן קיינע פּרוּװן זיך צו פאַרענטפערן. דער נאַטשאַלניק האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט, אונטערשפּאַרנדיק דעם קאָפּ מיט דער האַנט. אַפן טיש האָט צװיי מאָל אַ קלונג געטאָן דער טעלעפאָן, דער נאַטשאַלניק האָט נישט אויפגעהויבן דאָס הער־רערל.

באַטמאַנאָװ איז װייניק געזעסן הינטערן שרײַבטיש. אָפטער האָט ער אַרומגעשפּאַצירט איבערן קאַבינעט, אָדער זיך צוגעזעצט ערגעץ־װוּ אין אַ זײַט. דער גרויסער טיש מיט דעם שװערן מאַרמאָרנעם שרײַבגעצײַג, װאָס

האָט פֿאָרגעשטעלט אַ גרופּע לייבן צעשפּרייט איבער פֿעלדזן, האָט אים, קענטיק, געשטערט. איצט האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿון פֿאָטעל און זיך איבערגעזעצט נענטער צו זאַלקינדן און קאָוושאָוון.

— איך וועל מאַכן אַן אויספֿיר פֿון אײַערע רייד, גוט? — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געפֿרעגט פֿילימאָנאָוון און פֿאָרגעזעצט, נאָך אַ פּויזע, ענדערנדיק קימאַט די שטים: — „איך בין נישט צופֿרידן מיט מײַן אַרבעט אַף דער בויונג. מילכאָמע־צײַט ווילט זיך אַרבעטן מער און בעסער. נאָר איך ווייס נישט, צי לוינט זיך צו פֿאַרנעמען מיט אונדזער בויונג? מע האָט דאָ פֿון די ערשטע מילכאָמע־טעג דערוואַרט אַ באַפֿעל איבערצורײַסן די אַרבעט, אויך איך האָב דערוואַרט. איך שטעק דאָ לויט אינערציע, צוזאַמען מיט אַלע. מײַן הינטערשטעליקייט איז אַ טייל פֿון דער הינטערשטעליקייט פֿון דעם קאָלעקטיוו. איך האָב אײַך געבעטן איר זאָלט מיך באַפֿרײַען אַפֿן פֿראָנט און בעט עס אויך ערשט". אַלץ?

— ס׳קאָן הייסן אַלץ, — האָט פֿילימאָנאָוו מאַסקים געווען. ער איז בלאַס געוואָרן, דער שמועס האָט אים אויפֿגערעגט. — אויב איך האָב נישט ריכטיק געטראַכט, איז מיר פֿונדעסטוועגן נישט קלאָר: ווו הייבט זיך אָן מײַן פֿעלער און ווו ענדיקט ער זיך?

— איך וועל אײַך העלפֿן אויסגעפֿינען דעם אָנהייב און דעם סאָף פֿון דעם פֿעלער, — האָט אים באַטמאַנאָוו צוגעזאָגט: — נאָר נישט מיט ווערטער. מיר וועלן מער נישט פֿירן קיין שמועס אַף אַבסטראַקטע טעמעס.

— איר לאָזט מיך איבער אַף דער בויונג, אַזוי דאַרף איך אײַך פֿאַרשטיין? — האָט פֿילימאָנאָוו באַשלאָסן. — מיט וואָס דאַרף איך זיך פֿאַרנעמען?

דער נאַטשאַלניק האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אויך פֿילימאָנאָוו האָט זיך אויפֿגעשטעלט. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיך דורכגעשפּאַצירט צום פֿענצטער און צוריק. די גרינע סטעזשקע פֿון דעם טעפּיך האָט פֿאַרשלונגען דעם קלאַנג פֿון זײַנע טריט.

— איך טראַכט עפּעס־וואָס צו ענדערן אין דער סטרוקטור פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, באַזונדערס — צו אָרגאַניזירן אַ נײַע גרויסע אָפּטיילונג: אַן אויטאָ־מעכאַנישע. ווי מיינט איר?

— אַ ריכטיקער באַשלוס, אומבאַדינגט, — האָט פֿילימאָנאָוו גלײַך מאַסקים געווען.

באַטמאַנאָוו און זאַלקינד האָבן זיך איבערגעקוקט.

— מע האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט אַ געוויסע צײַט געפֿאָדערט אַזאַ אָפּטיילונג.

— געפֿאָדערט. מע קאָן נישט בויען קיין נאַפֿט־לייטונג, אויב מע זאָל פֿריִער נישט אויסלייגן קיין וועג און ברענגען אין אָרדענונג דעם טראַנספּאָרט. איידער מע שווייסעוועט צוזאַמען די רערן, דאַרף מען זיי צעפֿירן איבער דער טראַסע און אויסציִען ווי אַ פֿאָדעם. מיר האָבן אַ סאַך

אויטאָס און מעכאַניזמען, נאָר קיינער האָט אָף זיי נישט קיין האַשגאָכע. דער אַזוי־גערופענער אינזשיניער פון טראַנספּאָרט אין אײנצאָל האָט זיך געקאָנט אָן אייצע טאָן בלויז מיט דער סטאַטיסטיק און מיט דער אָפּרעכע־נונג מיר האָט זיך נישט אײַנגעגעבן צו דערווײַזן דער אָנפירונג די עלע־מענטאַרסטע זאַכן.

— פאַרוואָס ? — האָט זיך זאַלקינד פאַראינטערעסירט.

פילימאָנאָוו איז געקומען אין פאַרלעגנהייט :

— מײַן פאַרשלאַג איז אָפּגעשאַצט געוואָרן, ווי אַ פּרווו צו שאַפן אַן אָפּטיילונג פאַר זיך, קעדיי זיך אַרויסצורוקן אָפן אַמט. דער נאַטשאַל־ניק פון דער בויונג האָט מיר געזאָגט : „איך וועל אײַך העכערן די פּענסיע אָן אַ פאַרגרעסערונג פון די עטאַטן, צו וואָס אַן אַ טאָלק אָנהויפן אָפּ־טיילונגען ?"

— איר וועט דאַרפן שאַפן אַן אָפּטיילונג און אָנפירן מיט איר. מע קאָן נישט לאָזן דעם טראַנספּאָרט פון אויטאָס און מעכאַניזמען אָן אַ באַלעבאָס, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט. — איך האָב באַשלאָסן אײַך צו באַשטימען פאַרן נאַטשאַלניק פון דער נײַער אָפּטיילונג.

פילימאָנאָוו האָט זיך געענדערט אָפן פּאָנעם, די פאַלדן אין דער לענג פון זײַנע באַקן און באַם מויל האָבן זיך שאַרפער אָנגעצייכנט.

— איך האָב זיך באַזונדערס מיט קיין זאַך נישט אויסגעצייכנט. צי וועט באַ מיר קלעקן פולווער, צי וועל איך נישט פאַרפירן ? ס'איז אַ וויכטיקער איניען, כ'וואָלט בעסער וועלן זײַן אַ געוויינלעכער אַרבעטער אין דער אָפּטיילונג.

וואַסילי מאַקסימאָוויטש איז אַרומגעגאַנגען דעם לאַנגן טיש און האָט זיך דערנעענטערט פּאָנעם־על־פּאָנעם צום אינזשיניער.

אין די אַנקעטעס פון דעם קאַדרען־אָפּטייל, צו וועלכן איר האָט מיך אָפּגעשיקט, ווערט געזאָגט, אַז איר האָט אָנגעפירט מיט אַ קאָנטאָר פון אויטאָ־טראַנספּאָרט. דאָרט איז נאָך עפּעס אַנדערש פאַראַן : אײַך איז אויסגעקומען זיך צו באַשעפטיקן מיט מעכאַניזאַציע אָף איינער פון די בויונגען.

דער אינזשיניער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, נאָר באַטמאַנאָוו איז אים פאַרלאָפן די דערווידערונג :

— איר ווילט זאָגן : דאָ איז דער מאַסשטאַב הונדערט מאָל גרע־סער ? דער מענטש דאַרף טאַקע גיין פון קלענערן צו גרעסערן. איך וועל אײַך זאָגן אָפן : איך וועל פון אײַך היפש פאַרלאַנגען, דערפאַר באַקומט איר די מעגלעכקייט אָנצויאָגן דאָס, וואָס איר האָט אַדורכגעלאָזט.

— כ'וועל איבערטראַכטן, — האָט פילימאָנאָוו געזאָגט :

באַטמאַנאָוו האָט זיך שטיל צעלאַכט. דער שמייכל האָט אים שענער געמאַכט, וואַסילי מאַקסימאָוויטשעס שטרענג פּאָנעם האָט זיך גלײַך גע־ענדערט, עפּעס היימיש געוואָרן.

— איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען, כּאַווער. צו דער פראַגע וועגן אײַער באַשטימונג האָב איך נישט בעדייע זיך אומצוקערן. וועגן דעם איבערטראַכטן האָט איר נישט וואָס: איר זײַט שוין באַשטימט, און פאַר אַזעלכן באַטראַכט זיך. ערשט נעמט טראַכטן וועגן דעם, ווי וואָס שנעלער צונויפנעמען אַרום זיך די אָפּטיילונג.

פילימאָנאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף באַטמאַנאָוון, אויף זאַלקינדן, אויף קאָוושאָוון — זיי האָבן אים אָפּוואַרטנדיק נאָכגעפאָרשט — און גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן:

— אַן אומדריי אויף הונדערט אַכציק גראַד!... וועל איך ערשט אַרײַנכאַפּן פונעם ווײַב! זי האָט שוין באַוויזן אויסצופּאַרקויפן די הינער און דאָס קיך־געשיר.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. פילימאָנאָוו איז אַוועקגעגאַנגען אַ קאָנצענטרירטער און ערנסטער.

אין קאַבינעט האָט אַ קלונג געטאָן דער צווישנשטאָטישער טעלעפאָן. באַטמאַנאָוו איז צוגעגאַנגען צום אַפּאַראַט. צוהערנדיק זיך צו זײַנע ענטפערס, האָט זאַלקינד געזאָגט:

— מע קלינגט פון רובעזשאַנסק. אָדער פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, אָדער דער באַפולמעכטיקטער פון מעלוכעשן פּאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט.

באַטמאַנאָוו האָט געמוזט שרײַען אין רערל אַרײַן. ער האָט זיך געמוזט דערצו אָנשטרענגען, ווען ער האָט צו הויך אויפגעהויבן די שטים, האָט זי זיך איבערגעבראָכן.

— בעיס די וואַלן צום אויבערראַט פון דער רעפּובליק איז אים אויסגעקומען אַ סאַך מאָל אַרויסצוטרעטן פאַר די וויילער — האָט זאַלקינד געזאָגט. — אויפן שטאָט־פּלאַץ האָט ער גערעדט, אויך אויפן זאַוואָד פון וואַגאָנען־רעמאָנט, אויף דער בריק־בויונג, אויפן פישער־ברעג. ס'איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט האָט זיך דער נאַטשאַלניק די שטים אונטערגעריסן.

— צו וואָס דאַרפט איר קומען צו פאָרן אַהער? כ'וועל זיך אַליין פונאַנדערקלײַבן! — האָט באַטמאַנאָוו געשריגן. — דאָס איבערנעמען גייט שוין צו אַ סאָף. וואָס פריִער ער וועט אַוועקפאָרן, אַלץ בעסער. איך זאָג, אַלץ בעסער, אויב ער וועט גיכער אַוועקפאָרן. ער שטערט אונדז. איך קאָן זיך דאָך נישט אַרומרײַסן מיט אים צוליב יעדער נאַרישקייט! ער וואַרט אויף אָנווײַזונגען פון מאָסקווע. ער וואַרט, זאָג איך, אויף אָנווײַזונגען — ווהין צו פאָרן. ס'איז פאַראַן אַן אָנווײַזונג? דאַן בעט איך טעלעגראַפירן אויף זײַן אַדרעס.

דאָס טעלעפאָן־געשפּרעך האָט זיך פאַרצויגן. רויט ווערנדיק פון אָנשטרענגונג צוריידן העכער, האָט באַטמאַנאָוו מיטגעטיילט וועגן די

אָפּלאָדונגען פון מאַטעריאַל און פּראָוויאַנט אַף די באַצירקן. דערבײַ האָט ער אומגעדולדיק געקלאַפּט מיטן כּאַסענע־רינג אָפן טיש־גלאָז.

קאָווּשאָוו, וועלכער האָט זיך צו אים קריטיש צוגעקוקט, האָט שוין לאַנג באַמערקט דעם דאָזיקן רינג.

— אײַך זעט נישט אויס אויסטערליש דער דאָזיקער פּאַרעלטערטער כּאַסענע־סימבאָל בײַ דעם קאָמוניסט באַטמאַנאָוו? — האָט ער געפרעגט זאַלקינדן. — נישט שויך־זשע האָט דער נאַטשאַלניק כּאַסענע געהאַט אין קלויסטער?

דער רינג איז בײַ אים נישט פאַרבונדן מיט קיין קלויסטער־צערע־מאָניע. אים איז אויסגעקומען אַ סאַך צײַט צו לעבן באַזונדער פון עם ווײַב. זיי האָבן זיך אָפּטער צעשיידט, און איינמאָל האָבן זיי זיך אָפּגערעדט צו טראָגן רינגען. באַטמאַנאָוו שפּאַסט, אַז דאָס העלפט זיי צו טראַכטן איינער וועגן צווייטן. ער שפּאַסט און נעמט אים נישט אַראָפּ.

— ער האָט געהאַט די פאַמיליע אין קרים, דאַכט זיך, — האָט זיך אַלעקסיי דערמאָנט. — און ווו איז זי הײַנט? קרים איז אָפּגעשניטן...

—פון אַנגע איוואַנאָווגען זײַנען נישט פאַראַן קיין ידיעות. באַט־מאַנאָוו גיט זיך בעשום אויפן נישט אײַן צו דערגיין — איז זי אַרויס־געפאָרן אָדער נישט. ס'איז דאָ בלויז איין האָפענונג, אַז אַנאַ איוואַנאָווגאַ — אַן ענערגישע פרוי וועט זיך אַן אייצע געבן.

אַלעקסיי האָט נישט ווילנדיק אַ קוק געטאָן מיט סימפּאַטיע אַף באַטמאַנאָוון.

— ווי איז אײַך געפעלן פילימאָנאָוו? — האָט זאַלקינד געפרעגט.

— ער וועט זיך גלײַך אַרויסווײַזן ווי אַ מענטש אַף זײַן אָרט, און קיינער וועט פון אים נישט הערן קיין וואָרט פון פאַריבל, — האָט קאָוו־שאָוו געענטפערט איבערצײַגט. — אַזעלכע זײַנען אָבער ווייניק פאַראַן אין דעם אַפּאַראַט. דאָ זײַנען צומיינסטן פאַראַן זוברעס, ווי, לעמאָשל, גרובסקי אָדער דער נאַטשאַלניק פון באַזאַרגונג, ליבערמאַן. אומזיסט אייסעקט ער זיך מיט זיי אַרום, באַטמאַנאָוו. — האָט אַלעקסיי אַ שפּאַס געטאָן בייזלעך אָנגעכמורעט: — מע וואָלט זיי ביידן געדאַרפט אָפּבינדן מיט איין שטריקל — און אין אָדון אַרײַן. זאָל בלײַבן ווייניקער אוילעם, אָבער דערפאַר וועט די לופט ריינער ווערן.

— דערטרינקען אין אָדון? — האָט זאַלקינד געפרעגט. — פאַר־שווענדעריש!

— אין דער מילכאָמע־צײַט האָבן זיך די באַציִונגען צווישן מענטשן אַנטבלויזט. ערשט, ווען פון דעם מענטשן ווערט געפאָדערט אַלץ, וואָס ער קאָן געבן, ווײַזט ער זיך אַרויס אין זײַןווירקלעכער געשטאַלט, — האָט אַלעקסיי געזאָגט. — הײַנט דאַרף מען שטרענגער צוגיין צו מענטשן. כ'בין זיך מוידע, נישט אַלץ דאָ פאַרשאַפט מיר פרייד. עס זײַנען דאָ פאַראַן קליינלעכע מענטשן. זיי האָבן דורכגעלעבט אין דעם לאַנד פון

סאָציאַליזם אַ פערטל יאָרהונדערט, און סאָציאַליסטישעס שטעקט אין זיי עפּעס ווייניק, איך זע נישט גאָרנישט קיין סאָציאַליסטישעס אין ליבערמאַנען. אָדער — טאָפּאָליעוון. איך האָב זיך דערפרייט, ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז ער אַרבעט דאָ. אַ גרויסער אינזשעניער, אין אינסטיטוט האָט מען אים אונדז געשטעלט פאַר אַ בײַשפּיל. און אין דער עמעסן, זע איך — אַן אָפענער סאַבאָטאַזשניק. בעכינעם האָט ער אָפּגעלעבט צווישן אונדז אַזויפיל יאָרן, דער אַלטער.

זאַלקינדן האָבן פאַרכידעשט דעם אינזשעניערס ווערטער. ער האָט אויפגעהערט זיך צוהערן צו באַטמאַנאָווס טעלעפאָן־געשפּרעך און אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַף אַלעקסייען.

— איר האָט אַלץ אָנגעוואַלגערט אַף איין הויפן אָן קיין שום כילעק! איצט וועט מען מוזן פונאַנדערסאָרטירן. — זאַלקינד האָט טיף פאַרצויגן און אַרויסגעלאָזט אַ וואָלקן רויך. דער מענטש ווײַזט זיך הײַנט אַרויס בוילעטער, דאָס איז ריכטיק. עס קומט פאָר, לאָמיר זאָגן, אַן עוואַקואַציע פון אַ שטאָט. און אַ וועלכער עס איז קאָמוניסט און נאַטשאַלניק, ריכטיקער אַ מענטש, וואָס מע האַלט אים פאַר אַ קאָמוניסט און נאַטשאַלניק, אַנטלויפט פון שטאָט דער ערשטער, לאָדעוועט אָן דעם דינסטלעכן אויטאָ מיט די פאַרשיידנסטע פּריוואַטע קלייניקייטן, איבערלאָזנדיק אונטער דער באָמבאַרדירונג פרויען און קינדער. אַזאַ מענטש איז נישט קיין קאָמוניסט און נישט קיין נאַטשאַלניק, ער איז ערגער פונעם סוינע. עס האָט זיך אים אײַנגעגעבן זיך צוצופּאַסן, פינף און צוואַנציק יאָר האָט ער אויסבאַהאַלטן זײַן נידערטרעכטיק פּאָנעם און עס אַנטבלויזט ערשט אין דעם קריטישן מאָמענט, ווען ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט די שרעק פאַר דער אייגענער פעל. אַזעלכע שווימען אַרויף אַף דער אויבערפלאַך, ווי מיסט. צו זיי קאָן מען אָנווענדן דאַנטעס ווערטער: „זיי זײַנען נישט ווערט די רייד, גיב אַ קוק, שפּײַ אויס — און גיי פאַרבײַ". איך וויל באַמערקן — „שפּײַ אויס" האָב איך אַליין מויסעף געווען, קעדיי ס׳זאָל אַרויסקומען שטאַרקער... דאָ באַ אונדז האָבן זיך געפונען מענטשן, צווישן זיי נאַטשאַלניקעס און קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך גענומען, פאָרויסזעענדיק שוועריקייטן, זאַפּאַסעווען מיט פּראָדוקטן אַף אַ יאָר און צוויי. ווי מע דאַרף קוקן אַף אַזעלכע, איז אויך קלאָר. פונדעסטוועגן קאָנען זײַן אומשטענדן און האַנדלונגען פון אַן אַנדער מין. יענע זײַנען אַ סאַך קאָמפּליצירטער. איך קאָן קימאַט נישט ליבערמאַנען, טאָפּאָליעוון און די אַנדערע מענטשן פון דער פאַרוואַלטונג. פונדעסטוועגן פיל איך: אײַער מיינונג וועגן זיי איז נישט קיין גערעכטע, און זי וועט זיך בײַטן אין דער צוקונפט, ווען אונדזער קאָלעקטיוו וועט פעסטער ווערן און אַלע וועלן זיך שטעלן אַף זייערע פּלעצער. צײַטנווײַז מישפּעטן מיר מענטשן לויט צופעליקע פּראָטים, אָדער לויט אַ שטימונג...

זאַלקינד האָט עטלעכע מאָל פאַרצויגן דעם פּאַפּיראָס. ער האָט גע־רייכערט זשעדנע און אַ סאַך. אַלעקסיי האָט מיט דער האַנט פונאַנדער־געטריבן דעם רויך.

— אײַערע ווערטער זײַנען געוועגדעט קעגן אײַך אַליין. צי באַ־מערקט איר נישט? — האָט ווײַטער גערעדט דער פּאַרטאָרג. — זאָגט מיר, נישט באַליידיקנדיק זיך: צי קאָן מען נישט לויט אײַער אויפפירן זיך אַף דער בויונג זיך שאַפן וועגן אײַך אַ נעגאַטיווע מיינונג? איר זײַט דאָך אַ קאָמוניסט און פאַרנעמט נישט קיין ליאַדע אַמט.

קאָוושאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געדעמפּט אַ שעפּטשע־געטאָן:

— פון הײַנט אָן וועט איר מיר באַ יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט געבן איבערן פּאָנעם מיט אַ פויסט, אײַנגעוויקלט אין מײַן ראַפּאָרט. נישט שוין־זשע איז אַזוי שווער צו פאַרשטיין מײַן ביטע ריכטיק?

— מ'האָט אײַך ריכטיק פאַרשטאַנען, יעדנפאַלס — איך מיט בע־רידזען. אַף זיכער האָט אײַך אויך אויך באַטמאַנאָוו ריכטיק פאַרשטאַנען. געבן אײַך מיט דער פויסט קלײַב איך זיך נישט, כ'האָב אײַך פּאָשעט גע־בראַכט אײַער אייגענעם בײַשפּיל צוליב גרעסערער איבערצײַגעוודיקייט. מע טאָר נישט מישפּעטן קיין מענטשן, איידער מע האָט אים ריכטיק דערקאָנט. איר זײַט, וואַרשיינלעך, נישט קיין שלעכטער יונגערמאַן און קאָנט אַרבעטן. און פונדעסטוועגן וועט זיך אומבאַדינגט געפינען אַ צווייַ־טער יונגערמאַן, וועלכן איר וועט נישט געפעלן ווערן. ער וועט זיך שאַפן וועגן אײַך אַ פאַלשע פאַרשטעלונג און אײַך זידלען אַפן סאַמע אָנט־שיידנסטן אויפן. נישט יעדערער האָט דאָס רעכט צו מישפּעטן דעם צווייטן.

— איך האָב נישט דאָס רעכט צו מישפּעטן? — האָט קאָוושאָוו אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

זאַלקינד האָט אים אַ דראָע געטאָן מיטן פינגער:

— פאַרפּלאָנטערט נישט די פראַגע. איך וויל אײַך זאָגן בלויז איין זאַך: איר האָט דערמאָנט וועגן אַ שטרענגער באַציִונג צום מענטשן. מיר האָבן דאָס רעכט זיך צו באַציִען צו אײַך שטרענגער ווי, לאָמיר זאָגן, צו טאָפּאָליעוון אָדער ליבערמאַנען. מיר האָבן דאָס רעכט אָדער נישט?

— איר האָט עס, — האָט קאָוושאָוו מאַסקים געווען.

— אַך, איז דאָס אַ קאָמפּליצירטע קאָנסטרוקציע דער מענטש! — זאַלקינד האָט דאָס געזאָגט אָן קיין ערגערניש, פאַרקערט, מיט צו־פרידנקייט. — איך זידל זיך אַליין דערפאַר, וואָס פריִער פלעג איך נישט דערשאַצן די דאָזיקע קאָמפּליצירטקייט. כ'בין זיך ערלעך מוידע, טייל מענטשן האָב איך געקענט לויט אַנקעטעס, לויט אָן אַרויסטרעטונג אַף באַראַטונגען, אָדער לויט אײַליקע באַגעגענישן אין צעך, אין קאַבי־

נעט, אַפן בויונגס־פּלאַץ. צופעליקע אײַנדרוקן האָבן זיך מיר אויסגעוויזן פאַר גענוגנדיק צו מאַכן ענערגישע און פולשטענדיק באַשטימטע אָפּשאַ־צונגען: אַ גוטער מענטש, אַן ערלעכער, אַן אויסגעפּרוּווטער, אַן אַנט־שפּרעכלעכער פאַר זײַן באַשטימונג, אָדער, פאַרקערט, אַ שלעכטער, אַן אומערלעכער, נישט קיין אַנטשפּרעכלעכער. אין דער נעשאָמע פון אַ מענטשן איז שווערלעך אַרײַנצודרינגען. ווי דאָס זאָל נישט זײַן, קומט אָפּט אויס צו באַדויערן, פאַרוואָס ס'איז געפּאַטערט געוואָרן אַזויפיל צײַט אַף פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען און רוישיקע מאַסן־אימפּרעזעס.

אַפן הויף הינטערן פענצטער האָט געוואָרטשעט אַ מאַשין. דער רויש האָט געשטערט באַטמאַנאָוון. ער האָט מיט פאַרדרוס אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און הייזעריק אַרײַנגעשריגן אין דעם רערל צו צוויי־דרײַ מאָל יעדע פראַגע:

— ס'איז פאַר יעדן קלאָר באַוווּסט: פאַר אַ קאָלאָסאַלער מערהייט מענטשן, וואָס וווינען אין אונדזער לאַנד, איז דאָס פערטל יאָרהונדערט נישט אַוועק אומזיסט, — האָט שטיל ווײַטער גערעדט זאַלקינד, זיך צובייגנדיק צו קאָווּשאָוון, קעדיי נישט צו שטערן באַטמאַנאָוון. — ס'איז אָן אַ סאָפּעק, אַז דער גײַסטיקער טאָך פונעם פאָלק איז אויסערגעוויינ־לעך באַרײַכערט געוואָרן. דאָס זעט מען לויט דער באַציִונג פון אַ יעדן בירגער צו דער מילכאָמע. אַלע רײַסן זיך אַפן פראָנט! און אַפילע אין דעם פאַל, ווען דער מענטש איז נישט גערעכט, איז ער אומגערעכט אַף אַ גוטן אויפן. נישט באַנעמענדיק, אַז ער איז אומגערעכט, באַגערט ער גוטס פאַרן פאָטערלאַנד, און נישט פאַר זיך. ס'איז לעכערלעך אַפילע צו פאַרגלײַכן די סאָוועטישע מענטשן מיט די מענטשן פון דער קאַפּי־טאַליסטישער וועלט, נישט אַזוי?

— ריכטיק, — האָט קאָווּשאָוו באַשטעטיקט.

— הייסט עס, אַז מע דאַרף נישט אָנשטעלן קיין גרויסע אויגן, ווען מע זעט פעלערן באַ מענטשן. אַוואַדע זײַנען אויך אונדזערע סאַמע גוטע מענטשן ווײַט פון שליימעס. די געבורט־פלעקן פונעם קאַפּיטאַליזם — מיט קיין וואַסער וועסטו זיי נישט אָפּוואַשן. מיר און אײַך האָט מען געלערנט: דער מענטש וועט זיך באַפרײַען פון דער לאַסט פון דער פאַר־גאַנגענהייט, ווען ס'וועט זײַן קאָמוניזם. איר האָט דערפונדן אַ נײַעם אויפן: דערטרינקען די געבורט־פלעקן פונעם קאַפּיטאַליזם אין דעם אַדון. אַ פאַרגיכערטער אויפן, אָבער זיכער נישט קיין פּאַסיקער. מיט די גע־בורט־פלעקן קאָנען אויך די מ ע נ ט ש ן דערטרונקען ווערן.

זאַלקינד האָט זיך צעלאַכט, פאַרהאַלטנדיק דאָס געלעכטער מיט דער האַנטפלאַך. באַטמאַנאָוו האָט זיך, אָפּרײַסנדיק ענדליך פונעם אַפּאַ־ראַט, אָפּגעווישט דאָס פּאָנעם מיט אַ טיכל. ער האָט נײַגעריק אַ פרעג געטאָן:

— וואָס שעפּטשעט איר דאָרטן און כיכיקעט ?

— מיר האָבן געשמועסט וועגן פּילימאָנאָוון און אין אַלגעמיין וועגן דעם היגן אוילעם, — האָט זאַלקינד געזאָגט.

— יאָ, דאָ זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך ווערטפולע מענטשן — ס'וועט זיך צונויפשטעלן אַ גוטער קאָלעקטיוו, — האָט דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג געזאָגט איבערצײַגעוודיק.

זאַלקינד האָט שווײַגנדיק אַ קוק געטאָן אַף אַלעקסייען.

— דאָס ווײַטערדיקע געשפּרעך — מיט ראַגאָוון, — האָט אַ זאָג געטאָן באַטמאַנאָוו, — אַ קוק טוענדיק אַף דער רעשימע, וואָס איז געלעגן פאַר אים. — ער האָט אָנומלט אַנגעקלונגען צו מיר און געפאָדערט, כ'זאָל אים גלײַך באַפרײַען פון דער בויונג. אַזוי טאַקע האָט ער געמאָלדן דורכן טעלעפאָן : „כ'פאָדער".

ראַגאָוו, דער נאַטשאַלניק פון דעם אַדמיניסטראַטיוו־ווירטשאַפטלעכן אָפּטייל פון דער פאַרוואַלטונג, איז גלײַך באַם אַרײַנקומען צו באַטמאַנאָוון אים באַפאַלן :

— פאַרוואָס האָט איר באַפוילן מיר נישט אַרויסצוגעבן די באַ־פרײַונגס־דאָקומענטן ? דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג סידאָרענקאָ האָט מיך באַפרײַט. ווי לאַנג קאָן מען פּײַניקן אַ מענטשן ? — ער האָט גע־רעדט מיט אַ הויך הייזעריק קאָל, געשריגן קימאַט. — פאַרשטייט, ס'האָט מיך דערעסן צו אייסעקן זיך מיטן רעמאָנט פון קוואַרטירעס, מיטן האָלץ, מיט די אויפרוימערנס און די שרײַבמאַשינקעס. צו אַזאַ אַרבעט שטעלט אַוועק אינוואַלידן ! פון דעם ערשטן מילכאָמע־טאָג בעט איך, פאָדער, מע זאָל מיך שיקן צום מיליטקאָם. כ'וועל פאָרן אַפן פראָנט, וועל קעמפן, וועל זיך פילן ווי אַ מענטש, ס'איז דאָך אַ שאַנדע, צום טײַוול, זיך דאָ אַרומצודרייען מיט אַ פולן בויך און דערפילן פאַרעווע דינסט־פליכטן. איך בין אויסגעצייכנט געזונט, און קאָן זײַן אַ קאָמאַנדיר אין דינסט. איך בעט מיר נישט צו שטערן. אויב דאָס איז אָפּהענגיק פון אײַך.

ראַגאָוו האָט אויסגעשאָסן אַלץ פאַר איין מאָל, נישט איבערכאַפּנ־דיק דעם אָטעם. אויסהערנדיק אים, האָט באַטמאַנאָוו געפאָרשט מיטן בליק דאָ אים, דאָ קאָװשאָוון. אַף אַלעקסייען האָט ראַגאָוו געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק, דעם אינזשיניערס באַקן זײַנען ראָז געוואָרן, די ליפּן האָבן זיך באַוועגט. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן אים : „אַ דורכזיכטיקער יונג, מע קאָן אים זעען דורך און דורך".

ראַגאָוו איז געפעלן געוואָרן באַטמאַנאָוון. אין געדאַנק האָט שוין דער נאַטשאַלניק באַשלאָסן זײַן גורל : „אַזאַ כעוורעמאַן קאָן בערג אי־בערקערן. אים דאַרף מען געבן דעם סאַמע שווערסטן באַצירק און זעלב־שטענדיקייט. סידאָרענקאָ האָט געמאַכט אַ טאָעס, פאַרשטופנדיק אים

אין דער קאָנצעלאַריע. ער אין דעם אַפּאַראַט איז — אַ העלפאַנט אין אַ געפּעס־קראָם". לויט זאַלקינדס בליק האָט באַטמאַנאָוו פאַרשטאַנען: זייערע מיינונגען וועגן ראַגאָוון זײַנען זיך צונויפגעפאַלן.

— אַלץ? — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש אַ פרעג געטאָן, ווען ראַגאָוו איז שטיל געבליבן אינמיטן אַ פראַזע. — ערשט וועל איך ריידן. ווירקלעך, ס'הענגט אָפּ פון מיר: איַך פרײַ צו לאָזן, אָדער נישט. איך באַפרײַ איַך נישט.

— פאַרוואָס? — האָט ראַגאָוו געפרעגט מיט אויפרעגונג.

דעם דאָזיקן ברייטפּלייציקן מענטשן, ווי פון אײַזן אויסגעאַרבעט, איז שווער געווען צו באַהערשן זײַן קראַפט. צוליב זײַן גוואַלטיקער באַוועגונג מיט דער האַנט האָט זיך זײַן גימנאַסטיאָרקע, ווי זי וואָלט צוגעקלעפּט זײַן צום קערפּער, אָנגעצויגן און אַ פּלאַץ געטאָן.

— איז זײַט נייטיק דאָ.

— ווי שנעל איר באַשליסט! נישט שווין־זשע זעט איר אַלץ פון אײַער... — ער האָט נישט דעררעדט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— גלאַקנטורעם? — האָט פאַר אים דעררעדט באַטמאַנאָוו, — יאָ, איך זע ווײַט פון מײַן גלאָקנטורעם. מיך האָט מען אָנפאַרטרויט צו דיספּאָנירן מיט די מענטשן אָף דער בויונג. און פון וואָס פאַר אַ גלאָקנטורעם קוקט איר? ווער האָט איַך געגעבן דאָס רעכט צו דיספּאָנירן מיט זיך מילכאָמע־צײַט?

— נישט שוין־זשע האָב איך נישט דאָס רעכט צו דיספּאָנירן מיט זיך אַליין! — האָט ראַגאָוו אויסגעשריגן. — מײַן שטרעבונג איז געזעצלעך, איך וויל העלפן דעם היימלאַנד אין אַ שווערער צײַט!

— נישט אַזאַ הילף איז נייטיק דעם היימלאַנד, ווי איר לייגט פאָר. ערשט איז פאַר אונדז וויכטיק אָרדענונג, אַ שטאָלענע אָרגאַניזאַציע אין הינטערלאַנד. אויב יעדער איינער וועט זיך וועלן זײַן זײַן אייגענער באַלעבאָס — זײַנען מיר פאַרלוירן. ווי מיינט איר: איך וויל העלפן אָדער כ'וויל נישט העלפן דעם היימלאַנד אין זײַן שווערער צײַט? אַז איך בין מיט אומגעדולד געפאָרן אַהער — אין דער פאַרקערטער ריכטונג פונעם פראָנט? אָדער איר האַלט זיך פאַרן איינציקן אָרנטלעכן מענטש אינעם הינטערלאַנד?

— איך קאָן נישט אַרבעטן אין הינטערלאַנד, איך פײַניק זיך בלויז! איך מוז מיט די אייגענע הענט אײַנקלאַמערן זיך אינעם פאַשיסט. איך באַשטיי — לאָזט מיך פרײַ!

— כ'וועל נישט פרײַלאָזן. באַשטיין לאָז איר איַך נישט. איך קאָן איַך צוזאָגן דעם פּאַמע שווערסטן און וויכטיקסטן באַצירק אָף דער

טראַסע. ס'וועט שווער זײַן, זייער שווער. נישט לײַכטער, ווי אונדזערע כאַווײרים אין קאַמף. און אַלע אײַערע קויכעס וועלן אויסגענוצט ווערן אין דער אַרבעט, אָן אַ רעשט, זיי וועלן נאָך עפּשער נישט קלעקן. נאָך איין צוזאָג: אויב דאָ, אָפּן ווײַטן מיזרעך, וועט זיך אָנהייבן די מילכאָמע, וועל איך אײַן גלײַך דעם ערשטן טאָג באַפרײַען אין דער אַרמיי.

— איר האַנדלט נישט ריכטיק! — האָט זיך ראַגאָוו קעגנגעשטעלט. באַטמאַנאָוו האָט זיך מיט פאַרדרוס פאַרקרימט:

— בלויז צוליב אונדזער ערשטער באַגעגעניש דערלויב איך אײַך צו פירן מיט מיר אַ שמועס אין אַזאַ פּראָסטן קאַוואַלעריע־סטיל. פאַר־געדענקט זיך עס אַף דער צוקונפט: וואָס ווייניקער אויסגעשריי־צייכנס!

דער נאַטשאַלניק האָט זיך דורכגעשפּאַצירט איבער דער טעפּיך־סטעזשקע.

— לאָמיר אָננעמען, אַז דער כאַווער סטאַלין וואָלט אײַך געזאָגט: „מיר דאַרפן האָבן אַ נאַפט־לייטונג, גיט זי שנעל אַהער". וואָלט איר אויך צו אים אַ געשריי געטאָן: „ס'איז נישט ריכטיק"?

ראַגאָוו האָט נישט געענטפערט, נאָר זײַן פּאָנעם האָט אויסגעדריקט צעמישונג. קאָוושאָוו — אָן אויפגערעגטער, גלײַך נישט ראַגאָוו, נאָר ער אַליין וואָלט זיך געאַמפּערט — האָט אויפגעהויבן די אויגן אָפּן נאַ־טשאַלניק, און דאָס בלוט האָט אים אַ פלייץ געטאָן אין פּאָנעם אַרײַן: וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט געקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן נישט ראַגאָוון, נאָר אים, אַלעקסייען.

בעייס ראַגאָווס פאַרצווייפלטע אַטאַקעס און באַטמאַנאָווס שטרענגע ענטפערס, האָט זיך אַלעקסיי קוים אײַנגעהאַלטן פון אײַנשטעלן זיך פאַר ראַגאָוון און גלײַכצײַטיק פאַר זיך. ער איז געווען איבערצײַגט, אַז דער נאַטשאַלניק וועט נישט קאָנען זיך קעגנשטעלן דעם איידעלן דראַנג פון אַ מענטשן, וועלכער רײַסט זיך אַנטקעגן געפאַרן. די הייסע רייד זײַנען שוין גרייט געווען זיך אָפּצורײַסן פון די ליפּן. נאָר זיי האָבן זיך נישט אָפּגעריסן. זיי האָבן זיך צעשמאָלצן אונטער באַטמאַנאָווס בליק, וואָס איז אים אַרײַנגעדרונגען אין דער סאַמע נעשאָמע.

— כאַווער סטאַלין קאָן נישט אָנווײַזן דעם קאַמף־פּלאַץ יעדן מענטשן פּערזענלעך, — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש ווײַטער גערעדט, פירנדיק דעם בליק פון ראַגאָוון אַף קאָווש־אָוון. — ער האָט מיליאָנען זעלנער. ער דיספּאָנירט מיט זיי דורך די אָרגאַניזאַציעס, דורך אונדז, די פירער אַף באַזונדערע באַצירקן. ער האָט אונטערגעשריבן דעם באַפעל וועגן מײַן באַשטימונג און דערמיט מיר געגעבן דאָס רעכט צו דיספּאָנירן מיט אײַך.

אינדרויסן האָט אַ וואָיע געטאָן אַ סירענע. ראַגאָוו איז געוואָרן אומ־רויִק.

— איך דאַרף לויפן — אַן אַלאַרעם. איך בעט אײַך כאָוועך נאַ־טשאַלניק פון דער בויונג, טיילט מיר צו אַן אַרבעט, אַזש די ביינער זאָלן טרעשטשען! מעשונעדיקע געדאַנקען קריכן אין קאָפּ אַרײַן, כ׳קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. איך פיל זיך ווי אַ לײדאַק אָן אַ לײַטישער אַרבעט.

וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט האַסקאַמעדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — און ראַגאָוו איז אַרויסגעלאָפן. דער נאַטשאַלניק האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער: אינדרויסן זײַנען זיך מענטשן צעלאָפן צעשאָטענער־הייט, עס האָט זיך געשטעלט אין אָרדענונג די קאָמאַנדע פון קעגן־לופט־אָנגריף, אין דער זײַט האָט אַ מיידל, זיך אײַלנדיק אַרויפגעצויגן אַף זיך מיט מאַטערניש אַ גרינעם גומי־קאָמבינעזאָן. איבער דעם בערעזענע וועלדל האָבן זיך נידעריק פאַרבײַגעטראָגן דרײַ אַעראָפּלאַנען.

— איז וואָס טאָן מיט דעם דאָזיקן הייסן יונגנמאַן? — האָט זיך באַטמאַנאָוו אויסגעדרייט צו זאַלקינדן. — עפשער לאָזן מיר אים פרײַ, ער זאָל מער נישט קרעכצן?

ער האָט אַף קאָוושאָוון נישט געקוקט. אַלעקסיי איז אַליין צוגע־גאַנגען צו אים:

— איך בעט אײַך, קערט מיר אום מײַן ראַפּאָרט.

— געהעריקע זאַכלעכע רייד! — האָט זאַלקינד געלויבט. — ס׳וועט מיר אויסקומען אים אַריבערצופירן פונעם צעטל פון מײַנע סאָנים אַפן צעטל פון די פרײַנט.

באַטמאַנאָוו האָט גענומען פון טיש אַלעקסייס ראַפּאָרט, אַ קוק גע־טאָן אַף אים און, זיך צעשמייכלענדיק, אים פאַררוקט אין סייף:

— נו, כ׳וועל זיך אַרויסווײַזן פאַר דעם סאַמע פאַרביסנסטן. כ׳וועל דעם ראַפּאָרט נישט אָפּגעבן. איך האָב אַ געוווינהייט: קאָלעקציאָנירן טשעקאָווע פאַפּירלעך. דער ראַפּאָרט וועט אַרײַן אין דער דאָזיקער קאָ־לעקציע. כ׳וועל צוקלײַבן אַ מאָמענט, ווען זײַן אויטאָר וועט זײַן באַזונ־דערס נישט באַקוועם זיך צו באַקענען צו זײַן קינסטלעריש ווערק — דעמאָלט ערשט וועל איך אים אַרויסשלעפּן פון דער קאָלעקציע און אָפּ־געבן.

געזעגענענדיק אַלעקסייען, האָבן באַטמאַנאָוו און זאַלקינד זיך צע־שמועסט וועגן אים, וועגן ראַגאָוון, וועגן די אַנדערע מענטשן, וועלכע זיי האָבן די טעג דערקענט.

— זיי רײַסן זיך צום קאַמף, אַז ס׳איז זיי נישט אײַנצוהאַלטן, — האָט פאַרטראַכט געזאָגט באַטמאַנאָוו. — די מילכאָמע וועט שנעל פאַר־ענדיקן זייער דערציִונג. ערשט איז דער באַגריף פון קאַמף פאַרן היימלאַנד און דעם קאָמוניזם געוואָרן פאַר זיי קאָנקרעט, ווי קיינמאָל נישט. זיי

האָבן באַנומען, די כעוורעלײַט, וואָס ס׳איז ווערט דאָס פריידיקע לעבן אַף דער סאָוועטישער ערד, — זיי האָבן עס באַנומען, ווען דער פאַשיסט האָט זיך דערוועגט עס צו באַרויבן. עס באַומרויִקט זיי בלויז איין זאַך: נישט צו בלײַבן מין־האַצאַד! איך קוק אַף ראַגאָוון, אַף קאָוושאָוון — זידלען מוז מען, אַנבויקערן, ביכדיי צו דערהאַלטן אָרדענונג, אָבער עס גלוסט זיך זיי דריקן די הענט און בענטשן: „גייט אין מיליטער, שלאָגט דעם פאַשיסט!״ איידעלע מענטשן האָט דערצויגן די סאָוועטישע מאַכט, מיכאַיל באָריסאָוויטש, אַ לויב איר!

זיי זײַנען געשטאַנען באַ דער מאַפּע. די שוואַרצע פענדלעך, וועלכע האָבן באַצייכנט די פּאָזיציעס פונעם פײַנטלעכן מיליטער, האָבן זיך גאָר נאָענט צוגערוקט צו מאָסקווע.

— רוק איבער דאָס פענדעלע, וואַסילי מאַקסימאָוויטש. נעכטן האָבן אונדזערע פאַרלאָזט אָריאָל...

ביידע האָבן געשוויגן, נישט אימשטאַנד געווען אָפּצוווענדן דעם בליק פון דער מאַפּע — דעם דאָזיקן אַבסטראַקטן בילד פון די אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן דעם היימלאַנד.

קאַפּיטל פינף

די יערושע ווערט איבערגענומען

ס׳איז געקומען די ריי אויך אַף גרובסקין און טאָפּאַליעוון. באַטמאַנאָוו האָט זיי געווידמעט אַ גאַנצן אָוונט. דער באַריכט פון געוועזענעם הויפּט־אינזשיניער האָט געדויערט דריי שאָ. ער איז געזעסן מיט אַן אויסגעגלײַכטער פּלייצע, זיך נישט באַוועגנדיק קימאַט, און גערעדט, גערעדט מיט אַ גלײַכער שטים, באַלעקנדיק מיטן צונג די פאַרטריקנטע ליפּן. באַטמאַנאָוו, זיצנדיק אין זײַן באַליבטער פּאָזע, דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט די הענט, האָט אים אויסגעהערט מיט פולשטענדיקער אויפמערקזאַמקייט און נישט איבערגעשלאָגן. דער פּאַפּיראָס האָט זיך אים אויסגעלאָשן, האָט ער אים נישט אָנגעצונדן. די גרויע אויפמערקזאַמע אויגן פונעם נאַטשאַלניק האָבן אַקשאָנעסדיק נאָכגעפאָרשט דעם באַריכטגעבער — זײַן גאָרגל־קנאָפּ, וואָס האָט זיך באַוועגט איבערן האַלדז אַראָפּ און אַרויף און דעם אויסדרוק פון זײַן שמאָל פּאָנעם מיט דער שאַרפער פייגלשער נאָז.

טאָפּאָליעוו — אַ הויכער קנאָכיקער זאָקן מיט גרוי־גרינלעכע וואָנצעס — האָט פאַרן גאַנצן אָוונט קיין איין וואָרט נישט געלאָזט פאַלן. זײַנע גרויסע אויפגעבלאָזענע אויגן־לעדלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די שטרענגע אָנפּאַרביקע אויגן. ס׳האָט זיך געדאַכט, ער דרימלט. זעלטן האָט דער אַלטער אויפגעלעבט: אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ רויט נאָזטיכל, מיט אַ שאַל ווי פון אַ טרומייט אויסגעשנײַצט די נאָז, דערנאָך גענומען פון אַ זילבערנער טאַבעק־פּושקע אַ היפּשן שמעק טאַבעק און אים רוישיק אַרײַנגעצויגן מיט די ברייטע נאָזלעכער. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זײַטיק מיט אינטערעס באַאָבאַכטעט די דאָזיקע פּראָצעדור.

גרובסקי איז מיד געוואָרן און קוים איבערגעדרייט די צונג, נאָר באַטמאַנאָוו האָט אים נישט איבערגעשלאָגן. לעסאָף האָט זיך דער אינזשיניער דערדעט אינגאַנצן. מיט עטלעכע ווערטער האָט דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג געמאַכט אַן אויספיר פון דעם לאַנגן באַריכט:

— אַזוי אַרום באַקומט זיך בײַ אײַך: ערשטנס — דער נײַער טערמין פאַר ענדיקן די בויונג איז נישט צום אויספירן; צווייטנס — דער אָנגענומענער פּראָיעקט פון דער נאַפט־לייטונג איז דער סאַמע בעסטער פון אַלע מעגלעכע! ווײַל די אַנדערע וואַריאַנטן זײַנען אין גאַנג פון די אויספאָרשונגען אָפּגעפאַלן. אַזעלכער איז אײַער ענדגילטיקער אויספיר?

— ווירקלעך, — האָט גרובסקי מאַסקים געווען. איך האַלט פאַר מײַן כויוו נאָך אַמאָל...

באַטמאַנאָוו האָט אים צום ערשטן מאָל איבערגעשלאָגן:

— נאָך אַמאָל איז נישט נייטיק. כ׳האָב שוין געהערט און געלייענט אײַערע באַוואָרענישן און אײַך פולשטענדיק פאַרשטאַנען. און איר, כאַווער טאָפּאָליעוו, ווער מיר גאָרנישט זאָגן?

דער אַלטער האָט זיך אויפגעהויבן, אײַנהאָרבנדיק די פּלייצעס:

— פּיאָטר יעפימאָוויטש גרובסקי האָט אײַך באַריכטעט אויספירלעך און לויט אַ סיידער, באַ מיר וועט זיך בעסער נישט באַקומען. מיר האָבן צוזאַמען אויסגעפאָרשט די טראַסע, צוזאַמען געאַרבעט איבערן פּראָיעקט, צוזאַמען דעם באַריכט געשריבן. ס׳איז נישטאָ וואָס צוצוגעבן.

באַטמאַנאָוו האָט אַרויסגערופן בערידזען און קאָוושאָוון און געמאָלדן, ווענדנדיק זיך צו אַלע:

— ס׳איז אונדז שוין מער קיין צײַט נישט פאַרבליבן פאַר באַטראַכטונגען וועגן דער נישט רעאַלקייט פון דעם בויונגס־טערמין און נאָך אַזעלכע זאַכן אין געביט פון אַבסטראַקטער טעאָריע. די אויפגאַבע איז — אויסלייגן די נאַפט־לייטונג צום טערמין, וואָס די רעגירונג האָט באַשטימט ביזן אָנהייב פון די פּראַקטישע אַרבעטן איז נויטווענדיק צו שאַפן אַ פּלאַן פון טעכנישע לייזונגען, וואָס זײַנען נישט אין קעגנזאַץ, נאָר אַנטשפּרעכן אונדזער ציל. דערפון דרינגט, אַז דאָס איבעראַרבעטן דעם עקזיסטירנדיקן פּראָיעקט איז אומפאַרמײַדלעך.

די אינזשיניערן זײַנען געשטאַנען פאַרווײַז: בערידזע און קאָוושאָוו, גרובסקי און טאָפּאָליעוו. דער נאַטשאַלניק איז געשטאַנען צווישן זיי. ער האָט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס און גערעדט אָן זשעסטיקולאַציעס.

— ס׳איז אָן שום ספק, אַז דאָס שאַפן אַ פּראָיעקט איז אַ שעפערישער פּראָצעס און קאָן נישט באַגרענעצט ווערן מיט קיין טערמינן, אָדער מיט אַ וועלכע ס׳איז האַרבע באַדינגונגען. — די פראַזע, האַגאַם אַרויסגעזאָגט ערנסט, האָט געקלונגען איראָניש. — דערפאַר באַשטים איך נישט, נישט קיין טערמינען און נישט קיין באַדינגונגען. כ׳וויל אײַך בלויז וואָ־

רענען. ערשט איז די צײַט פון דער צוגרייטונג. און קאַלזמאַן איך גרייט צו די מענטשן, שיק אַף די באַצירקן די מאַטעריאַלן, רעאָרגאַניזיר דעם אַפּאַראַט — קאָנט איר שטיין מינאַצאַד, עס ווערט פון אײַך גאָרנישט פאַרלאַנגט. אָבער ווי נאָר די צוגרייטונגס־אַרבעט וועט זיך פאַרענדיקן — וועט איר זיך שטעלן אין שפּיץ פון די בויער.

— מיט אַנדערע ווערטער, צו יענער צײַט וועט זיך פאָדערן פון אונדז דער נײַער פּראָיעקט, — האָט בערידזע פאַרפינקלעכט.

— פולשטענדיק ריכטיק, — האָט באַטמאַנאָוו רויִק באַשטעטיקט.

קאָווּשאָוו האָט זיך צעלאַכט. באַ באַטמאַנאָוון האָט אַ צוק געטאָן אַ ווינקל מויל: אַלעקסייס געלעכטער איז געווען אָנשטעקנדיק.

גרובסקיס פּאָנעם האָט אויסגעדריקט פאַרלעגנהייט און פאַרדרוס. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט עס באַמערקט.

— איך זע, אַז איר זײַט פאַרוווּנדערט: ווי איז דאָס אַזוי — אַ גאַנצן אָוונט האָט איר אַ מענטשן געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס און ווי אַזוי, און ער האָט גאָרנישט באַנומען. אָבער איר פאַרשטייט דאָך מיך אויך נישט. איך קאָן נישט צוטראָגן דער רעגירונג אָנשטאָט אַ נאַפט־לייטונג נאָך אַ מעמאָריאַל.

באַטמאַנאָוו איז צוגעגאַנגען האַרט צו גרובסקין און טאָפּאַליעוון.

— איך שטעל נישט דערויף, אַז איר וועט קאָנען גלײַך זיך אַרויס־באַקומען פון אונטער דעם אײַנפלוס פון אײַער פּראָיעקט. די אײַנערן פון אַ געוווינהייט איז נישט לײַכט גרויווער צו זײַן. די שווערקייט פון דער מי און דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן איבעראַרבעטן דעם פּראָיעקט וועט זיך לייגן, וואַרשיינלעך, אַף די פּלייצעס פון בערידזען און קאָווּשאָוון. פון אײַך ווידער דאַרפן מיר הילף — כאָווערלעכע, געוויסנהאַפטיקע, וואָס קומט פון ריינעם האַרצן. הײַנט צו טאָג זײַט איר די טרעגער פון דעם אינזשיניערישן וויסן אַף דער בויונג, אָן אײַך וועט מען זיך קיין אייצע נישט געבן, און איך בעט אײַך, איר זאָלט זיך נישט אונטערגעבן די פאַלשע און אומווירדיקע שטימונגען צוליב קליינלעכע באַליידיקונגען און צעשטערטע אַמביציעס. מאָרגן שרײַבן מיר אונטער דעם אַקט פון איבערגעבן און איבערנעמען די בויונג, און מאָרגן וועלן זיך אַלע שטעלן אַף זייערע פּלעצער. איר, כאַווער גרובסקי, ווערט באַשטימט פאַר מײַן רעפערענט איבער די טעכנישע פראַגן. דער כאַווער טאָפּאַליעוו ווערט אַריבערגעפירט אין דעם אַפּאַראַט פון דעם הויפּט־אינזשיניער.

— כ׳וועל עס אויפקלערן באַם כאַווער סידאָרענקאָ. ער האָט מיר קיין קאָמאַנדירונג נישט געגעבן. אַף וויפל מיר איז באַוווּסט, האָט ער געהאַט אַנדערע פּלענער, — האָט גרובסקי געזאָגט.

באַטמאַנאָוו האָט אַף אים אַ קוק געטאָן איראָניש:

— פֿאַרשטייט זיך, ס׳האָט אַ זין דאָס אויפֿצוקלערן. נאָר באַמיט זיך, אַז צוליב דער אויפֿקלערונג זאָל נישט פֿאַרטונקלט ווערן דאָס, וואָס איר האָט דאָ געהערט פֿון מיר...

אַ באַזונדערן אינטערעס האָט אַרויסגערופֿן באַ באַטמאַנאָוון דער נאַטשאַלניק פֿון דעם באַזאָרגונגס־אָפּטייל, ליבערמאַן. דער דאָזיקער שווערער און דיקער און גלײַכצײַטיק ריר־עוודיקער מאַן האָט זיך געפֿונען צווישן די, וועלכע האָבן קימאַט אָפֿן אַרויסגעוויזן זייער אומגינסטיקע באַציִונג צו די נײַע פֿירער פֿון דער בויונג.

ער האָט דערקלערט, ווי ער איז געגאַנגען און געשטאַנען, אַז ער וועט אַוועקפֿאָרן מיטן אַלטן נאַטשאַלניק, און דערווײַל וועט ער די פּריש־געקומענע אײַנאָרדענען אַזוי, „זיי זאָלן האָבן צו זינגען און צו זאָגן". און בעעמעס האָבן די פּריש־געקומענע, באַזונדערס בערידזע און קאָווושאָוו, איינגיכן דערפֿילט אין דעם מאַנגל פֿון פֿאַרשיידענע זאַכן די האַנט פֿון דעם באַזאָרגונגס־נאַטשאַלניק. אין דער גאָרקיך האָט מען פֿאַר זיי געקאָכט דעם מיטיק אויסשליסלעך פֿון גרינוואַרג און קאַשע, און דערלאַנגט האָט מען עס אין אַ קאַלטן צושטאַנד. דער נײַער הויפּט־אינזשיניער און זײַן פֿאַרטרעטער האָבן נישט דערעסן. קאָווושאָוו איז געגאַנגען אַפֿן באַזאַר, נאָר כוץ קאַרטאָפֿל און גרויסע געלע אוגערקעס איז דאָרט נישט געווען צו קריגן. אַ צוויי מאָל האָט ער צופֿעליק געקויפֿט אַפֿן וועג פֿאַר אַ טײַערערן פּרײַז אַ לעבעדיקן לאַקס, און דרײַ טעג האָבן זיך די אינזשיניערן אונטערגעהאַלטן מיט זײַן טרוקן פֿלייש, וואָס גרעטשקינס ווײַב האָט עס צוגעבראָטן אַף קאָווושאָווס ביטע.

דער אינטענדאַנט האָט זיך באַרימט פֿאַר אַלעמען, אַז ער האָט געצוווּנגען די פּריש־געקומענע אינזשיניערן צו גיין אַפֿן באַזאַר. בערידזע האָט אים געמאַכט אַ באַמערקונג צוליב די שלעכטע מיטיקן און די אומאָרדענונגען אין גאָרקיך. דער אינטענדאַנט האָט אויסגעדריקט אַן אויסערגעוויינלעכע פֿאַרוווּנדערונג מיט זײַן גאַנצן ברייטן געשפּרענקלטן פּאָנעם.

— מאַמעלע טײַערע! פֿון וואַנען זײַט איר דאָס געקומען צו פֿאָרן? ס׳איז ערשט מילכאָמע־צײַט, צי קאָן מען אַרויסשטעלן אַזעלכע פֿאָדערונגען? ס׳איז דאָ נישט דער האָטעל „מאָסקוואַ", נאָר אַ ווילד ווינקל אין דער טײַגע!

באַטמאַנאָוו האָט אויפֿגענומען ליבערמאַנען אין בײַזײַן פֿון אַלטן נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג. דער אינטענדאַנט איז שטיין געבליבן לעבן דער טיר, האָט פֿאַרלייגט די גרויסע הענט אַפֿן בויך און אָנגעשטעלט אַף דער נאַטשאַלסטווע זײַנע בלײַערנע אייגעלעך.

— באַ מיר איז אײַנגעפֿירט פּערזענלעך צו קאָנטראָלירן, ווי עס ווערן דערפֿילט מײַנע פּרינציפּיעלע פֿאַראָרדענונגען, — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געזאָגט ליבערמאַנען. — און איך האָב באַמערקט: פֿון

זינט כ'בין אַהער געקומען צו פֿאָרן האָב איך אײַך געגעבן פֿיר וויכטיקע אויפֿטראָגן. איר האָט נישט אָפּגעגעבן קיין באַריכט, וואָס איר האָט דערליידיקט און, ס'ווײַזט זיך אַרויס, איר האָט זיך פּאָשעט נישט באַמיט זיי צו דערפֿילן. פֿאַרוואָס ?

— זײַט מיר מוחל, כאָווער באַטמאַנאָוו, עפּעס באַנעם איך עס נישט מיט מײַן שוואַכן קאָפּ : וועגן וואָס נעמלעך גייען דאָ די רייד ? מע גיט מיר איצט, נעבעך, אַזוי פֿיל באַפֿעלן, און אַזוי פֿיל פֿראַגן שטעלן זיך פֿון זיך אַליין — איז דען אַ וווּנדער, וואָס עפּעס וואָס איז אַדורכגעלאָזט געוואָרן ? פֿאָדערט זשע נישט אַזוי פֿיל.

ער האָט אויפֿגעהויבן די בלײַערנע אייגעלעך צום הימל און ענלעך געוואָרן צו אַ כיטרע און צוויזעסדיקן מאָנאַך. באַטמאַנאָוו האָט שאַרף אַקצענטירט :

— כ'וועל אומבאַדינגט פֿאָדערן ! איך רייד בלויז וועגן די פּרינציפּיעלע אויפֿגאַבן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צום באַזאָרגן די באַצירקן און צו דעם איבערגעבן און איבערנעמען. כ'שטעל זיך פֿאָר די זאַך אַזוי : איר איגנאָרירט מיך באַוווּסטזיניק.

ליבערמאַן האָט זיך מיט אַן עפּעקטולן זשעסט אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן קאָפּ :

— מאַמעלע טײַערע ! איך איגנאָריר ? גאָט באַהיט !

— כיטרעוועט נישט, ליבערמאַן, רעדט נישט צו גאָט, איר האָט קיין שום גאָט נישט... איר פֿירט זיך אויף נישט געהעריק. קעגן וועמען האָט איר באַשלאָסן צו פֿירן אינטריגעס ? איר ווילט זיך פֿאַרמעסטן אין די קויכעס מיט מיר. איך רייד נישט דערווײַל וועגן דעם, וואָס איר האָט אָרגאַניזירט פֿאַר מיר און דעם הויפּט-אינזשיניער אַ כאַזערישע דערנערונג. דאָס איז אַ באַזונדערע פֿראַגע, און צו דעם וועל איך זיך נאָך אומקערן באַ אַ פּאַסיקער געלעגנהייט.

באַטמאַנאָוו האָט גערעדט רויִק און דײַטלעך. די דאָזיקע רויִקייט און דער אַקצענטירטער אויפֿן פּונעם ריידן האָבן אַרײַנגעבראַכט אין פֿאַרלעגנהייט דעם אינטענדאַנט, וועלכער איז געוווינט געווען סידאָרענקאָ זאָל אָף אים שרײַען הויך און דערנאָך מוחל זײַן.

— ביז הײַנט האָט באַפֿוילן יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש, — האָט דער אינטענדאַנט אַ וואָרטשע געטאָן, זיך פֿאַררופֿנדיק אָפּן געוועזענעם נאַטשאַלניק פֿון דער בויוג, וועלכער איז שווײַגנדיק געשטאַנען לעבן פֿענצטער. — צי האָב איך נישט דערפֿילט אַ וועלכע ס'איז פֿאַראָרדענונג, יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש ?

— איך באַשטעטיק : ליבערמאַן איז אַ מוסטערהאַפֿטער און דיסציפּלינירטער אַרבעטער, — האָט זיך נישט אויסדרייענדיק, אַ זאָג געטאָן סידאָרענקאָ.

בטמאַנאָוו האָט זיך צעלאַכט.

— טשעקאָווע! אַן אַרבעטזאַמער, דיסציפּלינירטער נאַטשאַלניק פון באַזאָרגונג פירט נישט אויס מײַנע פאַראָרדענונגען; ער האַלט זיי נישט פאַר פאַרפליכטנדיק פאַר זיך. פאַר אים זײַנען פאַרפליכטנדיק בלויז דײַנע, יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש. פאַרוואָס?

— פאַרוואָס? — האָט זיך סידאָרענקאָ אויסגעדרייט.

— דער הונט ליגט נישט טיף באַגראָבן: ליבערמאַן גיט איבער די איניאַנים צוזאַמען מיט דיר, אָבער ער נעמט זיי נישט איבער צוזאַמען מיט מיר. דערפאַר האָט ער מיר געמאַכט אַ פּלאָנטער מיטן פּראָוויאַנט און די מאַטעריאַלן, גיט מיר נישט קיין יעדיעס וועגן די רעסורסן אַף די באַצירקן, און האַלט אין דער טעקע די שריפטלעכע פאַראָרדענונגען וועגן נישט רעאַליזירטע פאַנדן. ביז הײַנט וויים איך נישט געהעריק, וואָס ס'איז פאַראַן אַף דער טראַסע, און וואָס ס'איז דאָרט נישטאָ. ליבערמאַן קלײַבט זיך אָוועקצופאָרן. אָבער כאָטש ליבערמאַן איז אַ כיטרער מענטש, האָט ער זי דאָס מאָל פאַררעכנט.

— אין וואָס? — האָט סידאָרענקאָ געפרעגט פאַראינטערעסירט.

— ער וועט מיט דיר נישט פאָרן, ער וועט פאַרבלײַבן אַף דער בויונג.

ליבערמאַן האָט אַ פינטל געטאָן מיט די רויטע ברעמען.

— איך מיין, אַז מיר איז דערלויבט מיטצונעמען עמעצן פון מײַנע מענטשן. זיי אַרבעטן שוין לאַנג מיט מיר, זײַנען צו מיר געוווינט געוואָרן. איך האָב זיי דערצויגן, — האָט סידאָרענקאָ געזאָגט.

— פאַר זייער דערציִונג — אַ טיפן דאַנק. — באַטמאַנאָוו האָט אַ נייג געטאָן דעם קאָפּ. — אַגעוו, יעדער אָנפירער איז מעכויעוו צו דער־ציִען קאַדרען. אָבער איך האָב נישט קיין אַנדער אויסוועג. צו וואָס זאָל איך זוכן אַ מוסטערהאַפטן, דיסציפּלינירטן, רירעוודיקן נאַטשאַלניק פון באַזאָרגונג, אַז איך האָב שוין אַ גרייטן ליבערמאַנען

— איך בעט אײַך מיך באַפרײַען, — ליבערמאַן האָט געלייגט די הענט אַף דער ברוסט. — כ'בין זייער צוגעבונדן צו יאַקאָוו טאַראַסאָ־וויטשן. מײַנע אַרבעטס-מעטאָדן קאָנען אײַך נישט אַנטשפּרעכן.

— איך וועט זיך מוזן צוגעוווינען צו מיר, דעמאָלט וועט אײַער מעטאָד אַנטשפּרעכן. איך זאָג צו אַרויסצווײַזן אַ באַזונדער זאָרג וועגן אײַער מעטאָד, — האָט קאַלט און שפּאָטיש אַ זאָג געטאָן באַטמאַנאָוו.

ליבערמאַן האָט אַ שפּרײַז געטאָן פאַרויס:

— פונדעסטוועגן...

באַטמאַנאָוו האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ זשעסט:

— פאַטערט נישט אומזיסט קיין צײַט. גייט.

די נאַטשאַלניקעס, דער נײַער און דער געוועזענער, זײַנען געשטאַ־נען באַם פענצטער. אין דער לופט האָט געקרײַזט דער ערשטער שניי.

דער אַדון איז טונקל געוואָרן און זיך אויפגעבלאָזן. אַ ווינט האָט אַראָפּ־געבלאָזן צום וואַסער שמוציקע צוויטיקע כמאַרעס. אַ דרײַסטער קוטער האָט זיך דאָ באַוויזן, דאָ ווידער פאַרשוווּנדן צווישן די שוימיקע כוואַליעס און זיך געאײַלט איבערצושנײַדן דעם אויפגעשטורעמטן און ברייטן שעטעך פונעם טײַך.

— דו דאַרפסט גלײַך אַוועקפאָרן. צו לענגער נישט אָפּ, — האָט שטיל אַ זאָג געטאָן באַטמאַנאָוו. — ס'וואָלט גוט געווען זאָלסט הײַנט נאָך אונטערשרײַבן דעם אַקט.

— טרײַבסט אַרויס? איך שטער?

— איך טרײַב. דו שטערסט. דו שטערסט גאָר שטאַרק, יאַקאָוו טאַ־ראַסאָוויטש, — האָט זיך וואַסילי מאַקסימאָוויטש מוידע געווען.

זיי האָבן אַ ווײַל געשוויגן. באַטמאַנאָוו האָט מיט אַ געמאָסטענעם טראָט געשפּאַנט איבערן קאַבינעט. אַ בלויער טאַבאַק־רויך האָט זיך נאָכ־געצויגן הינטער אים. סידאָרענקאָ האָט זײַטיק און אומפרײַנטלעך גע־כאַפּט אַ קוק אַף אים.

— צווישן אונדז ביידע זײַנען נישט נייטיק קיין דעליקאַט־סענ־טימענטאַלע נישט־דערזאָגעכצן און פאַרשיידענערליי אומאויפריכטיקע ווערטלעך. מיר זײַנען מענטשן זאַכלעכע, איז לאָמיר זיך צוליב דער זאַך אָפּזאָגן פון געמאַכטער העפלעכקייט און פאַלשע אַמביציעס. ס'איז אומ־נוצלעך נאָכאַמאָל צו ריידן אַף דער טעמע — פאַרוואָס איך בין געקומען צו פאָרן, און דו דאַרפסט אַוועקפאָרן. אַזוי האָט מען פאַר אונדז באַשלאָסן. דו דאַרפסט אַוועקפאָרן אַף אַ נײַ אָרט, איך — באַלעבאַטעווען דאָ.

וואַסילי מאַקסימאָוויטש איז צוגעגאַנגען צו סידאָרענקאָן. דער ווינט האָט געמאַכט ציטערן די שויבן, און זיי האָבן געקלונגען. געדיכטע שניי־פלעקלעך און ברוינע בלעטער האָבן זיך געדרייט הינטערן פענצטער. די סאָפּקעס אַף דעם קעגנאיבערדיקן טײַך־ברעג זײַנען פאַרשוווּנדן אונטער אַ גרויען פאַרהאַנג, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָפן וואַסער.

— דו זעסט אַליין: קאָלזמאַן דו ביסט דאָ, זײַנען מײַנע הענט געבונדן. דער קאָלעקטיוו האָט זיך פונאַנדערגעקלייעט. די מענטשן שלעפּן זיך אַרום, ווי אין אַ וואַלד. כ'האָב זיך אַנומלט פאַרבײַגעשפּאַצירט איבער דער פאַרוואַלטונג: מענטשן זיצן אַף קעסטלעך און וואַליזעס, וואַרטן אָפן צווייטן קלונג. זיי קומען אינדערפרי און אַנשטאָט צו אַרבעטן פּלוידערט מען דעם גאַנצן טאָג: וואָס פאַר אַ לעבן עס שטייט זיי פאָר אין קאַראַ־גאַנד? זיי צווייפלען נישט, אַז דו וועסט זיי אַהינפירן. אָבער קיין צוויי־טער קלונג וועט דאָך נישט זײַן!... צו וואָס פאַרטומלסטו מענטשן דעם קאָפּ? קאָווּשאָוו האָט נעכטן נישט אויסגעהאַלטן און געזאָגט: „די צײַט גייט. איר וועט זיך נאָך לאַנג צוקוקן צו זיי?" ער איז גערעכט: די צײַט קאָן מען נישט פאַרהאַלטן. מען קאָן זיך ערשט נישט דערלויבן זי צו צעפּאַטערן אומזיסט. דו וועסט שוין אַזוי אַוועקפאָרן אָן דעם

גלויבן, אַז איך וועל ווירקלעך באַוויַיזן אויפצובויען די נאַפט־לייטונג אין מעשעך פון איין יאָר. דו ביסט נישט געווען אַפן מיַרעוו, יאַקאָוו טאַראַ־סאָוויטש, און דאָ שמעקט דערוויַיל נישט מיט קיין פולווער. אונדזער נאַפט־לייטונג — דו האָסט זי אָנגעהויבן בויען, איך וועל זי פאַרענדיקן — איז די יִינגערע שוועסטער פון דער קאַווקאַזער, און זי איז נייטיק דעם לאַנד, ווי סנאַריאַדן און טאַנקען.

— דו וואַרפסט מיר פאָר מיַין פרידנס־שטימונג, גליַיך ווי איך אַליין וויל זיך נישט באַטייליקן אין דער מילכאָמע, — האָט זיך סידאָ־רענקאָ אויפריכטיק באַליידיקט.

— כ'גלייב דיר, דו ווילסט. אָבער דו האָסט נישט געזען קיין וויי־נענדיקע פרויען און טויטע קינדער אַפן וועג.

— און דו וואָס האָסט געזען ? די מילכאָמע דויערט נאָך נישט קיין פיר כאַדאָשים.

— מיר איז אויסגעקומען צו עוואַקוירן אַ שטאָט אַפן דאָרעם, אי־בערלאָזן פאַר די דיַיטשן כורוועס און פוסטקייט. עס איז נישטאָ קיין בי־טערערע זאַך, ווי אַרויסזעצן מענטשן פון זייערע וואַרעמע וווינונגען, אָדער אַרויסריַיסן ווערקשטעלן פון זייערע פונדאַמענטן, איבער וועלכע זיי האָבן זיך אַזוי פריילעך געדרייט. צי דען זיַינען פיר כאַדאָשים ווייניק אָף צו פאַרהאַרטעווען דאָס האַרץ און דעם ווילן ? מיר איז אויסגעקומען צו בויען אַ ביַיפראָנטיקע באַן־ליניע. אַ קלייניקייט — אַ דריַי צענדליק קילאָמעטערס. מיר האָבן זי געבויט עטלעכע מאָל : ס'זיַינען אָנגעפלויגן באָמבאַרדירערס, צו הונדערט יעדע שאָ, — און אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פונדאָסניַי . . . צי זיַינען מיר נישט מעכויעוו צו בויען די נאַפט־לייטונג אַזוי, גליַיך ווי דיַיטשע באָמבעס וואָלטן אויפגעריסן לעבן אונדז ?

סידאָרענקאָ איז צוגעגאַנגען צום שריַיב־טיש — פון דעם טאָג אָן, ווען באַטמאַנאָוו איז געקומען צו פאָרן, איז ער הינטער אים נישט גע־זעסן, — האָט אויפגעעפנט מיט אַ שליסל דעם אונטערשטן שופלאָד און אַרויסגענומען אַן אַלטינק ביכעלע מיט אַ מאַוזער.

— איך וויל דיר שענקען דאָס דאָזיקע ביכעלע, — האָט סידאָרענקאָ געזאָגט ווייך, קימאַט גערירט. — בלעטער עס דורך אין אַ פריַיער ציַיט, וועסט דאָרט געפינען עטלעכע ווערטער וועגן סידאָרענקאָן. ער איז גאָר־נישט אַזאַ שלימאַזלדיקער מענטש. דאָס איז ווי אַ צייכן פון פריַינטשאַפט, וועלכע קאָן, אויב ס'זאָל באַשערט זיַין, זיך פאַרציִען . . . נאָר ס'לוינט נישט צו ווערן סענטימענטאַל אַפילע אַף קיין איין מינוט. לאָמיר פאַררייַ־כערן. — זיי האָבן פאַררייכערט. — איך וויל דיר זאָגן : טו אַלץ, וואָס נייטיק איז. פיר אָן, נישט נעמענדיק מיך אין אַכט. איך וואַרף זיך דיר אונטער אין אַלץ. צווישן אונדז האָט זיך נישט אַלץ געהעריק איַינגע־שטעלט — איך מיין, אַז דו פאַרשטייסט, נישט צוליב בייזקייט אָדער סינע, נאָר אַזוי, צוליב מענטשלעכער שוואַכקייט. מיר זיַינען מענטשן,

נישט קיין הילצערנע שאַך־פיגורן. באַליידיקונגען, אַנטוישונגען און ליבע צו זיך — דאָס אַלץ לעבט אין אים אינעווייניק. ס׳איז שווער צו זײַן בלויז אַ מענטש פון אַרבעט.

באַטמאַנאָוו האָט געבלעטערט דאָס ביכעלע — אַ פאַרצייכענונג וועגן די מענטשן, וואָס האָבן אויפגעבויט דעם טורקסיב *); זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט וואַרעמען אומעט.

— אונדזער ערשטלינג. און דעם דניעפּראָגעס **) וועט מען מוזן בויען פונדאָסנײַ, — האָט געזאָגט וואַסילי מאַקסימאָוויטש.

יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש האָט נאָכגעקוקט זײַנע הענט, וואָס האָבן געגלעט זײַן געשאַנק, און פּלוצים אַ זאָג געטאָן אַנטשלאָסן:

— קום, לאָמיר גלײַך פאַרענדיקן מיטן איבערגעבן און איבערנעמען. רוף אַרויס די נאַטשאַלניקעס פון די אָפּטיילן. כ׳וועל זיי זאָגן צום געזעגענען אַ פּאָר קאַלטע ווערטער. כ׳קאָן זיי אַפילע אויסזידלען אויך, זאָלן זיי סאָפּקאָלסאָף אַף מיר אין קאַס ווערן. וועט דיר לײַכטער ווערן. — סידאָרענקאָ האָט אָפּגעזיפצט און זיך מוידע געווען: — איך פאַרשטיי נישט, ווי דו וועסט זיך דאָ אַרויסדרייען!...

וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט געהייסן דעם סעקרעטאַר אַרויסרופן די אָנפירנדיקע מיטאַרבעטער פון דער פאַרוואַלטונג. דער אַלטער און דער נײַער נאַטשאַלניק האָבן געקוקט אַף די מענטשן, וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען אין קאַבינעט. ס׳איז צוגעקומען גרובסקי, האָט אָפּגערופן יאַקאָוו טאַראַסאָוויטשן אַף אַ זײַט און אָנגעהויבן עפּעס אים אַרײַנצושעפּטשען אין אויער.

סידאָרענקאָ האָט דערצאָרנט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— הער אויף.

גרובסקי האָט אויפגערעגט ווײַטער געשעפּטשעט, קוקנדיק זײַטיק אַף באַטמאַנאָוון מיט די געלבלעכע אויגן־ווײַסלען.

— וואָס לאָזטו מיך נישט צו רו! — האָט זיך סידאָרענקאָ אויפגעקאָכט. — ער איז דער באַלעבאָס, נישט איך.

— דער באַפעל איז נאָך נישט אונטערגעשריבן. און מע קאָן נישט באַלעבאַטעווען, איידער מע האָט זיך קלאָר געמאַכט די איניאָנים, — איז גרובסקי נישט אָפּגעשטאַנען.

— איך זאָג דיר נאָכאַמאָל: צו מיר דאַרף מען זיך שוין מער נישט ווענדן! — האָט סידאָרענקאָ קימאַט געשריגן.

אַפן צווייטן טאָג איז דער געוועזענער נאַטשאַלניק פון דער בויונג אַוועקגעפאָרן. ער מיט די מיטאַרבעטער, וועלכע זײַנען מיט אים באַפרײַט געוואָרן, האָבן פאַרנומען אַ גאַנצן וואַגאָן. קימאַט די גאַנצע פאַרוואַלטונג

---

*) טורקעסטאַנער סיבירער אײַזנבאַן

**) ריזיקע הידראָ־עלעקטרישע סטאַנציע אַפן דניעפּר. באַקאַנט אַלס „דניעפּראָסטראָי"

האָט בגלייט די אַוועקפאָרנדיקע. זיי האָבן פאַרזאָרגטע אויסגעהערט די אייצעס, ווינטשעוואַניעס און שפּאַסן פון די באַגלייטער. באַטמאַנאָוו, זאַלקינד און בערידזע האָבן אויפגעזוכט סידאָרענקאָן אין דעם עקסטן קופע. ער האָט זיי באַגעגנט אָנגעכמורעט, די גאַנצע צײַט פײַנלעך געשוויגן.

— זאָרג נישט, יאַקאָוו טראַסאָוויטש! וועסט קומען אַף אַ בײַ אָרט, וועט אַף דיר אַ נײַע הויט אַרויף, — האָט אים זאַלקינד באַרויקט.

ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון וואָקזאַל, האָט בערידזע באַמערקט:

— סידאָרענקאָ דערמאָנט אַ קאָמאַנדיר, וואָס איז אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק דאָס מיליטער אין אַרומרינגלונג...

— אָט ווייסט איר, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן, — האָט באַטמאַנאָוו איבערגעשלאָגן. — לאָמיר מער סידאָרענקאָן מיט קיין שלעכט וואָרט נישט דערמאָנען. מיר זײַנען די באַלעבאַטים פון דער בויונג, און ס'פּאַסט נישט זיך אונטערצוגעבן דעם ביליקן ניסאָיען — אַלץ אַרויפוואַרפן אַף דער אַלטער אָנפירערשאַפט, ס'הייסט: אַ שווערע יערושע, און פּאָטער. לאָמיר זיך אײַנשטעלן אַן ערלעכן פּרינציפּ: אַף קיינעם נישט אַרויפוואַרפן, נאָר אַף זיך אַליין. קיינעם נישט באַשולדיקן — בלויז זיך אַליין. מיר וועלן האַלטן אַזוי: דאָס האָבן מיר, אַזעלכע־און־אַזוינע כעווערלײַט, דערפירט די זאַך צו אַזאַ מאַצעוו.

— זייער אַ פּאַסיקע אײַנשטעלונג! — האָט זאַלקינד באַוויליקט מיט דערעכערעץ אַ קוק געטאָן אַפן נאַטשאַלניק פון דער בויונג, וועלכער האָט ברייט געשפּרײַזט לעבן אים.

קאַפּיטל זעקס

דער ווינטער איז געקומען

אין דער נאַטור איז פאַרגעקומען אַ געראַנגל צווישן צוויי צײַטן פון יאָר. דער ווינטער האָט אָנגעגריפן, דער האַרבסט האָט זיך פאַרטיידיקט. אין אָנהייב האָט דער אָנגרײַפנדיקער צאַד געמאַכט אויספּירונגען, אַרויסגעשיקט פרעסט אַף אַ קורצער צײַט, שטעכיקע דורכדרינגענדיקע ווינטן און שניי־זאַווערוכעס. די קוסטעס און די בלעטערביימער האָבן זיך אָנטבלויזט, די גראָזן זײַנען אײַנגאַנצן אָפּגעשטאָרבן. טײַך־אויסגוסן און שטראָמלעך האָבן אײַנגעשמידט אַ דינער ברעכלעכער אײַז, אָפּן אַדון האָבן זיך אונטערן דרוק פון דעם וואַסער באַוויזן און זיך געבראָכן אײַז־שטיקער.

מיטאַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן דער אַנטשיידענער אָנגריף פונעם ווינ־טער. ס׳האָט זיך גדאַכט, דער הימל האָט זיך אַריבערגעקליבן אַף דער ערד. ער האָט זי באַשאָטן מיט אַ געדיכטער ווײַסער מאַסע, דורך וועלכער מ׳האָט פון דער נאָענט נישט געקאָנט דערקענען קיין מענטשן. אין מע־שעך פון אַ מעסלעס האָט דער שנײַ־שיכט פון אַ מעטער די גרעב דער־דריקט אונטער זיך די רויטע ערד. אַלץ אַרום איז ווײַס געוואָרן: די סאָפּקעס זײַנען באַשנייט געוואָרן, מאָגערע גראָזן און פּניאָקעס האָבן זיך פאַרבאָרגן. דיביימער זײַנען געשטאַנען שווערע פון שניי. די וועגן זײַנען פאַרשווונדן — ס׳איז נישט מעגלעך געווען צו פאָרן נישט מיטן באַן, נישט מיט קיין אויטאָ, נישט מיט קיין פערד.

ווי נאָר דער שנייפאַל האָט אויפגעהערט, איז די באַפעלקערונג פון נאָווינסק אַרויס אָפּצורייניקן די פאַרשאָטענע וועגן. באַטמאַנאָוו האָט באַ־צײַטנס פאַרוואָרדנט צוצוגרייטן לאָפּעטעס און אין דעם נייטיקן מאָמענט אַרויספירן די מענטשן פון דער פאַרוואַלטונג אַף אָפּצורייניקן דאָס שטיקל

באַן־ליניע, וואָס פירט צום האַפן, און די וועגן, וואָס ליגן אַרום יישעוו פון דער בויונג. די אָנפירונג מיט דער אַרבעט האָט ער אַרויפגעלייגט אַף ראַגאָוון, בערידזען און קאָווּשאָוון, פּאַרטיילנדיק צווישן זיי די באַצירקן.

דעם טאָג איז וואַסילי מאַקסימאָוויטש אויפגעשטאַנען, ווי געווייב־לעך, זייער פרי. אין דערוואַרטונג אַפן פרימאָרגן האָט ער אַרומגעשפּאַ־צירט איבער דער ראַכוועסדיקער קוואַרטיר זיך אײַנשרימפּנדיק פון קעלט. באַטמאַנאָוו האָט גאָרנישט געענדערט אין דער דאָזיקער ווילע, וואָס ער האָט געיאַרשנט פון סידאַרענקאָן. אַלץ איז אים געפעלן — דאָס עסצימער, דאָס שלאָפצימער, דער קאַבינעט, דאָס קינדער־צימער; וואָלטן נאָר אַהער געקומען צו פאָרן אַנאַ איוואַנאָוונאַ און קאָסטיע. עס זײַנען אים נישט געפעלן בלויז די בילדער, געמאָלטע מיט איילפאַרב. אַף איינעם איז געווען געמאָלן אַ שטורעם אַפן יאַם און אַן אונטערגייענדיקע שיף, אַף דער צווייטער — אַ נאַקעטע פרוי, וואָס גייט אַרויס פון וואַסער. ווען וואַסילי מאַקסימאָוויטש איז דאָס ערשטע מאָל אַרײַנגעקומען אין שטוב, איז ער שטיין געבליבן פאַר די בילדער און האָט אַף אַ קאָל באַוווּנדערט די געשמאַקלאָזיקייט פון דעם אָרטיקן מאָלער און דעם געוועזענעם באַלע־באָס פון דער קוואַרטיר.

— זיי האָבן זיכער, נעבעך, קיינמאָל נישט געזען נישט קיין יאַם, נישט קיין שיינע פרויען, נישט קיין עמעסע מאָלערײַ. די דאָזיקע „ווערק" אָוועקנעמען פון דאַנען, זיי געפעלן מיר נישט, — האָט ער באַפוילן דעם קאָמענדאַנט.

פאַרבראַכט האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש אין קאַבינעט. ווען ער איז געקומען צו פאָרן פון דער פאַרוואַלטונג אַף אַ קורצער צײַט זיך אָפּצור־רוען, דורכשפּאַצירנדיק זיך איבער די טונקעלע צימערן, האָט ער, שוין צום ווייפלטן מאָל, אַ טראַכט געטאָן, אַז מע וואָלט דאַרפן באַזעצן דאָס הויז מיט אַ וועלכער ס׳איז גרויסער פאַמיליע אָדער יעכידים, ווי בערידזע און קאָווּשאָוו. נאָר אַלץ אין אים האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן געדאַנק באַזעצן דאָס הויז וואָלט הייסן פאַרלאָזן יעדע האָפענונג אָפּצוגע־פינען די אייגענע פאַמיליע. אין שלאָף און אַף דער וואָר פלעגט זיך אים אַלץ אָפטער און אָפטער שטעלן פאַר זײַן בליק דאָס בילד פון דער לעצ־טער צעשיידונג: אַנאַ מיט קאָסטיען שטייען אַפן וועג, זיך האַלטנדיק פאַר די הענט, און קוקן אים נאָך. זי שטייט אומבאַוועגלעך, ווי פאַרשטיי־נערט, מיט אַ זייער, זייער אומעטיק פּאָנעם. דאָס יינגל שרײַט עפּעס צו אים און מאַכט מיט דער האַנט...

באַטמאַנאָוו האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די אויגן, אָפּ־יאָגנדיק די וויזיע. אין דער שטילקייט האָט זיך דערהערט אַ פרויען־שטי־מע, נישט קיין הויכע — דאָס האָט די הויז־אַרבעטערן יעוודאָקיע, אַ מיזאָמע, קליינע באַיאָרטע פרוי, געזונגען איינע פון אירע אומענדלעכע לידער.

— ווי לעבט זיך עס הײַנט, יעוודאָקיע סעמענאָוונע ? — האָט וואַ־סילי מאַקסימאָוויטש געפרעגט, אַרײַנגייענדיק אין קיך.

— נישט ערגער פון נעכטן, — האָט זי געענטפערט, שמייכלענדיק. — די אויוונס האָב איך גוט אויסגעהייצט, אין אַ שאָ אַרום וועט וואַרעם זײַן אין אונדזער קוואַרטיר. עמעס, איר ווױנט קימאַט נישט אין איר. דער פרישטיק איז שוין גרייט, כ׳וועל אײַך באַלד דערלאַנגען עסן...

באַם טיש איז באַטמאַנאָוו טאָמיד געזעסן מיט אַ בוך — די דאָזיקע געוווינהייט פון די סטודענטישע יאָרן איז אַנגען נישט געפעלן געוואָרן. איצט האָט ער אַנידערגעלייגט לעבן זיך אַן אָפּענעם באַנד *יעווגעני אָנעגין״. ער פלעגט זיך ווענדן צו פּושקינס פערזן טאָמיד, ווען ס׳איז נייטיק געווען צו באַקומען גײַסטיק גלײַכגעוויכט.

פּושקינס געני האָט אים אויפגעצווונגען נאָכצופאָרשן מיט לעבעדיקן מיטגעפיל דעם גוירל פון מענטשן וואָס זײַנען געווען אַזוי ווײַט פון אים און פרעמד. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, ווי זיך צוצופּאַסן צום לעבן, ווי צו פאַרווענדן די קויכעס און די צײַט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין געמיינ־זאַמע אינטערעסן, און זייער לעבן האָט זיך אײַנגעשלאָסן בלויז אין דעם קרײַז פון זייער אייגענער פּערזאָן. און סאַראַ שרעקלעכע ליידיקגייערײַ, בעלער, אויסגעלאַסנקייט און ליבע־פאַרבינדונגען !

באַטמאַנאָוו האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. זיי האָבן פאַרשווענדעט דאָס לעבן, זיי האָבן נישט געוווסט עס אָפּצושאַצן. „נישט שוין־זשע, — האָט ער געטראַכט, — וועלן זיך נישט געפינען קיין מענטשן, וועלכע וועלן אויך אַזוי געניאַל שילדערן אונדזערע טעג? אונדזערע אוראייניקלעך וועלן יאַרשענען דעם קאָמוניזם, וואָס מיר האָבן אויפגעבויט, און זיי דאַרפן באַנעמען אונדזער לעבן, וואָס איז פול מיט אומאויפהערלעכער טעטיקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער געשיכטע, וואָס איז אומאייגננוציק, רײַך אין גרויסע זאַכן, האַגאַם טיילמאָל אין קלייניקייטן...״

אַ נישט־הויכער קלונג האָט אים אומגעקערט צו דער ווירקלעכקייט.

— וואַסילי מאַקסימאָוויטש, איך האָב אַרויסגעפירט מײַנע מענטשן צום האַפן, כ׳פאַרנעם זיך מיטן רייניקן, — האָט אים ראָגאָוו באַריכטעט דורכן טעלעפאָן מיט זײַן הייזעריקלעכער שטים. — כ׳האָב געוואָלט באַ אײַך פרעגן : צי זאָל מען ווײַטער אָנלאָדעווען די שיפלעך אָדער איבער־רײַסן ? ס׳גייט אַ זייער געדיכטע קריִע. מע זאָגט, אַז דער שטאָטראַט האָט פאַראָרדנט אָפּצושטעלן די באַוועגונג אָפן טײַך.

— הער קיינעם נישט. קאָלזמאַן דער אַדון וועט זיך נישט שטעלן, וועלן מיר אָנלאָדעווען די שיפלעך און זיי אָפּשיקן. מיר וועלן באַווײַזן צו דערשלעפּן אַ שטיק פיר צו די נאָענטסטע באַצירקן, כ׳וועל באַ דיר אײַנ־גיכן זײַן.

אַ בלויער נעפּל איז פאַמעלעך צעגאַנגען הינטע רדי פּענצטער ווען

זאַלקינד איז אַרײַנגעקומען צו באַטמאַנאָוון, איז שוין פולשטענדיק ליכ־טיק געוואָרן.

מיכאַיל באַריסאָוויטש האָט געטראָפן דעם נאַטשאַלניק אַף דער טעראַסע, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שניי ביז צו די קאַלירטע קוואַד־ראַטלעך, מיט וועלכע די טעראַסע איז באַגלאַזט געווען. רויטע, בלויע און געלע פּאַסמעס זײַנען געקראָכן איבער באַטמאַנאָוון, וועלכער איז געשטאַ־נען אומבאַוועגלעך, די הענט אַרײַנגעלאָזט טיף אין די קעשענעס — איבער זײַן פּנים, לעדערנעם פּאַלטאָ און ווײַסע וואַליקעס. וואַסילי מאַק־סימאָוויטש האָט אַ קאָנצענטרירטער באַטראַכט זײַן ערשטן באַפעל אַף דער בויונג.

— עס וואַרט דאָרט דער פורמאַן מיטן פערד, אָבער מיט קיין שליטן וועלן מיר נישט קאָנען פאָרן — האָט דער פּאַרטאָרג געזאָגט, באַ־גריסנדיק זיך.

— מיר וועלן פרוון, — האָט זיך אָנגערופן באַטמאַנאָוו. — אַז מיר וועלן נישט קאָנען פאָרן, וועלן מיר גיין צופוס.

זיי זײַנען אָפּגעפאָרן נישט מער ווי אַ קילאָמעטער, מ׳האָט געמוזט אַראָפּקריכן פון שליטן און קריכן אין טיפן שניי די מענטשן, וואָס זײַנען צעשאָטן געווען אומעטום, האָבן ווי אַ שוואַרצער לעבעדיקער פּונקטיר באַצייכנט די ריכטונג פונעם וועג. אַלע האָבן נײַגעריק באַגעגנט דעם נאַ־טשאַלניק פון דער בויונג און דעם פּאַרטאָרג.

— בעסער וואָלט איר צוגעוואַרט, אַט באַלד וועלן מיר אין אָרדענונג ברענגען דעם וועג! — האָט אַ געשריי געטאָן אַן אויסגעקײַלעכיקטער מענטש אין אַ שפּענצער און וואַטענע הויזן.

באַטמאַנאָוו האָט דערקענט גרעטשקינען. אַרום אים האָבן ענערגיש געהאָרעוועט די אַרבעטס־מענטשן פון זײַן אָפּטיילונג, וואַרפנדיק אין דער לופט דעם זילבערנעם שטויב.

אַ טייל פון דעם באַן־פּלאַנט איז שוין געווען אָפּגערייניקט. אין אַ טראַנשיי דורכגעשניטן אין שניי, האָבן זיי דערזען בערידזען. דער רויט־געוואָרענער הויפּט־אינזשיניער איז געשטאַנען באַם לאָקאָמאָטיוו, וועלכער האָט געסאָפּעט אין דערוואַרטונג זיך צו לאָזן אין וועג. ווי נאָר עס זײַנען אָפּגעדעקט געוואָרן פרישע דרײַ־פיר צענדליק מעטער וועג, האָט דער לאָ־קאָמאָטיוו, יעדעס מאָל מיט אַ גרויליקן רעווען, אָנגעיאָגט די מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרויסגערוקט אין דער טראַנשיי.

אַ קילאָמעטער ווײַטער פון זיי האָט געאַרבעט מיט זײַנע בריגאַדעס קאָוושאָוו. צוגייענדיק צו דעם געדיכטן געזעמל פאַרוואַלטונג־מיטאַרבע־טער, האָט ער זיי צעשטעלט אין אַ שאַך־אָרדענונג אין ביידע זײַטן פון פּלאַנט.

— לאָמיר זיך טוישן! נעמט איר די לאָפּעטע, און איך וועל אָנ־הייבן צו קאָמאַנדירן, — האָט אַ געשריי געטאָן אַ הויך מיידל.

דער אינזשיניער האָט אין איר דערקענט די שאָכנטע פון דער צוזאַ־מענוווינונג.

— מאַסקים, — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיך אַ צי געטאָן צו איר לאַפּעטע.

— ניין, איך קאָן נישט קאָמאַנדירן. ס'האָט זיך מיר פּאַשעט פאַר־וואָלט ציִען אָף זיך אײַער אויפמערקזאַמקייט.

אַלעקסיי האָט גענומען אַ לאַפּעטע און זיך געשטעלט קעגן דעם מיידל. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם לײַכטן שיטעווידיקן שניי אין די זײַטן און געפּלוידערט.

— איר וועט זיך צוקילן: קאָן מען דען אַזוי שפּאַסן מיטן ווײַט־מיזרעכדיקן פראָסט?

אונטער דעם צעשפּילעטן שפּענצער האָט זיך געזען אַ דין ספּאָרט־העמד. די געדיכטע האָר אין דריבנע קרײַזעלעך האָבן זיך איר אָפּערגע־קריגן פון אונטערן בערעט און באַדעקט געוואָרן מיט טוי־פראָסט.

— איך בין אַ היציקע, קוקט. — זי האָט זיך געכאַפּט און געלאַכט:

— אוי, נישט אין דעם זין האָב איך געמיינט! איך האָב פאַרן פראָסט קיין מוירע נישט, כ'בין דאָך אַ היגע, פון דער טײַגע.

זי האָט אים אָפּגעשאָטן מיט שניי, קלוימערשט נישט־ווילנדיק, און אַ קוק געטאָן אָף אים מיט נײַגיר — ווי וועט ער אָף דעם רעאַגירן? דער אינזשיניער האָט זיך אַפילע נישט אָפּגעטרייסלט און ווײַטער אָפּן סאַמע געוויסנהאַפטיקן אויפן געוואָרפן מיט דער לאַפּעטע.

— מע דאַרף נישט זײַן אַזעלכער, — האָט זי געזאָגט פאַראור־טיילנדיק.

— אַוועלכער?

— בלויז אַ נאַטשאַלניק, וואָס איז פאַרנומען מיט דער אַרבעט. איר באַמיט זיך אָנצוגיין פאַר אַ פופציק־יעריקן — און עס גיט זיך אײַך אײַן.

— וואָס דאַרף מען טאָן ייִנגער צו ווערן?

— אַרויסווײַזן אינטערעס צו די אַרומיקע.

— צו אַלע? איך ווײַז סײַווי אַרויס, כ'האָב שוין באַוויזן צו באַקע־נען זיך מיט אַלע פון דער פאַרוואַלטונג.

— דאָס איז אַן אַמטלעכער אינטערעס, אַ גלײַכער צו אַלעמען.

— עפּעס באַנעם איך דאָ נישט.

— וואָלט איר זיך כאָטש פאַראינטערעסירט צו וויסן, ווי איך הייס.

— שטעלט אײַך פאָר, איך האָב זיך פאַראינטערעסירט. איר הייסט זשעניע קאָזלאָווע. גרעטשקין האָט מיר אַפילע אײַער כאַראַקטעריסטיק געגעבן: נישט קיין שלעכטער עקאָנאָמיסט. און נאָך עפּעס־וואָס האָב איך זיך וועגן אײַך דערוווּסט.

— כ'שטויס זיך אָן, ליזעטשקע האָט זיך פאַרקלאָגט: כ'שלאָג באַ איר אָפּ דעם מאַן.

— גלאַט אַזוי וואָלט זי נישט זאָגן.

— נו, זעט איר! עס זײַנען טאַקע, עמעס, געוואָרן ווייניקער קאַוואַליערן, נאָר וואָס פֿאַר אַ קאַלאַוויער סאיז גרעטשקין אומשטייַנסגעזאָגט.

— איר שרעקט זיך פֿאַר ליזעטשקען?

— נישט אַזוי א י ך ש ר ע ק זיך, וויפֿל ער אַליין. אָט זעט איר וווּהין ער האָט מיך פֿאַרטריבן צו רייניקן דעם שניי! ליזעטשקע קאָן זיך פּלוצעם דערוויסן, אַז מיר האָבן צוזאַמען דעם שניי גערייניקט. עפּ־שער וועט א י ר זיך דערוועגן צו באַפֿרײַנדן מיט אַ נישט־שלעכטן עקאָנאָמיסט? — האָט זי אים געפֿרעגט נאָך אַ ווײַל שווײַגן.

— וואָס אַנטהאַלט אײַער אויסדרוק „זיך באַפֿרײַנדן"? — האָט אַלעקסיי אַ שמייכל געטאָן.

— נישט אויסמײַדן דעם עקאָנאָמיסט, נישט מאַכן זיך ווי מע באַמערקט אים נישט, ווען מע באַגעגנט אים, גיין מיטן עקאָנאָמיסט אַף נאָרטעס, איין מאָל אין כוידעש אײַנלאַדן דעם עקאָנאָמיסט אין שטאָט אַרײַן — אין טעאַטער אָדער אין קינאָ.

— און דאָס איז אַלץ?

— אַלץ. וואָס־זשע קאָן זײַן נאָך?

זיי האָבן זיךביידע צעלאַכט. נישט ווײַט זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען באַטמאַנאָוו און זאַלקינד. אַלעקסיי האָט זיי נישט באַמערקט. זיי האָבן אים אַ ווײַל נאָכגעשפּירט. מינאַצאַד.

— זעסט, דער באָכער האָט זיך צוגעפּאַסט. ער איז אַפֿילע ווי פֿריילעכער געוואָרן, — האָט באַטמאַנאָוו באַמערקט.

— ער האָט באַקומען דאָס גלײַכגעוויכט. ערשט קאָן מען אַף אים אָנלאָדעווען וויפֿל עס לאָזט זיך, ער וועט שלעפּן יעדן וואָגן, — איז זאַלקינד מאַסקים געווען.

דער פֿאַרטאָרג האָט קיין טאָעס נישט געהאַט. קאָווּשאָוו האָט זיך ווירקלעך פֿאַרהעלטנישמעסיק גײַסטיק באַרויִקט, אַף וויפֿל דאָס איז מעגלעך געווען אין דער קעסיידערדיקער מוירע פֿאַרן גוריל פֿון מאָסקווע. „דײַן מיליטערישע טייל פֿאַרטיידיקט די רעזידענץ דאָ. הער דעם באַפֿעל: קיין איין טראָט נישט צוריק!" — די דאָזיקע פֿאָרמולע האָט פֿאַרגעלייגט זאַלקינד, און אַלעקסיי האָט נישט געקאָנט זי נישט אָננעמען.

אין דעם אַלעם האָבן נישט קיין קליינע ראָל געשפּילט די בריוו, וואָס קאָווּשאָוו האָט ענדלעך באַקומען פֿון די עלטערן און דער שוויגער. דער טאַטע האָט געשריבן וועגן די כאַווײַרים — ווער פֿון זיי ווו עס אַרבעט אָדער קעמפֿט, וועגן דעם, אַז ער אַליין נעכטיקט אַפֿן דאַך פֿונעם הויז, אַף דער וואַך, אַז די מאַמע גייט אַרויס דרײַ מאָל אין מעסלעס אין אַ קעגנגאַז־מאַסקע צו דיזשורירן אַפֿן הויף. צו קומען קיין נאָווינסק האָט זיך דער אַלטער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. לויט דעם זונס קאַרגע בריוו האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז באַם זון אַף דער נעשאָמע איז עפּעס נישט

אין אָרדענונג, און האָט מיט קאַס פאַרגעהאַלטן: „וואָס קרימסטו זיך אַן אויפהער? לויט ווי מײַן אַלטער סייכל זאָגט מיר, איז אײַער נאָפט־לייטונג — אַ זעלנערישער קריגס־איניען...״

און די שוויגער האָט מיטגעטיילט בעקיצער, אַז פון אַ דריטן מויל האָט מען איר איבערגעגעבן: זינע לעבט און איז געזונט, די כאַוויירים רופן זיך אָפּ וועגן איר מיט אַ סאַך הארציקייט, ווי וועגן אַ שטאַנדהאַפּ־טיקן און דרײַסטן קעמפער...

באַטמאַנאַוו און זאַלקינד זײַנען צוגעקומען צום אָפּריסיקן ברעג, דער האָפּן איז געווען פון אונטן. ס׳איז אויסגעקומען אַראָפּצופּאַרן פון דער הייך אין אַ זיצנדיקער פּאָזיציע. זאַלקינד האָט געוויזן אַ בײַשפּיל. אויפ־הייבנדיק אַ ווײַסן וואָלקן, האָט ער דורכגעגראָבן אַ קאַנאַווע אינעם שניי. נאָך אים האָט זיך, לאַכנדיק, אַראָפּגעלאָזט באַטמאַנאַוו.

דער אַדון האָט נאָך אַלץ זיך קעגנגעשטעלט דער קראַפּט, וואָס האָט אים געקאָוועט. דער אומענדלעכער, ווי פון צאַרן, שוואַרצער וואַסער־שטראָם האָט געטראָגן אָפּ זיך די אײַז־קאַשע רוישנדיק מיט איר באַ די ברעגעס און דעם האָפּן. איבערן טײַך איז געהאָנגען אַ נישט אײַנגעשטיל־טער טויבלעכער רויש, ווי הונדערטער קאָלאָסאַלע מילן וואָלטן געמאָלן דאָס אײַז אָף זייערע שטיינער.

אין האָפּן זײַנען געשטאַנען צוויי באַרזשעס. אָף איינער האָט מען אָנגעלאָדעוועט פּראָוויאַנט — זעק מעל און גרויפּן, פעסער מיט בוימל און פיש, אָף דער אַנדערער — פערד, אינסטרומענטן און טעכנישע מאַ־טעריאַלן. אַ הונדערט אַרבעטער האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אָפּרייניקן דעם שניי פון סקלאַדעס און פּלעצער.

אָפּן בריקל האָט זיך ראָגאָוו געקריגט מיטן עלטסטן פונעם קוטער. יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אָפּן בוקסיר די באַרזשע, וואָס איר אויפּלאָדעווען האָט זיך שוין פאַרענדיקט.

— ביסט בלינד, צי וואָס? דער אַדון קאָן זיך אַ ליאַדע רעגע שטעלן, בין איך דאָך דעמאָלט אַ פאַרלוירענער, — האָט מיט צאָרן גע־שריגן דער עלטסטער.

— וועסט הונדערט מאָל באַווײַזן, פּאַלישטשוק, זיי נישט קיין האָז,
— האָט אים ראָגאָוו אײַנגעשמועסט.

— ער האָט מוירע? — האָט, צוגייענדיק, געפרעגט באַטמאַנאַוו.
— דאָס איז אַ נויטווענדיקע זאַך, כאַווער. אויב מיר וועלן ערשט נישט אָפּשיקן די באַרזשע, וועלן מיר שפּעטער מיט בלוט שפּײַען.

— שוין, נו, ער וועט פאָרן, — האָט ראָגאָוו געזאָגט.

דער רויטבאַקיקער פּאַלישטשוק האָט אַ קוק געטאָן אָף באַטמאַנאַוון און, שווײַגנדיק אַ ווײַל, זיך געלאָזט, שאָקלענדיק זיך פון איין זײַט אָף דער אַנדערער, צו דעם קוטער. ראָגאָוו האָט געפירט זאַלקינדן און וואַסילי

מאַקסימאָוויטשן צום דיזשור־הײַזל — אַזוי האָט מען גערופן דאָס שטיבל, וואָס האָט זיך געטוליעט באַם סאַמע וואַסער. אין דעם ענגן צימערל איז הייס געווען פון דעם צעגליטן אײַזערנעם אייוועלע.

זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אָנצוּוואַרעמען, און ראַגאָוו האָט נאַר־וואָס אָנגעהויבן אָפּצוגעבן אַ באַריכט, וואָס ער האָט אָפּגעלאָדעוועט פאַרן מעסלעס אַף די דרײַ אָפּגעשיקטע באַרזשעס, — ווי אין שטיבל איז אַרײַנגעפאַלן אַ מענטש און גלײַך אָנגעהויבן רײַסן פון זיך דאָס אָנטועכץ. דער שפּענצער, די הויזן, די וואָליקעס, אַפילע דאָס היטל זײַנען פאַרשטײַפט געוואָרן אונטער אַן אײַז־שאָלעכץ. איינגאַנצן אַ בלויער, האָט ער געציטערט און געקלאַפּט מיט די ציין.

— דאָס שיפל „טאַיפון"... איז געבליבן שטעקן אַף דעם זאַמדיקן לאַנדצונג, — האָט ער פון זיך אַרויסגעדריקט ווערטערווײַז. — מע דאַרף העלפן... די אַפּאַראַטן צום שווייסעווען... אַמאָנאַל... מאַכשירים... אַן אוילעם דאַרט... הונדערט מענטשן. ס'איז אַ פּאַניק... איך אַפן קליינעם שיפעלע האָב זיך איבערגעקערט... כ'האָב געמוזט שווימען.

ראַגאָוו האָט אַ קוק געטאָן אַף באַטמאַנאָוון און איז ווי אַ ווינט אַרויסגעפלויגן פון דיזשור־הײַזל. צולויפנדיק צום האַפן, האָט וואַסיל מאַקסימאָוויטש דערזען ראַגאָווס ברייטע פּלייצע אין אַ בלויען מאַטראָסן־מאַנטל אַף אַ קוטער, וואָס איז שוין אָפּגעשווומען פון ברעג.

אַף דער באַרזשע האָבן באַטמאַנאָוון אַרומגערינגלט די טרעגער און די קאָמאַנדע פון דעם בוקסיר.

— מיר וועלן אַף צוריק אָפּלאָדעווען, נאַטשאַלניק? — האָט גע־פרעגט דער בריגאַדיר פון די טרעגער.

— אומזיסט האָט מען אונדז אויפגעצוווּנגען צו נעמען אַפן בוקסיר. אָרנטלעכע מענטשן פאַרנעמען זיך אין דער צײַט מיט רעמאָנטירן דעם פלאָט, טרײַבן נישט קיין קוטערס דורכן אײַז.

באַטמאַנאָוו האָט דערקענט אין דעם וואָס רעדט דעם רויטבאַקיקן פאָלישטשוק, מיט וועלכן ראַגאָוו האָט זיך פריִער געקריגט.

— צוריק אָפּלאָדעווען וועט נישט אויסקומען, און בוקסירן האָט מען אויפגעצוווּנגען נישט אומזיסט, — האָט זיי באַטמאַנאָוו געענטפערט.

— עס גייט איצט אונטער אַ שיפל אַף דעם זאַמדיקן לאַנדצונג, ס'זײַנען פאַראַן אַף דעם מענטשן און אַ סאַך פאַרמעגן. ווער איז דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך? — האָט פאָלישטשוק געפרעגט.

— דאָס שיפל וועלן מיר פון דער לאַנדצונג אַראָפּנעמען, קאָנסט זײַן רויִק, כ'האָב אַהין געשיקט ראַגאָוון, ער וועט דעם טײַוול פון בלאָטע אַרויסשלעפּן.

דער נאַטשאַלניק האָט אַ קוק געטאָן אַף די געפרווירענע, נישט־פריי־לעכע מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט.

— קיין פּאַניק מאַכן דערלויב איך נישט ! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — קוקט נאָר אָן די קינדערלעך ! אויב מע זאָל אַף יעדן טריט מיט אַ געוויין אַרויס — וועלן קיין טרערן נישט קלעקן. מאַכט זיך גרייט אָפּצושווימען ! — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו פּאָלישטשוקן.

— איך האָט נישט קיין רעכט צו צווינגען. ס׳איז פאַראַן אַ פאַרבאָט פון דעם שטאָטישן אויספיר־קאָמיטעט — האָט דער עלטסטער בייז דער־ווידערט.

— איך האָב יאָ דאָס רעכט, באַכער. ס׳לוינט זיך נישט צו קאָנ־טראָלירן מײַנע רעכט, דו רעדסט נישט צום איניען. כ׳וועל דיר איצט גאָרנישט צווינגען, וועסט עס אַליין פאַרשטיין. — באַטמאַנאָוו האָט צו־נויפגעדריקט און אויפגעפּענט די געפּרוירענע פינגער אין די לעדערנע הענטשקעס. — מיר האָבן אַף די באַצירקן אַ סאַך מענטשן, דער אַדון וועט זיך שטעלן — וועלן מיר שיקן נאָך. און מיט וואָס וועלן מיר זיי שפּײַזן ? איידער מיר וועלן דורכלייגן אַן אײַז־וועג איבערן אַדון און צו־פירן פּראָדוקטן מיט פערד אָדער מאַשינען — וועט אַוועק אַ צײַט. און אַרבעטן דאַרפן זיי. אָבער אַף די פּלעצער פעלן אויס אינסטרומענטן, עס זײַנען נישט פאַראַן די סאַמע נייטיקסטע מאַטעריאַלן. מיט ליידיקע הענט וועסטו גאָרנישט אויפטאָן. אויך פערד דאַרף מען האָבן — אַף די פּלייצעס וועסטו קיין האָלץ נישט ברענגען. לויט דיר קומט אויס : אַ קאַפּאָרע די מענטשן, זאָלן זיי אויסגיין פאַר הונגער, שלעפּן האָלץ פון וואַלד אַף די פּלייצעס, זאָלן זיי נישט אַרבעטן ?

— איך זאָג ניט : אַ קאַפּאָרע די מענטשן, — האָט פּאָלישטשוק געזאָגט.

— הייסט עס, אַז דו ווילסט, איך זאָל זיי פון דאָרט אַרויספירן ? באַרעכן נאָר, צי קען איך אַרויספירן די מענטשן פון דער טײַגע און פאַר־לירן צײַט איצט, ווען מיר האָבן זי אַזוי קנאַפּ. זיי דאַרפן זיך ערשט אײַנאָרדענען אַף די באַצירקן, גרייטן זיך צו די ווינטער־אַרבעטן, און ווען דער אַדון וועט זיך שטעלן — מאַכן אַ וועג אָפּן אײַז. צי עפּשער האָסטו צוגעטראַכט אַן אַנדער אויסוועג פון דער לאַגע ?

וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט גערעדט באַפעלעריש און רויִק. פּאָ־לישטשוק איז אין כּעס געוואָרן :

— מאַכסט כויזעק פון מיר, נאַטשאַלניק ! איך האָב גאָרניט צוגע־טראַכט. און אויפקלערן מיר איז אויך ניט נייטיק : כ׳בין געפאָרן צו די באַצירקן, געזען די מענטשן, גערעדט מיט זיי. זיי וועלן בעשום אויפן ניט דורכהאַלטן.

— זיי וועלן דורכהאַלטן, אויב מיר וועלן זיי שנעל ברענגען די צוויי באַרזשעס. — וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט באַטראַכט די מענטשן און מיטאַמאָל אויסגעשאָסן : — איר שרעקט זיך, צי וואָס ?

— ס׳איז קיין כידעש ניט, מיר שרעקן זיך, — האָט זיך עמעץ פון אוילעם מוידע געווען. — סײַ דאָס פאַרמעגן וועט פאַרלוירנגיין, סײַ מיר אַליין וועלן אומקומען. איר צווינגט אונדז צו טאָן אַ שווערע זאַך, אַן אוממעגלעכע.

— כ׳האָב ניט געוווסט, אַז אײַך דאַרף מען נאָר לײַכטע זאַכן פאַרגעבן, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט און צוגערופן פון אוילעם דעם, וועלכער האָט אים דערווידערט. — ווי מיינט איר, אונדזערע כאַוויירים אַפן פראָנט פאַרגיט מען זייער לײַכטע זאַכן? שעמען וואָלט איר זיך געמעגט — ער האָט זיך נאָכאַמאָל געווענדט צו פאָלישטשוקן: — שווימט אָפּ, איך וועל פאָרן מיט אײַך ווי דער אָנפירער.

— ס׳איז ניט קיין איניען, — האָט זיך פאָלישטשוק אָפּגעזאָגט נאָך אַ ווײַלע שווײַגן. — ס׳פּאַסט ניט, דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג זאָל באַגלייטן יעדע באַרזשע. — דער עלטסטער האָט אַרויפגעצויגן די הענטשקעס, — יעדע ווי אַ לאָפּעטע די גרייס, — וועלכע ער האָט געהאַט אַראָפּגענומען אין דער היץ פון געשפּרעך, און אָנגערוקט דאָס היטל.

— זײַנען דאָ פאַראַן קאָמוניסטן צווישן אײַך? — האָט אַ געשריי געטאָן זאַלקינד: ער איז אויך אַרויפגעקומען אַף דער באַרזשע מיט אַ גרופּע מענטשן. — די קאָמוניסטן מיט מיר וועלן פירן ביידע באַרזשעס.

— וואָס רעדט איר דאָס, מיכאַיל באָריסאָוויטש! — האָט וויינעריש אַ געשריי געטאָן פאָלישטשוק. — איך בין אַן אומפּאַרטייִשער, איז דאַרף מען מיך פון קאָן אַרויסטרײַבן, וואָס? און דערנאָך וועל איך אין שטאָט זיך ניט קענען ווײַזן: אָנשטאָט פאָלישטשוקן האָט זאַלקינד געפירט די באַרזשעס אַפן אַדון! גיי אַראָפּ!

דער עלטסטער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו זײַן קאָמאַנדע. די בוקסירלײַט זײַנען גלײַך נאָכן עלטסטן אַראָפּגעלאָפן מיטן בריקל, הויך קלאַפּנדיק מיט די פיס.

קאַפּיטל זיבן

ווי זיי האָבן זיך צעטיילט מיט די פּליכטן

דער אָנהייב פון דער בויונג איז אויסגעפאַלן אום ווינטער — אין דעם איז באַשטאַנען די באַזונדערע שווערקייט פון דער לאַגע. לויט אַלע טעכנישע געזעצן איז ניט רעקאָמענדירט געוואָרן צו בויען אַ נאַפּטלייטונג אין די באַדינגונגען פון ווינטער. יעדנפאַלס האָבן אָנגעזעענע אויסלענדישע ספּעציאַליסטן, וואָס אויף זייער אויטאָריטעט האָט זיך גרובסקי אָפּט סוימעך געווען, געהאַלטן אַזאַ זאַך פאַר ניט דערלאָזלעך. באַטמאַנאָווס שטאַב איז ווי געבליבן ניט אַנדערש צו טאָן, נאָר מאַסקים צו זײַן אויף אַ לאַנג זיצעניש אין די קאַבינעטן, אָפּטרעטן די טראַסע אָן אַ קאַמף די ווינטן און די בוראַנעס.

נאָר דאָס וואָלט באַדײַטן אונטערשרײַבן זיך אויף גרובסקיס באַריכט וועגן דער אומרעאַלקייט פון דעם רעגירונגס־טערמין. פון די צוועלף כאַדאָשים, וועלכע זײַנען באַשטימט געוואָרן אויף אויסצולייגן די נאַפּטלייטונג, האָט ניט ווייניקער פון זיבן פאַרנומען דער ווינטער — ווי־זשע האָט מען זיך געקענט פון זיי אָפּזאָגן? באַטמאַנאָוו און זײַנע געהילפן האָבן זיך ניט געקליבן אָוועקצולייגן דאָס געווער, און בעמיילע איז די ליניע פון זייער האַנדלונג באַשטימט געוואָרן פון זיך אַליין: ניט שענקען דעם ווינטער קיין איין כוידעש, קיין איין וואָך, קיין איין טאָג — פּאָשעט ניט לייגן אויף אים קיין אַכט! פונדעסטוועגן איז ניט אַזוי לײַכט צו פאַרגעסן דעם ווינטער. ווי נאָר ער האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער שוין געבראַכט פאַר די בוי־אַרבעטער אָן אַ שיר קלאָפּאָטן.

ס׳איז פאַרבײַ דער ערשטער שנייפאַל — און וויפל איז נאָך געווען צו דערוואַרטן! — און די נאָרמאַלע אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג און אויף די פּלעצער איז געשטערט געוואָרן, ס׳איז אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען אויסשליסלעך מיטן אָפּרייניקן די וועגן. אַ פּאָשעטע זאַך — דאָס

אָפּשיקן עטלעכע באַרזשעס אַף די באַצירקן — איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָמפּליצירטן איניען. ראָגאָוו, וועלכער האָט זיך געוואָרפֿן ראַטעווען די באַרזשע, וואָס איז שטעקן געבליבן אין מיטן דעם אַדון, האָט זיך ביז הײַנט ניט אומגעקערט, — און מ׳האָט קלאָר ניט געוווסט, ווו ער אַליין איז און די באַרזשע מיט די מענטשן. דורך דער לעבעדיקער פּאָסט איבערן טײַך איז דערגאַנגען פֿון אים אַ מינדלעכע ידיעה: „פֿון דעם לאַנדצונג האָבן מיר זיך אָפּגעריסן, מיר זײַנען געפֿאָרן ווײַטער". דער גורל פֿון די לעצטע צוויי באַרזשעס, וואָס פּאָלישטשוק האָט בוקסירט, איז אויך געווען אומבאַוווסט. די בוי־אַרבעטער זײַנען געבליבן לאַכלוטן אָן וועגן צו די באַצירקן: דער וואַסער־וועג האָט זיך פֿאַרענדיקט, דעם ווינטערדיקן — איבערן אײַז האָט מען ערשט געדאַרפֿט מאַכן. דאָס איינציקע פֿאַרקער־מיטל מיט דער טראַסע איז איצט געווען דער אַעראָפּלאַן, אָבער אויך ער האָט בלויז געקענט אַראָפּוואַרפֿן פּאָסט אַף די באַצירקן — אַן אָרט, ווו צו לאַנדן איז ניט מעגלעך געווען צו געפֿינען.

דער אַדון איז דורכויס ווײַס געוואָרן, האָט זיך לויטן קאָליר אויסגעגלײַכט מיט די ברעגעס. ווען מע האָט זיך שאַרף אײַנגעקוקט, האָט מען געקענט באַמערקן די פּאַמעלעכדיקע באַוועגונג פֿון דער אײַז־אויבערפֿלאַך, וואָס איז געצויגן געוואָרן פֿון דער וואַסער־קראַפֿט; פֿאַרקאָוועט אין אַ פּאַנצער, האָט זי זיך נאָך אַלץ ניט אונטערגעגעבן.

קוקנדיק קעסיידער אַפֿן טײַך, האָט באַטמאַנאָוו דיקטירט זײַן ערשטן באַפֿעל אַף דער בויונג. ער האָט אַנטהאַלטן די טאַקטיק פֿון דעם קאַמף מיט דעם אָנקומענדיקן ווינטער: זיך גרייטן צו לאַנגע פֿרעסט, קיין שאָ ניט פֿאַרלירנדיק; זיך באַזאָרגן מיט הייץ־מאַטעריאַל, פֿאַרקלעפּן די וווינונגען, פֿאַרריכטן דאָס ווינטערדיקע אָנטועכץ און שוכוואַרג; אויפֿבויען אַף די באַצירקן דאָס אַלץ, וואָס איז נויטווענדיק פֿאַר דעם שווערן לעבן אין דער טײַגע — באַראַקעס און ערד־שטיבלעך, בעקערײַען און גאָרקיכן, בעדער און וועשערײַען, סקלאַדעס און קלובן; ווען דער אַדון וועט זיך שטעלן — אָפּרייניקן אַן אײַז־וועג איבערן טײַך און פֿון אים — צוגענג צו דער טראַסע; אַף דעם אײַז־וועג אוי(?)אויפֿהערלעך צעפֿירן פֿון די סקלאַדעס אַף די באַצירקן איבער דער גאַנצער ליניע פּראָוויאַנט, רערן, אויסשטאַטונג, טעכנישע מאַטעריאַלן.

צום באַפֿעל איז בײַגעלייגט געוואָרן אַן אינסטרוקציע. עס האָט זי צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיסיע פֿון דערפֿאַרענע מענטשן. ס׳איז אין איר פֿאָרויסגעזען געוואָרן אַלץ: מיט וואָס אָנצופֿילן די מאַטראַצן, אַף וואָס פֿאַר אַן אויפֿן פֿירן דעם פֿישפֿאַנג אונטערן אײַז פֿונעם אַדון, ווי אַזוי צוצוגרייטן און אײַנצונעמען אַן עסענץ פֿון נאָדלבלעטער קעגן סקאָרבוט, ווי צו מאַכן אויפֿשיטן לעבן די פֿונדאַמענטן, ווי צו פֿאַרשטאָפּן די שפּאַלטן פֿון די קאָרידאָרן און אײַנהאַלטן די וואַרעמקייט אין די באַראַקן.

דעם באַפעל האָט מען אָפּגעשיקט אַף דער טראַסע מיט אַן אַעראָפּלאַן. גלײַכצײַטיק האָט זאַלקינד אַרויסגעשיקט אַ בריוו וועגן צוגרייטן אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וואָס ווערט באַשטימט אַף די ערשטע טעג נאָוועמבער. אין לעצטן מאָמענט, ווען דער אַעראָפּלאַן איז שוין גרייט געווען זיך אויפצוהייבן אין דער לופט, האָט דער פּאַרטאָרג באַשלאָסן אַליין צו פליִען. אָבער אַראָפּצולאָזן זיך האָט זיך אין ערגעץ ניט אײַנגעגעבן, און זאַלקינד האָט זיך אומגעקערט בלויז נאָך אַ שפּאַציר אין דער לופט. דאָס האָט אים געערגערט.

— איך באַדויער זייער, וואָס מײַן אַרויספלי האָט זיך ניט אײַנגעגעבן — האָט ער אין אָוונט געזאָגט באַטמאַנאָוון און בערידזען. — עס גלוסט זיך מיר איצט זײַן צוזאַמען מיט די מענטשן אַף דער טראַסע. טוט נאָר בלויז אַ טראַכט, וואָס זיי מוזן איצטער איבערטראָגן!

בערידזע האָט מיטפילנדיק צוגעטאָקעוועט. באַטמאַנאָוו, וועלכער האָט דורכגעקוקט די באַפעלן, וואָס זײַנען אָנגעקומען פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג און דעם פאָלקאָם, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַפן פּאַרטאָרג.

— מיט דײַן אַרויספלי האָסטו געצאָלט אַ צינז דײַן שטימונג, און איך באַדויער ניט, וואָס ער האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, — האָט ער געזאָגט. — איך צווייפל ניט, אַז ווען דו וואָלסט פאַרבראַכט אַף אַ וועלכן ס'איז באַצירק אַ טאָג פּופצן — וואָלט פון דעם אַרויסגעקומען אַ נוץ, אָבער דו ביסט דאָך דער פּאַרטאָרג ניט פון איין באַצירק, נאָר פון צוועלף באַצירקן; איך כאַזער איבער צום הונדערטסטן מאָל און וועל דאָס זאָגן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען איר וועט עס ניט באַנעמען: דאָס סאַמע איקערדיקסטע פאַר דער בויונג איז אין איצטיקן מאָמענט — שאַפן אַ ציל־אָנגעשטעלטן, פעסטן, אַרבעטספּעִיקן שטאַב. אָט שרײַבט וועגן דעם זעלבן דער פאָלקאָם, פאַררופנדיק זיך אַפן בײַשפּיל פון דער דורכגעפאַלענער בויונג 215. — באַטמאַנאָוו האָט גענומען איינעם פון די באַקומענע באַפעלן און צוגעוואָרפן זאַלקינדן. — זיך לאָזנדיק באַהערשן פון דער שטימונג, זײַנען מיר ביידע שיר ניט אָפּגעשווומען מיט דער באַרזשע אָנשטאָט פאָלישטשוקן. אַ נעס, וואָס באַ דעם דאָזיקן באָכער האָט נאָך געקלעקט פאַרשטאַנד אונדז אָפּצוהאַלטן. ווען ניט, וואָלט די בויונג פאַרבליבן אָן אָנפירער. צי מיינסטו, אַז מירווילט זיך ניט אַף דער טראַסע? נו אָט, לאָמיר זיך לאָזן באַהערשן פון דער שטימונג און זאַלבעדריט זיך אַ לאָז טאָן אַהין. מיר וועלן זיך באַזעצן אַף אַ באַצירק און נעמען באַלעבאַטעווען. צו וואָס וועלן מיר זיך דערשלאָגן? דערצו, וואָס פון אַ נאַטשאַלסטווע פון דער גאַנצער בויונג וועלן מיר זיך פאַרוואַנדלען אין אַ נאַטשאַלסטווע פון בלויז איין באַצירק...

איבעררײַסנדיק די דאָזיקע סאַרקאַסטישע טיראַדע, האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש אַנידערגעלייגט דעם באַפעל אַפן אָרט. זאַלקינד און בע־

רידזע האָבן געשוויגן. און באַטמאַנאָוו האָט זיי שוין גוטמוטיק פאַר־שפּראָכן:

— האָט געדולד, די צײַט וועט קומען — מע וועט אײַך פּראָסט־פּאָשעט ניט אַרײַנלאָזן אין דער פּאַרוואַלטונג, איר וועט וווינען אַף דער טראַסע.

דער פּאַרטאָרג און דער הויפּט־אינזשעניער האָבן אַליין פאַרשטאַנען די ריכטיקייט פון באַטמאַנאָווס ווערטער. זיי האָבן באַגלײַך מיט אים געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען געהעריק אײַנצושטעלן די אַרבעט פון דער פּאַרוואַלטונג. און זי איז מיט יעדן טאָג אַלץ מער ענלעכער געוואָרן צו אַ גוט־אַרבעטנדיקן שטאַב. אין דעם דאָזיקן שטאַב האָבן באַטמאַנאָוו, זאַלקינד און בערידזע פאַרגעשטעלט מיט זיך דרײַ צענטערס, פון וואַנען די ענערגיע איז געגאַנגען, ווי פון אַקומולאַטאָרס, צו די רינגען פונעם אַפּאַראַט.

איינמאָל האָבן זיי אין אַ געשפּרעך, טרײַבנדיק שפּאַס, פונאַנדער־געטיילט צווישן זיך די פליכטן אַזוי:

— איך האָב אַ שוואַרצע אַרבעט: רייניקן דעם שניי, דינגען זיך מיט ליבערמאַנען, שפּײַזן און אָנטאָן די מענטשן, האַלץ פאַרגרייטן אוכע־דומע. ווען כ'וועל ענדיקן מיט די דאָזיקע קלייניקייטן, וועל איך מיר אוועקגיין אַף אַ זײַט, קנאַקן באַניעקערן און זיך צוקוקן, — האָט געזאָגט וואַסילי מאַקסימאָוויטש.

— און מײַן אַרבעט איז נאָך פּאָשעטער... פירן שמועסן מיט די מענטשן, פאַרווײַלן זיי צו ביסלעך, עס זאָל זיי ניט זײַן אומעטיק, — האָט זיך אין זײַן טאָן אָפּגערופן זאַלקינד.

בערידזע האָט זיך, ווי אַ פאַרמישפּעטער, אַ קלאַפּ געטאָן איבערן האַלדז־און־נאַקן:

— און דאָס איבעריקע, הייסט עס, וואַליע איך אַרויף אַף זיך, און גיי, פערדל, אין שפּאַן!

אין באַטמאַנאָווס „שוואַרצער" אַרבעט האָט אַ סאַך פאַרנומען די באַזאָרגונגס־אָפּטיילונג. צו עטלעכע מאָל אין טאָג פלעגט ער אַרויסרופן צו זיך ליבערמאַנען און אים אונטערטרײַבן מיט אָפטע טעלעפאָנען. דער אינטענדאַנט האָט זיך געכאַפּט פאַרן גרויסן גזלן קאָפּ און פלינק גע־שלעפּט צו אים פאַרצייכענונגען, באַשטעטיקונגען, באַריכטן. אויספאַרשנ־דיק די ציפערן, איז באַטמאַנאָוו דערגאַנגען דעם עמעס. ס'האָט אים אומ־אָנגענעם איבערראַשט דאָס היפּשע אויספעלן פון אַנטועכץ אַף די באַ־צירקן.

— איר האָט באַגעגנט דעם ווינטער אין טרוסיקעס! — האָט ער געזידלט ליבערמאַנען. — פאַר די נײַע רעזערוון אַרבעט־קראַפט — זיי דאַרפן אינגיכן אָנקומען — האָט איר ניט, ניט קיין וואַרעם אַנטועכץ,

ניט קיין שוכוואַרג. אַף דער טראַסע וועלן די פּרעסט אינגיכן אַ נעם טאָן ביז פּערציק־פופציק גראַד. מיט וואָס האָט איר בעדייע אָנצוטאָן און באַשוכן די מענטשן ?

ליבערמאַן האָט געבראַכט צו שלעפּן אַ דיקע טעקע מיטן אויפשריפט: „פּערזענלעכע קאָרעספּאָנדענץ" און באַוויזן אַ דריי צענדליק באַריכטן, וואָס ער האָט דערלאַנגט דעם געוועזענעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

— זעט איר, איך האָב געשריבן: ס'פעלן אויס אָנטועכץ און שוכוואַרג, מירן פאַרבלייבן אַפן ווינטער נאַקעטע. די געוועזענע אָנפירערשאַפט האָט קיין זאַך ניט גענומען אין אַכט.

— איר טייטלט בעסער ניט אַף דער אַלטער אָנפירערשאַפט. צו וואָס האָט איר זיך דאָס פאַרגרייט מיט דער דאַזיקער אָנגעשוואָלענער טעקע — קעדיי אַף יעדן פאַל זיך צו פאַרזיכערן מיט פּאַפּירלעך ? דאָס איז אַ מיִעסער אייסעק. ווען ס'וועט אויסקומען צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די זינד, וועלן ניט העלפן אַפילע קיין הונדערט טאָן פאַרשריבן פּאַפּיר. קעדיי עס זאָלן זיך באַ אייך ניט שאַפן קיין אומזיסטע אילוזיעס, וועל איך איבערע ווערק פאַרבאַהאַלטן צום אָנדענק. — באַטמאַנאָוו האָט ווירקלעך באַהאַלטן די טעקע אין סייף. — מיט מיר, רעקאָמענדיר איך אייך, ניט צו פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ פּערזענלעכער קאָרעספּאָנדענץ, איר ריזיקירט צו באַקומען פאַר יעדן ראַפּאָרט אַ שלעכטע שטימונג אַף אַ וואָך. ענטפערט פונדעסטוועגן: מיט וואָס וועט איר אָנטאָן און באַשוכן די מענטשן ?

— מאַמינקע טייערע! פון וואַנען־זשע זאָל איך עס נעמען? אַפן באַזאַר וועסטו עס ניט קויפן, און דער צענטער שיקט ניט!... איך בעט אייך אונטערשרייבן אַ טעלעגראַמע צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג.

ליבערמאַנס טעלעגראַמע האָט געבעטן הילף: „ס'האָט זיך געשאַפן אַ קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע מיטן באַקליידן אויסצומיידן די נאַקעטקייט און באָרוועסקייט פון די אַרבעטער וואָס באַדראַט מיט אָרונטעררייסן די בויונג. שיקט שפּענצערס וואַטענע הויזן מאַטראַסן־מאַנטלען פעלצלעך וויליקעס".

— הומאָריסט איר איינער, איר אומגעראַטענער יורעש פון מאַרק טווענען, — באַטמאַנאָוו האָט צעריסן די טעלעגראַמע. — פאַוואָס לייענט איר ניט קיין צייטונגען ?

— איך לייען... די „פּראַוודאַ"... די „איזוועסטיאַ"... די אָרטיקע צייטונג...

— איר לייענט ניט, ס'איז ניט עמעס דער וואָס לייענט אַ צייטונג, וואָלט ניט פאַרפאַסט קיין טעלעגראַמע מיט אַזאַ נוסעך, ווי איערע. נאַט אייך אַ צייטונג, קוקט אַריין, וואָסער איניען ס'איז געווידמעט אַ גאַנ־

צע זײַט. — וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט דעם אינטענדאַנט אויסגעשטרעקט אַ צײַטונג.

— „לאָמיר דורכפירן אַ זאַמלונג פון וואַרעמע זאַכן פאַר די זעלנער פון דער רויטער אַרמיי“, — האָט ליבערמאַן איבערגעלייענט אַף אַ קאָל.

— זאַלקינד אָרגאַניזירט אַ זאַמלונג פון זאַכן צווישן די מיטאַרבעטער. מע דאַרף אים העלפן. טיילט אויס פון די נײַע פעלצלעך, ווויליקעס און היטלען אַ העלפט פאַר דער רויטער אַרמיי.

— מאַמינקע טײַערע! ווי קען מען דאָס! — האָט זיך ליבערמאַן דערשראָקן. — באַ אונדז אַליין פעלט דאָך אויס. איר האָט נאָר וואָס געזאָגט: די מענטשן זײַנען נאַקעט.

— צווינגט מיך ניט איבערצוכאַזערן. אָפּגעבן! איר אַנטוישט מיר זייער, ליבערמאַן. אין אָנהייב האָט איר זיך מיר אויסגעדאַכט פאַר אַ מענטשן מיט אַברייטן שווונג, און אין דער ווירקלעכקייט — זײַט איר אַ מאַגאַזינער, אַ קאַמצן, ניט קיין באַזאָרגונגס־נאַטשאַלניק. אײַער גאַנצע איניציאַטיוו ווערט אויסגענוצט, ווײַזט אויס, אַף צו פאַרפאַסן אומנוצלעכע ראַפּאָרטן. באַ אײַך אונטער דער נאָז געפינען זיך לאַגערן מיט אָנטועכץ און שוכאַוורג, פאַרוואָס אינטערעסירט איר זיך ניט מיט זיי?

— ווו זײַנען די לאַגערן? — האָט ליבערמאַן אַ דריי געטאָן מיט דער היפּשער פּרישטשעוואַטער נאָז.

— כ׳האָב זיך אָפּגעשמועסט מיט די מיליטערישע, זיי גיבן אונדז אַלט אָנטועכץ — פון דעם וועט איר מויכל זײַן אויפצונייען ווינטער־אָנטועכץ פאַר אונדזערע אַרבעטער. פאָרט קיין רובעזשאַנסק און לאָדעוועט אויף דאָס פאַרמעגן. און צווייטנס: אָרדנט אײַן אַ גרויסן שנײַדער־רײַ־וואַרשטאַט. זוכט אויף אַ לאָקאַל. זאַלקינד האָט צוגעזאָגט צוצוצי̇ען די שטוב־באַלעבאָסטעס. אין אַ וואָך אַרום דאַרף דער וואַרשטאַט אַרבעטן.

באַטמאַנאָוו האָט באַשלאָסן אָפּצוטיילן די שפּײַז־ און באַקלייד־באַזאָרגונג פון דער טעכנישער, ווײַל ליבערמאַנס באַלעבאַטישקייט איז געווען אַ צו ברייטע — פון אַ טשוואָק ביז אייל. אָבער די אָרגאַניזירונג פון דער נײַער אָפּטיילונג פאַר טעכנישער באַזאָרגונג האָט זיך פאַרהאַלטן צוליב דעם, וואָס ס׳האָט זיך ניט געפונען אונער דער האַנט דער מענטש, וועלכער זאָל זיך קענען שטעלן אין איר שפּיץ.

— מאַמינקע טײַערע, מיר האָבן לאַכלוטן ניט קיין באַזאָרגונגס־מיטאַרבעטער, — האָט זיך ליבערמאַן געקלאָגט. — אינזשעניערן זײַנען דאָ אַ סאַך, טעכניקער נאָך מערער, עקאָנאָמיסטן אַ גוזמע — קיין באַזאָרגונגס־אַרבעטער זײַנען ניטאָ. אין מײַן אָפּטיילונג זײַנען פאַראַן — אָדער שויטים, אָדער זשוליקעס. קיינער וויל ניט אַרבעטן, אַלץ מוז מען טאָן אַליין. נאָר איך בין ווײַט ניט קיין יוליוס צעזאַר.

ווי אַן ענטפער אַף דער דאָזיקער טײַנע האָט באַטמאַנאָוו באַמערקט:

— איר האָט מיר דערמאָנט אַן אַלטן אַנעקדאָט. איינער אַן אָרדי־נאַנס האָט געפּריידיקט אַ טעאָריע ענלעך צו אײַערער: די גאַנצע וועלט זאָל באַשטיין פון צוויי טיילן. איין טייל — דער אָרנטלעכסטער — דאָס איז זײַן ווילגעבוירן דער אָפיציר און ער — דער אָרדינאַנס. די צווייטע טייל — זשוליקעס, לײַדאַקעס און שויטים. דער דאָזיקער אָרדינאַנס איז אײַער דירעקטער אידעיִשער לערער.

אומדערוואָרט האָט זיך אָפּגעזוכט אַ נאַטשאַלניק פאַר דעם נײַעם אָפּטייל, און דאָס גראַד צווישן די אַרבעטער, וועלכע ליבערמאַן האָט באַרעדט.

וואַסילי מאַקסימאָוויטש איז אָפּט אַרײַנגעקומען אין די אָפּטיילן, זיך צוגעקוקט צו די מענטשן. אין אַ שפּעטער באַנאַכטיקער שאָ פלעגט זיך אים פאַרוועלן קאָנטראָלירן, ווער עס איז, כוץ אים, פאַרבליבן אין דער פאַרוואַלטונג.

קימאַט אין אַלע צימערן איז שוין געווען פינצטער און ליידיק, בלויז אין די קאַבינעטן פון זאַלקינדן, בערידזען, קאָווּשאָוון, גרעטשקינען און פּילימאַנאָוון איז נאָך געווען ליכטיק. און ס׳האָבן זיך געהערט שטימען. אין דעם באַזאַרגונגס־אָפּטייל האָט אַ שיינער רויטבאַקיקער באָכער מיט געקרײַזלטע האָר געשמועסט אין טעלעפאָן, וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט נאָך פון קאָרידאָר געהערט זײַן שטים. עס איז געגאַנגען אַ געשפּרעך, ווי מע זאָגט, אַ היציקס, און, ווײַזט אויס, מיט ליבערמאַנען, וועלכער איז אין דער צײַט געווען אין רובעזשאַנסק.

— איר זײַט לויט אײַער כאַראַקטער אַן אַקטיאָר, נישט קיין באַזאָר־גונגס־אַרבעטער! איך זאָג, איר זײַט אַן אַקטיאָר, איר האָט ליב צו שפּילן, זיך פאַרשטעלן, פאַרשטעלן מיט זיך אַ גרעסער פּערזענלעכקייט, ווי איר זײַט עס אין דער עמעסן! — האָט דער באָכער געשריגן אינעם טעלעפאָן־דרעל. — די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס עס באַקומט אײַער ברודער לאַזאַר ליבערמאַן, לאָזן, אײַך נישט רוען. וואָס? איר הערט נישט? איר האָט נישט ליב אַזעלכעס צו הערן! און צווישן מײַנע ברידער איז קיין אַרטיסט נישט פאַראַן, און איך נייטיק זיך נישט אין קיין הויכן רום. איך זאָג, מיר פעלט נישט קיין רום. איך וואָלט וועלן פאַרבלײַבן אַ באַ־זאָרגונגס־אַרבעטער. מיר שטעלט פולשטענדיק צופרידן די דאָזיקע קליינע ראָל אין דער געשיכטע! — אויסהערנדיק, וואָס ליבערמאַן האָט אים געענטפערט, האָט דער באָכער ווײַטער גערעדט: — איך וועל זיך צע־שיידן מיט אײַך אָן טרערן און יאָמער! איך וועל אַפילו אויסטרינקען אַ גלעזל בראָנפן פאַר פרייד! פאַר מיר זאָרגט זיך נישט, איך וועל זיך אײַנאָרדענען. כ׳וועל גיין צו באַטמאַנאָוון, ער, זאָגט מען, געפינט פאַר יעדן אַרבעט... און איר שרעקט מיך נישט, כ׳בין נישט קיין ייִנגעלע.

בעסער באַדענקט איר זיך אַליין — אײַער יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש איז אָוועקגעפֿאָרן, עס זײַנען נישט געבליבן קיין באַשיצער פֿון אײַער קונסט!...

באַמערקנדיק באַטמאַנאָוון, וועלכער איז געשטאַנען אין דער טיר, איז דער באָכער אויפֿגעשפּרונגען, זיך אויסגעגלײַכט און פֿאַרגעסן דעם טעלעפֿאָן.

— ווער זײַט איר? — האָט באַטמאַנאָוו געפֿרעגט.

— פֿעדאָסאָוו, דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער באַאַמטער פֿאַר דער טעכנישער באַזאָרגונג.

— פֿאַרוואָס קען איך אײַך נישט?

— צווישן אײַך און די געוויינלעכע אַרבעטער שטייען צײַטנווײַז די נאַטשאַלניקעס פֿון די אָפּטיילן. אונדז, די באַזאָרגונג־אַרבעטער, זעט מען נישט אַרויס פֿון הינטער ליבערמאַנס פֿיגור. — פֿעדאָסאָוו האָט געענטפֿערט, קוקנדיק באַטמאַנאָוון גלײַך אין די אויגן אַרײַן.

— יאָ, ער האָט אַ פֿעסטן גוף, — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש מאַסקים געוועזן. — אין שײַכעס מיט וואָס האָט איר מיך דערמאָנט אין אײַער ענערגישן געשפּרעך?

— כ׳האָב זיך געקליבן אײַך בעטן, איר זאָלט מיר געבן אַן אַרבעט, וואָס איז נישט געבונדן מיט ליבערמאַנען. ס׳האָבן מיך דערעסן די דאָזיקע דעקאָראַציעס: מיר אַרבעטן שלעכט, אָבער — מיר זעען אויס גוט, מיר באַמיִען זיך נישט צו אַרבעטן בעסער, אָבער — מיר באַמיִען זיך אויסצוזען אימפּאָנירנדיק. מיר נאַרן אײַך אָפּ מיט מוטיקע ראַפּאָרטן לויטן מיליטערישן נוסעך: „שוין אויסגעפֿילט... שוין דערגרייכט... שוין געפֿאָדערט...” אין דער ווירקלעכקייט איז אַלץ אין אומאָרדענונג, ס׳איז גאָרנישט געטאָן געוואָרן, ס׳איז גאָרנישט אויסגעפֿילט געוואָרן. די באַזאָרגונג איז אָן אַ פּלאַן. די באַצירקן שרײַען געוואַלד, מיר באַרויִקן זיי, מיר האַלטן אין איין ליגן זאָגן. אַ סאַך מאַטעריאַלן פֿעלן אויס, מעגלעך, אַז זיי זײַנען נאָך דערווײַל טאַקע נישט נייטיק, נאָר אינגיכן וועלן זיי נייטיק זײַן, און דעמאָלט וועלן איבעררײַסן אין דער אַרבעט זײַן אומפֿאַרמײַדלעך. ס׳זײַנען נויטווענדיק אויסערגעוויינלעכע מאָסמיטלען, מיר אָבער פֿאַרפּאַסן פֿאַפּירלעך, קעדיי זיך צו פֿאַרסטראַכירן...

פֿעדאָסאָוו האָט זיך אַראָפּגערעדט מיט איין אָטעם, ווי אַ מענטש, בײַ וועלכן דאָס האַרץ איז אָנגעווייטיקט. דאָס טעלעפֿאָן־רערל, וואָס ער האָט אָוועקגעלייגט, האָט געוואָרטשעט און געשיפּעט. באַטמאַנאָוו האָט עס גענומען און צוגעלייגט צום אויער.

— האַלאָ, פֿעדאָסאָוו, איך פֿאַרוועֶר אײַך צו גיין צו באַטמאַנאָוון!

— האָט ליבערמאַן געשריגן באַם צווייטן עק דראָט. — מאַמינקע טײַערע, צו וואָס אַרויסטראָגן דאָס מיסט פֿון שטוב? מיר האָבן זיך אַ ביסל אויסגעזידלט, וועלן מיר זיך איבערבעטן. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך! איך

פאַרזיכער אײַך, עס האָט קיין זין נישט קאַליע צו מאַכן די באַציִונגען מיט מיר, — ליבערמאַנס שטים האָט געקלונגען האַניק־זיס.

— ליבערמאַן, — האָט באַטמאַנאָוו אַרײַנגערעדט אין רעדל, — ס'האָט זיך ווירקלעך אַרויסגעוויזן אַ היפּש ביסל מיסט אין אײַער הויז. ווי נאָר איך בין אַרײַנגעקומען בין איך גלײַך דערטרונקען געוואָרן דערין. איר הערט מיך ? — ליבערמאַן האָט זיך נישט אָפּגערופן. ער איז אַוואָדע צעמישט געוואָרן פון דעם נאַטשאַלניקס אומדערוואַרטן אַרײַנמישן זיך אין דעם טעלעפאָן־געשפּרעך. — פאָרט אַרויס קיין נאָווינסק, איך וועל אײַך דאָ דערפרייען: ס'האָט זיך אָפּגעזוכט אָפן ערדקײַלעך נאָך אַ באַזאָרגונגס־אַרבעטער, כּוֹץ אײַך, און דערצו נישט קיין שויטע און אויך, דאַכט זיך, נישט קיין זשוליק, יענער לערער אײַערער, דער אָרדינאַנס, האָט אײַך דעם קאָפּ פאַרדרייט.

ווען ליבערמאַן האָט זיך אומגעקערט פון רובעזשאַנסק, האָט באַטמאַנאָוו, נישט אָפּלייגנדיק, אַדורכגעפירט דאָס פונאַנדערטיילן דעם באַזאָרגונגס־אַמט אַף צוויי טיילן. אַרויסרופנדיק צו זיך ביידע באַזאָרגונגס־אַרבעטער, האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש איבעראַנײַס פאַרגעשטעלט פּעדאָסאָוון פאַר ליבערמאַנען:

— באַקענט זיך, און לאָמיר אַ גראָב טאָן אין אײַער מיסט.

פּעדאָסאָוו האָט אויספירלעך דערציילט, ווי די באַציִרקן זײַנען באַזאָרגט. ער איז קיין איין מאָל נישט אַרויסגעטרעטן קעגן זײַן געוועזענעם נאַטשאַלניק, האָט זיך קיין איין מאָל אַף אים נישט פאַררופן, נאָר אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט האָט ווי געשמיסן ליבערמאַנען איבערן פּאָנעם.

אַ סאַך זאַכן האָבן אויסגעפעלט אַף דער בוויִנג: רערן, ריגלען, מופּעס, אַפּאַראַטן צום שווייסעווען, עלעקטראָדן צום שווייסעווען, אונטערוואַסער־קאַבעל, און אַנדערע מאַטעריאַלן. פּעדאָסאָוו האָט געהאַלטן פאַר זיך לאַנגע רעשימעס, און ס'האָט זיך נישט פאַרגעזען קיין סאַך צו די מאַטעריאַלן, וואָס פעלן אויס. יעדער נאָמען פון פּעדאָסאָווס צעטל האָט געהאַט זײַן פאַרוויקלטע געשיכטע. די רערן, ריגלען און די אויסשטאַטונג־טיילן פון די פּאָמפּע־סטאַנציעס זײַנען אָפּהענגיק געווען פון די באַשטעלונגען דורכן פאַלקאָם פון אויסערלעכן האַנדל, און ס'איז נישט געווען קיין האָפענונג, מע זאָל זיי שנעל באַקומען. טייל מאַטעריאַלן זײַנען אַנגעלאָדעוועט געוואָרן אַהער פון זאַוואָדן אַף דאָרעם און די ערשטע מיל־כאָמע־טעג פאַרלוירן געגאַנגען אין וועג. ערשט זײַנען די דאָזיקע זאַוואָרן אָדער אַריבערגעפירט געוואָרן אָפן מיזרעך, אָדער זיי האָבן, זיך אײַנאָרדענענדיק שוין אָפן נײַעם אָרט, אַרויסגעלאָזן אַן אַנדערע פּראָדוקציע — פאַרן פראָנט.

פּעדאָסאָוו האָט זיך באַמיט פאַרצושטעלן אין זײַן באַריכט דאָס בילד אין זײַן גאַנצער קאָמפּליצירטקייט, גאָרניט צו פאַרהוילן און גאָר־ניט צו באַפאַרבן. דעם באַזאָרגונג־אַרבעטער אַליין האָט אינטערעסירט,

ווי וועט זיך דער נאַטשאַלניק באַציִען צו זײַנע מיטטיילונגען. ער האָט דערוואַרט אַ שטורמישע רעאַקציע. אָבער וואַסילי מאַקסימאָוויטשעס פּאַנעם האָט אויסגעדריקט בלויז אויפמערקזאַמקייט און אָנגעשטרענגטע מויעך־אַרבעט. ער איז צופרידן געווען דערמיט, וואָס ענדלעך האָט ער באַקומען אַ קלאָרן באַגריף אין דער קאָמפּליצירטער באַלעבאַטישקייט פון דער טעכנישער באַזאָרגונג, וואָס פריִער האָט ער אים ניט געהאַט. ער האָט שוין אַרומגעטראַכט די דרינגענדיקע מאָסמיטלען.

ליבערמאַן, וועלכער איז געשטאַנען מיטן אָנבליק פון אַ מענטשן, וואָס איז אומיוישערדיק באַליידיקט געוואָרן פונעם גורל און פון לײַט, האָט אומזיסט דערוואַרט דונערן און בליצן איבער זײַן קאָפּ און אומזיסט אומנישט צוגעגרייט אַ לאַנגע פאַרטיידיקונגס־רעדע. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אַרויסגערופן דעם סעקרעטאַר, אים דיקטירט אַ קורצן באַפעל וועגן דער אָרגאַניזירונג פון אַ נײַער אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירערשאַפט פון פעדאָסאָוון און אַפן אָרט אים אונטערגעשריבן.

— נאָך איין פראַגע, — האָט פעדאָסאָוו געזאָגט. — מיר האָבן אין דער באַזאָרגונג אַ געמיינזאַמען באַלאַנס, איין פינאַנסיעלע ווירטשאַפט. איך בעט, אונדז פונאַנדערטיילן אויך אין דער הינזיכט.

פאַרפילנדיק, אַז די ערשטע צײַט וועט ליבערמאַן שטערן פעדאָסאָוון, האָט באַטמאַנאָוו פאַראָרדנט דורכן טעלעפאָן אויסצוטיילן די נײַע אָפּטיילונג אַף אַ זעלבשטענדיקן באַלאַנס.

דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט דערווידערט: מע קען ניט אויסטיילן די אָפּטיילונג שוין איצט, מע מוז צוואַרטן ביזן פאַרענדיקן דעם יאָרבאַלאַנס. ביכלאַל איז בעסער אָפּצוואַרטן — די פאַראָרדענונג ליגט ניט אין אינטערעס פון דער בוכהאַלטעריע.

— דערפאַר אָבער אין אינטערעס פון דער בויונג. ווען וועט איר זיך פאַרגעדענקען דעם עמעס: אײַער בוכהאַלטעריע עקזיסטירט פאַר דער בויונג, אָבער בעשום־אויפן ניט קאַפּויער? איך וויל ניט וואַרטן אַף אײַער באַריכט. און רעגט מיר ווייניקער אויף מיט אײַער שרעקלעכן בוכהאַלטערישן באַריכט, אַניט וועל איך זיך אַ נעם טאָן פאַר אים אויסער דער ריי, און כ׳וועל אים מאַכן אינגאַנצן פאַר אויס שרעקלעך... גייט און צעטיילט זיך, — האָט זיך באַטמאַנאָוו געווענדעט צו די באַזאָרגונגאַרבעטער. — און געדענקט: ניט פאַרפירן קיינע אינטריגעס און רעכילעסן. איר קענט זיך אײנער דעם אַנדערן ניט ליב האָבן, שפּירן אַנטיפּאַטיע און אַלע אַדערע דראַמאַטישע געפילן, נאָר אין דער אַרבעט זײַנט איר מעכויעוו אַרויסצוהעלפן איינער דעם צווייטן, זיך באַפרײַנדן און, אויב ס׳איז נוצלעך פאַר דער זאַך, זיך קושן אַפילע. גאָט באַהיט, איך זאָל דערהערן, אַז איר מאַכט אַ מויזענעם געליאַרעם!

ליבערמאַנס דיק און ברייט געזיכט מיט דער גרויסער נאָז און די

טונקעלע אויגן האָט אויסגעדריקט איראָניע און פאַרריסנקייט. דאָס האָט געצווונגען וואַסילי מאַקסימאָוויטשן צו פאַרהאַלטן ליבערמאַנען נאָכן געזעגנענען פעדאָסאָוון.

— פאַר דעם מיסט, וואָס כ'האָב אַנטדעקט אין אײַער שטוב, וואָלט אײַך געקומען פעסט אָרײַנצופיצקען. איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן, מיינענדיק, אַז איר וועט שוין אַליין מאַכן פאַר זיך די געהעריקע אויספירן און וועט אָפּשאַצן מײַן דעליקאַטקייט. איך האָב אַ טאָעס געהאַט, איר האָט קיין אויספירן ניט געמאַכט, מײַן דעליקאַטקייט האָט איר ניט אָפּגעשאַצט, דאָס איז צו זען אַף אײַער פּאָנעם. איך קוק אַף אײַך און וווּנדער זיך: וואָס פאַר אַ מענטש זײַט איר, ליבערמאַן? האַלטן אײַך פאַר אַ סוינע קען מען ניט. נאָר ביז הײַנט זײַנט איר אויך קיין געהילף ניט. אַלץ איז באַ אײַך איבערגעדרייט מיטן אונטערשלאַק אַרויף. דוכט זיך, ניט קיין נאַרישער מענטש, און טיפּשעס אַ סאַך. איר פאַרטראַכט זיך איבער זיך, אַנישט ריזיקירט איר אַוועקצושווימען אין אַזאַ ווײַט, פון וואַנען איר וועט שוין ניט קענען צוריקשווימען. ס'איז מילכאָמע־צײַט.

— לאָזט מיך בעסער פרײַ פון דער בוױנג. איך טויג ניט, זיך אָפּגעוווינט צו אַרבעטן, — האָט באַשיידן, אָבער ניט אויפריכטיק געזאָגט ליבערמאַן.

— הערט אויף, ליבערמאַן, פּראָוועט ניט קיין ספּעקטאַקלען. איך האָב ליב לעגאַמרע ניט דאָס, מיט וועלכן איר זענט מיר מעכאַבעד. איך פאַרלאַנג פון אײַך אויפריכטיקייט און פּאַשטעס. זײַט יעדע מינוט איר אַליין, פאַלשעוועט ניט, דערלאַנגט אַלץ אַזוי, ווי עס איז אין דערווירקלעכקייט. איך וויל זיך קאַטעגאָריש פאַרזיכערן קעגן נײַעם מיסט אין אײַער שטוב, זי איז דאָך טיילווײַז אויך מײַן שטוב, ניט עמעס? לאָמיר זי בעסער דערהאַלטן אין מוסטערהאַפטער ריינקייט.

— איך אַרבעט טאָג און נאַכט, כ'באַמי זיך מיט אַלע קויכעס. מאַמינקע טײַערע! און ס'איז נאָך אַלץ ניט גוט...

— באַוויליקט צו ענדערן דעם אַרבעטס־מעטאָד. איר דערמאָנט זיך, אַז איך האָב גערעדט מיט אײַך וועגן דעם מעטאָד? אַ שאָד, ס'וועט אויסקומען איבערצוכאַזערן. איך וואָרן — מער קיין איבערכאַזערונגען וועלן ניט זײַן.

באַטמאַנאָוו האָט אַ ווײַל געשוויגן, אָפּוואַרטנדיק אַן ענטפער. ליבערמאַן איז געשטאַנען צו אים אין פּראָפיל.

— איר האָט געלייענט לעוו טאָלסטאָיס געדאַנקען, וואָס זײַנע נאָענטע האָבן פאַרשריבן? — האָט דער נאַטשאַלניק פלוצים געפרעגט.

— כ'וועל אײַך דערמאָנען איין אַרויסזאָגונג זײַנע. איר נעמלעך דאַרפט זי אײַנהיטן אין זיקאָרן. לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט געזאָגט, אַז דער מענטש איז געגליכן צו ברוך־צאָל, אין וועלכן דער ציילער איז דאָס, וואָס ער שטעלט מיט זיך ווירקלעך פאָר, און דער טיילער — וואָס ער

שטעלט זיך פאַר וועגן זיך. וואָס גרעסער ס׳איז דער טײלער, אַלץ קלע־נער איז דער ברוך־צאָל. אויב דער טײלער איז אַן אומענדלעכקייט, איז זײַן ברוך־צאָל גלײַך נול. אַ גוטע סענטענץ, עמעס ?

ליבערמאַן האָט זיך ניט אָפּגערופן. אין זײַן אײַנגעבויגענעם קאָפּ מיטן געלן האָר־יעזש און מיטן דיקן האַלדז איז געווען עפּעס אַ ביקישע אײַנגעשפּאַרטקייט.

— געווינט זיך צו צו קוקן אין די אויגן, ווען מע זאָגט אײַך ניט אָנגענעמע, נאָר ריכטיעק זאַכן ! — האָט באַטמאַנאָוו לײַכט אויפגעהויבן די שטים. — איר ריזיקירט, לויט טאָלסטאָיס פאָרמול, זיך צו פאַרוואַנד־לען אין אַ נול. — וואָסילי מאַקסימאָוויטש האָט אויסגעמאָלט אַ נול מיט די פינגער. — איך גיב אײַך ניט קיין סאַך צײַט אַף צו באַדענקען זיך. אָדער מיר וועלן זיך דעררײדן, אָדער כ׳וועל אײַך איבערפירן צו פּע־דאָסאָוון ווי דעם סאַמע ייִנגסטן עקספּעדיטאָר.

נאָך דער דאָזיקער דערקלערונג האָט דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג צו רו געלאָזן ליבערמאַנען, ער האָט געוווסט די קראַפט פון זײַן אײַנפלוס. מיט נאָך מער ענערגיע האָט זיך באַטמאַנאָוו גענומען אײַנצושטעלן פּע־דאָסאָווס ווירטשאַפט. ער האָט זיך פערזענלעך באַקענט מיט יעדן אַרבע־טער פון דער נײַער אָפּטײלונג, האָט זיך באַטײליקט אין דער ערשטער באַראַטונג פון דעם אָפּטײלונג־קאָלעקטיוו.

ער און פּעדאָסאָוו זײַנען באַנאַנד אַרומגעקראָכן איבער דער צענט־ראַלער באַזע, האָבן קאָנטראָלירט דאָס פאַרמעגן אין די סקלאַדעס, אָנגעמערקט די רײַיקייט פון אָפּשיקן די פראַכטן אַף דער טראַסע איבערן אײַז־וועג.

ניט ווײַט פון דעם האָפן האָט באַטמאַנאָוו פערזענלעך אויסגעקליבן אַן אָרט פאַר אַן איבערלאַדונגס־באַזע ; אין מעשעך פון דרײַ טעג האָט זיך אָפּן ברעג פון אַדון באַוויזן אַ פאַלאַטקע־ייִשעוו, וועלכן מ׳האָט אַ נאָ־מען געגעבן „סטאַרט". פון דאַנען האָט זיך געעפנט דער קומענדיקער אײַז־וועג איבערן אַדון. דאָ, קען מען רעכענען, האָט זיך אָנגעהויבן די נאַפט־לײטונג.

גלײַכצײַטיק האָט דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג באַשלאָסן צו שיקן אין אַלע גרויסע שטעט אָפּן ווײַטן מיזרעך פּראַקטישע מענטשן אויפצוזוכן און אײַנצוקויפן די מאַטעריאַלן און אויסשטאַטונגען, וואָס פעלן אויס.

די באַפולמעכטיקטע האָט באַטמאַנאָוו אָפּגעקליבן צוזאַמען מיט זאַלקינדן.

דער פאַרטאָרג האָט געהאַט אַ סאַך קאָפּ־פאַרדרײיענישן. ער האָט זיך פלײַסיק געגרייט צו דער פאַרטיי־קאָנפערענץ, וועלכע ער האָט בעדייע געהאַט דורכצופירן ביז די נאָוועמבער־פײַערונגען. ס׳האָבן אים קיין רו ניט געגעבן די אומרויִקע געדאַנקען וועגן די מענטשן אַף דער טראַסע,

וועלכע זײַנען צעוואָרפֿן אַף אַ קאָלאָסאַלן שעטעך, ביז הײַנט נאָך ניט פֿאַראייניקט, ניט פֿאַרבונדן אַפֿילע דורך אַ טעלעפֿאָן־דראָט. זאַלקינד האָט ווי געוואָלט דורך דער קאָנפֿערענץ פֿאַראייניקן אַלע בוי־אַרבעטער. ס'איז וויכטיק געווען זיך נעענטער צו באַקענען מיט די פּאַרטייִשע אָנפֿירער אַף די באַצירקן, דערוויסן זיך פֿון זיי מיט וואָס די טראַסע לעבט, אויפֿקלערן דורך זיי די בוי־אַרבעטער די פֿאַרשטייענדיקע אויפֿגאַבן.

אין דער פֿאַרוואַלטונג איז צושטאַנדגעקומען אַ פּאַרטייִשע פֿאַרזאַמלונג מיט וואַלן צו אַ נײַעם עקזעקוטיוו. אויסער זאַלקינדן און באַטמאַנאָוון זײַנען אין זײַן באַשטאַנד אַרײַן קאָוושאָוו, גרעטשקין און פּילימאָנאָוו. טייקעף נאָך דעם האָט זיך, אַף דער איניציאַטיוו פֿונעם פּאַרטאָרג, פֿאַרזאַמלט דער קאָמיוגישער קאָלעקטיוו. די קאָמיוגיסטן האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער בויונג. דער פֿאַרבינדונגס־טעכניקער, קאַליע סמירנאָוו, אַ באָכער מיט פּלייצעס, מיט אַן ענערגיש פּאָנעם און רויקע מאַנירן, וועלכער איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ זאַכלעכער און אויספֿירלעכער רעדע, האָט ניט אָן פֿאַרביטערונג געזאָגט, זיך ווענדנדיק צו זאַלקינדן און באַטמאַנאָוון:

— הײַנט צו טאָג זײַנען מיר ניט קיין אַקטיוו, נאָר אַ פּאַסיוו. עס איז ביטער זיך מודה צו זײַן, אַז אין אַזאַ מאָמענט האָבן מיר זיך אַרויסגעוויזן, אַ דאַנק דער ניט־ווײַטזעעוודיקייט פֿון דער אָנפֿירערשאַפֿט, פֿאַר אומפּראָדוקטיוו. מע דאַרף אָניאָגן דאָס דורכגעלאָזטע. שפּאַנט אונדז שנעלער אײַן אין דער אַרבעט. מיר האָבן שוין אַרבעט, נאָר זי איז פֿאַר אונדז ווייניק.

צו דער פֿולשטענדיקער צופֿרידנקייט פֿון דעם פּאַרטאָרג איז קאַליע סמירנאָוו אײנשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן פֿאַרן סעקרעטאַר פֿונעם קאָמיוגישן פֿאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט.

פֿון מאָסקווע איז אָנגעקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ צײַטונג אַף דער בויונג. זאַלקינד האָט זיך דערפֿרייט און אין איין מאָמענט צונויפֿגעשטעלט אַ רעדאַקציע, ער האָט געבראַכט פֿון שטאָט צוויי צײַטונגס־מענטשן. זיך אײַנקוואַרטירנדיק צײַטווײַליק אין דעם פּאַרטאָרגס קאַבינעט, האָבן זיי זיך באַלד גענומען פֿאַרן ערשטן נומער פֿון דער צײַטונג.

אין די אָפּטיילונגען האָט מען יעדן טאָג פֿאַר דער אַרבעט גענומען דורכפֿירן פּאָליטאינפֿאָרמאַציעס. אין דעם וועסטיביול פֿון דער פֿאַרוואַלטונג האָט מען אָנגעשטעלט אַ ריזיקן טאָוול — אַ וויטרינע פֿאַרן אַרבעטס־פֿאַרמעסט און פֿאַר די פֿאַר־יאָנטעוו־פֿאַרפּליכטונגען פֿון די אָפּטיילן. ווי דער איניציאַטאָר איז אַרויסגעטראָטן גרעטשקין מיט זײַנע פּלאַניר־אַרבעטער.

כּוֹח דעם אַלעמען האָט זאַלקינד ניט אַרויסגעלאָזן פֿון אויג אויך באַטמאַנאָוון און געפּונען צײַט אים מיטצוהעלפֿן. וואַסילי מאַקסימאָוויטש

האָט ניט איינמאָל אָפּגעמערקט באַ זיך די וואַכזאַמקייט און אויפמערק־זאַמקייט פונעם פּאַרטאָרג צו דיווירטשאַפטלעכע נויטן. מיט דער־לויבעניש פון פּאַרטייִשן קרײַזקאָם האָט זאַלקינד אַף אַ צײַט זיך באַ־פרײַט פון די פליכטן ווי ערשטער סעקרעטאַר פון שטאָטקאָם, און זיי אַריבערגעוואָרפן אַפן צווייטן סעקרעטאַר. נאָר באַנאַנד דערמיט האָט ער קעסיידער דערמאָנט וועגן זײַנע רעכט, ווי נאָר זיי האָבן געקענט נוצן ברענגען דער בויונג.

ער האָט זיך אַליין אַרויסגערופן באַגלייטן באַטמאַנאָוו, בעריזען און פּעדאָסאָוון צו די דירעקטאָרן פון די גאָווינסקער זאַוואָדן. די וויזיטן האָבן געהאַט דעם ציל אײַנצושטעלן באַציִונגען, וואָס צווישן די ווירט־שאַפט־טוער ווערן זיי אָנגערופן „דזשענטעלמעניש״ און באַשטייען אין אַנטקעגנקומען זיך מיט קעגנזײַטיקער הילף. באַטמאַנאָוו האָט געהאַפט זיך צו דעררײדן מיט די באַלעבאַטים פון די שטאָטישע אונטערנעמונגען וועגן אויספּאַרטיקן די אויספעלנדיקע אויסשטאַטונג און באַקומען באַ זיי אַ ביסל מאַטעריאַלן. און שוין אַפן ערשטן זאַוואָד האָט ער זיך איבער־צײַגט, אַז זאַלקינד האָט זיי ניט אומזיסט באַגלייט.

דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד, טערעכאָוו, אַ הויכער, בלאַסער יונגער־מאַן פון אַ יאָר דרײַסיק, האָט זיי באַגעגנט וואַרעם, אויפגעלייגט, אָבער ווי נאָר זאַלקינד האָט אַ רייד געטאָן וועגן דעם ציל פון זייער קומען, האָט ער גלײַך אַ פרעג געטאָן:

— קוידעמקאָל וויל איך קלאָר מאַכן: וועלכן כאַוועך זאַלקינד זע איך דאָ פאַר זיך — דעם סעקרעטאַר פון שטאָטקאָם, צי דעם פּאַרטאָרג פון דער בויונג?

— ביידע גלײַכצײַטיק, — איז געקומען דער ענטפער. — זאַלקינד דער פּאַרטאָרג בעט אײַער הילף פאַר דער בויונג. זאַלקינד — דער סעק־רעטאַר פון שטאָטקאָם, קענענדיק אויסגעצייכנט די מעגלעכקייטן פונעם זאַוואָד, וועט זיך באַמיִען, אַז זײַנע אָנפירער זאָלן צו די נויטן פון דער בויונג אַרויסווײַזן אַ פולשטענדיק מעלוכישע און פּאַרטייִשע באַציִונג.

זאַלקינד האָט אַ שמייכל געטאָן ניט פריִער, איידער טערעכאָוו האָט, פאַרהײַבנדיק די הענט אַרויף, אַ געשריי געטאָן:

— כ׳גיב זיך אונטער! כ׳נעם אָן די באַשטעלונגען אַף די עלעק־טראָדן. כ׳וועל געבן צוויי אַפּאַראַטן צום שווייסעווען. כ׳וועל זיך צעטיילן מיטן מעטאַל. וועגן די איבעריקע ביטעס וועל איך אַ טראַכט טאָן.

אַפן אַרומפאָרן איבער דער שטאָט זײַנען אַוועק צוויי טעג. אויך אַף די אַנדערע זאַוואָדן האָט מען באַטמאַנאָוון גוט באַגעגנט, די דירעק־טאָרן פון די אונטערנעמונגען זײַנען אים געפעלן געוואָרן, אַנדערע האָבן אים נאָך ניט פאַרגעסן פון זײַן פריִערדיקער אַרבעט אין דעם קאַנט. ער האָט דערפילט דעם לעבעדיקן אינטערעס פון דער שטאָט צו דער בויונג.

— אויב זיי וועלן אַפילע מאַכן בלויז אַ העלפט פון דעם, וואָס זיי

האָבן צוגעזאָגט, וועט זיי אויך קומען אַ גרויסער דאַנק, — האָט באַטמאַ־נאָוו געזאָגט, אַ צופרידענער פון דער רײזע.

— זיי וועלן מאַכן מער, איידער זיי האָבן צוגעזאָגט, — האָט מי־כאַיִל באָריסאָוויטש אַ זאָג געטאָן איבערצײַגט. — זיי מאַכן טאָמיד מער, וויפל זיי זאָגן צו.

די אָנפירער פון דער בויונג האָט אויך באַמרוּיִקט דער מאַצעוו פון די מענטשן־רעסורסן. לויט בערידזעס און גרעטשקינס רעכענונגען האָט זיך געפּאָדערט, מע זאָל, צום ווייניקסטן, פּאַרטאָפּלען דעם סכום פון אַרבעטס־הענט. אָף די באַצירקן האָבן אויסגעפּעלט טעסלערעס, שאָ־פערן, שווייסערס, טעלעפּאָניסטן און שוואַרץ־אַרבעטער. די אָנגעמערקטע פּלענער אָפן ווינטער האָבן געקענט דורכפּאַלן. די עוואַקואַציע־כוואַליע פון מײַרעוו האָט זיך אָהער ניט דערקײַקלט. ס'איז געווען איין אויסוועג: געפינען די נייטיקע מענטשן אָפן אָרט אַליין, האַגאַם אַפילע פרידנסצײַט האָט זיך דאָ טאָמיד געפילט אַ נויט אין אַרבעטער־רעזערוון. באַטמאַנאָוו מיט זאַלקינדן האָבן צוזאַמען באַשלאָסן אַראָפּצופאָרן קיין רובעזשאַנסק, קעדיי זיך צו דערשלאָגן אַ לייזונג אָף דעם פּראָבלעם פון אַרבעטס־קויכעס.

די צוגרייטונגען צו די ווינטער־אַרבעטן זײַנען אָנגעגאַנגען ווי ניט אָפּהענגיק דערפון, צי זײַנען געפונען געוואָרן די טעכנישע לייזונגען אָדער ניט.

— באַטמאַנאָוו האַנדלט אַזוי, ווי מיר וואָלטן שוין אונטערגעטראָגן דעם נײַעם פּראָיעקט אָף אַ טעלער און זעען אַלץ ביזן דנאָ, — האָט מיט אַ געוויסער אומרוּיִקייט באַמערקט קאָוושאָוו, אַרויסגייענדיק צוזאַמען מיט בערידזען פונעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג נאָך אַן אָרדנטלעכער פּאַרוואַלטונגס־באַראַטונג.

— ער לייגט האָפענונג אָף אונדז, פרײַנט אַליאָשע, — האָט זיך בערידזע אָפּגערופן. — און כוץ דעם פאַרשטייט ער, דער כיטראַק און גרויסער דיפּלאָמאַט, ווי צו ווירקן אָף אַזעלכע פאַרשוינען ווי איך מיט דיר. צי דו ווילסט, צי ניט, האָסטו איצט אַזאַ געפיל: דײַן פליכט וואַקסט, און ביכלאַל ביסטו איינער אַליין שולדיק אין אַלץ און דו טאָרמאָזירסט שיר ניט די בויונג. ניט ריכטיק, ווע־סטו עפּשער זאָגן?

— ריכטיק. דו האָסט מיך פּונקט געכאַפּט דערויף, ווי כ'האָב באַ־שלאָסן צו נעמען מײַנע מענטשן אין דער האַנט און שטאַרקער פאַרשרויפּן די מוטערקעס.

אין דער ווירקלעכקייט זײַנען די פאַרשונגען פון נײַע טעכנישע ליי־זונגען געווען נאָך ווײַט פון פאַרענדיקן זיך. אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן האָבן די סאָוועטישע אינזשעניערן אָנגעזאַמלט אָפן ווײַטן מיזרעך ניט קיין קליינע דערפאַרונג באַ בויען באַנליניעס, בריקן, קאָמפּליצירטע

אינדוסטריע־בויונגען, אַנטדעקט אַ סאַך סוידעס פון דער אייביקער געפירעכטס, נאָר בויען דאָ אַ נאָפּטליײַטונג איז זיי נאָך ניט אויסגעקומען.

געוויינלעך קומט פאַר יעדער בויונג פאַר אַ מיזאַמע אונטערזוכונג פון דער לאַגע און די באַדינגונגען, אַ רעכטצײַטיקע אויספאָרשונגס־אַרבעט און עקספּערימענטירונג. דאָס דאָזיקע איז נאָך מער נויטווענדיק געווען פאַר אַזאַ נײַע זאַך, ווי דאָס אויסלייגן אַ נאָפטלייטונג. דאָס, וואָס ס׳האָבן געטאָן גרובסקי, טאָפּאָליעוו און זייערע געהילפן, האָט ניט אַנטשפּראָכן דער אויפגאַבע און אין בעסטן פאַל געקענט דינען פאַר אַ טראַמפּאָלין, וואָס זיך אָפּשטויסנדיק פון אים, האָט מען געדאַרפט זוכן אַן אַנדערע, די איינציק־ריכטיקע טעכנישע קאָנצעפּציע. קיין צײַט פאַר אַ לענגערער צוגרייטונג איז שוין ניט איבערגעבליבן. בערידזען איז אויסגעקומען צו מאַכן אַלץ מיטאַמאָל: איבערבויען דעם אַפּאַראַט, פאַרנעמען זיך מיט דער אויספאָרשונג און פּראָיעקטירונג, אָנפירן פּראַקטיש מיט די באַצירקן. ער האָט אַפּסנײַ אָרגאַניזירט דעם פּראָדוציר־טעכנישן אָפּטייל מיט עטלעכע אָפּטיילונגען, לויט די פּראָדוקציע־צווײַגן, און מיט אַ גרויסער פּראָיעקטן־גרופּע, וווהין מ׳האָט אַרײַנגעפירט צוזאַמען אַלע ספּעציאַליסטן, וואָס זײַנען באַקענט מיט דער פּראָיעקטירונג. אין שפּיץ פון דעם אָפּטייל איז געשטעלט געוואָרן קאָוושאָוו, פאַר זײַן פאַרטרעטער — טאָפּאָליעוו. באַטמאַנאָוו מיט בערידזען זײַנען געקומען צום אויספיר, אַז איצט פאַראייניקן זיך אין דער אָנפירונג פון דעם אָפּטייל פּילצואָגנדיק די ענערגיע און אַנטשלאָסנקייט פון דעם יונגן אינזשעניער מיט דער דערפאַרונג און פאָרזיכטיקייט פון דעם אַלטן כאָשעוון ספּעציאַליסט.

דער נײַער אָפּטייל איז טייקעף אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט, דער הויפּט־אינזשעניער האָט בוכשטעבלעך פאַרוואָרפן אַלעקסייען מיט זײַנע מיטאַרבעטער מיט אויפגאַבן. בערידזעס אידעען זײַנען געבוירן געוואָרן אַזוי שנעל, האָבן זיך אויסגעדוכט אַזוי אומדערוואַרטעט און דרײַסט, אַז זיי האָבן געפּלעפט אַפילע אינזשעניערן, וואָס האָבן שוין פאַר זייער לעבן עפּעס געזען. די פאָרשלאָגן, וואָס האָבן זיך געשאָטן ווי שנייי אַפן קאָפּ, האָבן בײַ זיי צײַטנווײַז אַרויסגערופן ספּייקעס און אַפילע פאַרווונדערונג.

פאַרהעלטנישמעסיק לײַכט האָבן זיי אויפגענומען בערידזעס פאַראָרדענונג צו פּראָיעקטירן די אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעט באַם אײַז־וועג אָף איבערצופירן דעם פּראַכט אַף אויטאָמאַשינען, טראַקטאָרס און פערד. געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם דאָזיקן וועג איבערן געפרוירענעם אַדון, ווי אַ מעכטיקע מאַגיסטראַל, ענלעך צו אַ באַנליניע, וווּ די באַוועגונג גייט לויט אַ שטרענגער גראַפיק. אַלעקסיי האָט, אַרומטראַכטנדיק די אויפגאַבע, זי איבערגעגעבן אין אַ פאַרברייטערטן אויסזען די פּראָיעקטירער, און יענע האָבן מיט דערפאָלג פונאַנדערגעאַרבעט דאָס אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכעס צום אײַז־וועג: סײַ די אויפאַנים פון אָפּריי־

ניקן אים פון די אײַז־הויפּנס, סײַ די מיטלען צו באַקעמפן די שניי־אַנשיטן, סײַ די מעכאַניזמען אַף איבערצוטראַנספּאָרטירן שווערע מאַסאָעס — רערן, לאָקאָמאָבילן, אויסשטאַטונגס־טיילן.

ניט אָן סקעפּטיציזם איז אויפגענומען געוואָרן בערידזעס פאַראָר־דענונג וועגן איבערמאַכן דעם פּראָיעקט פון די „באַריער־פּלעצער" — אַזוי האָבן זיך אָנגערופן די קאָמפּליצירטע און שווערגעוויכטיקע אָביעקטן פון דער בויונג, ווי די איבערגענג איבערן טײַך און די פּאָמפּע־סטאַנציעס. בערידזע האָט געפאָדערט מאַקסימאַל צו פאַרקלענערן דעם אומפאַנג פון דער אַרבעט אַפן כעשבן פון די צווייטראַנגיקע בויונגען.

נאָר פּלוצים האָט דער הויפּט־אינזשעניער פאַרגעלייגט, מע זאָל ענ־דערן די ריכטונג פון דער טראַסע אַף איר גאַנצן קאָנטינענט־באַצירק, אַרי־בערטראָגן זי פון דעם רעכטן ברעג אַפן לינקן . . . די דאָזיקע אידייע האָט פאַר די פּראָיעקטירער געשײַנט צו זײַן אַ ניט־ריכטיקע און פּאַשעט ניט צום פאַררוירקלעכן. עמעס, דאָס איבערטראָגן די טראַסע האָט זי אויס־געגלײַכט, פאַרקירצט די לענג פון דער נאַפטלייטונג און געגעבן די מעג־לעכקייט זײַטיק אַרומצוגיין די היגלען־קייט פון דעם רעכטן ברעג. אָבער די פאַרשונגען, וואָס זײַנען אַפריִער דורכגעפירט געוואָרן, האָבן אַנטשיידן אַפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן וואַריאַנט, ווײַל ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז בעייס דער טײַך צעגיסט זיך, ווערט דער לינקער ברעג שטאַרק פאַר־טרונקען. דערצו נאָך האָט דאָס איבערטראָגן די טראַסע געהייסן — אָפּ־זאָגן זיך פולשטענדיק פון דער אַרבעט, וואָס איז שוין דורכגעפירט גע־וואָרן אַפן רעכטן ברעג, און אָפּסנײַ אויפבויען די באַצירקן אַפן לינקן.

דאָס האָט אַלעמען אויפגערעגט, „עפּעס אַ האַלצהעקער, האַקט ווי עס לאָזט זיך, ווי אין אַ קלאָץ אַרײַן" — האָט מען זיך געשושקעט אין דעם אָפּטייל. דער אָנפירער פון דער פּראָיעקטיר־גרופּע, קאָבזעוו — אַ געוויסנהאַפּטיקער און גאָר מיזאַמער אינזשעניער מיט אַ ווייך, ניט־ענער־גיש פּאָנעם און מיט אַ טאָמיד צעקאָשמעטער פריזור — האָט געוואָרנט אַלעקסייען (ער האָט גלײַך דערפילט צו אים אַ סימפּאַטיע):

— איר וועט זען, אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש, ער וועט אונדז אַרײַנ־פירן אין אַ וואַלד־געדיכטעניש, ניט אַרויסצוקריכן! ס'וואָלט גלײַכער זײַן אַ דיסקוטיר צו טאָן מיט אים, פּרווון איבערצײַגן אים, איידער גלאָט אים געהאָרכן און טאָן באַשטימט אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט.

קאָבזעוו און די אַלע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין שאַפן דעם אַלטן פּראָיעקט, האָבן נאָך אַלץ ניט באַזיניקט, אַז זיי זײַנען מעכויעוו אַזוי אַדער אַנדערש העלפן בערידזען צו געפינען די אויפּאַנים פון אויפּ־בויען די נאַפטלייטונג אין מעשעך פון אַ יאָר. בערידזע האָט זיך זיי פאַר־געשטעלט ווי אַן אומבאַרעכנטער אַזאַרטער מענטש, וואָס האַנדלט אָן קאָפּ. זיי האָבן מיטגעפילט אַלעקסייען, מיינענדיק, אַז ער פירט אויס

בערידזעס באַפעלן שיר ניט געצוווּנגענערהייט און איז, ווי זיי, אַ מין קאָרבן פון די באַדינגונגען.

אַלעקסיי האָט זיך געפונען ווי אַף אַ קרייצוועג פון צוויי קעגנגעזעצטע קויכעס. ער איז געווען בערידזעס ערשטער פאַרטרויאונגסמאַן און דער ערשטער אויספירער פון זײַנע פאַראָרדענונגען. פון דער צווייטער זײַט האָט נעמלעך ער אוממיטלבאַר אָנגעפיט מיט די מענטשן, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט באַפרײַט פון גרובסקיס אײַנפלוס. דער יונגער נאַטשאַלניק פון דעם אָפּטייל האָט זיך געדולדיק באַמיט איבערצוצײַגן די מענטשן אין בערידזעס גערעכטיקייט און אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, קעדיי אויפצווירקן אַף זיי זײַן גלויבן אין דעם הויפּט־אינזשעניער. ער האָט דאָך י אָ געוווּסט, וואָס עס באַהאַלט זיך אויס הינטער דער דאָזיקער קלוימערשט אומזיכערער לײַכטקייט, מיט וועלכער ס׳קומען אויף בערידזעס טעכנישע אידעען. דער הויפּט־אינזשעניער איז געווען פון דעם מין נאָוואַטאָרן, בײַ וועלכע די אַנטדעקונגען, דערפינדונגען און אויפטוען ווערן געבוירן דעמאָלט, ווען זיי זײַנען נייטיק אין לעבן אַרײַן, ווען מע קען זיך אָן זיי שוין ניט באַגיין. בערידזע האָט פאַרמאָגט די פעיִקייט צו קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט אַף דעם אײנאייציקן סאַמע וויכטיקסטן פּראָבלעם, זיך ניט געשראָקן פאַר קיין ריזיקע און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, געהאַט אַן אויסגעצייכנטע טעאָרעטישע צוגרייטונג און אַ גרויסע דערפאַרונג. זײַן לעבן איז אַדורכגעגאַנגען אין אַרויסעדיקן איין בויאונג און אָנהייבן אַ נײַע. ווען מע זאָל אַמאָל זיך ווילן קלאָר מאַכן, וואָס איז געווען דער איקער אין בערידזעס גאַנצער אינזשענירישער טעטיקייט, וואָלט זיך אַרויסגעוויזן: דער איקער איז געווען דאָס זוכן אַן אויסוועג פון פאַרשיידענע קריטישע לאַגעס און דאָס געפינען דעם דאָזיקן אויסוועג.

דער געדאַנק וועגן אַריבערטראָגן די טראַסע אַפן לינקן ברעג, איז געקומען ניט צופעליק, ניט פון הימל אַראָפּגעפאַלן. נאָך אין מאָסקווע, אָננעמענדיק די נײַע באַשטימונג, האָט ער פאַרשטאַנען: דער דערפאָלג פון דער זאַך וועט אָפּהענגען דערפון, צי וועלן געפינען ווערן אויפאַנים צו פאַרקירצערן די צײַט אַף אַ דריטל. פון דעמאָלט אָן האָט ער געטראַכט בלויז וועגן דעם. ווי צענדליקער מאָל פריִער, איז פאַר אים געשטאַנען די אויפגאַבע: אומבאַדינגט צו געפינען אַן אויסוועג. בערידזע האָט גוט געקענט דעם אַדון ניט לויט די מאַפּעס, נאָר לויט די פאָרשונגען, אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט עטלעכע יאָר צוריק. עס האָט אים גלײַך איבערראַשט, וואָס מ׳האָט אויסגעווײלט פאַרן אויסלייגן די באַפּטלייטונג דעם רעכטן ברעג, וועלכער איז פון אַ סאַך שטאַנדפּונקטן ניט גינסטיק. ער האָט זיך טייקעף אויפגעהויבן צוזאַמען מיט אַלעקסייען אַף אַן אַעראָפּלאַן אין דער לופטן, קעדיי פון דער הייך אָפּצושאַצן די מײַלעס פון דעם לינקן ברעג. דערנאָך האָט ער אַפן אויפמערקזאַמסטן אויפן דורכ־

געשטודירט די שקיץ־מאַטעריאַלן פונעם אַלטן פּראָיעקט און זיך איבערצײַגט: דער לינקברעגיקער וואַריאַנט איז דורך די אויספאָרשער פאָרגעלייגט געוואָרן, אָבער גרובסקי האָט אים אָפּגעוואָרפן, דערפאַר ווײַל די באַצירקן פון לינקן ברעג פלעגן פאַרטרונקען ווערן אין דער צײַט פון געוויסערן. „אין אויסלאַנד זײַנען אויפגעבויט געוואָרן צענדליקער נאַפטלייטונגען, בײַ אונדז איז דאָס אַ נײַע זאַך. אויב אויטאָריטעטן דערקלערן, אַז אַזוי קען מען ניט בויען, דאַרף מען זיי גלייבן אויפן וואָרט, זיי ווייסן בעסער פון אונדז", — אַזוי האָט באַשלאָסן גרובסקי און אַריבערגעטראָגן די אויספאָרשונגען אויפן רעכטן ברעג.

דער נײַער הויפּט־אינזשעניער האָט ניט געהאַט די טעווע צו געטרויען בלינד אַפילע די סאַמע געאַכטעסטע אויטאָריטעטן. דער טראַסעוואַריאַנט, וואָס גרובסקי האָט אָפּגעוואָרפן, האָט צופיל צוגעזאָגט, אַז מע זאָל אים אַזוי לײַכט מעוואַטל זײַן. בערידזע האָט געוואָלט זיך פערזענלעך איבערצײַגן, צי איז ווירקלעך אַזוי גרויס די געפאַר, אַז דער לינקער ברעג זאָל פאַרטרונקען ווערן. און אין פאַל, אויב די דאָזיקע געפאַר זאָל זיך אַרויסווײַזן פאַר רעאַל, האָט געאָרגי דאַווידאָוויטש פאָרויס באַשלאָסן צו שטעלן אונטע אַ סאָפּעק דעם פאַרבאָט גופע פון בויען אַ נאַפטלייטונג אויף ערטער, וואָס ווערן פאַרטרונקען.

ס'האָט זיך קיינער ניט אָנגעשטויסן, אַפילע ניט אַלעקסיי, פאַר וואָס פאַר אַ פּרײַז פון אָנגעשטרענגטע באַטראַכטונגען עס האָט זיך באַקומען דער באַשלוס וועגן דער נײַער ריכטונג פון דער טראַסע אויפן קאָנטינענט... אַ צווייט, אַ דריט און אַ פערט מאָל האָט זיך בערידזע אויפגעהויבן מיטן אַעראָפּלאַן און געמאַטערט דעם פּילאָט, צווינגענדיק אים זיך צו דרייען שאָענווײַז איבערן אַדון... ער פלעגט זיצן פאַרשלאָסן אין קאַבינעט און פול מאַכן מיט אויסבעסערונגען די בלעטער פון די טאָפּאָגראַפישע מאַפּעס און די פּראָיעקט־צייכענונגען, און האָט אומאויפהערלעך געדריכערט די פּײַקע: די לופט אין צימער איז געוואָרן נעפּלדיק־גרין... אין די נעכט, אין דער היים, פלעגט ער אַרומגיין איבערן צימער אָדער געזעסן אומבאַוועגלעך אויפן דיוואַן, אַרויסשטאַרצנדיק די שוואַרצע באָרד.

אַלעקסיי, באַטמאַנאָוו און זאַלקינד האָבן זיך די ערשטע דערוווסט וועגן דעם באַשלוס פון הויפּט־אינזשעניער איבערצוטראָגן די טראַסע. ו'ער נאַטשאַלניק און דער פאַרטאָרג האָבן באַוויליקט די אידעע. האַגאַם זי איז אין פלוג אַנטשטאַנען אומדערוואַרט, האָט אויסגעזען ריזיקאַליש און געפאָדערט די צעשטערונג פון אַ סאַך באַצירקן. אַלעקסיי, זיך דערטראַכטנדיק וואָס פאַר אַ נוצן ס'וועט ברענגען בערידזעס פאָרשלאָג, האָט געיובלט. דער הויפּט־אינזשעניער האָט אַפילע געמוזט אָפּקילן אַ ביסל זײַן געהילף.

— באַגײַסטער זיך ניט צופיל, רעכן אויס אויף שוועריקייטן, —

האָט ער אים געאײַצעט, איבערגעבנדיק קאָוושאָוון דעם באַפעל באַלד אָנצוהייבן פונאַנדעראַרבעטן דעם נײַעם וואַריאַנט פון דעם פראָיעקט. — מע וועט מוזן אַ סך אַרבעטן, אײדער אַלץ וועט קלאָר ווערן פאַר אַלעמען. דו וועסט נאָך זען, אַז אײנעם און אַ צווייטן וועט מײַן פאָרשלאָג ניט ווילשמעקן.

און אַזוי איז טאַקע אַרויסגעקומען. אַפן צווייטן טאָג האָט קאָוושאָוו, וואָס האָט פאַרלוירן אַ ביסל דעם קוראַזש, דערציילט בערידזען, ווי אומצוטרוילעך די פראָיעקטירער האָבן אויפגענומען דעם נײַעם באַפעל. אַלעקסיי האָט געבעטן דעם הויפט־אינזשעניער, ער זאָל איבערשמועסן מיט די מענטשן.

— איבערשמועסן קען מען, פרײַנט אַליאָשע, — האָט בערידזע מאַטקים געוועזן. — נאָר מיט קיין שום שמועס וועסטו ניט פאַרטוישן קיין ברענענדיקע אַרבעט. מיר וועלן מיטרײַסן די מענטשן מיט מעשׂים. זאָלן זיי אַרבעטן איבערן פראָיעקט טאָג און נאַכט — און, כ׳גיי אין געוועט, אַז דײַן קאָבזעוו, און נאָך אים אויך אַנדערע, וועלן ווערן אונדזערע סאַמע געטרײַסטע אָנהענגער.

גרובסקי און טאָפּאָליעוו האָבן זיך געהאַלטן מינהאַצאַד פון די אַלע קאָפּ־פאַרדרייעניש. טאָפּאָליעוון האָט מען לאַכלוטן ניט געזען און ניט געהערט. ער איז גאַנצע טעג אָפּגעזעסן אין קאַבינעט. נאָך ניט געראָטענע פרוּוון מיט אים זיך צו באַפרײַנדן האָט אַלעקסיי באַשלאָסן ניט צו באַמרו׳קן דעם אַלטן ביז אַ געוויסער צײַט. גרובסקי האָט ווי דער רעפערענט פון דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג פינקטלעך אויסגעפירט באַטמאַנאָווס אויפגעבונגען און זיך אין קיין זאַך אַקטיוו ניט אַרײַנגעמישט. נאָכשפירנדיק בערידזעס און קאָוושאָווס באַמיִונגען, האָט ער שטילערהייט אָפּגעכויזעקט פון זיי און זיי גערופן „די אַנטדעקער פון אַמעריקע”.

דערהערנדיק וועגן בערידזעס לעצטן פאָרשלאָג, האָט דער געוועזענער הויפט־אינזשעניער אַ זאָג געטאָן מיט שאָדנפרייד צו די פראָיעקטירער פון קאָבזעווס גרופע, וועלכע זײַנען געקומען צו לויפן צו אים נאָך אַן אײַצע:

— דער בערדי׳קער פירט אונדז מיט אַ גלײַכן וועג אין דעם זאַל פון געריכטס־פאַרהאַנדלונגען. איך האָב ניט קיין כיישעק אַרײַנצופאַלן אין דער קאָמפּאַניע פון די געמישפּעטע, און דעריבער פאַרבלײַב איך אַף דער פּאָזיציע פון פרידלעכן באַאָבאַכטן דעם אומפאַרמײַדלעכן אומקום — זײַנעם און אײַערן צוזאַמען מיט אים.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט אײַנגעהאַלטן אין די גרענעצן פון באַאָבאַכטערישער טאַקטיק. מ׳האָט אים איבערגעגעבן, אַז בערידזע האָט גלײַכצײַטיק מיט זײַן באַפעל קאָוושאָוון וועגן דעם פראָיעקט פאַראָרדנט איבערצורײַסן די אַרבעט אַף באַזונדערע באַצירקן פונעם רעכטן ברעג און

זייער באַזע אַריבערטראָגן אַפן לינקן. זיך דערוואַרט באַטמאַנאָווס אומקער פון רובעזשאַנסק, וווהין ער איז אַוועקגעפלויגן אַף צוויי מעסלעס, האָט גרובסקי אין בײַזײַן פון דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג באַשולדיקט בערידזען אין ניט ריכטיקע און פאַרברעכערישע האַנדלונגען.

— אײַער פּראָיעקט איז נאָך ניט באַשטעטיקט געוואָרן אין די העכערע אינסטאַנצן, — האָט ער סקאַנדירנדיק גערעדט. — נאָך מער, ער איז נאָך ניט פאַרטיק. בלויז מיט העפקערדיקער לײַכטזיניקייט קען מען דערקלערן אײַערע אײַליקע פאַראָרדענונגען. טײַטשט אויס זייער זין.

— איר זענט ניט קיין פּראָקוראָר, און איך האָב ניט בעדייע צו האַלטן פאַר אײַך קיין פאַרטיידיקונגס־רעדע, — האָט בערידזע געענטפערט דעם קליינעם גאַליקן מענטשן.

— ציט צוריק בערידזעס דירעקטיוון. זיי זײַנען פעלערהאַפט און טראָגן אין זיך שעדלעכע פאָלגן, — האָט זיך גרובסקי אַ קער געטאָן צו באַטמאַנאָוון. — ווי דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג ריזיקירט איר מיט אײַער קאָפּ צוליב זײַן אומבאַרעכנטקייט.

באַטמאַנאָוו האָט קימאַט פאָרויסגעזען גרובסקיס פּראָטעסט, און איז אינערלעך געווען צוגעגרייט דערצו. ער האָט גלײַך באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן גרובסקין, שטעלן אים אַפן אָרט, און גלײַכצײַטיק אונטערוואַרעמען בערידזען, געבן אים צו פילן, וואָס פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט עס ליגט אַף אים. באַטמאַנאָוו האָט געדולדיק אויסגעהערט די הייסע דיסקוסיע צווישן דעם אַלטן הויפּט־אינזשעניער און דעם נײַעם און פעסט אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב ניט בעדייע צו נעמען דעם הויפּט־אינזשעניער אונטער מײַן אַפּעטראָפּסעס. ער איז פּונקט אַזאַ באַלעבאָס אַף דער בויונג, ווי איך. זאָל ער אַרויסגעבן פאַראָרדענונגען לויט דער מאָס פון די רעכט, וואָס זײַנען אים געגעבן געוואָרן, און לויט דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט אַף אים. וואָס ווידער עס אָנבאַלאַנגט מײַן קאָפּ — באַאומרויִקט זיך ניט, ער זיצט בײַ מיר אַף אַ פעסטן קאַרק.

גרובסקי איז געקומען אין פאַרלעגנהייט. ער האָט דערוואַרט פונעם נאַטשאַלניק אַן אַנדער באַציִונג.

— איך בין געווען פאַרפליכטעט אײַך צו וואָרענען. איצט בלײַבט מיר בלויז איבער צו פאַרמאַכן די אויגן אַף אַלץ, וואָס קומט דאָ פאָר, — האָט ער אויסגערופן פאַרביטערט און ניט אָן פּאַטעטיק און איז, אַ בעפּיירעש באַליידיקטער, אַרויסגעגאַנגען פון באַטמאַנאָווס קאַבינעט.

קאַפּיטל אַכט

די שעלִעכטע פֿון דער טראַסע

אַפֿן זיבעטן טאָג גאַנג איז טאַניע וואַסילטשענקאָ צוגעקומען אַף די נאַרטעס צו נאָווינסק. אינעם ברוינעם בײַיִענעם קאָסטיום און רויטן געשטריקטן היטעלע, מיטן רוקזאַק און צונויפגעקײַקלטער קורטקע אַף דער פּלייצע איז זי ענלעך געווען צו אַ באַטייליקטן אין אַ פֿילקילאָמעטערדיקן נאַרטן־געוועט. ס׳האָט געפֿעלט בלויז די לענטע מיט אַן עמבלעם אָדער אַ נומער אַף דער ברוסט.

ס׳האָבן זי באַמערקט פֿון „סטאַרט" באַטמאַנאָוו, זאַלקינד און בערידזע. דאָס קלייניגקע פֿיגורעלע איז אָט פֿאַרלוירן געוואָרן, אָט האָט עס ווידער זיך באַוויזן אַף די ווײַסע שטאָכים פֿון דעם אַדון.

אין דער פֿאַרוואַלטונג האָט מען זיך באַמיט ניט צו פֿאַרשלאָפֿן דעם אויגנבליק, ווען דער טײַך וועט זיך שטעלן. אין די אָפּטיילן איז מען געגאַנגען אין געוועט — צי דער אַדון האָט זיך געשטעלט, אָדער ניט, און די, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט און די הענט איבערגעשלאָגן, זײַנען אַלעמאָל געלאָפֿן צו די פֿענצטער, אָדער אַרויסגעלאָפֿן צום ברעג. דער אַדון האָט אויסגעזען פֿולשטענדיק אומבאַוועגלעך, נאָר זעלטן האָט זײַן אײַזאויבערפֿלאַך מאַיעסטעטיש, מיט אַ טויבן ווײַטן ליאַרעם אויפֿגעשוידערט.

דער אַדון האָט זיך, ענדלעך, געשטעלט — און קיינער האָט דעם אויגנבליק ניט באַמערקט. אין דער כאַאָטישער אָנהויפֿונג פֿון זײַנע אײַזשטיקער איז פֿאַרגליווערט געוואָרן זײַן ריזיקע קראַפֿט.

...עס זײַנען זיך צעשוווּמען די רעשטלעך נעפּל, צעהאָנגענע צוויטנווײַז איבערן טײַך. ס׳האָט העל געשײַנט די קאַלטע ווינטערדיקע זון. דאָ און דאָרט האָט, צווישן די אויפֿגעטורעמטע אײַז־פּריזמעס, פּיראַמידן און פֿאָרעמלאָזע שטיקער, אַ שײַן געטאָן אַ בריליאַנטענער, פֿאַר די אויגן

אומדערטרעגלעכער גלאַנץ. די קוסטעס באַם ברעג, דורכגעלויכטענע פון די שטראַלן, באַדעקט מיט טויפראָסט, זײַנען ענלעך געווען צו ראָזעווע קאָראַלן.

באַטמאַנאָוו, בערידזע און זאַלקינד האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אָפּן אײַז. גיין צווישן די אײַז־שטיקער איז שווער געווען, די פּיס האָבן זיך אויסגעגליטשט און זיך אָנגעשטויסן אין די שאַרפע אײַז־אַרויסשטאַרצן. איבערן טײַך האָט זיך געטראָגן אַ ווינטל. עס האָט צעשאָטן דעם לײַכטן שניי און געשמיסן אין פּנים. דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט באַפוילן אַרויסצופירן די מענטשן אַף אָפּצורייניקן די וועגן און אַראָפּ־לאָזן אָפּן אײַז אַ טראַקטאָר. ס׳האָט זיך ווידער באַוויזן, איצט שוין נאָענט, די אײַנזאַמע פיגור פון דער נאַרטלערין.

— אַ רויט היטעלע אָפּן אַדון, — האָט בערידזע אַ שמייכל גע־טאָן. — טשעקאָווע, פון וואַנען און וווהין וואָגלט די דאָזיקע לעבעדיקע נעשאָמע ?

נישט דערגייענדיק צום „סטאַרט“, האָט טאַניע וואַסילטשענקאָ אַראָפּגענומען די נאַרטן און, אַרויפליייגנדיק זיי אַף די פּלייצעס, זיך געלאָזט אַרויפגיין אָפּן אָפּריסיקן ברעג. זי האָט געזוכט אַ שוצאָרט, ס׳האָט זיך איר געגלוסט אָפּרוען און ברענגען זיך אין אָרדענונג. דאָס מיידל האָט זיך געלאָזט צו איינעם פון די צווייצימערדיקע הײַזלעך אין דעם יישעוו, לעבן דער פּאַרוואַלטונג. דאָרט האָט געוווינט איר פרײַנדין, דאָקטער אָלגע ראַדיאַנאָווע. אַף איר אָנקלאַפּן האָט זיך קיינער נישט אָפּגערופן. טאַניע איז געשטאַנען אַ ביסל אָפּן גאַניקל און, אָנלענענדיק די נאַרטעס אַף דער טיר, איז זי מיטן שטעגל, אויסגעטרעטן אינעם שניי, געגאַנגען אין דער פּאַרוואַלטונג.

זי האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט איבער די קאָרידאָרן, זוכנדיק איר צווייטע פרײַנדין — דעם עקאָנאָמיסט זשעניע קאָזלאָווע. אָפּן אַלטן אָרט איז זי נישט געווען, אַלץ איז דאָ אַנדערש געווען, נישט ווי פריער, אין די באַקאַנטע צימערן זײַנען געזעסן אַנדערע מענטשן.

— אַ פּילצוואָגנדיקע האָסכאָלע פאַר דער נײַער אָנפירערשאַפט — איבערזעצן אַלע פון איין אָרט אָפּן צווייטן. ס׳איז קרילאָווס אַ מאָשל, און נישט קיין פּאַרוואַלטונג, — האָט טאַניע געוואָרטשעט.

זשעניען האָט זי געפונען אָפּן פערטן עטאַזש. זשעניע איז געזעסן אין אַ קליין צימערל לעבן אַן אומגעלומפּערט גרויסן שרײַבטיש און צו־זאַמען מיט אַנדערע עקאָנאָמיסטן צוזאַמענגערעכנט טאַבעלעס, אָפּגע־דרוקטע אַף אַ מאַשינקע. זשעניע האָט באַגעגנט טאַניעס אומדערוואַר־טע דערשיינונג מיט אַ פריידיקן אויסגעשריי.

אַף קושן, אַרומהאַלדזן און קעגנזײַטיקן באַטראַכטן זיך איז באַ די כאַווערטעס אַוועק אַ גוטע דרײַסיק מינוט. דעם מיטאַרבעטער באַם

טיש האָט דערעסן צו זיי זיך צוצוקוקן, און ער האָט אָנגעקלאַפּט מיטן בלײַער אין דעם טישגלאָז:

— עפּשער נעמען מיר זיך פֿאַר די טאַבעלעס?

זשעניע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און זיך פֿאַרקלאָגט: דער נאַטשאַלניק פֿון דעם אָפּטייל, גרעטשקין, איז אַראָפּ פֿון זינען, שרײַבט טאָג און נאַכט, מאַכט איבער דעם פּלאַן, האָט פֿינף מאָל געהייסן איבערמאַכן די אַרבעט־כעשבוינעס, לאָזט נישט דעם אָטעם איבערכאַפּן. ווי אַ באַשטעטיקונג אַף אירע רייד האָט אַ קלונג געטאָן דער טעלעפֿאָן. דער עקאָנאָמיסט האָט פֿילבאַדײַטנדיק אַ קוק געטאָן אַף זשעניען און עמעצן פֿאַרזיכערט:

— מיר באַרעכענען די לעצטע טאַבעלעס. אינגיכן פֿאַרענדיקן מיר.

זשעניע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום טיש, דערנאָך איז זי ווידער צוגעלאָפֿן צו דער כאַווערטע.

— כ׳גיי צו דיר, — האָט איר טאַניע צוריקגעהאַלטן. — כ׳וועל פּרווון אײַנשלאָפֿן. מיר וועלן שמועסן בײַנאַכט.

זשעניע האָט הויך אַ קוש געטאָן די כאַווערטע און, באַגלייטנדיק זי, געשאָטן מיט רייד:

— בײַ אונדז דאָרט איז קאַלט, זאָלסט זיך שטאַרק אײַנדעקן... הייץ יאָ, הייץ נישט דאָס הייוועלע — די וואַרעמקייט גייט סײַווי אַרויס. בײַ מיר איז נאָך ווי־עס־איז, נאָר דעם אינזשעניער קאָווּשאָוו האָט מען באַזעצט אין דעם עקסטן צימער — בײַ אים ליגט שניי אַף די ווענט. אַגעוו, אַ סימפּאַטישער, נאָר אַ צופֿיל ערנסטער. זאַלבעדריט זײַנען זיי געקומען, און אַלע זײַנען זיי טשעקאַווע. דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג — אַ שיינהייט! אַ הויכער, שטאַלטנער, גרויאויגיקער. מע זאָגט אָבער, אַ שטרענגער. דערפֿאַר איז דער הויפּט־אינזשעניער אַ גוטער. איך האָבן אים אָפּגעטראָגן באַריכטן — ער שפּאַסט, שמייכלט און האַלט אין איין גלעטן די שוואַרצע באָרד. אָט אַזאַ־אָ איז זי בײַ אים.

זשעניע האָט געוויזן מיט דער האַנט ביזן פּאַטעק און פּלוציעם אַ פֿרעג געטאָן:

— און אָלגען, האָסטו געזען? בײַ איר אין צימער איז אַ באָד, איך גיי צו איר זיך וואַרעמען.

וואַסילטשענקאָ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און גענומען קלינגען צו ראָדיאַנאָווען אין שפּיטאָל די טעלעפֿאָניסטן האָט דערקאָנט טאַניעס שטים, האַגאַם זי האָט זיך פֿון אויגוסט אָן נישט באַוויזן אין דער פֿאַר־וואַלטונג.

— גוטמאָרגן, טאַטיאַנע פּעטראָוונע, איר האָט זיך צו אונדז אומ־געקערט שוין אַף קעסיידער? — האָט זי געפֿרעגט און, נישט דערוואַר־טנדיק זיך אַף קיין ענטפֿער, פֿאַרבונדן מיטן שפּיטאָל.

טאַניע האָט אונטערגעוואַרט, ביז די דעזשורירנדיקע שוועסטער איז

געגאַנגען נאָך ראַדיאָנאָוועז. זי האָט אַ שמייכל געטאָן, דערהערנדיק אַלגעס רויק און שטרענג קאָל. דאָס דאָזיקע קאָל האָט אַ ציטער געטאָן און וואַרעם געוואָרן, ווי נאָר וואַסילטשענקאָ האָט איר אָנגערופן באָם נאָמען.

— קלאָר, קלאָר, — האָט איר אַלגע איבערגעריסן אינמיטן דער פראַזע. — האָסט געמאַכט אַ קאַלאָסאַלן וועג אויף נאַרטעס און קאָקע־טירסט — ביסט נישט מיד! שוין גיי צו מיר זיך אָפּרוען.

— דו ביסט גאַסטפרײַנטלעך, אָבער דײַן שטוב איז אויף אַ שלאָס.

— יאָ, ריכטיק! סעראַפימע האָט זיך געקליבן צו גיין אין שטאָט. וואָס־זשע טוט מען?... באַ בערידזען איז פאַראַן אַ צווייטער שליסל. דאָס איז אונדזער נײַער הויפּט־אינזשעניער, ער האָט זיך אַרײַנגעקליבן צו אונדז. גיי אַריבער צו אים.

— כ׳וועל בעסער גיין צו זשענקען.

— זאָלסט זיך נישט דערוועגן צו גיין צו זשענקען, באַ איר איז קאַלט! דו דאַרפסט זיך דערוואַרעמען.

טאַניע האָט איבערגעלאָזט די קורטקע מיטן רוקזאַק באַ זשעניען און געגאַנגען נאָכן שליסל. דער הויפּט־אינזשעניער איז דאָרט נישט געווען. מוזע פיליפּאָוונע, וועלכע איז געזעסן אין וואַרט־צימער, אַ שמאָלס און לאַנגס, ווי אַ קאָרידאָר, האָט איר וויכטיק מיטגעטיילט:

— די אָנפירערשאַפט איז אויפן „סטאַרט". הײַנט האָט זיך אָנגע־הויבן די אַרבעט באַם אָפּרייניקן דעם אײַז־וועג.

— ס׳גייט מיר נישט, — האָט זיך טאַניע געערגערט און געבליבן שטיין אומאַנטשלאָסן. — וואָס באַטראַכט איר מיך אַזוי? — האָט זי געפרעגט אומצופרידן.

— איר האָט מיר זייער שטאַרק דערמאָנט נאַטעטשקען, מײַן טאָכ־טער. זי איז פאַרפאַלן געוואָרן בעיס דער עוואַקואַציע, און כ׳קאָן זי נישט אויסזוכן. זי איז אויך אַזאַ שיינהייט. — די פרוי האָט מיט אַ פינגער אַראָפּגעמאַכט די פענסנע פון דער נאָז, און זיי זײַנען הענגען געבליבן אויפן שנירל. אירע אויגן האָבן געקוקט מיט אַ מידן אומעט.

— עפּשער זײַט איר טאָקע מײַן נאַטעטשקאַ?

— עפּשער, קוקט זיך אײַן בעסער אַ ביסל, — האָט איר טאַניע געענטפערט אין איר טאָן. — נאָר דערווײַל זאָגט מיר: דער הויפּט־אינ־זשיניער האָט נישט צוגעזאָגט צו קומען אינגיכן? צי לוינט זיך וואַרטן אויף אים?

— אײַך איז נישט שרעקלעך, טאָכטערקע? — האָט מוזע פיליפּאָוונע פלוצעם געפרעגט מיט אַ געשעפּטש, דערנענטערנדיק איר פּאָנעם מיט די ברייט צעעפנטע אויגן צו טאַניעס פּאָנעם. — איך בין אַן אַלט אומ־באַהאָלפן מענטש — דערפאַר, קאָן זײַן, איז מיר שרעקלעך? איר זײַט אַזאַ רויקע.

— וועגן וואָס רעדט איר ? וואָס האָט אײַך איבערגעשראָקן ? — האָט טאַניע נישט פאַרשטאַנען.

— אין דער פאַרוואַלטונג שמועסן אַלע: די יאַפּאַנער האָבן אָנגע־הויבן קעגן אונדז אַ מילכאָמע. צוליב עפּעס־וואָס דערקלערט מען עס נישט אָפיציעל. אָפן רעכטן ברעג, אין דער טײַגע, זאָלן זיך האָבן אַרויסגעזעצט פּאַראַשוטיסטן, מע יאָגט זיך ערשט נאָך זיי... באָמבעס איבערן קאָפּ, געשרייען, קרעכצן, איר פאַרשטייט וואָס דאָס הייסט ?

— כ'פאַרשטיי נישט. איר דערציילט נאַרישע קלאַנגען. ווען יאַפּאַ־נער וואָלטן אַרויסגעטראָטן, וואָלט מען וועגן דעם טייקעף געמאָלדן אָפיציעל. מע דאַרף זיך נישט דענערווירן. מע טאָר זיך נישט דענערווירן, באַזונדערס מיר, פרויען.

— יאָ, יאָ, איר זײַט גערעכט טאָכטערקע.

מוזע פיליפּאָוונע האָט צערטלעך אַ קוק געטאָן אויף טאַניען. מאָש־מאָעס, אַז דאָס מיידל האָט איר בעעמעס מיט עפּעס־וואָס דערמאָנט איר טאָכטער.

— גוט, וואָס איר זײַט געקומען. ס'איז גלײַך רויקער געוואָרן מיט אײַך, — האָט זיך די פרוי מוידע געווען. וואָס איז דאָ געווען זיך צו דער־שרעקן ? אַרום זײַנען דאָ אַזעלכע שטאַרקע און קלוגע מענטשן, מיט זיי איז קיין זאַך נישט שרעקלעך. ווייסט איר, אַמאָל האָב איך געוווינט עפּעס ענג אַזוי — אין צימערן. און דאָ איז דער אַדון. טוסט אַ קוק אויף אים — און דאָס האַרץ שטאַרבט אָפּ אין דיר, ווי דו וואָלסט אויף אַ באַרג גע־שטאַנען. וועגן גרויסע בויונגען האָב איך בלויז אין ביכער געלייענט. ווי אינטערעסאַנט דאָס איז אין לעבן! יעדער טאָג, יעדע שאָ — איז אַ קאַמף! ס'איז גוט, וואָס אויף דער וועלט זײַנען פאַראַן אַזעלכע מענטשן, ווי אונדזער ברידזשע, עמעס ? איר קאָנט אים שוין פון לאַנג ? כ'שטעל זיך פאָר אײַך ביידע באַנאַנד — אַ שיין פּאָרל.

— איך קאָן אים ביכלאַל נישט, פון וואַנען האָט איר עס גענומען ? „אַ פּאָרל" ! איך בין געקומען מיט אים זיך באַקענען און אַ שמועס טאָן וועגן געוויסע איניאָנים. איך קום פון דער טראַסע.

— פון דער טראַסע ? אויב איר ווילט, וועל איך אײַך צופירן צו זײַן פאַרטרעטער, אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש קאָוושאָוו, איר קאָנט שמועסן מיט אים.

די פרוי האָט זיך צוגעאײַלט, און טאַניע איז אויטאָמאַטיש איר נאָכגעגאַנגען. קאָוושאָוון האָבן זיי געטראָפן אין אַ גרויס צימער, וואָס איז ענג באַשטעלט געווען מיט טישן, אויף וועלכע ס'זײַנען געשטאַנען מעשופּעדיקע טאָוולען צום צייכענען. לעבן זיי זײַנען אויף הויכע טאַבורעטן געזעסן די אינזשיניערן און די טעכניקער.

— די פּראָיעקטירער אַרבעטן איבער דעם פּראָיעקט, — האָט מיט

רעספעקט מיטגעטיילט מוזע פיליפּאָווגע. — ערשט איז דאָס די הויפּט־אויפגאַבע.

זיי האָבן זיך דורכגעשטופּט דורך אַ שמאָלן דורכגאַנג צווישן די טישן צו אַ ווינקל אין צימער. האַלב־ליגנדיק אָפן שטרײַבטיש, האָט אַלעקסיי אויפמערקזאַם באַטראַכט אַ וואַטמאַן־בויגן, וואָס איז געווען צוגע־נאָגלט מיט קנאָפּקעס. קאָבזעוו, דער אָנפירער פון דער פּראָיעקטירער־גרופּע, וועלכער איז געזעסן באַם טיש, די הענט פאַרשטעקט אין די צע־שויבערטע האָר, האָט אויך געקוקט, נישט אָפּרײַסנדיק זיך, אָף די צייכע־נונגען, ווי געהאָפטענע שפּיצן, וואָס ער האָט דאָ אויסגעפלאָכטן.

— צו אײַך, אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש. אַ מענטש פון דער טראַסע. וועגן אַ דרינגענדיקן איניען, — האָט מוזע פיליפּאָווגע געזאָגט און מיט דערעכערעץ זיך אָפּגערוקט, אַ מורמל טוענדיק צו טאַניען: — קומט אַרײַן. נישט צום הויפּט־אינזשעניער, פּאַשעט צו מיר.

אַלעקסיי האָט אַ קוק געטאָן אָף טאַניען און ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן אָף דער צייכענונג. זײַן האַנט איז געלאָפן איבערן וואַטמאַן־בויגן, צייכענענדיק מיט אַ בלײַפעדער אַ לאַנגע שורע ציפערן. טאַניע האָט זיך אַרומגעקוקט. פון אַלע זײַטן האָבן זיך מיט איר שווײַגנדיק באַגריסט באַ־קענטע. נעענטער פון אַלע איז געזעסן פּעטקע גרודקין — אין דער פאַר־וואַלטונג האָט מען אים גערופן פּעטיונטשיק, און די מיידלעך־מאַשיניסט־קעס האָבן געשפּאַסט: „שטעלט אײַך פאָר — אַזאַ יונגער, און שוין דער עלטסטער טעכניק־צייכענער”. פּעטקע האָט זיך מיט איר באַגריסט פון ווײַטן, אַ דריק טוענדיק מיט זײַן רעכטער האַנט די לינקע, אין וועל־כער ער האָט געהאַלטן פּעסט אַ ווירע.

„ווײַזט אויס, אַז דער קאָווטשאָוו איז אַ שטרענגער!” — האָט טאַניע אַ טראַכט געטאָן, אָפּמערקנדיק די שטילקייט אין צימער, וואָס איז צום באַוווּנדערן באַ אַזאַ גרויסע אוילעם.

— ס'איז דאָ דושנע באַ אײַך, זעט, די לופט אַפילע איז גרין גע־וואָרן! — האָט זי אומיסטן געזאָגט אָף אַ קאָל.

— עפענען די לופטשיקעס, דורכלופטערן! — האָט קאָווטשאָוו באַ־פוילן, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

פּעטקע האָט זיך מיט אַ ראַש אָפּגעריסן פון דעם טאַבורעט און אַרויף אָפן פּאַראַפּעט.

— מיר האָבן מוירע פאַר אַ פּאַרקילונג. טוט אַ קוק, ווי טאַטיאַנע איז פאַררויטלט פון דער דאָזיקער פּאַרקילונג, — האָט ער געזאָגט פון דעם פּאַראַפּעט צו זײַן שאָכן, אַ מענטש מיט אַ ציכטיקן אויסזען, מיט אַ גרינעם שאַרף אַרומגעוויקלט דעם האַלדז. — אַך, סאַראַ געשמאַקע לופט! — פּעטקע האָט מיטן מויל און מיט די הענט געכאַפּט דורך דעם לופטשיק די ווײַסע פראָסט־פּאַרע.

טאַניע האָט זיך צוגערירט צו די באַקן, — זיי האָבן געגליט, אָנגעשמיסן פון ווינט.

— מע דאַרף ווייניקער זיצן אין שטוב. די גאַפּט־לייטונג וועט מען נישט אויפבויען אין די קאַבינעטן, זי איז אינדרויסן. — טאַניע האָט עס גערעדט אין דער ריכטונג פון פּעטקען, נאָר געווענדעט האָט זי זיך צו אַלעקסייען. זי האָט אים געוואָלט אַ שטאָך טאָן.

קאָוושאָוו האָט פאַרדריסלעך אַ וואָרף געטאָן דעם בלײַער אָפן טיש און זיך אויפגעשטעלט. פּעטקע האָט זיך שנעל אומגעקערט אָפן אָרט.

— איר האָט צו מיר אַ דרינגענדיקן איניען ? — די פראַגע האָט געקלונגען סקעפּטיש.

— אייגנטלעך האָב איך געזוכט דעם הויפּט־אינזשיניער. די סעקרעטאַרין האָט מיך געבראַכט צו אײַך.

— צוליב וואָס־זשע האָט איר דאָ בעכינעם געמאַכט אַ טומל ? גייט צום הויפּט־אינזשיניער.

— אַז דאָס גליק האָט מיר שוין צוגעשפּילט זיך צו באַקענען מיט אײַך, דערלויבט מיר צו שטעלן איין פראַגע.

— אויב איינע, שטעלט.

— איר זײַט נישט זייער העפלעך. איר האָט זיך נאָך זיכער ווייניק אָנגעטישעט מיט די צייכענונגען. כ׳וועל צוואַרטן, טישעט זיך אָן נאָך אַ ביסל.

פּעטקע האָט אַרײַנגעלאַכט אין פויסט אַרײַן.

— רעדט נעענטער צום איניען. מיר זײַנען נישט אין טאַנצזאַל.

— איך בין פון דעם נײַנטן באַצירק. מיר האָבן באַקומען אַ דירעקטיוו פונעם הויפּט־אינזשיניער: רײַסט איבער די גרונטיקע אַרבעטן און טראָגט זיך איבער אָפן צווייטן ברעג. אין וואָס האַנדלט זיך ?

קאָוושאָוו איז געשטאַנען מיט אַן אויסדרוק פון צעשטרײַטקייט, טראַכטנדיק עפּעס קאָנצענטרירט. נישט געבנדיק קיין ענטפער דעם מיידל, האָט ער זיך ווידער צוגעבויגן צו דער צייכענונג. ער האָט נישט געוואָלט צעשלאָגן זיך דעם געדאַנק. טאַניע האָט געקנייטשט מיט די אַקסל:

— מעגלעך, אַז אײַערע מיטאַרבעטער האָבן זיך אויסגעלערנט צו טרעפן אײַערע געדאַנקען אָן ווערטער, נאָר איך האָב אײַך נישט פאַרשטאַנען און כ׳וואָלט וועלן הערן אַן ענטפער.

פּעטקע האָט זיך צעלאַכט. דער טוש איז טרוקן געוואָרן אָף זײַן רײַספעדער, ער האָט מיט איר אַ שאָקל געטאָן, אויסדריקנדיק דערמיט מיטגעפיל טאַטיאַנען.

— לאָמיר נישט פאַרלירן די טײַערע צײַט, לאָמיר בעסער פלייסיקער צייכענען, — האָט אים טאַניע שטיל געראַטן.

— וואָס ? — האָט פּעטקע איבערגעפרעגט, נאָר קאָוושאָוו האָט זיך אָפּגעריסן פון טיש, און דער טעכניק־צייכענער איז פאַרגליווערט געוואָרן.

— קוים איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַראָרדענונג איבערצורײַסן די אַר־בעטן, דאַרף מען זיי איבעררײַסן, — האָט אַלעקסיי געזאָגט. — לוינט זיך צו פרעגן, פאַרוואָס און צו וואָס?

— ס'לוינט זיך צו פרעגן! — האָט זיך טאַניע צעבייזערט. — מיר זײַנען מענטשן, נישט קיין מעכאַניזמען, און דו איז טײַער די אַרבעט, וואָס מיר האָבן שוין געמאַכט. גלאַט אין דער וועלט אַרײַן הייסט מען זי אונדז אָוועקוואַרפן. לאָמיר אָננעמען, אַז דאָס האָט אַ וועלכן ס'איז זין, אָבער מיר דאַרפן עס פאַרשטיין. וואָס? איר האָט באַשלאָסן, אַז בלויז איר וועט פאַראַנטוואָרטלעך זײַן פאַר דער בויונג?

אַלעקסיי האָט זיך מיטאַמאָל ברייט צעשמייכלט און באַקומען אַ פולשטענדיק יונג און העפלעך אויסזען.

— גוט געזאָגט, ערנוואָרט! ווי אַזוי האָט איר זיך אָהער דער־שלאָגן, קריגעריש מיידל? ס'איז דאָך קיין וועג נישטאָ, אַף וויפל מיר איז באַוווסט.

— ווער עס זוכט אַ וועג, דער געפינט אים. מע קאָן זיך דען דער־וואַרטן ביז איר וועט צו אונדז אַ וועג געפינען?

— ריכטיק! ריכטיק! — האָט מיט אויפריכטיקער האַנאָע געזאָגט אַלעקסיי. — איר זײַט וואַרשיינלעך געקומען אַף דער פאַרטיי־קאָנפע־רענץ! אַ ביסל צו פרי. ווי רופט מען אײַך?

— וואַסילטשענקאָ.

— און אַפן נאָמען און פאָטער־נאָמען?

— טאַטיאַנע פעטראָוונע.

— איך וואָלט קאָנען, טאַטיאַנע פעטראָוונע, אײַך געבן געוויסע אויפקלערונגען. נאָר צוליב געוויסע טעמים וויל איך, איר זאָלט זיך פרײַער ווענדן צום הויפט־אינזשיניער. נאָך אַ שמועס מיט אים קומט אומבאַדינגט צו מיר, מיר וועלן באַהאַנדלען אַלע איניאַנים פון אײַער באַצירק. גוט?

אין קאָרידאָר האָט טאַניען אָנגעיאָגט פעטקע.

— טאַטיאַנע, לאָמיר זיך נאָכאַמאָל באַגריסן, דו ביסט פונקט גוט געקומען. וואָס באַ אונדז טוט זיך דאָ! סידאָרענקאָ איז אָוועקגעפאָרן אין אַן אומבאַוווסטער ריכטונג, דײַן פרײַנט, גרובסקין, האָט מען פאַר־יאָגט אונטער דער באַנק! אַ נײַע ערע אין דער געשיכטע פון דער בויונג!

— קאָך זיך נישט, פעטיונטשיק, די זומערשפרענקעלעך וועלן דיר נאָך אַראָפּפאַלן. — טאַניע האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן צייכענערס פּאָנעם, וואָס איז פול געווען מיט זומערשפרענקעלעך. — מאָדנע, אַפילו אין ווינטער ווערן זיי באַ דיר נישט פאַרפאַלן...

— מאַכסט כויזעק? — האָט פעטקע געפרעגט, שטעלנדיק זיך אין אַ פאַרטיידיקונג־פּאָזיציע: זע, ברענג מיך נישט אַרײַן אין צאָרן:

וועסט פון מיר קריגן! און איך האָב צו דיר אַן איניען. באַ קאָליע סמירנאָוון ביסטו געווען? ער איז ערשט דער קאָמסאָרג. ער מאָביליזירט יונגע קויכעס. דו קאָנסט אויך ברענגען נוצן.

— אַזוי! — האָט טאָניע אויסגערופן און שנעל אָוועקגעגאַנגען, צוואָרפנדיק פּעטקען איבער דער פּלייצע: — גיי, העלד איינער, צו דײַן קאָנצעלאַרישן ווערקשטעל, קאָלזמאַן דײַן נאָטשאַלניק האָט דיר נישט אַרײַנגעלייגט פאַר דײַן לײדיק שטיין. אין אָוונט וועלן מיר שמועסן וועגן דער נײַער ערע, וועגן דער מאָביליזירונג פון יונגע קויכעס און וועגן דעם, ווער וועמען ס'קאָן ברענגען נוץ.

טאָניע האָט פאַרגעסן וועגן איר געדאַנק צו גיין זיך אָפּרוען. די באַגעגעניש מיט די פאַרוואַלטונגס־מיטאַרבעטער און דאָס אַלץ וואָס זי האָט געהערט, האָבן זי אויפגערודערט. קוידעמקאָל דאַרף מען אַ שמועס טאָן מיטן פאַרטאָרג און אויפקלערן, פאַרוואָס איז פון זייער נײַנטן באַ־צירק קיינער נישט אַרויסגערופן געוואָרן אָף דער פאַרטיי־קאָנפערענץ. נאָך אין וועג קיין נאָווינסק האָט זי שוין געהערט וועגן דער דאָזיקער געשעעניש. איצטער האָט זיך אין אירע געדאַנקען דאָס דרינגענדיקע צוזאַמענרופן די קאָנפערענץ עפּעס געבונדן מיט די היסטערישע פּראַזן פון מוזע פיליפּאָוונען וועגן די יאַפּאַנער.

אין דעם וואַרט־צימער פונעם פאַרטאָרג האָט דער טעכנישער סעק־רעטאַר, אַ יונג מיידל מיט אַ קינדעריש פּאָנעם, לעבעדיק זיך איבערגע־שעפּטשעט מיט עפּעס אַ באָכער. איר שמייכל האָט זיך גלײַך פאַרטוישט אָפּן אויסדרוק פון שטרענגער אָפיציעלקייט, ווי נאָר טאָניע האָט זיך צו איר געווענדעט.

— איר זײַט צו פרי געקומען, — האָט דאָס מיידל געזאָגט. — כ'וועל אײַך פאַרערגיסטרירן און אַרויסגעבן טאַלאָנען אין דער גאָרקיך, נאָר אײַלן זיך איז פונדעסטוועגן נישט געווען צוליב וואָס.

— פאַרערגיסטרירן מיך איז נישט נייטיק, און קיין טאַלאָנען בעט איך נישט.

— איר זײַט נישט קיין דעלעגאַט?

— נישט קיין דעלעגאַט, און וויל זיך דערוויסן — פאַרוואָס?

— מיר איז נישט באַוווסט, פאַרוואָס איר זײַט נישט קיין דעלעגאַט, — דאָס מיידל האָט געצויגן מיט די אַקסל.

— איר זײַט — פון וואַנען, פון וועלכן באַצירק? — האָט דער באָכער געפרעגט, באַטראַכטנדיק אויפמערקזאַם דאָס אומבאַקאַנטע שיינע מיידל.

— איך בין פון ווײַט, פון נײַנטן. וואָס איז דען?

— פון די ווײַטע באַצירקן האָט מען אָף דער קאָנפערענץ נישט אַרויסגערופן, — האָט דאָס מיידל געזאָגט, נישט אויסבאַהאַלטנדיק איר

אומצופרידנקייט דערמיט, וואָס דער באַכער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן גאַסט מיט באַלעבאַטישע פּאַסטעמפּקעס.

— פאַרוואָס האָט מען נישט אַרויסגערופן ? — האָט טאַניע ווידער געפרעגט.

— מיסטאָם איז אַזוי נייטיק געווען. איר וועט שוין אַנטשולדיקן דעם כאַוור זאַלקינד. ער האָט פאַרגעסן זיך צו פאַרשטענדיקן מיט אײַך וועגן דאָזיקן פּראָבלעם.

דאָס מיידל האָט געענטפערט אַזעסדיק, מיט אַרויספאָדערונג, ווי ס'ריידן צווישן זיך נישט זעלטן פרויען אַף דינסטלעכע טעמעס. דער־הערט דעם באַקאַנטן פאַמיליע־נאָמען פונעם פאַרטאָרג, האָט טאַניע פאַר־לירן דעם אינטערעס צו דער סעקרעטאַרן און, אויסמײַדנדיק זי, זיך אַרײַנגעגליטשט אין קאַבינעט.

דאָרט זײַנען געזעסן, מיטן רוקן צו דער טיר, צוויי מענטשן און גע־ציילט אַ צײַטונג־שפּאַלטע. נישט באַמערקט פון זיי, איז טאַניע צוגע־גאַנגען נענטער און איבער זייערע קעפּ גענומען באַטראַכטן דעם טיפּאָ־גראַפישן בויגן מיט די אַרײַנגעקוועטשטע שוואַרצע קאָלומנעלעך זאַץ. אין דעם לייט־אַרטיקל האָט זיך גערעדט וועגן די אויפגאַבעס פון דער בויונג, וועגן דער אַפּפּערוויליקער אַרבעט אין די מילכאָמע־טעג, וועלכע איז מיט איר העלדנמוט גלײַך צו די העלדנטאַטן אַפן שלאַכטפעלד, וועגן וואַכזאַמקייט. וועגן אַן איבערפּאַל פון די יאַפּאַנער איז קיין איין וואָרט נישט געווען.

— צי קאָן מען שטעלן אַ פראַגע ? — האָט טאַניע געפרעגט אַף אַ קאָל, נאָכן איבערלייענען דאָס אַרטיקל ביזן סאָף. איינער פון די זשור־נאַליסטן האָט מאַכמעס אומדערוואַרטקייט אַ ציטער געטאָן. — פאַרוואָס רופט איר אָן די צײַטונג דער אָרגאַן פון דער גאַנצער בויונג ?

— זײַטיקע טאָרן נישט לייענען די צײַטונג ביז זי דערשײַנט פון דרוק, — האָט אַ זאָג געטאָן אַ בלאָסער יונגערמאַן מיט העלבלויע אויגן און איבערגעדרייט דעם בויגן מיט דער ווײַסער זײַט אַרויף.

— דרייט נישט איבער, כ'האָב שוין באַוויזן אַלץ איבערצולייענען.

— ווער זײַט איר און וואָס דאַרפט איר ? — האָט אויפגערעגט געפרעגט דער בלויאויגיקער.

— באַאומרויקט זיך נישט, כ'בין נישט קיין זײַטיקע : דער זעלבי־קער באַלעבאָס, ווי אַלע אַנדערע. איר זײַט דער רעדאַקטאָר ?

— דער רעדאַקטאָר, אויב איר ווילט. מײַן פאַמיליע איז פּושטשין.

— פאַרוואָס, כאַוור פּושטשין, רופט זיך די צײַטונג אָן דער אָר־גאַן פון דער בויונג, אויב זי ווערט געשריבן אין דער פאַרוואַלטונג און נאָר וועגן דער פאַרוואַלטונג ? ס'זאָל זײַן כאָטש איין נאָטיץ וועגן די באַצירקן. לעמאָשל, וועגן אונדזערן !

— איר זײַט פון אַ באַצירק ? אַ דעלעגאַט ? אויסגעצייכנט ! זעצט זיך, שרײַבט אָן אַ נאָטיץ. מירן עס אָפּדרוקן.

די זשורנאַליסטן האָבן זיך אויפגעהייטערט. איינער פון זיי האָט אונטערגערוקט אַ שטול, דער צווייטער האָט אַנידערגעלייגט פאַר איר אַ בויגן פּאַפּיר מיט אַ פּען.

— איך בין נישט קיין דעלעגאַט. כ'בין געקומען זיך דערוויסן באַ זאַלקינדן, פאַרוואָס מ'האָט אונדזער באַצירק געלאָזט אין אַ זײַט.

— אָבער איר זײַט פון דער טראַסע ?

— פאַרשטייט זיך. צי דען איז נישט קענטיק אױף מיר, אַז איך בין נישט קיין קאַבינעט־טוער.

— מע זעט, מע זעט. ס'איז נישט וויכטיק, וואָס איר זײַט נישט קיין דעלעגאַט. שרײַבט אָן וועגן וואָס איר ווילט, אַבי נאָר וועגן דער טראַסע. מיר הייבן אָקערשט אָן צו לעבן. דאָס איז אונדזער צווייטער נומער. ס'האָט זיך דערווײַל נישט אײַנגעשטעלט קיין פאַרבינדונג מיט די באַצירקן, מ'איז געצוווּנגען צונויפזאַמלען מאַטעריאַל דאָ, ווי מע זאָגט, נישט אָפּגייענדיק פון דער קאַסע.

— טויג עס טאַקע נישט. מע דאַרף זאַמלען מאַטעריאַל נישט אין די קאַבינעטן, נאָר אױף די באַצירקן. לערנט זיך באַ די מילכאַמע־קאָרעספּאָנדענטן, זיי שרײַבן נאָטיצן אונטער די קוילן און לאָזן אַרויס צײַטונגען. אָט בין איך דאָך געקומען צו אײַך פון דעם בײַנטן ווינקל, און פאַרוואָס קאָנט איר צו מיר נישט קומען ?

— אױף נאַרטעס, אַליין ? — האָט זיך פּושטשין אַנטציקט. — שרײַבט אָן, ווי איר זײַט געגאַנגען, נאָך וואָס איר זײַט געגאַנגען, ווי איר זײַט דערגאַנגען ?

טאַניע האָט זיך, צו פּושטשינס פאַרוואונדערונג, נישט דערווידערנדיק מיט קיין וואָרט, גענומען שרײַבן אַ נאָטיץ.

— ווייניקלעך ! — האָט פּושטשין געזאָגט מיט באַדויערונג, באַקומענדיק פון איר אין צוואַנציק מינוט אַרום אַ בייגעלע פּאַפּיר, באַשריבן מיט אַ גרויסער נאַכלאָזיקער שריפט.

— ס'וועט קלעקן. אויך דאָס וועט נישט אַנטשפּרעכן. איר וועט זיך נישט באַשליסן דאָס אָפּצודרוקן.

די נאָטיץ האָט אין שאַרפע אויסדרוקן געפאָדערט פון דער אַנפירונג פון דער בויונג אויפמערקזאַמקייט צו די באַצירקן : „שוין צײַט אַרויסצוגיין פון צווישן די ווענט פון דער פאַרוואַלטונג אױף די ראַכוועסן פון דער טראַסע". פּושטשין האָט זיך ווירקלעך פאַרטראַכט איבער דער נאָטיץ — אַזאַ פראַגע איז בעעמעס קעדײַ אויפצוהייבן אין צײַטונג.

טאַניע האָט נאָכאַמאָל געכאַפּט אַ קוק צום הויפּט־אינזשעניר, ער האָט זיך נאָך אַלץ ניט געהאַט אומגעקערט. איבערמישנדיק אין זיקאָרן די אויפטראָגן פון דעם באַצירק, האָט זי באַשלאָסן אַרײַנצוגיין צו ליבער־

מאַנען. דער אינטענדאַנט האָט געשמועסט מיט אַ מענטשן אין אַ פוטער־קורטקע, וועלכער איז געזעסן פאַר אים.

— מאַמעלע טײַערע! מיט די ערשטע טראַנספּאָרטן וועט אַלץ צו־געשטעלט ווערן אָף אײַער באַצירק! — האָט ער אויסגערופן. — איך פאַרשרײַבט אָף אַ פּאַפּיר, איך וועל אויסרעכענען, וועלכע לאָדונגען זײַ־נען פאַרגרייט פאַר אײַך...

„איז דאָס אַ כעוורעניק! — האָט טאַניע אַ טראַכט געטאָן. — דער מענטש איז געגאַנגען צו אים מיט דער קאַוואַנע זיך צו שלאָגן, און אַוועק־גיין וועט ער אַ גליקלעכער".

ווירקלעך, דער פאַרשטייער פון דעם באַצירק האָט פעסט געדריקט ליבערמאַנען די האַנט, צוויי מאָל אים באַדאַנקט און איז אַוועקגעגאַנגען אַ בעפיירעש צופרידענער.

— טאַנעטשקע! קעניגן! מאַלעך טײַערער! — האָט לעבעדיק אויס־געשריגן דער אינטענדאַנט — און זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר מיט פאַר־נאַנדערגענומענע הענט.

— צו טעמפעראַמענטפול, ליבערמאַן, איך בעט אײַך רוּיקער אַ ביסל, — האָט טאַניע געזאָגט, זיך אָפּרוקנדיק. — מײַן באַציִונג צו אײַך האָט זיך ניט געענדערט.

— וואָס קען מען מאַכן, טײַערע, כ'האָב שוין לאַנג שאָלעם געמאַכט מיט אײַער גלײַכגילטיקייט. מאַמעלע טײַערע, מיך וועט צופרידנשטעלן אָפילע אַ פאַרבײַפליִענדיקער בליק אײַערער! פאַר מיר איז גענוג צו אָטעמען מיט דער זעלבער לופט, וואָס איר. „כאָטש זעלטן, כאָטש איין מאָל אין דער וואָך אײַך זען אין אונדזער דאָרף", — האָט ליבערמאַן זיך נאַריש געמאַכט. — זעצט זיך, מײַן שיינע דאַמע אין נאַרטן־הויזן.

טאַניע האָט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, איראָניש געקוקט אָפּן פאַר־שמײַעטן אינטענדאַנט.

— איך בין אויפריכטיק פאַרכידעשט, פאַרוואָס מ'האָט אײַך ניט אַרויסגעיאָגט פון דער בויונג. מע זאָגט, באַטמאַנאָוו איז אַ קלוגער מענטש, ניט־שוין־זשע האָט ער זיך ניט פונאַנדערגעקליבן, מיט וועמען ער האָט צו טאָן? אײַך האָט זיך, קענטיק, ניט געגלוסט פאַרלירן דאָס וואַרעמע, אויסגעבריטע אָרט, און איר האָט דעם נײַעם נאַטשאַלניק פאַרבלענדט די אויגן, פונקט אַזוי, ווי יענעם כאַווער פון דעם באַצירק, וועלכער איז געווען פון אײַך באַצויבערט. צי עפּשער האָט אײַך סידאָרענקאָ ניט גע־וואָלט מיטנעמען מיט זיך, באַשלאָסן, ענדלעך, פּאָטער צו ווערן פון אײַך?

ליבערמאַן האָט זיך דין צעלאַכט און געקוקט אָף איר געריִרט.

— כ'וועל קיינמאָל ניט אויפהערן זיך צו אַנטציקן מיט אײַך, מײַן

קעניגן. דאָס איז אַ זעלטענע צונויפפּאַרונג: אי אַ שיינע, אי אַ קלוגע. אַפילו די שיינע העלענע האָט ניט פאַרמאָגט אַזאַ שעפע פון צוציִענדיקע מײַלעס... וואָס שײַעך מיר האָט איר שטענדיק אַ טאָעס געהאָט. מאַ־מעלע טײַערע, וואָס פאַר אַן איבערלעבונג דאָס איז געווען פאַר יאַקאָוו טאַראַסאָוויטשן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מ׳האָט מיך פאַרהאַלטן!

— ווער־זשע האָט אײַך פאַרהאַלטן? ווער איז דאָס אַזאַ אָריגינאַל?

— באַטמאַנאָוו, ער האָט זיך אין מיר בוכשטעבלעך פאַרליבט. ווו, זאָגט ער, וועט איר געפינען נאָך איינעם אַזאַ אינטענדאַנט?

— אַזעלכן וועט מען ניט געפינען. און מע וואָלט טאָקע ניט באַ־דאַרפט אויך! הייסט עס, אַז צוויי נאַטשאַלניקעס האָבן זיך געשלאָגן פאַר אײַך? איינער האָט ניט געוואָלט איר זאָלט איבערבלײַבן, דער צווייטער האָט זיך אָפּגעזאָגט אײַך צו נעמען מיט זיך? ס׳האָבן אײַך זיכער געהאָלפן אײַערע קאָמערציעלע פעִיקייטן.

— מײַנע פעִיקייטן לאָזט צו רו. איר ווייסט אויסגעצייכנט, אַז איך בין אַן אומגליקלעכער מענטש און יעדע מינוט בין איך גרייט אָפּצו־טרעטן ווען עס זאָל ניט זײַן די דאָזיקע שטעל. איך טרוים וועגן אַן אַנדער זאַך...

— שוין אַן אַלט לידל! — האָט זיך טאַניע צעלאַכט. — כ׳האָב עס שוין ניט איינמאָל געהערט: טעאַטער, סצענע, דער ברודער לאַזאַר — אַ פאַרדינסטפולער אַרטיסט, אַ בלוטפולער טאַלאַנט. איר וואָלט שוין דאַרפן עפּעס נײַס צוטראַכטן. און וואָס שײַעך דער שטול — אַפילו מיט אַ זעקסאונזעכציקפערדיקן טראַקטאָר וועט מען אײַך פון איר ניט אַוועק־רײַסן.

טאַניעס ווערטער האָבן ליבערמאַנען לאַכלוטן ניט געערגערט, ער האָט זיי אויסגעהערט מיט אַ בעפּיירעשער האַנאָע, ער האָט אַפילו גע־מאַכט אַ פּרווו איר אַ קוש צו טאָן אין האַנט.

— כ׳בין אַזוי צופרידן, וואָס איך זע אײַך, טאַנעטשקע! אַ דאַנק פאַרוואָס איר האָט מיך ניט אויסגעמיטן, אַרײַנגעקומען.

— איך בין געקומען, ליבערמאַן, וועגן אַן איניען, און לאָמיר צו דעם איבערגיין. ווען וועט אַ סאָף נעמען צו די כאַזערײַען מיט די מאַטע־ריאַלן? ניט געקוקט אױף אײַערע צוזאָגן, האָט איר ביזן סאָף פון דער נאַוויגאַציע ניט קיין סאַך צוגעשטעלט אַפּן באַצירק. אינסטרומענטן איז פאַראַן ווייניק, ברען־מאַטעריאַל הייבט אָן אויסצוגיין, דער אַווטאַל איז אומטויגלעך, די פאַרקער־מעכאַניזמען זײַנען ניט קאָמפּלעטירט. אָט גיט אַ קוק אַ רעשימע, וואָס באַ אונדז פעלט אויס!

ליבערמאַן האָט געקוקט אױף דער רעשימע, געשאָקלט מיטן קאָפּ און צוגעטאָקעוועט:

— כאַזערײַ, אומדערהערט! מישפּעטן דאַרף מען דערפֿאַר, מיש־פּעטן! און ווי איז מיט דערנערונג, פֿאַראַן אָנקלאַגעס? ווי איז מיט באַקליידונג?

— פּראָדוקטן האָט מען געבראַכט אָנהייב זומער. פֿון הונגער שטאַרבן מיר ניט. מיר כאַפּן פֿיש. אויך קליידונג איז דערווײַל פֿאַראַן, נאָר אויב איר וועט שיקן אַפֿן באַצירק נײַע מענטשן — איז ניטאָ מיט וואָס זיי צו באַקליידן.

— די נײַע מענטשן וועלן מיר שיקן באַקליידטע אין שפּאָגל־נײַעם. מער קיין פּרעטענזיעס זײַנען ניט פֿאַראַן?

— אײַך איז נאָך ווייניק? ווו זײַנען די מאַטעריאַלן, וואָס פֿעלן אויס?

— איך ראָט אײַך זיך ווענדן מיט אַן אָנקלאַגע צו באַטמאַנאָוון. מאַמעלע טײַערע, דער באַצירק איז דאָך אין אַ קאַטאַסטראָפֿאַלער לאַגע!

— איר מעגט מיר ניט אונטערזאָגן, כ׳וועל אומבאַדינגט מאַכן אַן אָנקלאַגע און זיך דערשלאָגן, איר זאָלט באַקומען אײַערס.

— ניין, איך וועל גאָרניט באַקומען! — ליבערמאַן האָט צופֿרידן געכיכיקעט. — מײַן זאַך איז ערשט — וויטאַמינען, קורטקעס, שטיוול. טעכנישע מאַטעריאַלן זײַנען ניט אין מײַן רעשוס. און גאָט צו דאַנקען.

— וואָס פּלוידערט איר עס. איר האָט אַ נײַ פּאַרטל צוגעטראַכט?

— ניט איך האָב צוגעטראַכט, מײַן קעניגן, ניט איך — באַטמאַ־נאָוו אַליין. ער האָט פֿונאַנדערגעטײלט די באַזאָרגונג אָף צווײ טײלן. ס׳האָט זיך אויסגעבילדעט אַ נײַער אָפּטײל: ׳אָטב״, אָפּטײל פֿון טעכ־נישער באַזאָרגונג, מיטן שײנעם פֿאַרשוין פּעדאָסאָוון אין שפּיץ. און אָט איז דער רעזולטאַט! ניט אומזיסט האָט פּעדאָסאָוס אָפּטײל, נאָך איי־דער ער איז לײַטיש אָרגאַניזירט געוואָרן, שוין באַקומען דעם סימפּאַטישן צונאָמען „אָטב״, דאָס הייסט דער אָפּטײל, וואָס טאַרמאָזירט די בויונג.

ליבערמאַן האָט אויסגעזעצן זײַער אויפגעהײַטערט און פֿריילעך. פֿונ־דעסטוועגן האָט טאַניע פּלוצים דערשפּירט אַן אומקלאָרן ראַכמאָנעס אָף דעם דאָזיקן דיקן, טומלדיקן און רירעוודיקן מענטש, וועלכער איז אין פּלוג טאָמיד צופֿרידן מיט זײַן אײגענעם שאַרפֿן וואָרט און ספּריט.

— ס׳איז עפּעס מאָדנע צו קוקן אָף אײַך, ליבערמאַן, — האָט זי ערנסט געזאָגט. — אינטריגעלעך, שפּאַסעלעך. צי זעט איר ניט, אין וואָס פֿאַר אַ שווערער צײַט מיר לעבן? פֿונוואַנען־זשע אַזאַ לעצאָנעס? צי עפּשער באַהאַלט איר אויס אָף אַזאַ אויפֿן אײַערע עמעסע געפֿילן און געדאַנקען?

אירע ווערטער האָבן געהאַט אַן אומדערוואַרטע ווירקונג. ליבערמאַן האָט זיך אָנגעכמורעט און אײַנגעשרומפּן.

— דער מענטש איז טשיקאָווע געבויט, טאַנעטשקע, — האָט ער ניט טייקעף געענטפערט. ניט איך האָב אים אויסגעטראַכט. דער מענטש האַלט פאַר אַ שאַנד אויפצודעקן פאַר אנדערע דאָס סאַמע מענטשלעכע אין זיך. צי בין איך דען שולדיק, וואָס איך בין אַזעלכער, און ניט קיין אַנדערער? האַלט מיר, אויב איר ווילט, פאַר אַ לײַכטזיניקן. ס'אַ שווערע צײַט — זי איז פאַר מיר אויך אַ שווערע, גלייבט מיר. איך האָב עס קיינעם ניט געזאָגט, נאָר אײַך וועל איך עס זאָגן, אַף וויפל איר האָט מיר אָנגעטראָפן מיטן פינגערל אַף אַ פײַנלעכער סטרונע. מײַן פאַמיליע איז פאַרבליבן אין מאַריופּאָל און בריאַנסק. דאָס ווײַב און טעכטערל זײַנען שטעקן געבליבן אין לענינגראַד — זיי זײַנען אַוועקגעפאָרן פאַר דער מילכאָמע און ניט באַוויזן זיך אומצוקערן. צי בין איך אַ סוינע מײַן אייגענער פאַמיליע?

ליבערמאַן, וואָס איז אין איין מינוט אַלט געוואָרן און זיך אײַנגע־שרומפן, איז געזעסן הינטערן טיש מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. טאַניע האָט אויפגעפּאַסט אַ מאָמענט און איז אַרויס פון קאַבינעט.

אַפן צווייטן עטאַזש האָט זי געפונען דעם אָפּטייל פון טעכנישער באַזאָרגונג. אין פעדאָסאָווס קאַבינעט איז געווען אַן אוילעם. ער האָט גערעדט אַפן טעלעפאָן, צודריקנדיק מיט דעם אַקסל דאָס טרײַבל צום אויער, און גלײַכצײַטיק אונטערגעשריבן די טעלעגראַמעס, וואָס זײַנען געלעגן פאַר אים אין אַ שטויס. אָפּלייגנדיק דאָס טרײַבל, האָט ער גע־פירט אַ שמועס פאַראַמאָל מיט זײַנע צוויי מיטאַרבעטער און ווײַטער אונטערגעשריבן די טעלעגראַמעס. דער טעלעפאָן האָט געקלונגען קימאַט אָן איבעררײַס. טאַניע האָט זיך געגרייט לאַנג צו וואַרטן. נאָר פעדאָסאָוו האָט זיך שנעל דערשלאָגן אויך צו איר.

— וואָס הערט זיך באַ אײַך?

טאַניע האָט אומגעאײַלט אויסגעלייגט פאַר אים די פּרעטענזיעס. פעדאָסאָוו האָט, ניט לייגנדיק אַף איר קיין אַכט, אַרויסגענומען פון אַ פאַפּקע איין פּאַפּיר נאָכן אַנדערן, איבערגעלייענט און געשטעלט רע־זאָלוציעס.

— איר וואָלט בעסער אַוועקגעלייגט די פּאַפּירלעך, זיי וועלן ניט אַנטלויפן.

— איך הער יעדעס וואָרט, זאָלן אײַך די פּאַפּירלעך ניט באַומרויִקן. רעדט ווײַטער. איר האָט פאַרענדיקט באַם קופּערנעם דראָט און עלעקטראָ־מאַטעריאַלן. אין וועלכן נייטיקט זיך דער באַצירק צום שטאַרקסטן אין דער נאָענטסטער צײַט?

פעדאָסאָוו האָט זיך אַ צי געטאָן צום טעלעפאָן. טאַניע האָט אַרויפ־געלייגט די האַנט אַפן טרײַבל.

— האָט כאָטש אַ ביסל אַכטונג פאַר אַנדערע. בלויז גרויסע מענטשן איז מען מויכל אויסטערלישקייטן און אומאַכטונג צו די אַרומיקע, און

דאָס אויך ניט טאָמיד. ווען איר וועט ווערן אַ גרויסער מענטש, וועט אײַער מאַניר צו טאָן אַלץ פּאַראַמאַל אַרויסרופן באַוווּנדערונג.

פעדאָסאָוו האָט זיך פאַראינטערעסירט:

— צי זײַנט איר ניט צומאָל פון אַ קינדער־גאָרטן?

— פאַרוואָס גראָד פון אַ קינדער־גאָרטן?

— פאַררעדט זיך ניט. ענטפערט זאַכלעך.

— פירט איר אַליין זיך אויף זאַכלעך.

— וואָס? איך בעט באַ אײַך ליפּן־פּאָמאַדע? איך פאָדער טעכני־שע מאַטעריאַלן פאַר אַ באַצירק.

— איך האָב זאַכלעך פאַרשריבן אײַערע פּרעטענזיעס. כ׳וועל זיך פונאַנדערקלײַבן, אָננעמען מאַסמיטלען. ליבערמאַן האָט מיר אונטערגע־רוקט אַ פאַרפלאָנטערטע יערושע, טייקעף זיך פונאַנדערקלײַבן איז אומ־מעגלעך... אָט וואָס. אין אַ צוויי טעג אַרום וועלן מיר ווײַטער ריידן. און כאַפּן זיך פאַר מײַן טעלעפאָן איז איבעריק.

— קלײַבט זיך גלײַך פונאַנדער, אין מײַן בײַזײַן.

— טייקעף וועל איך ניט, כ׳בין פאַרנומען. איך דאַרף ביז פאַר־נאַכט דערלאַנגען דעם כאַוער זאַלקינד מאַטעריאַל פאַר אַ באַריכט אַף דער קאָנפערענץ, איך האָב נאָך גאָרניט גרייט.

— דעם מאַטעריאַל פאַרן כאַווער זאַלקינד וועל איך צוגרייטן, אָנ־שטאָט אײַך, געמאַכט? אַגעוו, צי איז אײַך באַוווּסט, וואָס פאַר אַ צונאָ־מען מע האָט געגעבן אײַער אָפּטייל אַף דער טראַסע? „דער אָפּטייל, וואָס טאַרמאָזירט די בויונג”. ריכטיק!

— ניט עמעס! — האָט פעדאָסאָוו לעבעדיק דערווידערט. — דעם צונאָמען האָט אויסגעטראַכט און פאַרשפּרייט ליבערמאַן. איר האָט עס פון אים געהערט, איר זײַנט זיך מוידע?

טאָניע האָט זיך מוידע געווען.

— ער. צי איז עס ניט ריכטיק?

— טאַרטיוף! — פעדאָסאָוו איז רויט געוואָרן. — ער שטערט מיר אַף טריט און שריט!...

דאָס מיידל האָט זיך אין געדאַנק פאַרגעשטעלט ליבערמאַנס פּאָנעם און אַ שמייכל געטאָן: „בעפּיירעש טאַרטיוף”. עס איז איר געפעלן גע־וואָרן פעדאָסאָוו און זײַן אייפערזיכטיקע באַציִונג צו זײַן אָפּטייל. זי האָט באַנומען, אַז פעדאָסאָוו האָט ניט לעפּאָנעם פאַרשריבן די באַדערפענישן פון איר באַצירק, האָט זי אים צו רו געלאָזן.

דער הויפּט־אינזשעניער האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַוויזן. טאָניע איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט — גיין צו זשעניע קאָזלאָווע אָדער צווואַרטן אַף בערידזען? גרובסקי, וועלכער איז דאָ פאַרבײַגעגאַנגען, האָט זי באַ־גריסט מיט זײַן קרום שמייכעלע:

— כ׳האָב אײַך שוין לאַנג ניט געזען, טאַטיאַנע פּעטראָוונע, בין

איך נאָך מער צופרידן אײַך צו זען. נו, זײַענדיק אַף דער טראַסע, האָט איר שוין, ענדלעך, פאַרשטאַנען, אַז אײַער טעלעפאָן־פאַרבינדונג — איז ניט די סאַמע איקערדיקע זאַך אַף דער וועלט ?

— איך קען אײַך ניט ענטפערן מיט אַזאַ ווערטפולער העפלעכקייט, כאַוווער געוועזענער הויפּט־אינזשעניער. — טאַניע האָט אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „געוועזענער“. — איך בין ניט זייער צופרידן אײַך צו זען. איר האָט געטראָפן, איך האָב אַף דער טראַסע אַ סאַך זאַכן באַנומען. איך האָב, באַזונדערס, באַנומען, ווי ווייניק נוצן עס ברענגט דער פאַר־וואַלטונגס־אַפּאַראַט, אויב ער איז אַ שלעכטער און ס׳פירן אָן מיט אים גלײַכגילטיקע, זעלבסטצופרידענע מענטשן. איך וואָלט אײַך געראָטן צו פאַרברענגען אַ ביסל אַף דער טראַסע, דאָ סאיז באַלערנדיק.

קאַפּיטל נײַן

דער „סטאַרט"

דער געשלענגלטער ברייטער וועג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פונעם אָפּריס צו דעם מעשופּעדיקן פּלאַץ, ווו ס'האָט זיך געשפּרייט אַ ייִשעוו פון פּאַלאַטקעס. צוויי שנירן אויטאָס האָבן זיך באַגעגנט אַף דער שיפּוע: די אָנגעלאָדעוועטע זײַנען געגאַנגען אַראָפּ צו די סקלאַדעס, די ליידיקע האָבן זיך מיט אַ ראַש אויפגעהויבן נאָך פרישער לאָדונג צו דער באַנליניע; דאָרט איז פאָרגעקומען דאָס איבערלאָדעווען פון די וואַגאָנעס אין די מאַשינען. אין לאַנגע רייען זײַנען לעבן די פּאַלאַטקעס געשטאַנען די טראַקטאָרס און אויטאָס, פאַרפּלאָמבירטע, וואַרטנדיק, אַז דער אײַז־וועג זאָל פאַרטיק ווערן.

טאַניע איז געווען אומעטום: אין די סקלאַדעס, פולע מיט זעק, פעסלעך און פּעק, אין די פּאַלאַטקעס־באַראַקן מיט דער וואַגאָנען־סיסטעם פון שלאָף־פּלעצער, אין דער לאַנגער שאָפּע, מיט די ברייטע טויערן. אַף דער שאָפּע האָט מען ערשט געדעקט דעם דאַך, און אינעווייניק אַרײַן האָט מען שוין געשלעפּט ווערקשטעלן און שלאָסער־טישן. דאַלעבן, אונטערן פּאָדאַשעק, האָבן עטלעכע מענטשן צוזאַמענגעשטעלט גרויסע שליטנס, אומגעווייניטלעכע לויט זייער פאָרעם. צוויי שאָפערס האָבן, אין דערוואַרטונג ביז מע וועט אָפּלאָדעווען זייערע מאַשינען, זיך צוגעקוקט צו די שליטנס און זיך געטוישט מיט קורצע מיינונגען. טאַניע האָט דערקענט איינעם פון זיי — דעם מאָגערן, מיטן עטוואָס געשטופּלטן פּאָנעם.

— גוט מאָרגן, סמאָרטשקאָוו! — איז זי צו אים צוגעגאַנגען.

דעם שאָפערס באַזאָרגט פּאָנעם האָט זיך אויסגעלײַטערט, ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַף דרערד די לעדערנע הענטשקעס און ענערגיש אַ דריק געטאָן דעם מיידלס האַנט.

— וואָס זײַנען דאָס פאַר אַ שליטנס? — האָט טאַניע געפרעגט.

— פאַר אונדז, די שאָפערס, באַמיט מען זיך דאָס. אַ שליטן־צו־טשעפּ אַף איבערצופירן די רערן. די רערן זײַנען שווערע: יעדע שטיק — אַ טאָן. די שליטנס דאַרפן זײַן פעסטע, שטאַנדהאַפטיקע און דערבײַ לײַכטע. דו האָסט זיך אומגעקערט אין דער פאַרוואַלטונג, וואָס?

— מ'האָט מיך געשיקט פון באַצירק אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך דאָ. צי פירסטו ניט, צופעליק, דעם נײַעם הויפּט־אינזשעניער?

זי האָט דאָס געפרעגט, ווײַל סמאָרטשקאָוו איז פריִער געווען גרוב־סקיס שאָפער, נאָר אין די ערשטע מילכאָמע־טעג איז ער אַריבער אַף אַ לאַסט־אויטאָ.

— מ'האָט מיר פאָרגעלייגט, נאָר מיך האָט ניט געלאָקט קיין לײַכט לעבן. ס'איז בעסער צו זײַן אַ סטאַכאַנאָווען, — האָט דער שאָפער קוים אַ שמייכל געטאָן. — דאָ זײַנען פאָרגעקומען אַ סאַך ענדערונגען. מיט אונדז פירט ערשט אָן פילימאָנאָוו, דו ווייסט וועגן דעם?

— כ'ווייס. אַ פאַסיקער כאַווער פאַר אַזעלכע לײַט, שאָפערס.

— דו וואַרף זיך ניט מיט אונדזערע לײַט, מיר זײַנען הײַנט אַ גרויסע קראַפט אַף דער בויונג. דער נאַטשאַלניק באַטמאַנאָוו האָט אונדז פאַרזאַמלט און געזאָגט, אַז פון די שאָפערס און טראַקטאָריסטן הענגט אָפּ דער גאַנצער דערפאָלג. אויב מיר וועלן ניט צעפירן אין מעשעך פון ווינטער די רערן און די מאַטעריאַלן — וועט די נאַפטלייטונג ניט זײַן

— ער האָט זיך האַסטיק אַ ווענד געטאָן צו טאַניען: — אָט ביסטו פון דער טראַסע. ווי פאַרקוקסטו זיך אַף אַזאַ איניען? איך לייג פאָר צו פירן די מאַשינען ביז די עקסטע באַצירקן. דאָרט איז אַ מאַנגל אין מאַשינען. פילימאָנאָוו קען זיך, פונדעסטוועגן, ניט באַשליסן: ס'איז ווײַט, פרעסט, ניטאָ קיין וועגן.

— מע דאַרף זיך פאַרטראַכטן, — האָט טאַניע אַ זאָג געטאָן און אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַף סמאָרטשקאָוון. ער האָט זיך, קענטיק, געטיילט מיט איר מיט אַ פאַרבאָרגענער מאַכשאָווע. — פילימאָנאָוו איז גערעכט, מע דאַרף דערויף אַ גוטן וועג. ערשט וועסטו אַהין בלויז אַף נאַרטעס קומען.

— מע פאַרטיקט שוין דאָרט אויס דעם וועג אַפן אַדון! — האָט סמאָרטשקאָוו אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון טײַך. — איך נעם זיך אונטער דער ערשטער אַריבערצושפּרינגען זאָל זײַן אַפילע מיט דעם דאָזיקן קאָליאַס, — ער האָט אַ ווײַז געטאָן אַף די שליטנס. באָכער, דו מאַכסט צו דינע אונטערשפּאַרעס, די רערן וועלן זיי אַרונטעררײַסן אַפילע באַ אַ לײַכטן קער, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איינעם פון די טעסליערס.

— סמאָרטשקאָוו! לאַנג נאָך וועט די מאַשין וואַרטן אַף דיר? — האָט מען אַ רוף געטאָן דעם שאָפער פון אַ נאָענטן סקלאַד.

— אַף ווידערזען, טאַטיאַנע פּעטראָוונע! — סמאַרטשקאָוו איז גע־לאָפן צו זײַן מאַשין.

דער „סטאַרט“ האָט פונקציאָנירט געהעריק, אומעטום האָבן זיך באַוועגט מענטשן, סהאָבן זיך געהערט ווערטער פון קאָמאַנדע, אויסרופן. אין די באַוועגונגען פון די אויפלאַדעוועך, טעסליערס און שאָפערס האָט זיך געשפּירט אַן אָנגעשטרענגטע אײַליקייט. אין איינעם פון די סקלאַ־דעס האָט אויפגעפלאַמט און זיך אויסגעלאָשן דאָס געזאַנג פון די נאָ־ווינסקער בוי־אַרבעטער, וואָס איז דער מיידל באַקאַנט געווען. טאַניע האָט זיך געלאָזט אַהין.

אירע אויגן, געוווינטע צו דער העלער שײַן און דעם בליאַסקענדיקן שניי, האָבן אין אָנהייב גאָרניט געקענט אונטערשיידן אין דער טונקלקייט פון סקלאַד.

— זע נאָר, ניקאָלײַ, טאַטיאַנע איז געקומען! — האָט עמעץ אַ גע־שריי געטאָן, געננומען זי אונטערן אָרעם און געפירט צווישן רייען קאַסטנס.

זיך צוגעוווינט צו דער טונקלקייט, האָט טאַניע דערזען בײַ דער טריבער שײַן פון אַן עלעקטריש לעמפל קאָליע סמירנאָוון. לײַכט אָנגע־טאָן, אין אַ פופייקע און נאַרטן־הויזן, איז ער געשטאַנען, ברייט פונאַנ־דערשפּרייטנדיק די פיס און מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אַף די היפטן, און האָט אַפוואַרטנדיק געקוקט, פון אויבן אַראָפּ, אַפן מיידל. דערלעבן, אויך אָנגעשפּאַרט אַף די היפטן, איז געשטאַנען געגקע פאַנקאָוו, אַ פופצנ־יעריק באָכערל, וועלכן מ׳האָט גערופן „קאָליע סמירנאָווס שאָטן“.

— סאָראַ הויכער דו ביסט, כאָוועך! — האָט זיך טאַניע אויפריכ־טיק געוווּנדערט, דורכנעמענדיק מיטן בליק סמירנאָווס פיגור. — צי ביסטו נאָך אונטערגעוואַקסן, אָדער איך האָב זיך פון דיר אָפּגעוווינט?

— אַוואַדע, אונטערגעוואַקסן. דער מענטש דאַרף שטענדיק וואַקסן און זיך אַנטוויקלען. ווי האָסטו זיך אָנגעשטויסן, אַז איך זוך דיך אָרום?

— זוכסט מיך אָרום? כ׳האָב וועגן דעם קיין אָנונג ניט געהאַט!

— כ׳האָב וועגן דיר דער נאַטשאַלסטווע אַ פולן קאָפּ אָפּגעקלאַפּט: ס׳איז דאָ, הייסט עס, בײַ אונדז אַ קעמפעריש מיידל, אַ טיכטיקער אינ־זשעניער פון פאַרבינדונג, אַ קאָרבן פון קאָנסערוואַטיזם. מ׳האָט דיך גע־וואָלט אַרויספאָדערן.

— צו וואָס האָט מען מיך באַדאַרפט האָבן? — אין דעם טאָן פון דער פראַגע האָט זיך געשפּירט פאַרדרוס.

— אָט אַ פראַגע! מע דאַרף ציִען אַ טעלעפאָן־ליניע. אָט קוק, וויפל מ׳האָט אַלץ צוגערייט! ער האָט אָנגעוויזן אַף די פאַכן, ווו ס׳זײַנען געלעגן טעלעפאָן־ און סעלעקטאָר־אַפּאַראַטן, אַף די קנוילן דראָט, אַף די טונקל־שימערירנדיקע בינטלעך איזאָלאַטאָרס.

— דו ביסט געגאַנגען פאַר אַ מאַגאַזינער, ניקאָלאַ? — האָט טאַ־

ניע געפרעגט, מיט צופרידנקייט באַטראַכטנדיק די מוסטערהאַפטע אָרדע־נונג אין וועלכער עס געפינען זיך די מאַטעריאַלן.

— פאַר קיין מאַגאַזינער בין איך ניט געגאַנגען, אָבער צוגרייטן די דאָזיקע טעכניק איז אויסגעפאַלן מיר. ווי נאָר ס׳וועט זיך עפענען דער וועג, וועלן מיר זיך אַלע לאָזן אַף דער טראַסע. דער נײַער נאַטשאַל־ניק פון דער בויונג און דער הויפּט־אינזשעניער ווײַזן אַרויס אַ גרויסן אינטערעס פאַר דער טעלעפאָן־פאַרבינדונג, גאַרניט אין פאַרגלײַך מיט די פריערדיקע. ס׳איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַזאַ באַפעל: די אַרבעטן באַ דער טעלעפאָן־פאַרבינדונג האַלטן פאַר די איקערדיקסטע.

— ווער וועט אויספירן דעם דאָזיקן באַפעל?

— די באַצירקן גופע.

— און טעלעפאָן־טעכניקער זײַנען פאַראַן אַף די פלעצער? מ׳האָט זיי געשיקט אַהין?

— אָט האָסטו דיר! דו האָסט פלוצים אָנגעהויבן ריידן מיט גרוב־סקיס ווערטער. קיין טעלעפאָן־טעכניקער האָט קיינער ניט צוגעשיקט. דערפאַר אָבער עפענען מיר הײַנטיקע וואָך קורסן. מיר וועלן צוזאַמען מיט דיר פירן לעקציעס.

— אינטערעסאַנט! — האָט טאַניע געזאָגט מיט קאַס.

— וואָס געפעלט דיר דאָ ניט דערין? — האָט זיך קאַליע געוווּנ־דערט און זיך אײַנגעבויגן אַרײַנצוקוקן דעם מיידל אין די אויגן.

— מיר געפעלט אַלץ. נאָר מער פון אַלץ אָט וואָס: איידער די טעלעפאָן־טעכניקער וועלן דורכגיין דײַנע אוניווערזיטעטן, וועט אַ רעג־גירונגס־קאָמיסיע קומען איבערנעמען די נאַפטלייטונג. דעם טעלעפאָן דאַרף מען פאַרלייגן אין מעשעך פון פינף־זעקס וואָכן.

— און דו האָסט אַן אייצע דערויף?

— ס׳איז פאַראַן אַן אייצע. נאָר כ׳וועל ניט זאָגן. דו ביסט מיר אַזוי אויך אומעטום דעם וועג פאַרלאָפן.

טאַניע האָט דערמיט מעראַמעז געווען אַף דעם, אַז ביז איר אָפּפאָר איז זי געווען דער קאָמסאָרג באַ דער פאַרוואַלטונג. קאַליעס פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אויפריכטיקע פאַרווונדערונג.

— דו ביסט קראַנק געוואָרן, צי וואָס, טאַטיאַנע? כ׳דערקען דיך ניט.

— מאַכמעס קינע צישעט זי! — האָט זיך אָנגעשטויסן געניקע און זיך פאַרשטעקט הינטער סמירנאָווס פּלייצעס, זיך ראַטעווענדיק פון טאַ־ניען: זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו זײַן האַרטן געלבלעכן שויבער, וואָס האָט זיך אים אַרויסגערוקט פון אונטער דעם היטל.

— אויב דו וועסט אַף מיר אָנפאַלן, ווײַסער כעוורעניק, וועל איך דיר ניט אָפּגעבן קיין גרוס פונעם טאַטן, — האָט טאַניע געזאָגט.

— דו האָסט אים געזען? — האָט געבקע געפרעגט אומצוטרווילעך.
— וואָס מאַכט ער?

— ער לעבט, איז געזונט, און האָט געהייסן דיך אַ קוש טאָן.

— נו, יאָ, זייער נייטיק, — און צוליב פאַרזיכטיקייט האָט זיך געבקע פאַררוקט הינטער אַ טיש.

— דאָס יינגל האָט געזאָגט אַן עמעס, ניקאָלע, — האָט זיך טאַניע מוידע געווען. — כ׳בין בייז מאַכמעט קינע. וויפל האָב איך דאָס גע־קעמפט מיט גרובסקין און מיט סידאָרענקאָן — און פלוצים בין איך שטיינגעבליבן אין דער זײַט! איך דאַרף מיט דיר ערנסט אַ שמועס טאָן. איך האָב אַ געוויסע אידעע. נאָר ניט באַלד. איך זוך בערידזען, עפּעס לאָזט ער זיך ניט כאַפּן.

— גיי צום אַדון, ווו מע מאַכט דעם וועג, דאָרטן איז ער, — האָט געבקע געאייצעט.

טאַניע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן אײַז. דער אַדון האָט אַף דעם אָרט אַרומגעכאַפּט די שטאָט מיט אַ מעכטיקן האַלבקרײַז. איבער דעם גרויען בויך פון טײַך האָט זיך ווײַט אויסגעצויגן אַ שוואַרצער לעבעדיקער גאַרטל. ס׳האָט זיך געלאָזט הערן אַ קריצעניש און אַ געפּלאַצערײַ: הונ־דערטער מענטשן האָבן אַפן טײַך געבראָכן מיט מעטאַל די אײַז־שטיקער. זיך פאָרויסרוקנדיק, אַף אַן אַנדערהאַלבן־צוויי קילאָמעטער, האָבן די בוי־אַרבעטער איבערגעלאָזט הינטער זיך צווישן אײַז־טורעמס אַ בנייטן און גלײַכן, אַפילע צוגעקערטן וועג.

ניט געקוקט אַף איר מידקייט, איז דאָס מיידל מיט פאַרגעניגן זיך דורכגעגאַנגען איבערן אײַז. די פילצאַליקע צוגרייטונגען, וואָס זי האָט באַמערקט אין דער פאַרוואַלטונג, האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דער אײַז־מאַגיסטראַל, וואָס זיי האָבן אויסגעפלאַסטערט צו די באַצירקן.

בערידזע איז אין ערגעץ ניט געווען. דער גלײַכער וועג האָט זיך פאַרענדיקט. טאַניע האָט זיך מיט מי דורכגעקריגן צווישן די מענטשן, וועלכע האָבן מיט לאָמען און קירקעס צעדרויבלט די אײַז־אַנוווקסן. בלוי־לעכע אײַז־שפּליטערס זײַנען געפלויגן אין אַלע זײַטן, פינקלענדיק קעגן דער זון.

אין דער נאָענט איז איינזאַם געקראָכן אַ טראַקטאָר. ער האָט פאַר־טויבנדיק געטאַראַכטעט, אַנגעגריפן די אײַז־הויפנס מיט אַ קאַלאָסאַלן מעטאַלענעם אַקער, וואָס איז געווען באַ אים צוגעפעסטיקט פון פאָרנט, זיך אָפּגעשטעלט און ווידער אַנגעגריפן. די אײַז־שטיקער האָבן זיך אײַנ־געבראָכן באַ די פונדאַמענטן מיט אַן אומדערטרעגלעכן קלאַנג. אַז טאַ־ניען האָבן דערפון אַזש די ציין אַנגעהויבן ווייַ צו טאָן: זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין טראַקטאָר אין אַזאַ ראָל. „אַן אײַנשטעלערישער אוילעם, זיי האָבן זיך ניט געשראָקן אַראָפּצולאָזן אַזאַ מאַכינע אַפן אײַז”.

דעם טראַקטאָר האָט באַגלייט אַ קליינע גרופּע מענטשן. אין דער־

האָפענונג צו געפינען צווישן זיי דעם הויפּט־אינזשעניער, וואָס לאָזט זיך ניט כאַפּן, איז טאַניע צוגעגאַנגען צום טראַקטאָר. נאָר זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט, פאַרטאָן אין אַכטונג געבן אַף דער אַרבעט פונעם טראַקטאָר. טאַניע האָט צווישן זיי דערקענט פילימאַנאָוון: ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ צעשפּיליעטן שוואַרצן טולעפּ און אין אַ היטל מיט אַראָפּגעלאָזטע לאַפּנס. אין דער גרופּע זײַנען געווען צוויי מענטשן, וואָס זײַנען טאַניען געווען אומבאַקאַנט, לויט אַלע סימאָנים — נאַטשאַלניקעס.

דער טראַקטאָריסט, פאַרכאַפּט פון דעם פּרווו, האָט נאָך יעדן אָפּשטעל געטאָן אַ קוק אַראָפּ, און יעדעס מאָל האָט פילימאַנאָוו, אַ בליק געבנדיק אַף דער ווײַטערער שטערונג, קורץ אים צוגעוואָרפן:

— דריק אָן, סילין, נאָר פּאַמעלעך, ניט מיט אימפּעט.

סילין האָט מיט האַסקאָמע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און דער טראַקטאָר, געהאָרכזאָם דעם געניטן פירער, האָט זיך אָן אימפּעט געלאָזט פאָרויס און גלאַטיק צעשניטן די אײַז־גרודע.

פילימאַנאָוו האָט געהייסן דעם טראַקטאָריסט זיך אָפּשטעלן און באַנאַנד מיט אים זיך פאַרנומען מיטן קאָנטראָלירן דעם טראַקטאָר. דאָס האָט טאַניע אויסגענוצט און צוגעגאַנגען צו די צוויי. אַראָפּציִענדיק די הענטשקעס, האָבן זיי אײַליק פאַררייכערט.

— צי קען מען זען דעם הויפּט־אינזשעניער בערידזע? — האָט דאָס מיידל געפרעגט, קוקנדיק אַף באַטמאַנאָוון, וועלכער האָט אויך אָנגעטאָן דעם טולעפּ אָפן לעדערנעם פּאַלטן.

— דאָס רויטע היטעלע! — האָט בערידזע אויסגערופן. זײַן באָרד איז גרוי געווען פונעם פראָסט. דער שמייכל האָט זיך אַף זײַן פאַרגלי־ווערט פּאָנעם ניט אַרויסבאַקומען, ס'האָבן געשמייכלט בלויז די אויגן.

— איך בין דער הויפּט־אינזשעניער, כ'בין בערידזע.

טאַניע האָט געוואָלט באַ אים בעטן דעם שליסל פון אַלגעס קוואַרטיר, נאָר זי האָט זיך אונטערגעשעמט.

— איך בין פונעם נײַנטן באַצירק, איך האָב צו אײַך צוויי פראַגעס — פונעם באַצירק און אַן אייגענע.

— פונעם נײַנטן? אַהאַ! — האָט זיך בערידזע געוווּנדערט. — הערסט, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, דאָס רויטע היטעלע איז געקומען פונעם נײַנטן באַצירק. מיר האָבן אײַך געזען פונוויטנס. איז אײַך ניט געווען שרעקלעך אַליין?

טאַניען איז ניט געפעלן באַטמאַנאָווס דורכדרינגענדיקער בליק, זי האָט זיך אָוועקגעקערט.

— איר קלײַבט זיך ניט אומצוקערן אין דער פאַרוואַלטונג? — האָט זי געפרעגט בערידזען.

— ס'איז שוין טאַקע צײַט זיך אומצוקערן, — האָט באַטמאַנאָוו

געענטפערט פאַרן הויפּט־אינזשעניער און אַוועק פאַרויס, פּאַכענדיק מיט די ריזיקע הענטשקעס.

— איך הער אײַך, שטעלט די פראַגן, — האָט בערידזע געזאָגט, גייענדיק גלײַך מיט טאַניען.

— מיר האָבן באַקומען אײַער דירעקטיוו אָפּצושטעלן די אַרבעטן אַפן רעכטן ברעג און איבערגיין מיטן פאַרמעגן פונעם באַצירק אַפן לינקן. אונדז האָט צערודערט דער דאָזיקער באַפעל, ער איז אומפאַרשטענדלעך.

— די דאָזיקע פראַגע איז פונעם באַצירק, אָדער אײַערע פערזענלעך?

— פונעם באַצירק. מיר, פאַרשטייט זיך, אינטערעסירט זי אויך. פאַרוואָס דאַרף מען איבערלאָזן דעם רעכטן ברעג נאָך אַזויפיל מי און מאַטערנישן?

— מיט וואָס אינטערעסירט מען זיך אַפן באַצירק?

— מיט אַ סאַך זאַכן. אונדז איז, פאַרשטענדלעך, באַוווּסט וועגן די ענדערונגען אין דער פאַרוואַלטונג. אין אָנהייב האָט מען זיך אַף דער טראַסע דערפרייט: ס׳איז געקומען אַ נײַע אָנפירערשאַפט, וועגן אײַך האָט מען גוט גערעדט. מ׳האָט גענומען וואַרטן... און די טעג גייען און גייען... ערלעך גערעדט, אונדז דוכט זיך, אַז אַף דער בויונג איז ניט בעסער געוואָרן.

— ערגער? — האָט בערידזע אונטערגעכאַפּט. — קומט אויס, אַז מיר האָבן ניט דערפילט די האָפענונגען פון דער טראַסע? וואַסילי מאַקסימאָוויטש, עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די טראַסע האָט שוין באַוויזן זיך צו אַנטוישן אין אונדז! — האָט אַ געשריי געטאָן דער הויפּט־אינזשעניער צו דער פּלייצע פון באַטמאַנאָוון, וועלכער איז געגאַנגען פאַרויס.

— איז וואָס: איר האָט באַשלאָסן ניט אויסצופירן די פאַראָרדענונגען, קאַלזמאַן מיר וועלן אײַך ניט אויפקלערן זייער זין? — האָט זיך וואַסילי מאַקסימאָוויטש אויסגעדרייט.

טאַניע האָט אַף אים אַ קוק געטאָן מיט ביטל.

— איך וועל זיך באַמיִען צו באַריכטן וועגן דעם דעם הויפּט־אינזשעניער.

— באַמיט זיך. נאָר מאַכט זיך אויך פון מיר ניט אַוועק, איך וויל אויך הערן.

— דאָס איז באַטמאַנאָוו, דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג, — האָט בערידזע אַ שעפּטשע געטאָן צום מיידל.

טאַניע איז אַ ביסל צעמישט געוואָרן.

— גוט מאָרגן, כאַווער באַטמאַנאָוו! איר וועט מיר אַנטשולדיקן.

— זי האָט מיט פאַרדרוס אָפּגעזיפצט, — אין אַ הייסער מינוט וואַרף איך זיך אַף אַלעמען.

— איך זע. דעם הויפּט־אינזשעניער האָט איר גאָר איבערגעשראָקן.

די באָרד איז באַ אים פּאַר שרעק גרוי געוואָרן. נו־נו, דערציילט וועגן דעם באַצירק.

ערשט איז בערידזע געגאַנגען פּאָרויס, טאַניע און באַטמאַנאָוו הינ־טער אים.

— דער באַצירק פירט אויס, פאַרשטייט זיך, די פאַראָרדענונגען פון דער פאַרוואַלטונג. איר זאָלט קיין שלעכטס ניט טראַכטן. באַ אונדז דאָרט פירט אָן פאַנקאָוו — ער איז אַ שטרענגער באַלעבאָס, האָט ליב אָרדע־נונג. מיר האָבן זיך באַצײַטנס צוגעגרייט צום אַריבערטראָגן זיך אָפן צווייטן ברעג, קעדיי אַז ווי נאָר דער אַדון וועט זיך שטעלן, זאָל מען מאַכן דעם וועג, אַריבערפירן דאָס פאַרמעגן און אײַנאָרדענען זיך אָפן מאַכן דעם וועג, אַריבערפירן דאָס פאַרמעגן אַמון אײַנאָרדענען זיך אָפן נײַעם פּלאַץ. אַ סאַך שוועריקייטן. אָפן באַצירק פעלן אויס עלעמענטאַרע זאַכן, אָן זיי קען מען קיין טראָט ניט מאַכן. איך בין אַרײַנגעגאַנגען צום נאַטשאַלניק פון באַזאָרגונג, ער האָט פאַרשריבן אין וואָס מיר נייטיקן זיך און צוגעזאָגט העלפן... דער סאַמע איקער — די מענטשן ווילן וויסן, וווהין און וויאַזוי וועט איר פירן די בויונג. עס מאַטערט די פראַ־גע: צי וועלן מיר באַוויזן אַרויסצוקומען צו דער צײַט.

— אײַך האָט מען געשיקט אַהער, צי איר האָט אַליין באַשלאָסן זיך דורכצושפּאַצירן? — האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט.

— אָף אַ פאַרטיי־שער פאַרזאַמלונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן צו אײַך אַ מענטשן מיט אַ בריוו. דעם בריוו האָב איך באַ זיך, פאַרשטייט זיך, נאָר צי איז דען מעגלעך אין אַ בריוו אַלץ אַרויסצוזאָגן? געשיקט האָט מען מיך, דערפאַר וואָס איך קען פאָרן אָף נאַרטעס — מע וועט דאָך ניט וואַרטן, ביז ס׳וועט זיך אײַנשטעלן אַ וועג! מ׳האָט גענומען אין אַכט, וואָס איך האָב צו אײַך אַ פערזענלעכע פראַגע. נו, און אויך מײַן כאַראַקטער האָט געשפּילט אַ ראָל. — זי האָט זיך צעלאַכט.

— אַ כאַראַקטער האָט איר אָן ערנסטן, — האָט באַטמאַנאָוו אַ שמייכל געטאָן און געבעטן טאַניען, זי זאָל דערציילן אויספירלעך, וואָס זי האָט געזען אין וועג. — מיך אינטערעסירט אַלץ. די שטימונגען פון די מענטשן, זייערע טײַנעס און פּרעטענזיעס, מיט וואָס איז יעדער באַ־צירק פאַרנומען...

טאַניע האָט אים געוויסנהאַפטיק איבערגעגעבן אירע באַאָבאַכטונ־גען. דעם נאַטשאַלניק האָט פאַראינטערעסירט איר דערמאָנונג וועגן ראָ־גאָוון. טאַניע האָט זיך מיט אים געזען אין וועג. דערפיר־נדיק די לעצטע באַרזשעס צום פינפטן באַצירק, האָט דאָרט ראָגאָוו דערווישט גרויסע אומאָרדענונגען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מענטשן, וואָס שטייען אין שפּיץ פון דעם באַצירק, זײַנען דעמאָראַליזירטע לײַט. אָף דער פּאַ־דערונג פון דעם קאָמוניסט קאָטעניעוו און אַנדערע האָט דער רײַקאָם פון דער פּאַרטיי צוגעשיקט אַ פאָרשטייער, קעדיי צו העלפן דעם קאָלעק־

טיוו. ראָגאָוו האָט געטראָפֿן פּונקט צו דער געהעריקער צײַט, ער האָט געמוזט פֿאַרבלײַבן אַף דעם באַצירק און פֿירן די באַלעבאַטישקייט.

— און עס גייט באַ אים? ווי זעט אויס דער באַצירק?

— דערווײַל איז, פֿאַרשטייט זיך, אַלץ אין באַוועגונג, כאַאָטיש. אָבער די מענטשן זײַנען צונויפֿגענומען, אָרגאַניזירט. ראָגאָוו האָט באַוויזן זיך צו באַפֿרײַנדן מיט די באַנײַצעס, און זיי העלפֿן אים. אין טיוור־ליק, אין זייער יִשעוו, איז ער ווי באַ זיך אין דער היים. דעריקער איז דאָס, וואָס די בוי־אַרבעטער, אַריבערקומענדיק אַפֿן לינקן ברעג, באַקומען אַ דאַך.

— מענטשן זײַנען אים נייטיק?

— ער האָט גאָרנישט ניט געבעטן, — האָט טאַניע געזאָגט, אַ טראַכט טוענדיק. — נאָר מיר דוכט זיך, אַז ער דאַרף האָבן אַ געניטן טעכנישן געהילף. דער נאַטשאַלניק פֿון די אַרבעטן איז באַ אים דער אינזשעניער פּריביטקאָוו. ער איז אַ ביסל אַקאַדעמיש, וואָלט איך געזאָגט. צופֿיל האָט ער ליב זיך צו פֿאַרנעמען מיט גראַפֿיק.

— הייסט עס, אַז ראָגאָוו איז צופֿרידן? ער האָט אַלץ באַ מיר געבעטן אַ וואָס שווערערע אויפֿגאַבע. אַ זשעדנער, — באַטמאַנאָוו האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, דערמאָנענדיק זיך זײַן שמועס מיט ראָגאָוון.

— ער האָט געהייסן איבערגעבן, — האָט טאַניע געזאָגט, באַשטעטיקנדיק זײַן געדאַנק, — אַז איר האָט צוגעזאָגט אַפּצולאָזן אים אין דער אַרמיי דעם ערשטן טאָג מילכאָמע מיט די יאַפּאַנער, — וועגן די יאַפּאַנער האָט טאַניע דערמאָנט מיט קאַוואָנע.

— יאָ, כ'האָב צוגעזאָגט. איר האָט עפּעס דערמאָנט וועגן פּאַנקאָוון. איר קענט אים גוט. מע זאָגט אַז ער איז אַן ענערגישער און זייער זאַכלעכער מענטש. ס'איז ריכטיק?

טאַניע האָט געענטפֿערט לעבעדיק און זאַכלעך, דאָס איז באַטמאַנאָוון געפֿעלן.

— פּאַנקאָוו איז אַ ווערטפֿולער מענטש. איך קען אָרעוו זײַן, אַז דער נײַנטער באַצירק איז דער בעסטער אַף דער טראַסע. פּאַנקאָוו קען פֿאַר יעדן געפֿינען זײַן פּאַסיק אָרט. מע אַכטעט אים און מע האָט אים ליב.

— אויסגעצייכנט, — האָט באַטמאַנאָוו באַגיטיקט. — איך האָב בעדייע אַרויסצופֿאָדערן פּאַנקאָוון פֿונעם בעסטן באַצירק און שיקן אַפֿן סאַמע ערגסטן. שטייט נאָר אַ מינוטקעלע, איך וועל אַ קוק טאָן.

דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג האָט זיך דורכגעכאַפּט פֿאַרבײַ אַן אײַז־הויפֿן און, שטרויכלענדיק און אויסגליטשנדיק זיך, דערקליבן זיך צו אַ הײַפֿל מענטשן, צונויפֿגעזאַמלטע אַרום אַ קײַלעכיקער פּאָלאָנקע. אַ מענטש פֿון קאָלאָסאַלער הייך, דער טעכניק כלינאָוו, האָט געמאָסטן די טיף צום גרונט און די דיק פֿונעם אײַז. די איבעריקע האָבן אַרומגערינגלט

זאַלקינדן. אַרומגעבונדן דאָס פּעלצל מיט אַ זעלנערישן רימען, האָבן אים די שוואַרצע וווּליקעס ביז אַריבער די קני און די גרויסע הענטשקעס ביז די עלנבויגנס געמאַכט אויסזען נאָך מיזערנער.

דער פּאַרטאָרג האָט געפּירט אַ פּלי־שמועס, עפּשער שוין צום צענטן מאָל אין מעשעך פון היינטיקן טאָג. אַלע האָבן אים געקענט, און ס׳איז גענוג געווען ער זאָל זיך באַווייזן, זיינען גלייך צוגעקומען צוויי, דריי, און אין אַ מינוט אַרום איז אַרום אים אויסגעוואַקסן אַן אוילעם.

ער האָט געקענט אַרויסרופן אַף אַ שמועס, און מ׳האָט אים געשטעלט אַ גוזמע פראַגן. באַזונדערס האָט אַלעמען באַאומרויקט דריי פּראַגעס. צי וועט די רויטע אַרמיי איינהאַלטן מאָסקווע, אָדער זי וועט ווייטער אָפּ־טרעטן? צי וועלן די פאַרבינדעטע עפענען דעם צווייטן פראָנט, צי קען מען זיי גלייבן? פאַרוואָס גייען אַרום קלאַנגען, אַז די יאַפּאַנער טרעטן אַרויס; אויב דאָס איז מילכאָמע, פאַרוואָס רעדט מען ניט וועגן איר אָפן .אויב ס׳איז ניט מילכאָמע, איז ווען דאַרף מען דערוואַרטן דעם איבערפאַל?

באַטמאַנאָוו האָט, זיצנדיק אונטערגעשפּאַרט מיט די קני לעבן כּלי־נאָוון, זיך צוגעקוקט, ווי דאָס שוואַרצע וואַסער קאָכט און וואַרפט זיך אין דער פּאַלאָנקע. די מעטערדיקע דיק פון דעם בלויען אייז האָט גע־שטעקט אין אַ לעבעדיקן, זידנדיקן טהאָם.

— איך בין אינדערפרי צוגעקומען ביז נאַמפּי, — האָט כלינאָוו דערציילט דעם נאַטשאַלניק. — דער שטעטל מיט די אייז־שטיקער ענ־דיקט זיך אַ קילאָמעטער פאַרן יישעוו. ס׳וועט אויסקומען זיך דורכצו־שלאָגן דורך די אייז־שטיקער צען קילאָמעטער. ווייטער איז דאָס אייז גלאַט, צוגעדעקט מיט שניי, — ס׳וועט נייטיק זיין בלויז לייגן עס אָפּ־צורייניקן. די מענטשן פונעם ערשטן באַצירק זיינען שוין אַרויסגעגאַנגען אַפן אייז, ס׳העלפן זיי די נאַנייצעס.

— כאַוועך כלינאָוו, — האָט, זיך אויפהייבנדיק, געזאָגט באַטמאַ־נאָוו. — איך וויל איינך שיקן אַפן באַצירק צו ראַגאָוון. דאַ אונטער דער באַז וועלן מיר שטענדיק געפינען מענטשן, און ראַגאָוון דאַרף מען העלפן. איך האָב ביכלאַל בעדייע צו פאַרברייטערן איינערע פליכטן. ווען איר וועט זיך שטעלן אַרבעטן מיט ראַגאָוון, באַמיט זיך אַריינצודרינגען אין אַלע געביטן פון דער ווירטשאַפט. כאַפּט זיך אַריין צו מיר אין אָוונט, וועלן מיר פּראַטימדיקער איבערשמועסן.

די זון, וואָס האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט צום האָריזאָנט, האָט אָנגעהויבן רויט ווערן. דאָס ווינטל אַפן טייך האָט זיך איינגעשטילט. אין דער אויסערגעוויינלעך לויטערער לופט האָט זיך שאַרף אָנגעזען דער אומבאַפלעקטער, ווילדער, באַוואַלדיקטער רעכטער ברעג. איבער דעם גלייכן און הויכן וואַלד איז געהאָנגען די העלע בעז־בלויע שיין פון אַ באַרג־קייט,

אַ צאַרטע און ציטריקע, ווי אַ מיראַזש, וועלכע איז גרייט אַ ליאַדע רעגע צו צעגיין, צעפליסן אין דער לופט.

באַטמאַנאָוו האָט, אײַנרײַבנדיק דאָס פּאָנעם מיט אַ הענטשקע, אַ רוף געטאָן זאַלקינדן:

— לאָמיר גיין, מיכאַיִל, איך בין דורכגעפרוירן. אָפּן פראָסט וועסטו זיך מיט מויל־מעלאָכע ניט דערוואַרעמען, בעסער מיט אַ לאָם אַ רודער טאָן! אַגעוו, עס וואַרט אָף דיר אַ שעליִעכטע פון דער טראַסע. זי איז געקומען פונעם נײַנטן באַצירק — אונדז מיטצוטיילן פאַרשיידענע אומ־אַנגענעמלעכקייטן.

בערידזע האָט פונווײַטנס געדראָט זאַלקינדן:

— מיר וואַרטן אָף דיר, מיכאַיִל באָריסאָוויטש. קום אָף אַ מישפּעט.

— גוט מאָרגן, כאַוועד פּאַרטאָרג. כ׳האָב קיינמאָל ניט דערוואַרט פון אײַך... — האָט טאַניע געזאָגט.

זאַלקינד האָט זיך אײַנגעקוקט אין איר:

— טאַניע? פונוואַנען האָסטו זיך אַהער דערנומען? מיט וואָס האָב איך זיך פאַר דיר פאַרשולדיקט?

— מ׳האָט מיך פּערזענלעך באַליידיקט — מיילע. מ׳האָט דאָך אָבער באַליידיקט דעם באַצירק. ס׳קומט זיך צונויף אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ, — און גאָר אָן אונדזער באַצירק. וואָלט איך ניט געקומען אין דער פאַר־וואַלטונג, וואָלט איך זיך ניט דערוווּסט וועגן דער קאָנפערענץ.

— מיר האָבן ניט געקענט, טאַניע, אַרויסרופן די ווײַטע באַצירקן. מיר האָבן אויך אַ צענטן, אַן עלפטן, אַ צוועלפטן, זיי זײַנען נאָך ווײַטער פון אײַך. עמעס? צי האָט עס אַ זין זיי צוזאַמענצורופן? ס׳וואָלט אויס־געקומען אָפּצולייגן די קאָנפערענץ, און דאָס טאָר מען ניט. ביסט מאַס־קים? ביסט מויכל די אַוולע?

— כ׳בין ניט מאַסקים.

בערידזע האָט געלאַכט:

— ביסט אַ פאַרפאַלענער, מיכאַיִל באָריסאָוויטש!

— מיילע, כ׳וועל פּרווון דיך פאַרגיטיקן — איך פאַרבעט דיך אָף דער קאָנפערענץ ווי אַ פאַרשטייער פון דעם נײַנטן באַצירק. כ׳בין אַפילע מאַסקים צו געבן דעם נײַנטן באַצירק דאָס ערשטע אָרט. מאַכן מיר שאָ־לעם אָף די דאָזיקע באַדינגונגען?

— עפּשער. עמעס, מײַנע פּרעטענזיעס זײַנען נאָך ניט אויסגעשעפּט. אין דער פאַרוואַלטונג האָב איך באַוויזן זיך צו צעקריגן מיט אַלע אײַערע. סאַראַ אומאָרדענונג! אַ ריזיקע בויונג האָט מען אָרײַנגעשפּאַרט אין אַ פּירשטאָקיק געמויערט הויז. מע שרײַבט, מע שמועסט, מע שושקעט זיך, מע דערציילט זיך באַבע־מײַסעס וועגן יאַפּאַנישע פאַראַשוטיסטן. קיינער געדענקט ניט, קיינער טראַכט ניט וועגן דער טראַסע, ווי זי עק־

זיסטירט גאָרניט!... זי עקזיסטירט, כאַווייריִם נאַטשאַלניקעס, אומ־זיסט־אומנישט האָט איר אין איר פאַרגעסן!

— זייער גוט, טאַניע, אויסגעצייכנט, — האָט זאַלקינד געזאָגט און לײַכט באַרירט מיט דער הענטשקע דעם מיידלס פּלייצע.

— איך זע דאָ ניט קיין שום גוטס.

— דו ביסט צו אונדז געקומען — דאָס איז גוט. מאַכמעד גייט צום באַרג. די טראַסע הייבט אָן דריקן אַף דער פאַרוואַלטונג — דאָס איז גוט. און דעריקער, אונדזער פאַרוואַלטונג וועט ערשט אויסהאַלטן יעדן דרוק — דאָס איז זייער גוט! — זאַלקינד האָט קוים באַוועגט מיט די ליפּן, אָפּגעשטאַרבענע פון פראָסט.

— איר זײַנט ניט גערעכט מיט אײַער טאַדלען די פאַרוואַלטונג, — האָט זיך באַטמאַנאָוו אויסגעדרייט צו טאַניען. ער איז געגאַנגען פאָרויס מיט בערידזען.

— און פונדעסטוועגן בעט איך זי, זי זאָל זיך אַף דער קאָנפערענץ אַרויסזאָגן קעגן דער פאַרוואַלטונג, וואָס האָט זיך פאַרשלאָסן אין די פיר ווענט, — האָט זאַלקינד געזאָגט. טאַדל שאַרפער, קלוגער, טאַניע. איך דאַרף דיר זאָגן, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, אַז טאַניע איז אַ היסטאָרישע פערזענלעכקייט אַף דער בויונג. זי איז געקומען צו מיר אין שטאָטקאָם און געפאָדערט אַנטשיידן זיך אַרײַנצומישן אין די איניאָנים פון דער נאַפטליײטונג, נאָך אַ סאַך פריִער, איידער מיר אַליין האָבן באַנומען די נייטיקייט דערפון. — ער האָט ליבלעך אַ קוק געטאָן אַפן מיידל און גע־נומען זי אונטערן אָרעם. — אָט, טאַטיאַנקע, מיט בעשוטפעסדיקע אָנ־שטרענגונגען האָבן מיר אַ ריר געטאָן דעם וואָגן פון אָרט.

באַטמאַנאָוו איז שטיין געבליבן, האָט אָפּגעשטופּט זאַלקינדן פון טאַניען. זי האָט אים אויסגעכאַפּט:

— כ׳פאַרשטיי, כאַווער נאַטשאַלניק, איר ווילט מיר פאָרוואַרפן פאַראורטייל און אויבערפלעכלעכקייט. „דאָס מיידל האָט אין דער פאַר־וואַלטונג גאָרניט דערזען. נאָר ווי מע זאָל ניט כקירען, הייבט זיך אָן דער אָרגאַניזירנדיקער ווילן אין די קאַבינעטן. שטאַב פאַרבלײַבט שטאַב, מיט וואָס ער זאָל ניט אָנפירן — צי מיט אַ שלאַכט, צי מיט בויונג. טעלעפאָן, טעלעגראַף און דאָס קענטעניש פון שרײַבן — דאָס זײַנען די גרעסטע דערפינדונגען פון דער מענטשהייט, וועלכע האָבן פאַרפולקאָמט די קענ־טעניש פון אַרבעט". כ׳האָב ריכטיק איבערגעגעבן?

— אין אַלגעמיין, ריכטיק, — האָט זיך באַטמאַנאָוו מוידע געווען.

בערידזע און זאַלקינד האָבן זיך צעלאַכט. דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט זיך אויפמערקזאַם אײַנגעקוקט אין טאַניעס פּאָנעם. די לעקלעך טונקעלע האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון אונטער דעם געשטריקטן היטעלע, זײַנען ווײַס געוואָרן און אַראָפּגעפאַלן אַפן קלאָרן, דורכויס גלײַך

אָפּגעברווינטן שטערן. אירע אויגן, אַרומגערעמט מיט די פּאַרפּראַסטיקטע ברעמען, טיפֿע, קימאַט שוואַרצע, האָבן דרײַסט באַגעגנט זײַן בליק.

— מיר טאָרן זיך ניט באַווײַזן אַף דער טראַסע ווי געסט — טיי טרינקען, פּלוידערן אַף אינטערנאַציאָנאַלע טעמעס און אויסדריקן מיט־געפיל צוליב דעם שלעכטן גאַנג פון די איניאַנים. בערידזע און קאָוושאָוו זײַנען צוגעשטאַנען שוין פון ערשטן טאָג: מיר ווילן אַף דער טראַסע!... איך האָב זיי ניט געלאָזן. מיר וועלן קומען אַף די באַצירקן ווי באַלע־באַטים. צו דעם דאַרף מען זיך באַוואָפּענען, אָנזאַמלען קויכעס. אַף דער באַוואָפּענונג, אַף דער צוגרייטונג איז באַשטימט געוואָרן אַ כוידעש, העכסטנס אָנדערהאַלבן. דאָס איז אַ סאַך? איך קען אָפּגעבן אַ כעשבן פון יעדן טאָג צוגרייטונג.

טאַניע האָט ניט געענטפערט. זי האָט פאַרדעקט דאָס פּאָנעם ביז סאַמע די אויגן מיט די דיק־געשטריקטע הענטשקעס.

— כ׳מיין, ס׳איז ניט נייטיק עס אײַך אויפצוקלערן, — האָט שטיל געזאָגט באַטמאַנאָוו. — איר האָט גוטע אויגן, איר מוזט עס דערזען.

— עפּעס וואָס האָב איך דערזען. — טאַניע האָט אָפּגעדעקט דאָס פּאָנעם. — דאָס וואָס כ׳האָב פאַרשטאַנען, — איז מיר געפעלן. און, זי־כער, וועט מיר אויך דאָס איבעריקע, וואָס כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען, שפּע־טער געפעלן. שטעלט זיך פאָר, כאָוועד באַטמאַנאָוו, אפילע ליבערמאַן איז מיר געפעלן. כ׳האָב געמיינט דערמיט צו זאָגן, אַז ער איז געפעלן מער, ווי פריער.

זי האָט דערציילט וועגן די אינטענדאַנטן, זייער פּײַנטשאַפט, אין וועלכער זי האָט אײַנגעזען אַ קערן פון אַרבעטס־פאָרמעסט, וועגן טאָר־טיופן און וועגן „דעם אָפּטייל, וואָס טאָרמאָזירט די בויונג״. באַטמאַנאָוו האָט זיך צעלאַכט און פונאַנדערגעהוסט, זיך פאַרכלינענדיק מיט דער פראָסטיקער לופט.

— זאָגט־זשע שוין, שעליעכטע פון דער טראַסע, ווי הייסט איר פונדעסטוועגן, מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך אַף דעם באַצירק? — האָט ער געפרעגט, נאָכן אויסהוסטן זיך. — איך שטויס זיך אָן, אַז איך האָב צו טאָן מיט טאַניע וואָסילטשענקאָ.

— אָנטשולדיקט, איך האָב זיך אָפּגעוווינט זיך פאָרצושטעלן. מע פרעגט באַ מיר קיינמאָל ניט דעם נאָמען — מע קומט צו און מע באַגייט זיך ווי מיט אַ באַקענטער. איר האָט געטראָפן: איך בין וואָסילטשענקאָ, אינזשעניער פון פאַרבינדונג.

— אַהאָ! האַלט זיך, ערשט וועלן מיר אײַך אַרײַנזאָגן! — האָט זיך בערידזע דערפרייט. — ביז הײַנט איז אַף דער בויונג ניט פאַראַן קיין טעלעפאָן און טעלעגראַף, דאָס איז אומאָרדענונג!

— ניט מיר דאַרף מען דערפאַר זידלען. מיר איז אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען מיט וואָס איר ווילט, נאָר ניט מיט טעלעפאָן און טעלעגראַף.

— פאַרוואָס־זשע ?

— דאָס איז טאַקע מײַן צווייטע פראַגע באַ אײַך. די פערזענלעכע. די פאַרבינדונג דאַרף גיין פאַר דער פונאַנדערוויקלונג פון די אַנדערע אַרבעטן — אַזוי האָב איך געטראַכט און טראַכט אויך ערשט. גרובסקי האָט געהאַט אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. מיר האָבן געהאַט צווישן זיך שטאַרקע סקאַנדאַלן. — איך קען ניט אויסקומען מיט קיין מענטשן, וואָס איך האָב ניט ליב. ער האָט מיך, לויט זײַן אויסדרוק, אַרויסגעטריבן פונעם אַפּאַראַט אַף דער טראַסע. פאַרוואָס האָט איר אים איבערגעלאָזט אַף דער בויונג, כאָוועט באַטמאַנאָוו ? איך האָב אים אַנבאַגעגנט אין קאָרידאָר, און ער האָט שוין באַוויזן צו פרעגן מיט אַ שטעכלקע : „נו, זאָגט ער, איצט האָט איר שוין פאַרשטאַנען, אַז אײַער דראָט־פאַרבינדונג איז נאָך ניט די סאַמע וויכטיקסטע זאַך אַף דער וועלט ?”.

— און איר האָט בעעמעס פאַרשטאַנען ? — האָט בערידזע געפרעגט, ער האָט זיך געוואָלט רייצן מיט איר אַ ביסל.

דאָס מיידל איז אין קאַס געוואָרן, אַ געדיכטע רויטקייט איז אויפגעגאַנגען דורך איר קימאַט שאָקאָלאַד־קאָלירענער אָפּגעברוינטקייט.

— איך האָב אומהעפלעך געענטפערט דעם געוועזענעם הויפּט־אינזשעניער. עס וואָלט זיך ניט וועלן גלײַך באַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפט אַרויסווײַזן זיך אומהפלעך אויך בענויגייע אײַך, — בערידזעס רעפּליק האָט טאַניען דענערווירט. ס׳האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז ער איז אײַנגעשטעלט קעגן איר.

בערידזע האָט איבערבעטנדיק גענומען דאָס מיידל אונטערן אָרעם :

— זײַט ניט אין קאַס, רויט היטעלע. איך האָב ניט געלונגען זיך אַ וויצל געטאָן.

— גייט שנעלער ! — האָט אַ געשריי געטאָן זאַלקינד, וועלכער איז אָנגעקומען פאַר זיי און געוואַרט באַ דער מאַשין.

זיי האָבן זיך קוים אַרײַנגעשטופּט אין אויטאָ מיט זייערע טולעפּעס. טאַניען איז ענג געוועזן צווישן זאַלקינדן און בערידזען. זי האָט דערפילט, אַז די פיס, וואָס האָבן זיך אַ סאַך אָנגעמאַטערט פאַרן טאָג, האָבן איר פלוצים אָנגעהויבן וויי צו טאָן.

— גרובסקי האָט געהאַלטן, אַז קיין פאַרבינדלער זײַנען באַ אונדז ניטאָ, און מע דאַרף וואַרטן, ביז מע וועט זיי אַהער שיקן, — האָט טאַניע געזאָגט. — ער איז ביכלאַל קעגן ציִען צײַטווײַליק אַ טעלעפאָן־ליניע דורך די ביימער. „ס׳איז גלײַכער טייקעף אָפּן אָרט ציִען אַ ליניע איבער סלופּעס”. אין הונדערט יאָר אַרום, ווען די נאַפּטלייטונג וועט שוין זײַן אויסגעלייגט !

באַטמאַנאָוון האָבן פאַראינטערעסירט אירע געדאַנקען. ער איז געזעסן מיטן שאָפער און האָט זיך אומגעווענדט :

— ווי מיינט איר : צי איז מעגלעך שנעל צוצוגרייטן מענטשן אַף

קורסן און שאַפן אַ צײַטווײַליקע פאַרבינדונג, לאָמיר זאָגן, אין דרײַ כּאַ־דאָשים אַרום?

— די פאַרבינדלער דאַרף מען צוגרייטן ניט אַף קיין קורסן, נאָר גלײַך אַף דער פּראַקטישער אַרבעט. איך בין פעסט איבערצײַגט: מע קען פאַרלייגן אַ טעלעפאָן־ליניע ביז טײַסין אין מעשעך פון אַנדערהאַלבן כּאַדאָשים. איך האָב אַ פּלאַן, און מיט אים בין איך צו אײַך געקומען.

— דאָס איז אַן איניען! — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט און נאָכ־אַמאָל זיך אומגעווענדט, קעדיי אַ קוק צו טאָן אַף זאַלקינדן און בערידזען.

— וואָס־זשע איז דער טאַך פון דײַן פּלאַן, טאַניע? — האָט זאַל־קינד געפרעגט.

— ניט צעשטויבן די פאַרבינדלער איבער די באַצירקן, זיי זײַנען זייער ווייניק. שאַפן איין שלאָגלערישע בריגאַדע, וואָס דער פּראָצעס פון דער אַרבעט זאָל בײַ איר פונאַנדערגעשלאָגן ווערן אַף פּאַשעטע אָפּעראַ־ציעס. דעריקער איז — הונדערט קאָמיוגיסטן, וועלכע דאַרפן פרײַוויליק גיין אין דער טײַגע.

טאַניע האָט געוואַרט, וואָס וועלן די אָנפירער פון דער בויונג זאָגן אַף איר פאָרשלאָג. זיי האָבן געשוויגן, טראַכטנדיק ניט אַזויפיל וועגן דעם, וואָס דאָס מיידל האָט געזאָגט, ווי וועגן איר גופע. באַטמאַ־נאָוון איז געוואָרן עפּעס יאָנטעוודיק אַף דער נעשאָמע. ער האָט זיך אין געדאַנק געזאָגט: „אָט זײַנען זיי, די גאָלדענע קאַדרען — זיי קומען אַליין צו דיר, וואָסילי, גענעץ ניט, באַמי זיך וואָס בעסער אויסצוניצן זיי אין דער אַרבעט״. בערידזע האָט נאָכגעשפּירט דאָס מיידל פון איבער דעם אויפגעהויבענעם קאָלנער פון טולעפּ.

— איך וויל ענטפערן אַף אײַער ערשטער פראַגע, — האָט ער גע־זאָגט. — איר זײַנט גערעכט: דער באַצירק האָט דאָס רעכט צו וויסן אונדזערע פּלענער, זיי דאַרפן האָבן אַ קלאָרע פּערספּעקטיוו...

טאַניע האָט אים געהערט, ניט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ. בערידזע האָט גערעדט וועגן איבערבויען דעם פּראָיעקט, וועגן דעם לינקברעגיקן וואַריאַנט פון דער טראַסע.

— מע דאַרף זיך פאָרשטעלן די אויפגאַבע אינגאַנצן גענומען, און ניט אַ טייל אירן. דער נײַנטער באַצירק — איז ניט קיין גענוגנדיקע הייך, פונוואַנען מע זאָל קענען אַרומכאַפּן דאָס גאַנצע בילד. ערשט איז אײַך שווער צו באַנעמען אונדזערע באַשלוסן, איר וועט זיי באַנעמען שפּע־טער.

— איך האָב, דוכט זיך, שוין פאַרשטאַנען, — האָט דאָס מיידל געזאָגט און, ענדלעך, אומגעווענדט דאָס פּאָנעם צו בערידזען. — איר האָט זיך אַליין דערטראַכט צו דער אידעע פון דעם לינקן ברעג, אָדער איר האָט וועגן איר געלייענט אין אונדזערע צושריפטן?

— אין צושריפטן? כ׳האָב קיינע צושריפטן ניט געזען!

באַטמאַנאָוו האָט פֿאַראינטערעסירט אַ קוק געטאָן אַף טאַניען. זי האָט דערקלערט:

— פֿון די ערשטע מילכאָמע־טעג אָן האָבן זיך אַף דער טראַסע גע־לאָזט הערן שטימען, אַז מע דאַרף איבערקוקן דעם פּראָיעקט. ס'איז גע־ווען אַזאַ מענטש, אַ געוויסער קאַרפּאָוו — ער האָט דערוויזן, אַז מע דאַרף די טראַסע אריבערטראָגן אַפֿן לינקן ברעג.

— ווער איז ער אַזעלכער, אַן אינזשעניער?

— ניין. ער איז אַ פּישער, אַ טוישעוו פֿון דעם אַדון, פֿון דעם דאָרף ביזשביאַיאַ סאַזאַנקאַ. ער האָט אָנגעפֿירט מיט אַ גרויסן קאָלווירט. איינמאָל איז ער געקומען אַף אַ באַצירק און זיך געבעטן אַף אַרבעט: „איך וויל זיך אויסלערנען באַ אײַך אַ ביסל קלוגן פֿאַרשטאַנד". זייער אַ טאַלאַנטירטער מענטש! זײַן בילדונג איז ניט קיין גרויסע, זיבן קלאַס, באָר אַלץ קען ער, און דעם סאַמע קאָמפּליצירטסטן איניען לייזט ער מאָ־מענטאַל. אין אונדזער בויונג האָט אים מער פֿון אַלץ פֿאַראינטערעסירט דער וועג. ער האָט דערוויזן: דער לינקער ברעג פֿון דעם אַדון איז ניט צופֿעליק געוואָרן דאָס אָרט פֿון אַ סאַך יִשוווים, בעייס אַפֿן רעכטן ברעג זײַנען זיי קימאַט ניט בענימצע. דער לינקער ברעג האָט זיך אויסגעביל־דעט געזעצמעסיק, ער האָט גינסטיקע נאַטור־באַדינגונגען. די טראַסע אַפֿן רעכטן ברעג איז אין סטירע מיט דער געשיכטע פֿון דעם אַדון. דער וועג איז נעמלעך נייטיק אַפֿן לינקן ברעג. ער וועט פֿאַרבינדן נאַמפּי, אַל־גאַכטע, טשילמע, טשאָמי און אַ סאַך אַנדערע יִשוווים מיט נאָווינסק, וועט געבן אַ שטויס דער אַנטוויקלונג פֿון דעם ראַיאָן אַף צאָפֿן. אַפֿן רעכטן ברעג אָבער איז דער וועג נייטיק דעם איינאונאײנציקן יִשעוו אַר־ליאַגיד. כוץ דעם ווערט די טראַסע אַפֿן רעכטן ברעג איבערגעשניטן מיט אַ קעסיידערדיקער שנור פֿון סאָפּקעס, באַוואַקסענע מיט וואַלד. אַפֿן לינקן ברעג אָבער וועט זי זיך ציִען איבער דער מעשופּעדיקער ברייטער טעראַ־סע פֿון טײַך. דאָ וועט די בוי־אַרבעטער פֿון דער נאַפּטלייטונג העלפֿן די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון אַדון, אָבער אַפֿן רעכטן ברעג איז ליידיק, און קיינער וועט ניט העלפֿן!

— צום טײַוול! איר לייגט דאָ אויס מײַנע באַווײַזן לעטויוועס דעם לינקן ברעג! — האָט זיך בערידזע אַ באַוועג געטאָן אויפֿגערודערט. — ניט שוין־זשע האָט דער דאָזיקער פּישער אַליין אויסגעמויעכט די דאָזי־קע אידעע?

— אַהאַ, ס'האָט אַ שטאָך געטאָן! — האָט זיך טאַניע צעלאַכט צופֿרידן. — באַומרויִקט זיך ניט, ער וועט באַ אײַך דעם רום ניט אַוועק־נעמען. ערלעך גערעדט, האָב איך קאַרפּאָווס געדאַנק דערגאַנצט מיט פֿאָרשלאָגן פֿון אַנדערע כאַווייִרים. — טאַניע האָט הויך אַ ניס געטאָן: זי האָט זיך פֿאָרט פֿאַרקילט. — איר האָט גערעדט וועגן אַ הויכן שטאַנד־פּונקט און וועגן קליינע אינטערעסן פֿון איין באַצירק. ווי איר זעט, איז

אַ פּרוּוו צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דעם אַלגעמיינעם גורל פון דער בויונג געווען.

— קאַרפּאָוו — ווו איז ער איצט, אָפן באַצירק ? — האָט זאַלקינד געפרעגט.

— ער איז אַוועק פון דער בויונג, אומגעקערט זיך אין זײַן ניזש־ניאַיאַ סאַזאָנקאַ. איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט אין אַלגאַכטע, כ׳האָב אים דערציילט וועגן די ענדערונגען באַ אונדז. ער האָט אויסגעהערט, אָפּגעזיפצט. ער גלייבט ניט, קענטיק, אין די ענדערונגען. מיר ליגן אים ניט אין קאָפּ ערשט, ער איז ווידער פאַרזיצער פונעם פישער־קאָלווירט, ער האָט צאָרעס מיטן פּלאַן. ער האָט מיר די גאַנצע צײַט געגעבן צו פאַרשטיין די פאַרטלען באַם פאַנגען פיש אונטערן אײַז.

— איז געווען אַ וועלכער ס׳איז ענטפער אָפן פאַרשלאָג ? — האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט.

— מיר האָבן באַקומען, ווי דען אַנדערש. דער אַלטער טאָפּאָליעוו האָט געענטפערט: „איידער איר קריטיקירט דעם פּראָיעקט, לערנט זיך אויס אים אויסצופירן”. שטופּט ניט די נעז, מיט איין וואָרט, אין גרויסע איניאַנים, ווען איר האָט אויסצופירן קליינע.

— מע דאַרף אויפזוכן די צושריפטן. געפינט זיי אומבאַדינגט און ווײַזט זיי מיר, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט דעם הויפּט־אינזשעניער. — דער אַלטער וועט זיך דערוואַרטן, איך זאָל אים שיקן אין קאָלווירט צו קאַרפּאָוון כאַפּן פיש.

אַרויסגייענדיק פון מאַשין, האָט טאַניע דערפילט אַ שרעקלעכע מיד־קייט. ס׳איז איר אַפילו שווער געווען צו שטעלן אַ טראָט. אַף בערידזעס אײַנלאַדונג אַרײַנצוגיין צוזאַמען מיט אים צו טאָפּאָליעוון, האָט זי אים, דערלאַנגענדיק די האַנט, געבעטן:

— גיט־זשע מיר שוין ענדלעך דעם שליסל.

— וואָסער שליסל ?

— דעם שליסל פון דער קוואַרטיר, ווו ס׳ליגט דאָס געלט. איך קען ניט אַרײַנגיין אין ראַדיאָנאָוועס קוואַרטיר און כ׳יאָג זיך דעם גאַנצן טאָג נאָך אײַך, דאָס הייסט נאָכן שליסל.

געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט אײַליק אָנגעהויבן צו נישטערן אין די קעשענעס. און ער האָט זיך דערמאָנט: דער שליסל איז פאַרבליבן אין דער קעשענע פון פּאַלטן, אין קאַבינעט. טאַניע האָט געמוזט באַגלייטן בערידזען אין דער פאַרוואַלטונג. זי איז אַרויפגעגאַנגען אַף די שטיגלעך און געוואַרטשעט. באַ איינעם פון די קאַבינעטן איז זי שטיין געבליבן:

— דאָ, מיין איך, זיצט טאָפּאָליעוו. לאָמיר אַרײַנגיין. באַ דער גע־לעגנהייט וועל איך זיך מיט אים באַגריסן. ער איז אַ גוטער אַלטער און מײַנער אַ פרײַנט, נעמט עס אין אַכט און טוט אים ניט קיין אַוולע.

קאַפּיטל צען

אַ גאַסטפֿרײַנטלעך הויז

טאָפּאָליעוו איז אײנזאַם געזעסן אין אַ לער און טונקל צימער. פֿון אַ געוויסער צײַט איז דאָס געוואָרן באַ אים אַ געוווינהייט. די ענדערונגען אַף דער בויונג האָבן ניט אַרײַנגעבראַכט קיין ענדערונג אינעם סײַדער פֿון זײַן לעבן. גרובסקיס פּרווו אָפּצושרעקן דעם אַלטן מיט דער נײַער אָנפֿירונג האָט קיין פּעולע ניט געהאַט.

— דער גרויער וואָלף איז ניט שרעקלעך, — האָט אים קוזמאַ קוזמיטש געענטפֿערט. — איך בין שוין אַלט זעכציק יאָר מיט אַ שמיצל, איך האָב שוין מײַנס מעמאַלע געווען מיט אַן אוידעף. מיך איז יעדע נאַטשאַלסטווע מעכויעוו צו רעספּעקטירן, אויב זי איז ניט נאַריש, די דאָזיקע נאַטשאַלסטווע.

אַרײַנקומענדיק אין צימער, האָבן טאַניע און בערידזע באַמערקט, ווי דער אַלטער האָט שטאַרק אַ טרעסל געטאָן מיטן קאָפּ און אויפֿגעציטערט מאַכמעס דעם סקריפּ פֿון דער טיר. געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט מיט דער האַנט צוגעדעקט אַ שמייכל. קאָוושאָוו האָט אים דערציילט אַן אַנעקדאָט, וואָס האָט קורסירט אין דער פֿאַרוואַלטונג וועגן טאָפּאָליעוון, אַז דער אַלטער אינזשעניער זאָל קלוימערשט שלאָפֿן אין קאַבינעט, זיצנדיק מיטן טעלעפֿאָן־טרײַבל אָדער מיט דער פּעדער אין האַנט.

דער רעדאַקטאָר פֿון דער וואַנט־צײַטונג האָט געגעבן אין דעם נומער, וואָס איז געווען געווידמעט פּראַגן פֿון דיסציפּלין, אַ קאַריקאַטור אַפֿן אַלטן. די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון טאָפּאָליעווס אויסערלעכקייט — אַ הויכע וווּקס, אײַנגעהויקערטקייט, וואָנצעס — האָבן געדינט דעם קינסטלער ווי אַ דאַנקבאַרער מאַטעריאַל. דער אינזשעניער איז געווען אויסגעמאָלט אַ שלאָפֿנדיקער באַם טיש אין קאַבינעט. ווי אַ „גוטער

פרײַנט" האָט גרובסקי געוויזן די קאַריקאַטור טאָפּאָליעוון, נאָך איידער מע האָט זי, לויט זאַלקינדס אייצע אַראָפּגענומען. אין אָנהייב האָט קוז־מאַ קוזמיטש ניט באַנומען דעם זין פון דער צייכענונג, נאָר ווען ער האָט באַנומען — איז ער געוואָרן פּאָנס־רויט, האָט שווער געאָטעמט און, זיך אײַנהויקערנדיק, אַוועקגעגאַנגען אין דער איינזאַמקייט פון קאַבינעט.

ווען דער הויפּט־אינזשעניער האָט זיך באַוויזן, האָט זיך טאָפּאָליעוו, אַ הויכער, אַ קנאַכיקער, אויפגעהויבן פון הינטערן טיש און אויסגעווישט מיט אַ רויט שנופּטיכל די גרוי־גרינע וואָנצעס. מיט ביידע הענט האָט ער געדריקט טאַניען די האַנט, איבער זײַן פּאָנעם איז ווי פאַרבײַגעלאָפן אַ ליכט־שטראַל, ס'איז געוואָרן קימאַט פרײַנטלעך.

בערידזע האָט געבעטן טאָפּאָליעוון אויפצוזוכן די באַריכט־צושריפטן פונעם נײַנטן באַצירק מיט די פאָרשלאָגן וועגן ענדערונגען אין דעם פּראָיעקט. קוזמאַ קוזמיטש האָט זיך אַ רעגע געגומען דערמאָנען, באַ־וועגנדיק מיט די ליפּן, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און גענומען איבערלייגן די טעקעס. די צושריפטן זײַנען געווען צוזאַמענגע־נייט אין אַ טעקע פּאַר קאָרעספּאָנדענץ מיט די באַצירקן.

געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט זיך גלײַך פאַרטיפט אין לייענען. כאַפּנ־דיק פון צײַט צו צײַט אַ בליק אָפן אינזשעניער, האָבן דער אַלטער און דאָס מיידל שעפּטשענדיק געשמועסט.

— איר האָט ניט געוואָלט פאָרן מיט סידאָרענקאָן ? — האָט טאַניע געפרעגט. — אַ נומלטן זײַנען צווישן אײַך געווען, געדענקט זיך, מײַ־נונגס־פאַרשיידנקייטן.

— איך האָב מיט קיין פינגער ניט קיין ריר געטאָן, קעדיי אַוועק־צופאָרן, און קיין איין וואָרט ניט געזאָגט וועגן בלײַבן. מיך באַמערקט מען ערשט ניט : פאַרעלטערט געוואָרן. קיינער האָט מיך ניט פאַרבעטן אַוועקצופאָרן, און איך געדענק ניט, אַז עמעץ זאָל מיר אײַנריידן ניט אַוועקצופאָרן. מיר איז אַלץ איינס, טײַערינקע. איך בין פאַראינטערע־סירט אין אַ רויִק לעבן. ניט לאַנג צוריק האָב איך געלייענט באַ דזשעק לאָנדאָן אַן אויסגעצייכנטע פראַזע : „באַפרײַענדיק זיך פון פאַרלאַנגען, ווייסן מיר ניט פון קיין האָפענונגען און ניט פון קיין שרעקן". ס'איז גוּט, ווען דו ביסט קיינעם ניט נייטיק. גלייב מיר, טאַטיאַנעטשקע.

— איבערצײַגט מיך ניט, קוזמאַ קוזמיטש, כ'וועל ניט גלייבן. איך וואָלט אַבי ניט געוואָלט לעבן, ווען כ'וואָלט זיך איבערצײַגט, אַז איך בין לאַכלוטן ניט נייטיק די מענטשן, קיינעם ניט נייטיק. — ס'האָט איר אָפּילע אונטערגעטראָגן. — סאַראַ ווילדע, טרויעריקע אידעע !... איר באַרעדט זיך אַליין, איך גלייב אײַך ניט, זיידעשי. איר זײַנט ערשט פאַ־שעט שלעכט אויפגעלייגט, דערציילט בעסער וועגן וואָלאָדיען. ווו געפינט ער זיך, וואָס שרײַבט ער וועגן זיך ?

— ער שרײַבט ניט וועגן זיך. ער שרײַבט וועגן דער אַרטילעריע

און זײַן גענעראַל: „די רוסישע אַרטילעריע איז די בעסטע אין דער וועלט. אונדזער גענעראַל — אַ כוואַט, ער איז דיר ניט קיין פּאָר, אַלטער זיידע. ער געדענקט דיך, אַ פּאָר מאָל דיך דערמאָנט, געבעטן דיך גריסן״. ס׳איז אַ בריוו פון הינטער מינסק. כ׳האָב פאַרשטאַנען זײַן רעמעז: „מיר האַקן די פּריצן אין די מעקוימעס, ווו דו, זיידע, האָסט געבויט דעם זאַוואָד״.

— דער אויספיר אַף די צושריפטן איז אײַערער? — האָט בערידזע געפרעגט, אויפהייבנדיק די שווערע טעקע.

— מײַנע, — האָט קוזמאַ קוזמיטש געענטפערט.

געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט ווײַטער געלייענט. ער האָט געהאַט אַ געוווינהייט — טאָמיד צו באַשעפּטיקן מיט עפּעס די הענט. באַקענענדיק זיך מיט די צושריפטן און טאַפּאַליעווס באַשלוס, האָט ער זיך געשפּילט מיט דער באָרד, וויקלענדיק די קרויזיקע האָר־לאָקן אַרום אַ בלײַפעדער. טאָניע האָט זיך צעלאַכט.

— פון וואָס לאַכסטו? — האָט קוזמאַ קוזמיטש געפרעגט.

— דער נײַער הויפּט־אינזשעניער איז אַ טײַערער כעוורעמאַן.

— דו האָסט אַ טאָעס. ער איז מיר ניט צום האַרצן, און אויך ניט די איבעריקע: מענטשן אַן טאַקט, האָבן ליב אַ טומל צו טאָן. אַלץ האָבן זיי מיט דער האַנט אָוועקגעמאַכט, זיי לערנען, וויאַזוי צו לעבן, וויאַזוי צו אַרבעטן. אָבער צי קענען זיי אַליין? דער הויפּט־אינזשעניער — דאָס איז אַ נײַער בעזעם אין געשטאַלט פון אַ באָרד.

— איך בין ניט אַלט קיין הונדערט יאָר, און כ׳האָב ניט די געוווינהייט פון די כאַכאָמים צו שטעלן אומבאַדינגט אַלץ אונטער אַ סאָפעק. אַט וועט איר לעבן, וועט איר זיך איבערצײַגן: בערידזע איז אַ טײַערער כעוורעמאַן. איך ראָט אײַך, וואָס שנעלער אים צו דערזען אין זײַן עמעסער ליכט. ער האָט אײַך, אַוואַדע, געזאָגט עטלעכע ריכטיקע אומאָנגענעמע ווערטער, און אײַך, קוזמאַ קוזמיטש, געפעלן אויסשליסלעך יענע מענטשן, וועלכע ריידן מיט אָנגענעמע ווערטער. צום בײַשפּיל אײַער גרובסקי. איך פאַרשטיי ניט, ווי מע קען זײַן באַפרײַנדעט מיט אַזאַ מענטשן.

דער הויפּט־אינזשעניער האָט אָוועקגעלייגט די פּאַפּירן און צוגעגאַנגען צו זיי.

— איר האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן דורכגעטראַכטן אויספיר. — האָט ער זיך געווענדעט צו טאַפּאַליעוון. — קאַרפּאָווס אידעע האָט איר בעפיירעש באַגיטיקט, איר האָט זי, וואָלט איך געזאָגט, אַפילע אַנטוויקלט.

— בערידזע האָט אַפּוואַרטנדיק געשוויגן.

— די געדאַנקען, וואָס זײַנען אויסגעדריקט געוואָרן אין די צושריפטן, האָבן מיר זיך אויסגעוויזן פאַר ריכטיקע און צײַטמעסיקע, — האָט טאַפּאַליעוו באַשטעטיקט.

— פּאַרוואָס־זשע האָט איר אַרויסגעוויזן צו זיי אַזאַ ביוראָקראַטי־שע באַציִונג ? איר האָט זיי אָפּגעוואָרפן מיט אַ גיט־איידל פּאַפּירל פון דרײַ שורעס. ניט שוין־זשע בלויז דערפאַר, וואָס עמעצער אַ צווייטער האָט קריטיקירט אײַער פּראָיעקט, האָט איר אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אַ קלוגן ווערטפולן פאַרשלאָג ?

דער אַלטער איז געשטאַנען, און עס זײַנען אים אַראָפּגעהאַנגען די שווערע גרויסע הענט מיט אַרויסגעזעצטע בלויע אָדערן. זײַן געזיכט איז פּאַנס־רויט געוואָרן. ער האָט הויך געאָטעמט. — כ'קען בעשום־אויפן ניט באַנעמען, צו וואָס־זשע האָט איר זיך באַמיט אָנצושרײַבן אַזאַ בעאַרי־כעסדיקן אויספיר, ס'באַקומט זיך אומפאַרשטענדלעך : איר זײַנט פאַר, און איר גופא זײַנט קעגן. — בערידזע האָט געהויבן די אַקסל.

טאַניע האָט באַמערקט : דעם הויפּט־אינזשעניערס בליק, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אַף טאָפּאָליעוון, איז ווייכער געוואָרן. בערידזע האָט קעגן אייגענעם ווילן געפילט אַ סימפּאַטיע צו דעם דאָזיקן בייזן און שווערן אַלטן, ער האָט ניט געקענט פויעלן באַ זיך, צו באַציִען זיך צו אים, ווי צו גרובסקין, האַגאַם זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. בערידזע האָט ניט געקענט ניט רעספּעקטירן טאָפּאָליעוון מאַכמעס זײַן פאַרגאַנ־גענער טעטיקייט, וואָס איז ברייט באַוווסט געווען צווישן בויער.

— ס'איז פאַרדריסלעך, — האָט געלאָזט פאַלן בערידזע, — ס'איז פאַרדריסלעך זיך אָנצוטרעפן אַף אַזעלכעס. לויט מיר נאָך פילט איר אַליין די אומגערעכטיקייט פון אײַער טשוווע דעם נײַנטן באַצירק.

— צי מעג איך ענטפערן פאַר קוזמאַ קוזמיטשן ? — האָט טאַניע ניט אויסגעהאַלטן. — קוזמאַ קוזמיטש איז אַן אַלטער אינטעליגענט. אין זײַן האַנדלונג לאָזט ער זיך אָפּט פירן פון ניט ריכטיקע לאָיאַליטעט־פּרינציפּן.

— טאַטיאַנע פּעטראָוונע ! — האָט טאָפּאָליעוו בייז אַ כריפּע גע־טאָן, אויפהייבנדיק די געדיכטע ברעמען.

— אַצינד שוויַגט שוין אויב איר האָט זיך אַליין ניט געקענט פאַרענטפערן ! — האָט טאַניע געזאָגט מיט ברען. — דער אויטאָר פון דעם העסלעכן פּאַפּירל איז ניט טאָפּאָליעוו, נאָר גרובסקי. דאָס איז זײַן נוסעך !... איך קען לויט דער האַשאָרע אויפשטעלן די געשעענישן. קוז־מאַ קוזמיטש, פול מיט גוטע קאַוואָנעס, האָט גרובסקין געבראַכט זײַן אויספיר. יענער האָט קוזמאַ קוזמיטשן אויסגעלאַכט און אים דיקטירט די דרײַ באַרימטע פראַזעס. — זי האָט זיך אויסגעדרייט צו טאָפּאָליעוון. — איר ווילט ניט, קוזמאַ קוזמיטש פאַרשטיין : האַגאַם גרובסקי איז אײַער שעף און אײַער לאַנגיאָריקער פרײַנט, איז ער ניט דער מענטש, וואָס איז ווערט מע זאָל אים געהאָרכן.

טאַניע האָט אָפּגעהאַקט : ס'האָט איר איבערראַשט דער בליק, פול מיט פּירהאַלט, וואָס דער אַלטער האָט אַף איר אָנגעשטעלט.

— דאָס פּאַפּירל שפּילט דאָ, זיכער, אַ קליינע ראָל, — האָט טאַניע ווײַטער גערעדט אָן דער פֿריִערדיקער היציקייט. — די בויונג האָט זיך פֿאַרהאַלטן אומאָפּהענגיק דערפֿון. און ווען זי וואָלט זיך ניט געווען פֿאַרהאַלטן, וואָלט אײַך ניט געווען אויסגעקומען צו פֿאָרן אַהער אין עק וועלט. קומט אויס, אַז ס׳איז ניטאָ קיין שלעכטס אָן קיין גוטס.

טאַניע האָט מיט אַ שפּאַס געוואָלט לינדער דעם מאַצעוו, נאָר דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעקערט פֿון איר און איז געשטאַנען אַן אָנגעכמורעטער און גרויזאַמער...

דער שליסל, וואָס איז אָנגעקומען מיט אַזויפֿיל מי, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר איבעריק — סע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סעראַפֿימע, ראָדיאָנאָוועס מומע, וועלכע האָט געוווינט מיט אָלגען, איז געווען אין שטוב. אַ קאָלאָסאַלע, ווי זי וואָלט געווען צוזאַמענגעשטעלט פֿון באַלעמס אָנגעבלאָזענע מיט ווינט, האָט זי דורכויס פֿול געמאַכט די קיך און קוים זיך אויסגעדרייט פֿון טיש צו דער פּליטע און צוריק. אַ קלאַפּ טוענדיק זיך איבער די היפּטן, האָט זיך סעראַפֿימע אַ לאָז געטאָן קעגן טאַניען און זי צוגעדריקט צו איר מאַסיווער ברוסט.

— גוט־מאָרגן, שיינקייט, טײַערס, טאַניעטשקע, גאָלד מײַנער, — האָט די דיקע געזאָגט מיט אַ ניגון. דאָס גאַסטפֿרײַנטלעכע סעראַפֿימעס אַרומנעמען, און די וואַרעמקייט פֿון דעם פֿײַערדיקן אייוועלע, וואָס איז, קענטיק, קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן געוואָרן, האָבן דאָס מיידל דערוואָרעמט. זי האָט שנעל אַראָפּגעצויגן פֿון זיך דעם נאַרטן־קאָסטיום און, אײַנרײַבנדיק ענערגיש די פֿלייצעס און די פֿיס, זיך אײַנגעוויקלט אין אָלגעס באַקאַנטן בלויען באַרכענעם כאַלאַט. אויסציִענדיק זיך אַפֿן דיוואַנטשיק, האָט דאָס מיידל אַ טראַכט געטאָן מיט דאַנקבאַרקייט, קימאַט מיט געריִרטקייט וועגן דער כאַווערטע.

אין צימער האָט זיך קיין איין זאַך ניט געענדערט: אומעטום העפּטערײַען, סערוועטקעס, דיוואַנטשיקעס. אין האַנט־אַרבעט האָט אָלגע פֿאַרוווּנדערט אַפֿילע סעראַפֿימען מיט דער שנעלקייט פֿון דער אַרבעט און דער אײַנפּאַלערישקייט פֿון דער צייכענונג. עס זײַנען צוגעקומען נײַע העפּטערײַען — נאַנאַיִשע אויסגעפּוצטע אָרנאַמענטן; זיי האָבן פֿאַרנומען דאָס צענטראַלע אָרט איבער דער באַלעבאָסטעס אַקוראַט פֿאַרשפּרייטן בעט. אַפֿן פֿריִערדיקן אָרט איז געווען דאָס פֿאַכל מיט די מעדיציִנישע ביכער, דאָס טומבעטשקעלע מיטן פּאַטעפֿאָן און פּלאַסטינקעס, דאָס טואַלעט־טישל — אַ מאַטאָנע פֿון דעם שפּיטאָל־סטאָליער, דער דיקער שפּיגל, און פֿאַר אים אַף אַ שפּיצן־סערוועטקעלע — די פּיצעלעך העלפֿאַנטן מיט אַרויפֿגעהויבענע נעז, די פֿלעשעלעך אָדעקאָלאָן און פּערפֿום, דאָס גרויסע בערשטל. אַפֿן טיש — קאָנסטאַנטינס ביכער און העפֿטן. זיי האָבן

אַריבערגעוואָנדערט פון זײַן צימער אַהער. איבערן טיש, אין אַן אויס־געהאַפּטן זעקעלע — בריוו, צעטעלעך, רעצעפּטן, אויסשניטן פון צײַטונ־גען, און העכער איבער אַלץ — קאָנסטאַנטינס, אײביק דער זעלביקער, פּאָרטרעט: אַ קאָפּ מיט שטערנווינקלען, גרויסע האָרענע ברילן און אַ פּאַרגליווערטע איראָניע אױף די דינע ליפּן.

— ער איז אַלץ דער זעלבער, קאָנסטאַנטין אַנדרײיעוויטש. אַ קאַל־טער פילאָזאָף, אַ פּסיכאָלאָג, — האָט טאַניע אַ זאָג געטאָן פאַרדריסלעך.

— אַלץ דער זעלבער, אַלץ דער זעלבער — אַ לײַדאַק, — האָט אונטערגעכאַפּט סעראַפּימע. זי איז געשטאַנען אױף דער שוועל, אויספילנ־דיק מיט זיך דעם גאַנצן כאַלעל פון דער טיר.

— וואָס קומט צווישן זיי פאָר? פון אַלגעס בריוו האָב איך גאָר־ניט געקענט פאַרשטיין. זי שווײַגט, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן קאָנסטאַנ־טינען.

— רעדט שוין גאָרניט! איך אַליין פאַרשטיי זי ניט. ער וואַרעמט זי ניט און לײַכט איר ניט. זי לעבט ווי אַ יעסוימע, קלוימערשט אַ כאַ־סענע געהאַטע — און האָט קיין מאַן ניט. צי פאַרשטייט זי ניט, ווער ער איז? צי זי פאַרשטייט יאָ, נאָר זי קען זיך ניט באַפרײַען פון דער פינצטערער ליבע? דערקלער עס מיר, טײַערינקע, טו אַ טויווע!

— זי האָט זיך צו אים צוגעוווינט, מיין איך. זיי האָבן דאָך שוין, ווי דאָס זאָל ניט זײַן, דרײַ יאָר אָפּגעלעבט צוזאַמען. דו מיינסט, אַז זי לײַדט?

— וואָרעם וואָס, איך האָב קיין אויגן ניט?

די גראָבע האָט אַרונטערגעשטעקט די הענט אונטערן פאַרטעך און ווידער גענומען שיטן שנעל־שנעל:

— ווי זיי האָבן געלעבט אין רובעזשאַנסק — ווייס איך ניט. נאָר אַוועקגעפאָרן איז זי פון דאָרט ניט גלאַט אַזוי. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דער פּראָפעסאָר האָט זיך ניט געקענט פון איר אָפּלויבן, זי איז באַ אים געווען די בעסטע געהילפן. ווי האָט זיך אָנגערופן איר אַמט?

— אַסיסטענט?

— נו, יאָ, מיט איין וואָרט, זי איז געווען באַ אים די בעסטע. און פּלוצים האָט זי געוואָרפן דאָס לערנען און אַוועקגעפאָרן. עמעס, דאָ איז זי דער הויפּט־דאָקטער אין שפּיטאָל, און אַלע אַכטן זי — כ'מיין ניט צו זאָגן, אַז זי האָט אַן ערגערע אַרבעט באַקומען. פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך מיט מײַן נאַרישן קאָפּ: אַלגע האָט מיט קאָנסטאַנטינען ניט גע־קענט לעבן. מיר דוכט זיך, אַז ער האָט זי פאַרראַטן. אָט איז דאָס אַ הונט אַזאַ!... זיי האָבן אָנגעהויבן לעבן צעשיידט, און זי וואָלט אים געדאַרפט פאַרגעסן. איז ניט... זי פּײַניקט זיך. דערנאָך איז ער אַרי־בערגעפאָרן אַהער — מ'האָט ניט געדאַרפט לאָזן, און זי האָט געלאָזט. זיי האָבן געלעבט אַ שטיקל צײַט. ביסט דאָך געווען באַ זיי, האָסט געזען.

— בלויז צוויי מאָל בין איך געווען. איך קען אים ניט אָנקוקן! — טאַניע האָט זיך מיט עקל פאַרקרימט.

— ער איז צוריק אַוועקגעפאָרן קיין רובעזשאַנסק, געלויבט צו גאָט. צי ס׳איז אים לאַנגווײַליק געוואָרן, צי זיי האָבן זיך צעווערטלט. ער איז קוים אַוועקגעפאָרן, און ס׳האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די שטוסים. ער שיקט בריוו. „ס׳איז לאַנגווײַליק, איך נעם אָרום, איך קוש". און צווישן אַנדערן: „שיק אַ קאָסטיום — כ׳גיי אָפּגעריסן", „קריג אַ קופּאָן אַף הויזן — באַ אײַך אַף דער בוירזע קען מען קריגן", „שיק צו געלט, כ׳וועל רײַך ווערן — וועל איך אומקערן". אַ צווייטע וואָלט אַבי אַף דעם אַלץ אַ שפּײַ געטאָן, זי — ניט! זי האָט זיך באַמיט, פון דער הויט געקראָכן, עפּעס וואָס אייגנס פאַרקויפט בעסאָד פאַר מיר — און אים געשיקט אַלץ, וואָס ער האָט געבעטן.

— ער איז, דוכט זיך, ניט לאַנג צוריק ווידעראַמאָל געקומען? — האָט טאַניע געפרעגט מיט אַ פאַרשלאָפענער שטים, אײַנדרימלענדיק אונטער סעראַפימעס פּלוידערײַ.

— ער איז געקומען צו פאָרן... אינמיטן זומער, אום אויגוסט. מיר איז ניט גוט געוואָרן, און אַלגע האָט זיך פאַרלוירן. זי האָט מיר דערקלערט — ער איז געקומען אין אַ קאָמאַנדירונג. נאָר איך בין אויך ניט קיין בלינדע און זע — דער מענטש צעלייגט זיך דאָ, ווי שוין אַף שטענדיק. נאָר צווישן זיי איז דאָ עפּעס פאָרגעקומען. אַ סקאַנדאַל עפּעס. איך בין אַ גאַנצן טאָג אין שטוב ניט געווען. ווען כ׳בין געקומען, איז אַלגע פאַרשפּאַרט באַ זיך אין צימער, און קאָנסטאַנטין בינדט אָרום דעם טשעמאָדאַן. זי איז אַפילע ניט אַרויסגעקומען זיך מיט אים געזעגענען. ער האָט אויפגעעפנט די טיר און זאָגט איר פון דער שוועל: „האָסט אַרויסגעטריבן? וועסט עס באַדויערן"...

— אַ כוואַט! — האָט טאַניע געזאָגט, זיך אויסטשוכענדיק.

— אַ כוואַט, אַ כוואַט, אָבער איך זע, זי לײַדט ווידער. איך פאַרשטיי שוין גאָרניט — האָט ראַכמאַנעס אַף אים, צי וואָס?... און דעם פאַרגאַנגענעם כוידעש, דעם צוואַנציקסטן, האָט ער געשיקט דעם לעצטן בריוו. אָט שטעקט ער דאָרט אינעם ראַזן קאָנווערט. ער האָט מוידיע געווען נײַס, ווי מיט אַ דראַנג איבער די פּיס: „כ׳פאָר אַוועק פרײַוויליק אַפן פראָנט. כ׳וויל פאַרגיסן מײַן בלוט פאַרן היימלאַנד".

טאַניע האָט זיך פאַרוואונדערט. זי האָט זיך אַפילע אויפגעזעצט. דאָס האָט זי שוין בעשום־אויפן ניט דערוואַרט!

— עפּשער האָט ער געמאַכט בלויז אַן אָנשטעל?

— נייך, ס׳זעט אויס, ווי ער וואָלט אַף אַן עמעס אַוועקגעפאָרן.

— אויסטערליש, זייער אויסטערליש! — טאַניע האָט אומצוטרויעך געכאַפּט אַ קוק אַפן ראָזלעכן קאָנווערט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פונעם אויסגעהאַפּטענעם זעקעלע.

— און ערשט באַקלער ווײַטער. אַוועק אַפּן פּראַנט — נו, זאָל זײַן. עפּשער וועט ער קלוגער ווערן.

— נאָר זי איז ווידער עפּעס ניט אַזוי. זי פּײַניקט זיך...

סעראַפימע איז אַרויס אין קיך אַרײַן — אַ קוק טאָן, וואָס הערט זיך אַף דער פּליטע און אַ בליק צוריקגעקומען. איר שמועס האָט ווײַטער געשטראָמט, ווי אַ גלײַך טײַכל:

— וועגן וואָס טראַכט זי, וועגן וואָס כאַלעמט זי? צי קען זי דען ניט געפינען קיין בעסערן מענטשן? איז ראַגאָװ אַ שלעכטע פּאַר פאַר איר? אַ פײַנער מאַנספּאַרשוין, אַ שטאַרקער, אַ גוטער, אַ האַרציקער, ער האָט זי שוין ליב פון לאַנג, נאָך פון רובעזשאַנסק. און נאָך ווי־אַזוי ער האָט ער האָט זי ליב — זאָל זיך איר פאַרגלוסטן, וועט אַלעקסאַנדער אי־וואַנאָוויטש דאָס טעלערל פון הימל איר דערלאַנגען. ווען ער איז געווען דירעקטאָר פון אַ פיש־זאַוואָד, פלעגט ער איר צושיקן פאַרשיידנערליי געוועונדזלטע פיש, כ׳האָב ניט געוווּסט, ווו זיי אַהינצוטאָן, די גאַנצע שפּײַזקאַמער אָנגעשטאָפּט. ער האָט זיך שוין פאַר מיר פאַרקלאָגט: „אין רובעזשאַנסק האָב איך זיך ניט דערלויבט אַ קוק צו טאָן אַף איר: זי האָט געהאַט אַ מאַן. דערנאָך האָב איך אויפגעלעבט: זי איז פרײַ. אָבער ס׳האָט זיך קיין זאַך ניט געענדערט". ער פרעגט מיך: „מיט וואָס געפעל איך איר ניט?" וואָס קען מען אים זאָגן. דער מענטש איז דאָך אַ גו־טער. און מיר דוכט זיך, אַז אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש געפעלט איר יאָ, אַלגען. איז גיי פאַרשטיי זי: זי האַלט אים פונווײַטנס, ראַגאָוון. ער איז צײַטנווײַז ווי מעטורעף...

טאַניע האָט זיך דערמאָנט וועגן ראַגאָווס בריוו צו אַלגען. ס׳האָט זיך איר ניט געגלוסט אויפהייבן, האָט זי געבעטן סעראַפימען, זי זאָל אַרויסנעמען דעם קאָנווערט פון רוקזאַק. נישטערנדיק אין רוקזאַק, האָט די באַלעבאָסטע ניט אויפגעהערט צו מאַלן מיטן צונג:

— לאָמיר זאָגן, אַז עפּעס שטעלט איר אין ראַגאָוון ניט צופרידן. איז דאָ אַן אַנדער געלעגנהייט. ס׳ווינט באַ אונדז דער הויפּט־אינזשע־ניער, אַ סימפּאַטישער, זעלבשטענדיקער מענטש. אַ גוטער, אַ צוגעלאָז־טער, און אַן איינזאַמער. מיט וואָס טויג ער ניט? פאַרוואָס געפעלט ער איר ניט? וואָס פאַר אַ מענטש איז זי?

טאַניע האָט זיך פאַרגעשטעלט בערידזען באַנאַנד מיט אַלגען, ס׳איז איר ניט געפעלן געוואָרן, און זי האָט געזאָגט אומצופרידן:

— בערידזע פּאַסט זיך ניט פאַר אַלגען.

— ער פּאַסט זיך ניט פאַר איר? פאַר וועמען דען פּאַסט ער זיך יאָ?

— פאַר קיינעם ניט, דו שפּרינג ניט איבער פון איינעם אַפּן צווייטן.

— און דו ביסט אַלץ אַליין, טאַניעטשקע? וואַרטסט אַלץ אַף אַ פּרינץ? — האָט סעראַפימע לעבהאַפט געפרעגט. — כ׳וועל אַ קוק טאָן

— זשענקע איז קלוגער פון אײַך, בײדע שװיטים. זי באַגײט זיך אָן איבערלעבענישן און לײַדענישן, איר איז טאָמיד פרײלעך.

— דו זעסט ניט װי עס דאַרף צו זײַן, מומע, — האָט טאַניע געזאָגט מיט ערגערניש. — האָסט געשמועסט װי אַ קלוגע פרוי, און זיך פון װעג אַראָפּגעשלאָגן. מען קען מיט דיר קײן ערנסטן שמועס ניט פירן.

סעראַפימע האָט מיט שטאָלץ דערצײלט טאַניען װעגן דעם באַלעבאַטישקײט, װאָס זי האָט אײַנגעשטעלט: כאַזײרימלעך, הינער מיט אַ האָן, דרײַ געגנדז; אַ פּעסל אוגערקעס, אַ פּעסל קרויט; עטלעכע זעקלעך קאַרטאָפליעס אין קעלערל. טאַניע האָט זיך געמוזט אויפהײבן און באַטראַכטן דאָס גאַנצע האָב און גוטס.

זײ האָבן געכאַפּט אַ קוק אין דעם צימער, װאָס בערידזע האָט ערשט פאַרנומען. עטלעכע קלײניקײטן האָבן געענדערט די דאָזיקע קאָנסטאַנטינס געװעזענע װױנונג, װאָס איז טאַניען געװען אומסימפּאַטיש. אַ געמישטער רײען דפון טאַבאַק און אָדעקאָלאָן („ער רײכערט אַ סאַך און פּוצט די באָרד, באַשפּריצט זי מיט פּערפומען", — האָט דערקלערט די דערעסנדיקע סעראַפימאַ); פרישע טעכנישע זשורנאַלן מיט פּאַפּירענע אַרײַנלײגלעך („ער קומט שפּעט און לײענט ביז באַגינען"); אַן אָפּענער באַנד פון מאַיאַקאָװסקין, עטלעכע לולקעלעך, אַ יעגער־ביקס אַף דער װאַנט און אונטער איר אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט אַף אַ רימען („ער האָט פאַרבעטן אַלגען זי צו פאָטאָגראַפירן — האָט זי אָפּגעזאָגט, מיך האָט ער פאָטאָגראַפירט, ער לאַכט — איך האָב קוים אַ פּלאַץ געפונען אַפן קאַרטעלע"); אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ סימפּאַטישער זקײנע („זײַן מאַמע, זי װױנט אין גרוזיע, אין דער שטאָט, װוּ סטאַלין איז געבוירן געװאָרן; ער רעדט זײער אײדל װעגן דער מאַמען, ער שיקט איר געלט און בריװ"); קינסטלעריש אויסגעפּאַרטיקטע מאַקעטן פון בריקן, אַ מאָדעל פון עפּעס אַ ציליגדערישן מעכאַניזם, אַ שטויס פאָטאָגראַפיעס פון דער װײַט־מיזרעכדיקער טײַגע און דעם אַדון („ער האָט אונדז דערצײלט — דעם גאַנצן קאַנט איז ער אַדורכגעגאַנגען, געאַרבעט אַף אַ סאַך בױונגען, ער לאַכט — איך װעל בױען, ביז װאַנען ס'װעלן קײן בלױזע ערטער אַף אונדזער ערד ניט איבערבלײַבן, דעמאָלט װעל איך פאַר זיך אַלײן אויפבויען אַ דענקמאָל און זיך לײגן אונטער אים").

אָלגע האָט זײ דערװישט שמועסנדיק.

— איר פליאָטקעװעט? — האָט אָלגע געפרעגט, אַ קוק טוענדיק מיט כשאַד אַף סעראַפימען, אַף דער כאַװערטע און אַפן מאַנס פאָרטרעט.

— דו האָסט אַװאַדע, באַלעבאָסטע, ניט געלאָזט אַ מענטשן זיך אָפּרוען מיט דײַן פּלוידערײַ.

סעראַפימע איז גלײַך שטיל געװאָרן, האָט אונטערגעכאַפּט דער פּלימעניצעס פוטער און פאַרשװוּנדן. די כאַװערטעס האָבן זיך אַרומגענומען.

— עגיפּטערן, ביסט מאָגער געוואָרן, די אויגן זײַנען נאָך גרעסער געוואָרן, — האָט טאַניע צערטלעך געזאָגט.

— איך קרענק ווידער, — אָלגע האָט אויפגעהויבן אירע פאַרבאַנדאַזשירטע הענט. עס פלעגן זיך בײַ איר איבערכאַזערן צוויי מאָל אין יאָר אַטאַקעס פון געלענק־רעוומאַטיזם. זי האָט רויִק געקוקט אויף טאַניען מיט גרויסע העל־בלויע אויגן. אין איר גלאַטער פריזור מיט אַ שרינט אינמיטן, אין די קוים באַמערקטע ביטערע פאַלדן אַרום די ליפּן, אין איר גאַנצן איידעלן פּאָנעם האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַן אויסדרוק פון שטרענגער זאָרג.

טאַניע האָט נאָכאַמאָל מיט ברען אַרומגענומען אָלגען. אַלצאיינע אין דער וווקס, האָבן זיי זיך שאַרף אונטערגעשיידט איינע פון דער צווייטער: טאַניע האָט אויסגעזען פעסטער, שטאַרקער פון דער דעליקאַטער, איידעלער און ברוינער אָלגען.

— האָסט מיטלייד מיט מיר, טײַערע כאַווערטע? איך זע, סעראַפימע האָט דיר אָנגעפּלוידערט אַלערליי שטוסים — ביסטו צעקראָכן געוואָרן.

אָלגע האָט זיך באַפרײַט פון טאַטיאַנעס אַרומנעמונג און זי געבעטן, זי זאָל איר אויפבינדן אויף דער פּלייצע די בענדעלעך פונעם דאָקטערישן כאַלאַט. די טונקלקייט איז גיך געדיכטער געוואָרן, צו די פענצטער איז צוגעקומען די נאַכט. די כאַווערטעס זײַנען געזעסן אין דער פינצטער, ביז וואַנען די עלעקטראָ־סטאַנציע האָט ניט געגעבן קיין ליכ.ט אָלגע האָט געוויגט, ווי אַ קינד, דאָ איין האַנט אירע, דאָ די צווייטע.

— דו דאַרפסט ליגן, ניט גיין אין שפּיטאָל אַרײַן, — האָט טאַניע געזאָגט. — כ׳שטעל זיך פאָר, וויפל קלאָפּאָטן דו האָסט דאָרט. כ׳האָב געהערט, אַז אַ העלפט פון דעם מעדיצינישן פּערסאָנאַל האָט מען גערופן אין דער אַרמיי...

ווי געוויינלעך נאָענטע פרײַנט, ווען זיי באַגעגענען זיך נאָך אַ צעשיידונג, האָבן זיי אין דעם געשפּרעך באַרירט אַ סאַך טעמעס, שנעל אַריבערשפּרינגענדיק פון איין קעגנשטאַנד אויפן צווייטן.

— דער קוואַרטיראַנט שטערט דיר ניט? — האָט טאַניע געפרעגט פאָרזיכטיק: בערידזע האָט איר דאָך עפּעס פאַראינטערעסיט.

— ניין. ער איז ניט קיין צודרינגלעכער, אַ דעליקאַטער מענטש. אין שטוב איז ער ווייניק. ער איז זייער אויפמערקזאַם צו די אַרומיקע.

— צו דיר?

— צו מיר אויך. ער פאַרמאָגט אַ סאַך גוטסקייט — זי קען קלעקן פאַר צען. סעראַפימע קען זיך פון אים ניט אָפּלויבן און, וויפל כ׳זאָל זיך ניט קריגן מיט איר, עקספּלואַטירט זי אים. דאָ זאָל ער איר האָלץ אַרײַנברענגען, דאָ זאָל ער עפּעס קריגן פאַר איר. ס׳איז צוליב אים רוי־

קער אין שטוב געוואָרן, איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס. צי איז אונדז, פרויען, אומבאַדינגט נייטיק צו האָבן אַ מאַנספּאַרשוין אין דער נאָענט ?

— כ׳ווייס ניט, איך האָב ניט קיין דערפאַרונג אַף דעם געביט, — האָט טאַניע שפּאַסיק געזאָגט.

— דו זאָלסט מיר נאָר ניט אומאָנשטענדיק פאַרשטיין. צי ליגן מיר אַזעלכע זאַכן אין זינען ?

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אָן פאַרדרוס, מיט אומעט. טאַניע האָט פּײַנטלעך אַ קוק געטאָן אַף ראַדיאָנאָווס פּאָרטרעט, באַמערקנדיק, אַז אַלגע קוקט אַף אים.

— פאַרוואָס טראַגסטו אַזוי שווער אַריבער זײַן אַפּפאָרן אַפן פראָנט ? איר האָט דאָך סײַווי געלעבט אין צעשיידונג, און פריִער אָדער שפּעטער וואָלט מען געמוזט אַ סאָף מאַכן צו אַזאַ לעבן. סעראַפימע זאָגט, אַז ער איז אַוועק אַ פרײַוויליקער. דאָס איז איידל, איך האָב פון אים ניט דערוואַרט אַזעלכעס. זײַ מיר מויכל מײַן אָפנהאַרציקייט.

— אָט דאָס איז עס טאַקע, וואָס שוין צופיל איידל, — האָט אַלגע אומדערוואַרט פאַר טאַניען מאַסקים געווען. — ווען ער וואָלט אַוועקגע־גאַנגען אַפן פראָנט, ווי ס׳גייען אַוועק אָרטנלעכע מענטשן ! — אַלגע האָט אַ קוק געטאָן צו דער טיר און אָנגעהויבן ריידן שטילער: — ער איז דאָך געקומען צו פאָרן אַהער, און איך האָב אים געגלויבט, אַז מ׳האָט אים צו אונדז אַריבערגעפירט, דערפאַר וואָס ער קען ניט לעבן אין צע־שיידונג מיט מיר. און ער האָט עפּעס אַנדערש געהאַט אַפן זינען. ער האָט זיך פראָסט־פּאָשעט דערוווּסט, אַז מע דאַרף אים אויסשליסן פון רעזערוו און מאָביליזירן, און זיך אונטער אַ וועלכן אויסרייד אַריבערגע־כאַפּט אַהער. איך האָב אים געגלויבט און ניט געגלויבט. דערנאָך האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אים אײַנאָרדענען אַף אַרבעט. זאָג איך צו אים: „גיי אַפן פראָנט. דו ביסט אַ דאָקטער און אַ געזונטער מענטש״. וואָלסטו באַדאַרפט זען מיט וואָס פאַר אַ בליק ער האָט מיך באַשאָנקען — אַ לעבן לאַנג אים ניט צו פאַרגעסן ! „און דו, זאָגט ער, וועסט מיר געבן אַ צווייטן לעבן ? ס׳ווועלן זיך אָפּגעפינען בעריעס אויך אָן מיר. דו העלף מיר בע־סער צו באַקומען אַ ווײַסן בילעט, האָסט דאָ גרויסע פאַרבינדונגען און ביסט אַ מיטגליד פון דער אָפּקלײַב־קאָמיסיע. דו ביסט מײַן איינציקע האָפענונג״. רויִק און כוצפּעדיק האָט ער עס מיר געזאָגט — ווי איבערן פאָנעם אַ פּאַטש געטאָן. אויסער זיך, האָב איך אים געהייסן גלײַך זיך פאַרנעמען !

— ריכטיק ! — האָט טאַניע געזאָגט אין צאָרן.

— מיר איז, וואָס אָן עמעס, לײַכטער געוואָרן, ווען ער איז אַוועק־געפאָרן. און פּלוצים דער דאָזיקער בריוו. ער איז פאַלש דורך און דורך, קענסט זיך אַליין איבערצײַגן, איך קען ניט פאַרשטיין — וואָס האָט

ער דאָ צוגעטראַכט? ניט־שוין־זשע ווידעראַמאָל אַ שעקער? אָדער ער איז סאָפּקאָלסאָף צום פאַרשטאַנד געקומען? ס'איז אַזוי שווער!...

די לעצטע ווערטער האָבן זיך באַ איר אַרויסגעריסן קימאַט מיט אַ קרעכץ. טאַניע האָט זיך אויטאָמאַטיש אַ בייג געטאָן צו דער פרײַנדן.

— זעסט וויפל איך האָב צוליב מײַן ווײַבערישער געקריוודעטקייט באַרעדט אַ מענטשן! — האָט זיך אָלגע, ווי זי וואָלט צום זינען געקומען, פירגעהאַלטן. זי איז ווי מיטאַמאָל פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. — אַ מענטש ריזיקירט אָפן פראָנט מיטן לעבן, און איך וואַש אים דאָ איבער די ביינדעלעך.

אָלגע האָט זיך אויפגעהויבן, דערהערנדיק שטימען אין פאָדערצימער. ברידזע איז געקומען, און ניט אַליין — מיט קאָוושאָוון.

— אַנטשולדיקט מיר, באַלעבאָסטעלעך. איך קען ניט אָפּלאָזן דעם דאָזיקן היימלאָזן. דערלויבט אים דערוואַרעמען די נעשאָמע אין אײַער פרײַנטלעכן הויז.

ס'איז געקומען צו לויפן זשעניע און פול געמאַכט די שטוב מיט טומל, אויסגעשרייען, מיט אַ געדיכט, זינגענדיק געלעכטער. סעראַפימע האָט געשײַנט — זי האָט ליב געהאַט אויפצונעמען געסט — און פײַערלעך געדעקט דעם טיש אין ברידזעס צימער. ס'האָט זיך באַוויזן געזאַלצענער סיבירער לאַקס, געזאַלצן גרינוואַרג, קאַלט הירשן־פלייש.

— אַ באַשיידן צובײַסן, נאָר דערפאַר אינגאַנצן אייגנס, ווײַט־מיזרעכדיקס. איך ווייס ניט צי דער ספירט איז היגער? — די דאָזיקע פראַגע האָט זי געשטעלט ברידזען, אַנווײַזנדיק אויף אַ גרין־גלעזערנעם בוטל מיט ספירט. — צעפירט אים, איך בעט אײַך, געאָרגי דאַווידאָוויטש, לויט אײַער אײַנזען.

ברידזע האָט זיך, אַרײַנשמייכלענדיק אין דער באָרד, פאַרנומען מיט דער „כימיע". — ער האָט צעפירט דעם ספירט. אַלעקסיי, וועלכער איז געווען אַנגענעם איבערראַשט פון דער וואַרעמקייט און געמיטלעכקייט, וואָס ער האָט ניט דערוואַרט צו טרעפן, האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז דער מענטש, אויב ער איז אַ גוטער מענטש, קען מאַכן דאָס לעבן וואַרעם אַפילע אין אַ הויז פון אײַז. זעצנדיק זיך לעבן קאָוושאָוון הינטערן טיש, האָט אים ברידזע אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער:

— דוכט זיך, איך האָב זיך פאַרליבט, אַליאָשע. כ'שפּיר אַצינד ווי קופּידאָס באַרימטע פײַל שטעכט זיך אַרײַן אין מײַן באַכעריש האַרץ. טרעף, אין וועלכער פון די דאָזיקע פּרעכטיקע פרויען האָב איך זיך פאַרליבט? — ער האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון טאַניען.

— ס'איז ניט קיין שווער רעטעניש, — האָט זיך קאָוושאָוו צעלאַכט.

— ס'איז ניט פײַן זיך איבערצושעפּטשען, נאַטשאַלניקעס, — האָט טאַניע אַ זאָג געטאָן מיט פירהאַלט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי שמועסן וועגן איר, און איז צופרידן געווען פון ברידזעס אויפמערקזאַמקייט.

— געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט מיר פֿאַרגעבן אַ רעטעניש, — האָט אַלעקסיי געזאָגט.
— און ניט קיין שווערע. — האָט בערידזע צוגעגעבן.
— אונדז אינטערעסירן רעטענישן! — איז זשעניע לעבעדיקער געוואָרן.
— דאָס רעטעניש איז אַזאַ: אין וועלכער פֿון די אַנוועזנדיקע פֿרויען וואָלט איך זיך גיכער פֿון אַלץ פֿאַרליבט?
— איר האָט געזאָגט — ניט זייער קיין שווערע, און אַ קוק געטאָן אַף טאַניען. קלאָר און פֿאַרשטענדלעך, — האָט זיך זשעניע פֿאַרקרימט אומצופֿרידן.
— ס׳איז שווער צו זאָגן, ס׳זאָל אײַך זײַן קלאָר און פֿאַרשטענדלעך. איך קען קיין אויסוואַל ניט מאַכן, ווײַל איך האָב זיך פֿאַרליבט אַ סך פֿריִער איידער כ׳בין אַהער געקומען.
— איך האָב לאַכלוטן פֿאַרגעסן! ס׳איז דאָך באַ אים דער האָניקכוידעש.
זשעניען האָט זיך געגלוסט ריידן אַ ביסל לאָשן־הארע, זי האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן אונטער אַלעקסייס בליק.
— אין דער פֿאַרוואַלטונג האָט איר מיר איבערגעשראָקן. כ׳האָב געציטערט, שמועסנדיק מיט אײַך, — האָט טאַניע געזאָגט קאָושאָוון. — שטרענגקייט, שטאָלצקייט און מעטאַל אין דער שטים. אין דער ווירקלעכקייט זײַנט איר אַן אַנדערער.
— נעמלעך?
— אַזעלכער, ווי ערשט. ווען איר וואָלט געשריבן לידער, וואָלט מען אײַך אָנגערופֿן ליריקער.
זשעניע האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, אַלעקסיי האָט זיך אויך צעלאַכט.
— לאַכט ניט, איך רייד עס ערנסט. אין מײַנע אויגן איז דער ליריזם פֿון דער נעשאָמע, אויב ער איז גאָר ערנסט, אַ גוטע אייגנשאַפֿט אינעם מענטשן.
— זי האָט זיך צעלאָזט! — האָט זשעניע געזאָגט מיט פֿאַרדרוס.
— אַ מיידל — אַ פֿילאָזאָף. סעראַפֿימע, ראַטעווע!
— טאַניעטשקע, רײַס איבער דײַנע לירישע שמועסן! — האָט סעראַפֿימע אַ קאָמאַנדעווע געטאָן. נאָכן אַנלויפֿן זיך און די זאָרגענישן האָט זי זיך אײַנגעאָרדנט אין ווינקל טיש לעבן אַלגען און האָט אויפֿגעהויבן אַ קעלישאָק מיט צעפּירטן ספּירט. — געאָרגי דאַווידאָוויטש, איר זײַנט באַלעבאָס, דאָס וואָרט געהער אײַך.
— איך בין ניט קיין באַלעבאָס, סעראַפֿימע ראַמאַנאָוונע, נאָר אײַער גליקלעכער טיש־זיצער און צײַטווײַליקער קוואַרטיראַנט אין דעם דאָזיקן גוטן הויז, ווו מיר האָבן זיך אומגעריכט פֿאַרזאַמלט. נאָר כ׳וועל אויס־

נוצן דאָס רעכט, וואָס מיר איז געגעבן געוואָרן, צו האָבן דאָס ערשטע וואָרט. — בערידזע האָט זיך אויפגעשטעלט. — ס׳זײַנען פאַראַן אַ סאַך טעמעס פאַר פרײלעכע טאָסטן. איך וועל זיי הײַנט ניט באַרירן. איך מיין, אַז דער ערשטער טאָסט דאַרף אויסדריקן דאָס בעסטע, וואָס לעבט אַצינד אין אונדזערע הערצער און געדאַנקען, איך בעט אײַך אויסטרינקען פאַר אונדזער מאָסקווע...

זיי האָבן אויסגעטרונקען. אַ רעגע איז אַריבער אין שטילשווײַגן. ס׳איז איבערגעריסן געוואָרן דורך סעראַפּימען. זי האָט דערציילט וועגן אירן אַ צוזאַמענשטויס מיט איינער אַ פּרוי, וועלכע האָט פּאַרזיכערט, אַז מאָסקווע זאָל קלוימערשט אָפּגעגעבן ווערן די דײַטשן. די דאָזיקע פּרוי האָט זיך פאַררופן אַף דער טאַקטיק פון דער מילכאָמע אין יאָר 1812.

— איך האָב איר אויפגעקלערט די טאַקטיק. די פּיס האָבן זי קוים אַוועקגעטראָגן, די האַרינע!

סעראַפּימע האָט אויפגעהויבן אַ מעכטיקע פויסט.

זי איז לײַכט אויפגעשפּרונגען, געלאָפן אין קיך אַרײַן און צוריקגעקומען מיט אַ פּאָלומיסעק, אַף וועלכן ס׳האָט געפּאַרעט אַ באַרג הייסע קרעפּלעך.

— איך האָב אַ גוטן טאָסט, — האָט זיך זשעניע אויפגעשטעלט.

— איך לייג פאַר אויסצוטרינקען פאַרן וועטן מיזרעך, פאַרן סאַמע טיפסטן הינטערלאַנד, וועלכער קען זיך צו יעדער צײַט פאַרוואַנדלען אין אַ פאָדערשטער ליניע. זאָל דער כאַוער פון מאָסקווע פּרווון ניט אויסטרינקען!

זשעניע האָט אָנגעשלאָגן איר גלעזל אין אַלעקסייס קעלישאָק, בעריעש אויסגעטרונקען דעם בראָנפן, זיך פאַרקרימט, און אַ שוועב געטאָן מיט די הענט.

— אײַער טאָסט נעם איך אָן מיטן גאַנצן האַרצן, — האָט קאָוושאָוו געזאָגט ערנסט.

נאָך אים האָבן די איבעריקע אויסגעטרונקען.

טאָניע און בערידזע זײַנען געזעסן איינער קעגן צווייטן. געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט זיך בעפּיירעש אָנטציקט מיט טאָניען און געטראַכט: „זאָל אַ קינסטלער מאָלן אָזאַ פּאָנעם, — וועט מען אים ניט גלייבן, עס איז שוין זייער שיין”.

— טאָטיאַנע פּעטראָוונע, איר זײַנט אַ צוגעפאָרענע, צי אַ ווײַטמיזרעכדיקער טוישעוו? — האָט ער געפרעגט.

— אַ טוישעוו, איך בין געבוירן געוואָרן אין רובעזשאַנסק. די מאַמע וווינט נאָך הײַנט דאָרט. אַ לערערן, שוין אַן אַלטינקע. איך בעט זי קעסיידער צו זיך, נאָר זי קען זיך ניט שיידן מיט דער שול.

— און דער טאַטע.

— ער איז אומגעקומען הינטער וואָלאָטשאַיעווקע. — טאָניע האָט אַ קוק געטאָן אַף בערידזען, ווי באַשליסנדיק, צי לוינט זיך ווײַטער צו

דערציילן. — איך בין דעמאָלט אַלט געווען פיר יאָר. איך געדענק אים ניט. דערפאַר אָבער האָב איך אַ סאַך געהערט. איך שטאָלציר מיטן טאַטן. בא אונדז אין שטוב איז געווען באַיקאַ־פּאַוולאָוו... איר ווייסט אַוואָדע, ווער דאָס איז... ער האָט גוט געדעדט וועגן טאַטן. באַיקאַ־פּאַוולאָוו איז געקומען צו אונדז אין אינסטיטוט אָפּן אַרויסלאָז־אָוונט און געהאַלטן אַ גרויסע רעדע, און צו מיר האָט ער זיך געווענדעט באַזונדער: „דײַן טאַטע, פּיאָטר וואַסילטשענקאָ, איז געווען אַ געטרײַער קאָמוניסט און דרײַסטער פּאַרטיזאַן. דו פאַרגעס ניט, וואָס דו האָסט אים צו פאַרדאַנקען... ס'אַ שאָד, וואָס ער האָט ניט דערלעבט דעם הײַנטיקן טאָג, מײַן בראָווער שלאַכט־כאַוער!"... זעט נאָר, ווי כ'האָב זיך צעלאָזט! — האָט זיך טאַניע געכאַפּט, — ס'איז אײַך לאַכלוטן ניט טשעקאַווע צו הערן אַזעלכע פּראָטים.

אָבער בערידזען איז אינטערעסאַנט געווען צו הערן טאַניען. ס'האָט אים גערירט איר דערציילונג. ער האָט זיך צום האַרצן גענומען אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכעס געהאַט צום מיידל. אין דעם טומל פון די שטימען האָט ער אַצינד פאַרנומען בלויז איר שטים.

סעראַפימע האָט זיך געערגערט: די געסט זײַנען צו פרי אַוועק פון טיש, די וואַרעניקעס אין קיך האָבן זיך ניט דערוואַרט אָף זייער ריי. זי האָט געדראָט געבן אַ גאָב זשעניען — יענע איז די ערשטע אַרויס־געשפּרונגען פון אונטערן טיש און אַנטלאָפן צו אָלגען אין צימער אַרײַן. ס'האָט זיך דערהערט פון דאָרט דער פּאַטעפאָן.

— דער „וואַלס אָף די סאָפּקעס פון מאַנדזשוריע", — האָט זשעניע געמאָלדן, זיך באַווײַזנדיק. זי האָט זיך פאַררויטלט, אירע אויגן און באַקן האָבן געגליט. — ס'פאַרבעטן די דאַמען, ווײַל זיי זײַנען מער. איר באַ־וויליקט, טײַערער מאָסקווער? — זי האָט פאַרבעטן אַלעקסייען.

— איך קען ניט.

— איר קענט ניט? דאָס איז אַפילע לעכערלעך — אַ מאָסקווער, וואָס קען ניט טאַנצן!

— איך קען ניט, — האָט אַלעקסיי איבערגעכאַזערט.

— נו, וואָס פאַר אַ פּאָנעם האָט עס? — האָט זשעניע געפרעגט, באַטראַכטנדיק אַלע. מיט אַ שפּאַס האָט זי געפּרווט פאַרבאָרגן איר פאַרלעגנהייט. — צי זעט עס ניט אויס ווי אַ פערזענלעכע באַליידיקונג? אָט סאַראַ מענטש ער איז, דער ליריקער! ס'וועט אויסקומען צו טאַנצן מיט סעראַפימען.

— מיר וועלן קאָנטראָלירן, — האָט טאַניע געזאָגט, זיך אויפגע־הויבן און צוגעגאַנגען צו אַלעקסייען. — איך פאַרבעט אײַך.

אַלעקסיי האָט זיך אַפּסנײַ אָפּגעזאָגט. אויך בערידזע האָט זיך פאַר־וווּנדערט:

— וואָס טוט זיך מיט דיר, ליבער?

— איך האָב געזאָגט: כ׳קען ניט! אַנטשולדיקט! — האָט שוין ביי זעלעך אַ ביסל אָפּגעשניטן קאָוואשאָוו.

— פאַרבעט מיך, — האָט געאַרגי דאַווידאָוויטש פאַרגעלייגט. — כ׳בין ניט פון די בעסטע טענצער, נאָר דרייען זיך קען איך ביז צום טויט.

טאַניע האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַף אַלעקסייען, וואָס האָט זיך אַנגעכמורעט, און דערלאַנגט די האַנט בערידזען:

— לאָמיר זיך אַ דריי טאָן, נאָר פאַרדרייט מיר ניט דעם קאָפּ.

זשעניע איז ניט אָפּגעטראָטן פון קאָוואשאָוון:

— סאַראַ לעכערלעכער איר זייַנט, אַ נאַיווער. איר טראַכט אויס פאַרשיידענע קאָמפּליצירטקייט. קומט, לאָמיר טאַנצן.

— זשעניע, לאָז צו רו! — האָט שטיל געזאָגט אָלגע מיט איר ברוסטיקער, לייַכט וויברירנדיקער שטים.

קאָזלאָווע האָט אַ קוק געטאָן אַף איר, אַף אַלעקסייען, אַ מאַך געטאָן פאַרדריסלעך מיט דער האַנט און אַוועקגעלאָפן צו די טאַנצנדיקע.

אָלגע האָט מיט גרויס סימפּאַטיע געקוקט אַף קאָוואשאָוון. זי האָט אַ סאַך געהערט וועגן אים פון בערידזען.

— העלפט מיר פאַררייכערן, — האָט זי אים אַ בעט געטאָן: די באַנדאַזשן אַף די הענט האָבן אים געשטערט.

צוקומענדיק מיטן אַנגעצונדענעם שוועבעלע, האָט זיך אַלעקסיי ניט ווילנדיק באַגעגנט מיט איר בליק. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין אירע ברייט צעעפנטע אויגן, אין דער טיף, באַהאַלטן זיך ליידן.

„געוויינלעך שפּיגלט זיך אין די אויגן אָפּ די אַרבעט פונעם פאַר־שטאַנד, און אין די דאָזיקע ווי עס וואָלט זיך אַנגעזען דאָס האַרץ”, — האָט קאָוואשאָוו אַ טראַכט געטאָן.

— איך האָב ניט ליב, ווען פרויען רייכערן, — האָט ער געזאָגט, אָפּטרייַבנדיק דעם טאַבאַק־רויך. — ווען איך וואָלט אַרויסגעגעבן גע־זעצן, וואָלט איך פאַרווערט פרויען צו רייכערן.

— מעדיקער רייכערן אַ סאַך, ס׳איז אַ פּראָפעסיאָנעלע געוווינהייט. פערזענלעך בין איך קימאַט גלייַכגילטיק צו טאַבאַק. — זי האָט פאַר־לאָשן דעם פּאַפּיראָס. — איר טאַנצט בעעמעס ניט?

ער האָט איר געענטפערט ניט טייקעף:

— איך טאַנץ. מעגלעך, אַז אויך אייַך וועט זיך דאָס אויסדוכטן לעכערלעך און נאַיוו, נאָר איך בין איצטערווירקלעך עפּעס... נו, פּאַ־שעט איך קען ניט טאַנצן. מייַן פרוי איז אָפן פראָנט. אַפילע ניט אָפן פראָנט, נאָר הינטערן פראָנט...

— דאָס איז קלאָל ניט לעכערלעך און ניט נאַיוו! — האָט אָלגע

געזאָגט גערעגט און אים אַ דריק געטאָן די האַנט מיט איר פֿאַרבאַנ־דאַזשירטער.

זיי האָבן געשוויגן, אײַנהערנדיק זיך צו דער פּאַמעלעכדיקער און אומעטיקער וואַלס־מעלאָדיע.

— איך האָב שטאַרק כיישעק זיך מיט אײַך צו באַפֿרײַנדן, — האָט אָלגע געזאָגט. — צומאָל איז זייער נייטיק אַ קלוגער און געטרײַער פֿרײַנט! וואָס האָב איך אײַך געוואָלט זאָגן? יאָ! איך בין צופֿרידן פֿאַר אײַך, זייער צופֿרידן. איר זײַנט אַ גליקלעכער מענטש, האָגאָם ערשט איז אײַך ניט אַזוי לײַכט. אין אײַער ליבע קען מען ניט צווייפֿלען, און אײַך האָט מען, וואָרשײַנלעך, אויך ליבגעהאַט און רייןֹ, ווי איר האָט ליב. אָבער עס טרעפֿט אַן אַנדער מין ליבע — אַ פֿינצטערע, אַ דריקנדיקע. שטעלט אײַך פֿאָר, איר האָט ליב באַקומען, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן — איבערגעגעבן, הייס. און אָט דערזעט איר אַמאָל — אײַער ליבע איז ניט קיין ריכטיקע, זי איז — אַן אומגליק. אָבער זי עקזיסטירט, דו קענסט זיך פֿון איר אַזוי לײַכט ניט אָפּזאָגן. איר האָט ניט געהערט דאָס שפּריכוואָרט: „אויב דו ווילסט געליבט זײַן — האָב ליב"? מאָש־מאָעס, אַז דאָס איז אַ פֿאַלש שפּריכוואָרט. נאָר איך האָב אין דעם גע־גלויבט. איך האָב באַשלאָסן ליב צו האָבן אַזוי, אַז מײַן ליבע זאָל מאַכן אַ ווערטלאָזן מענטשן פֿאַר אַ גוטן. — אָלגע האָט צוגעמאַכט די אויגן. אויסגעפּײַניקט זײַנען געלעגן אויף אירע קני די פֿאַרבאַנדאַזשירטע הענט. — און שפּעטער איז אויסגעקומען זיך צו איבערצײַגן, אַז די ליבע איז ניט קיין ריכטיקע, זי איז האָפֿענונגסלאָז... איז איבערגעבליבן בלויז איינס: זיך ראַנגלען מיט איר. סאַראַ שרעקלעכער גראַנגל! קיינער קען אים צו הילף ניט קומען, און דער זיג וועט קיין פֿרייד ניט פֿאַרשאַפֿן.

אָלגע איז אַוועקגעגאַנגען צו דער טיר און געשטאַנען דאָרט פֿאַר־יאָסעמט. דאָס קלעמענדיקע געפֿיל האָט זיך פֿון איר איבערגעגעבן אַלעק־סייען. ער האָט ניט געקענט ניט צוגיין צו אָלגען, און, צוקומענדיק, האָט ער ניט געוווּסט, מיט וואָס פֿאַר אַ ווערטער זי צו טרייסטן.

— אָלגאַ פּיאָדאָראָוונאַ... איך בין צופֿרידן, וואָס איך האָב זיך מיט אײַך באַגעגנט, — האָט אַלעקסיי געזאָגט, — מיר ווילט זיך, איר זאָלט גלייבן אין אונדזער פֿרײַנטשאַפֿט. ווייסט, אַז איך בין טאָמיד גרייט צו קומען אײַך צו הילף. טאָן אַלץ, אַבי אײַך זאָל זײַן בעסער.

ער האָט זיך אײַנגעבויגן צו איר האַנט, צוגעדריקט די ליפּן צום באַנדאַזש, וואָס האָט געשמעקט מיט רעפּועס, און, פֿון קיינעם ניט באַ־מערקט, זיך געלאָזט צו דער אַרויסגאַנג־טיר.

קאַפּיטל עלף

וועגן אַלטע זינד

אַף טאַטיאַנע וואַסילטשענקאָס פּאָדערונג האָט קאַליע סמירנאָוו גערופן אַ קאָמיוגיסטישע פאַרזאַמלונג. ווי נאָר ער האָט געמאָלדן דעם סיידער־האַיאָם און געגעבן דאָס וואָרט טאַניען, זיינען אַריינגעקומען באַטמאַנאָוו, זאַלקינד, בערידזע, דער גאַנצער באַשטאַנד פון דער פּאַרטיי־ביוראָ און עטלעכע נאַטשאַלניקעס פון אָפּטיילן. די קאָמיוגיסטן, אַלע ביז גענקע פּאַנקאָוון האָבן פאַרשטאַנען, אַז די אַנפירערשאַפט פון דער בויונג גיט צו אַ גרויסע באַדייטונג דעם פאָרשלאָג פון זייער געוויזענעם קאָמסאָרג.

— מיר זעצן פאָר אונדזער אַרבעט, — האָט סמירנאָוו געזאָגט מיט ווירדע, און מיט אַ קאָפּשאָקל פאַרבעטן טאַטיאַנען צו ריידן.

אַרומריידנדיק אַף אַ זאַכלעכן אויפן דעם טאָך פון איר פּראָיעקט, האָט זיך דאָס מיידל געוואַנדן צו אַלע קאָמיוגיסטן מיטן רוף צו פאַרשרייבן זיך פרייוויליק אין דער קאָלאָנע פון די פאַרבינדלער.

— מיר האָבן ערשט די מעגלעכקייט אַרויסצווייזן אונדזער פּאַטריאָטיזם אַף דער וואָר, — האָט טאַניע גערעדט.

ס׳האָט געבעטן אַ וואָרט באַטמאַנאָוו.

— מע קען ווייטער ניט אויסקומען, פריינט מיינע, אָן אַ טעלעפאָנישער פאַרבינדונג — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג.
— זי איז אונדז נייטיק, ווי אַ מענטשן זיינען נייטיק די אויגן און די אויערן. איר האָט געהערט וואַסילטשענקאָן — מע קען די פאַרבינדונג דורכציען אין מעשעך פון זעקס וואָכן.

נענטער פון אַלעמען צו באַטמאַנאָוון איז געזעסן גענקע פּאַנקאָוו, ער האָט מיט זשעדנער אויפמערקזאַמקייט, עפּענענדיק אַ ביסל דאָס מויל,

נײַגעריק געקוקט אַף וואַסילי מאַקסימאָוויטשן. באַטמאַנאָוו האָט באַ־מערקט דאָס ייִנגל און אָפּט געקוקט אין זײַן ריכטונג.

— מע קען, פאַרשטייט זיך, מיט אַ באַפעל באַשטימען אין דער קאָלאָנע אַלע, וועמען וואַסילטשענקאָ וועט אָנרופן. איך וויל דאָס ניט טאָן. די פאַרבינדלער שטייען פאַר גרויסע שוועריקייטן, ס'וועט אויסקו־מען צו אַרבעטן אין דער טײַגע אין ברענענדיקע פרעסט. פאַר אַזאַ זאַך דאַרף מען זיך נעמען פרײַוויליק, מיט אויפריכטיקייט און אַנטשלאָסנ־קייט. אַזוי גייען די שלאַכטלײַט אַפּן פראָנט אויסצופירן אַ וויכטיקע אויפ־גאַבע. ווער עס פילט זיך ניט זיכער אין זײַנע קויכעס, ווער עס האָט ניט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט, — זאָל דער בעסער פאַרבלײַבן אַף זײַן איצ־טיקן אָרט.

— ווער וויל זיך אַרויסזאָגן, ווער האָט אַ פאָרשלאָג ? — קאָליע האָט פון דער הייך פון זײַן ווּקס באַטראַכט די כאַוויירים.

— ס'איז ניטאָ וואָס זיך אַרויסצוזאָגן, הייב אָן צו פאַרשרײַבן ! — האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן.

— פאַרשרײַב מיך !

סמירנאָוו האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן בלײַער אין טיש :

— טומלען דאַרף מען ניט. מיר וועלן אַרבעטן רויִק.

מ'האָט אָנגענומען אַ באַשלוס : אונטערהאַלטן טאַטיאַנע וואַסיל־טשענקאָס איניציאַטיוו, בעטן די אָנפירונג איבערצוענטפערן דעם קאָלעק־טיוו פון די קאָמיוגיסטן אַף דער בויונג די טעלעפאָן־פאַרבינדונג ווי אַ זעלבשטענדיקן אָביעקט.

— איצט וועלן מיר אָנהייבן צו פאַרשרײַבן ! — האָט קאָליע גע־זאָגט.

עס זײַנען צוגעגאַנגען באָכערים און מיידלעך — צייכענער, בוכפי־רער, מאַשיניסטקעס. טאַניע האָט צווישן זיי דערזען זאַלקינדס סעקרע־טאַרן, אַ יונגינקע מיידל מיט אַ קײַלעכיק פּענעמל.

— ריכטיק, זינע ! — האָט באַגיטיקט דער פאַרטאָרג.

דערהערנדיק דעם געליבטן נאָמען, האָט אַלעקסיי אויפגעציטערט און אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַפּן מיידל. פעטיע הודקין האָט צעדרו־דערט געשעפּטשעט וואַסילטשענקאָן אַפּן אויער :

— מיר גלוסט זיך זייער גיין מיט דיר, טאַטיאַנע. נאָר כ'האָב דיר געזאָגט : קאָוושאָוו פירט מיך אַריבער אין דער פראָיעקטירונג־אָפּטיילונג. דאָס איז דאָך מײַן טרוים !

— פאַרבלײַב, איך בעט דיך, מיט דײַן טרוים ! — טאַניע האָט זיך אָוועקגעקערט פונעם צייכענער.

— גיין, אָדער ניט גיין, ווי מיינט איר ? — האָט זשעניע געפרעגט באַ אַלעקסייען.

— ווי איר ווילט. און ווי מיינט איר אַליין ?

— מיר איז אַלץ אײנס! — האָט זשעניע געהויבן די פּלײצעס. — איך בין אַן עקאָנאָמיסט, איך פיר אויס אַ נײטיקע אַרבעט. ערלעך גע־רעדט, גלוסט זיך מיר ניט זײער אַוועקגײן פון דאַנען.

קאָוושאָוון איז איר ענטפער ניט געפעלן.

— און גרעטשקין וועט מיך סײַווי ניט פרײַלאָזן, — האָט זי צו־געגעבן. — ער זאָגט — איך בין זײַן אָנשפּאַר. כ׳קען אָרעוו זײַן, אַז דאָס שעפּטשעט ער איצט וועגן מיר מיט דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

ווירקלעך, גרעטשקין האָט זיך צוגערוקט צו באַטמאַנאָוון און אים דערוויזן: ס׳איז גוט, וואָס אַלע קאָמיוגיסטן זײַנען גרייט צו גײן מיט טאַטיאַנע וואַסילטשענקאָ, נאָר אײניקע קען מען ניט אָפּלאָזן, זײ זײַנען נײטיק ווי ספּעציאַליסטן.

— מיר וועלן באַשטעטיקן דעם באַשטאַנד פון דער קאָלאָנע און דעמאָלט וועלן מיר זען, — האָט באַשלאָסן דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

קאָליע סמירנאָוו האָט איבערגעגעבן זאַלקינדן די רעשימע. איבער־געלײענט זי, איז מיכאַיל באָריסאָוויטש צוגעגאַנגען צו באַטמאַנאָוון.

— סמירנאָוו בעט, מע זאָל אויך אים אָפּלאָזן. איך האַלט אונטער די ביטע: ער וועט זײַן אַ געטרײַער געהילף טאַטיאַנען.

— ריכטיק, — האָט באַטמאַנאָוו מאַסקים געווען און אָנגעוויזן זאַל־קינדן מיט די אויגן אַף גענקע פאַנקאָוון.

דאָס באָכערל האָט אויפגעפּאַסט אַ מינוט, צוגעגאַנגען צו סמירנאָוון און אים געבעטן, ער זאָל אויך אים אַרײַננעמען אין דער רעשימע.

— ווער איז דאָס קלײנע ייִנגל? — האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט מיט אַ קאַוואָנע הויך און שטרענג.

— דאָס איז פאַנקאָוו גענע. איך דערווײַז, אַז ער טאָר ניט גײן מיט אונדז, — ער איז ניט מאַסקים.

— איך בין ניט קײן קלײנינקער. איך האָב קויעך, איך וועל אַר־בעטן ניט ערגער פון אַנדערע. און קעגן די מײדלעך וועל איך אַוואַדע ניט בלײַבן הינטערשטעליק, — האָט גענקע געמאָלן מיט צאָרן, צעמישט מאַכמעס דער אויפמערקזאַמקײט פון דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

— איך פּאַרווער צו נעמען ניט־פּוליעריקע! — האָט באַטמאַנאָוו שאַרף געזאָגט, זיך ווענדנדיק צו סמירנאָוון און טאַניע וואַסילטשענקאָן. — איך כאַזער איבער: אײַך שטײט פאָר אַ שווערער מאַרש, ניט קײן שפּילעכל.

אַפן צווײטן טאָג האָט דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג, אין בײַזײַן פון זאַלקינדן און בערידזען, אַרויסגערופן טאַניען און סמירנאָוון.

— כ׳האָב באַשטעטיקט די רעשימע פון דער קאָלאָנע. דער הויפּט־אינזשעניער וועט אַליין אַכטונג געבן, אַז אין מעשעך פון פינף טעג זאָל מען אײַך באַזאָרגן מיט אַלדעם נײטיקן. פּונקט אין פינף טעג אַרום גײט

איר אַרויס. — באַטמאַנאָוו האָט זיך אויפגעהויבן פון הינטערן טיש און צוגעגאַנגען צו טאַניען: — לאָמיר שליסן אַן אָפּמאַך, טאַטיאַנע פּעט־ראָוונע. איר וועט מיר צושטעלן די גראַפיק פון אײַער באַוועגונג — אַזויפיל און אַזויפיל קילאָמעטער דראָט פּאַרן מעסלעס — איך באַשטעטיק זי, און יעדן טאָג וועל איך אײַך נאָכקאָנטראָלירן. אויב איר וועט ניט דערגעבן כאָטש איין קילאָמעטער — האָט טײַנעס צו זיך אַליין, וועט איר אַרײַנכאַפּן.

— מיט פרייד שרײַב איך אונטער אַזאַ אָפּמאַך! — האָט טאַניע געזאָגט.

— אונטערשרײַבן דאַרף מען ניט, מיר וועלן אים פּאַשעט באַפעס־טיקן מיט אַ האַנטדרוק.

— נו, טאַטיאַנע, איצט זײַ פאַרזיכטיק! — האָט איר זאַלקינד גע־וואָרנט האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס.

גייענדיק צוריק פון דעם נאַטשאַלניק, האָבן סמירנאָוו און טאַניע באַמערקט געגנקען אין קאָרידאָר. ער האָט זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט און זיי באַגעגנט מיט אַ כמורנע, בייזלעכן בליק.

— מע קען ניט! פאַרשטיי, מע קען ניט! צי דען גלייבסטו מיר ניט? — האָט געזאָגט דער קאָמסאָרג און אַרומגענומען דאָס באַכערל.

— לאָמיר עס מאַכן אין דער שטיל, קיינער וועט זיך וועגן דעם ניט דערוויסן, — האָט געגנקע געוואָרטשעט און זיך געריסן, נאָר קאָליע האָט אים ניט פרײַ געלאָזט.

— זײַ ניט אין קאַס. דו זעסט דאָך, דאָס איז אָפּהענגיק פונעם נאַ־טשאַלניק, ער האָט פאַרווערט דיך מיטצונעמען.

— ווייסט וואָס? אויב דו האָסט ניט קיין מוירע, גיי אַליין צו באַטמאַנאָוון און בעט אים, — האָט טאַניע פאָרגעלייגט. — אויב ער וועט דערלויבן — וועלן מיר דיך מיטנעמען. מיר וועלן אים דאָך מיט־נעמען? — האָט טאַניע צוגעווונקען צו סמירנאָוון.

— רעדט איר אַליין מיט אײַער באַטמאַנאָוון. איך דאַרף אײַך ביי־טיק האָבן! — האָט זיך געגנקע אויפגעקאָכט, שפּירנדיק אַ ניט־אויפריכ־טיקייט אין טאַניעס און סמירנאָווס ווערטער.

נאָר אין אָוונט האָט די סעקרעטאַרן געמאָלדן דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג:

— ס'בעט זיך צו אײַך אַ יינגל, געגנע פּאַנקאָוו. מע קען?

— רופט אים אַרײַן.

דאָס יינגל איז מעבולבל אַרײַנגעגאַנגען אין גרויסן קאַבינעט און שטיין געבליבן באַ דער טיר. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיך מיט כי־דעש מוידע געוועזן אין האַרצן, אַז זײַן אַרײַנקום האָט אים אויפגערודערט.

— קום אַרײַן דרייסטער, כאַוער. וואָס ווילסטו זאָגן?

געגנקע האָט מאַכמעס שרעקעוודיקייט ניט אויפגעהויבן די אויגן,

וואָס זײַנען וואַסילי מאַקסימאָוויטשן אַזוי געפעלן געוואָרן מיט זייער נײַגעריקייט און פאַרשטאַנד, וואָס האָט געשטעקט אין זיי.

— דו האַלטסט זיך באַ דעם דײַניקן? — האָט באַטמאַנאָוו גע־פרעגט.

— אַלע יאָטן גייען, און איך איינער זאָל איבערבלײַבן? — האָט גענקע געזאָגט מיט באַליידיקונג אין דער שטים.

— אָבער ווער איז שולדיק, אַז דו ביסט מער ניט אַלט ווי פופצן יאָר? די אַרבעט איז אַ שווערע, איז ניט יעדן דערוואַקסענעם אַפילע לויט די קויכעס.

— כ'וועל אויסהאַלטן.

— און אויב מיט דיר וועט עפּעס געשען? דײַן טאַטע וועט עס מיר ניט שענקען דעמאָלט.

— דער טאַטע וואָלט מיך שוין גראָד געלאָזט, — האָט גענקע גע־זאָגט פעסט און, ענדלעך, אויפגעהויבן די אויגן אַף באַטמאַנאָוון.

— דײַן טאַטע וואָלט דיך געלאָזט, זאָגסטו?

— נו, יאָ, ער וואָלט מיך געלאָזט. ער האָט מיך צוויי מאָל מיט־גענומען אין עקספּעדיציעס.

באַטמאַנאָוו האָט זיך ניט געאײַלט געשפּאַצירט איבערן צימער, גענקע האָט אים שאַרף נאָכגעשפּירט. דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג איז שטיין געבליבן און אַרויפגעלייגט די הענט אַף גענקעס פּלייצעס, דערשפּירנדיק מיט די האַנט־פּלאַכן זייער יינגלשע מאָגערקייט.

— וואָס־זשע מאַכט מען מיט דיר, גוט! זאָלסטו זיך האַלטן, זאָלסט זיך ניט קלאָגן און ניט כניקען.

— נו, זעט איר! — גענקע האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער טיר.

באַטמאַנאָוו האָט אים ניט גערן אָפּגעלאָזט און לאַנג אים נאָכ־געקוקט. זייער לאַנג. אַף וואַסילי מאַקסימאָוויטשעס קלונג איז אַרײַנגע־קומען די סעקרעטאַרן.

— מער לאָזט צו מיר קיינעם ניט אַרײַן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ דומפּער שטים.

די דעלעגאַטן זײַנען זיך צונויפגעקומען אַף דער קאָנפערענץ. ס'איז געווען עפּעס וואָס אידענטישעס אין די דאָזיקע פאַרשיידענע מענטשן: זייערע דורכגעווינטיקטע פּנעמער, די אומרויקע אויגן, די קריגערישע שטימונג. ס'האָבן זיך באַ זיי אָנגעזאַמלט אַ סאַך פּרעטענזיעס צו דער פאַרוואַלטונג, און זיי האָבן זיך געאײַלט זיי פירצובערענגען, פאַרגעסנדיק, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט אַ נײַער אָנפירערשאַפט.

באַטמאַנאָוו און זאַלקינד האָבן גלײַך אויפגעכאַפּט דעם דאָזיקן אַל־געמיינעם גײַסט פון די פאַרשטייער פון דער טראַסע.

— זיי שטעלן אונדז אויס רעכענונגען, וואָס זײַנען ניט געצאָלט געוואָרן פון סידאָרענקאָ און גרובסקין, — האָט אומצופרידן געזאָגט וואַסילי מאַקסימאָוויטש, באַפרײַענדיק איינעם פון די באַצירק־נאַטשאַלניקעס. — זיי זײַנען גרייט אַראָפּוואַרפן די פאַרוואַלטונג מיט שטורעם. מע וועט דאַרפן ריידן וועגן דעם אַף דער קאָנפערענץ, אַניט וועט אַלץ אַוועק ניט געהעריק.

— ביסט ניט גערעכט, לויט מיר נאָך, — האָט זאַלקינד דערווידערט. — זאָלן זיי שטורעמען די פאַרוואַלטונגס־מיטאַרבעטער, באַזונדערס פעדאָסאָוון און ליבערמאַנען. מיר האָבן איצט אַזאַ שטאַב, וואָס וועט אויסהאַלטן יעדן אָנגריף. די מענטשן פון די באַצירקן זײַנען בייז אַף דער פאַרוואַלטונג דערפאַר, וואָס זי האָט מיט זיי ניט געקענט אָנפירן, איז גלײַכגילטיק געווען צו זייערע נויטן. אַ סאַך וועלן, וואָרשײַנלעך, אַרויסטרעטן מיט באַשולדיקונגען, וואָס וועלן זײַן באַליידיקנדיק פאַר אונדז, צום בײַשפּיל טאַניע וואַסילטשנקאָ, און עמעץ וועט זיכער אויך אַרויסטרעטן אין שוץ פונעם שטאַב. איך זע אַ גרויסן זין אין דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס צווישן די פאַרוואַלטונגס־מיטאַרבעטער און די טראַסע־לײַט. — דער פאַרטאָרג האָט זיך צעלאַכט. — מיר וועלן זיי דאָך ניט זאָגן, וואָס צו ריידן. מע וועט מוזן הערן און נעמען זיך אין זינען אַרײַן.

— איך בין דערפאַר, מע זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט געשיכטע. צי איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט צו דערמאָנען אַלטע זינד?

— מע טאָר זיי שנעל ניט פאַרגעסן, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, — איז באַשטאַנען זאַלקינד. — דו האָסט אַליין געזאָגט, אַז מיר זײַנען איצט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער איבערגענומענער ירושע...

באַטמאַנאָוו האָט וואַרעם באַגעגנט ראָגאָוון, זיי האָבן זיך ניט געזען פון זינט דעם מאָמענט, ווען יענער איז אָפּגעפאָרן פונעם „סטאַרט“ אַפן קוטער נאָך דער געשעדיקטער באַרזשע.

— אַ דאַנק, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, פאַר דער איניציאַטיוו און דער אַנטשלאָסענער וויכטיקער טעטיקייט אַפן פינפטן באַצירק! — האָט באַטמאַנאָוו געדאַנקט מיט האַרץ, באַטראַכטנדיק ראָגאָווס פעסטע פיגור אין דעם גוט אויפגענייטן מיליטערישן קאָסטיום.

ראָגאָוו האָט פראָטימדיק באַריכטעט וועגן די איניאָנים פון דעם באַצירק, און דערנאָך אָפנהאַרציק אַרויסגעזאָגט זײַנע פרעטענזיעס און אָנגעגריפן די אינטענדאַנטן. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט מיט אים מאָסקים געווען און געמאַכט נאָטירונגען אין אַ גרויסן נאָטיץ־בוך. פאַרבײַגייענדיק האָט ראָגאָוו פאַרטשעפּעט די אינזשעניערן:

— אַן אוילעם האָט זיך אָנגעקליבן אַ גרויסער, זיי זיצן אַלע, האָב איך געזען, און צייכענען, און דערווײַל קיין פּראָיעקטן זעט מען ניט.

אין זײַנע ווערטער האָבן אויסדריקלעך געקלונגען טענער פון גרינג־שעצונג.

— פּראָיעקטן ווערן געשאַפֿן אין מעשעך פון יאָרן, — האָט באַט־מאַנאָוו געענטפערט טרוקן. — בערידזע און זײַנע געהילפן נעמען אָן אַלע מאָסמיטלען, אַרויסצוגעבן אײַך אַ פּראָיעקט אין מעשעך פון צוויי־דרײַ כאָדאָשים. אויב דאָס וועט זיך זיי אײַנגעבן דאַרף עס באַטראַכט ווערן, אַז זיי האָבן אײַנגעשטעלט אַ מין רעקאָרד. אַגעוו, דער פּראָיעקט איז שוין אָנזיכטיק פֿאַר די, וועלכע ווילן אים זען. דו מיט דײַן באַצירק אַפֿן לינקן ברעג — דאָס איז שוין אַ טייל פֿונעם נײַעם פּראָיעקט.

באַטמאַנאָווס שטימונג האָט זיך געענדערט, ער איז אַנטשוויגן גע־וואָרן און זיך פֿאַרטיפֿט אין די פּאַפּירן.

...דער גרויסער הילצערנער קלוב פֿון דער פֿאַרוואַלטונג האָט אַן אַנדער פּאָנעם באַקומען. מ׳האָט אין אים געווײַסט די ווענט, געטוישט דאָס מעבל, אים באַפּוצט מיט לאָזונגען. פֿון ערגעץ־ווו האָט מען געבראַכט בלומען און זיי געשטעלט לעם סטאַלינס בילד אַף דער סצענע.

די קאָנפֿערענץ איז געעפֿנט געוואָרן פֿײַערלעך. די דעלעגאַטן האָבן אין אַ געהויבענער שטימונג אויסגעוויילט אַ פּרעזידיום, אַן ערן־פּרעזי־דיום, אַ מאַנדאַט־קאָמיסיע, אַ סעקרעטאַריאַט. זאַלקינד האָט אָנגעהויבן זײַן רעפֿעראַט מיט אַ באַגריסונג די דעלעגאַטן צום עפֿענען די ערשטע פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ פֿון דער בויונג. דער פּאַרטאָרג האָט גערעדט פּאָשעט, זיכער און מיט יענער באַזונדערער קראַפֿט פֿון לאָגישער איבערצײַגונג, וועלכע איז טאָמיד כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דערפֿאַרענע פּאָליטישע אָנפֿי־רער — באָלשעוויקעס. ער האָט דערציילט וועגן דער אויסערסט שווערער לאַגע אַפֿן פֿראָנט, וועגן דעם, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז, לויטן רוף פֿון דעם פֿירער, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין מיליטערישן לאַגער. די בויונג איז נאָך ניט אינגאַנצן ענלעך אַף אַ טייל פֿונעם דאָזיקן גיגאַנטישן שלאַכט־לאַגער. אויב פֿאַרגלײַכן מיט דעם גאַנצן לאַנד, איז דער פּראָצעס פֿון מאָביליזירן די קויכעס אַף דער בויונג הינטערשטעליק. דער פּאַרטאָרג האָט זיך געענוי אָפּגעשטעלט אַף די אויפֿגאַבן פֿון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַ־ציעס פֿון די באַצירקן.

— מע דאַרף שנעלער פֿאַרענדיקן די איבערבויונג. יעדער באַצירק דאַרף אין מעשעך פֿון אַ קורצער צײַט ווערן אַן אײַנגעאָרדנטע אונטער־נעמונג, וואָס לאָזט אַרויס פֿאַרן פֿראָנט איר פּראָדוקציע — קילאָמעטערס אויסגעלייגטע רערן. און נאָכאַמאָל זאָג איך אײַך, כאַווײרים קאָמוניסטן: גייט אַרויס אַף דער ערשטער ליניע פֿון אונדזער שעפֿערישן קאַמף פֿאַר דער נאַפֿטלייטונג.

געטרײַ זײַן צוזאָג, האָט זאַלקינד געוואָלט אָנהייבן די דעבאַטן מיט וואָסילטשענקאָס אַרויסטריט. נאָר טאַניע האָט אים איבערגעגעבן אַ צעטעלע: זי האָט זיך באַדענקט, זי וועט ניט אַרויסטרעטן. זי איז ערשט

געזעסן לעבן אַלעקסייען און לײַכט געשפּאַסט איבער אים. דער אינזשעניער מעלניקאָוו פון דעם פערטן באַצירק — אַ יונגער מענטש, אַ שנעלריידנדיקער, מיט האַסטיקע באַוועגונגען — וועלכער איז ערשט אַרויסגעטראָטן, האָט קריטיקירט דעם הויפט־אינזשעניער מיט זײַן אַפּאַראַט דערפאַר, פאַרוואָס זיי פירן די אַרבעט איבערן פּראָיעקט אָפּגעשלאָסן פאַר אַנדערע.

— מע דאַרף אויפעפענען די שליוזן פאַרן שטראָם פון מאַסעווער איניציאַטיוו, — האָט געזאָגט דער אָראַטאָר — דער נײַער פּראָיעקט — דאָס איז ניט בלויז די גרונט־באַשלוסן, ווי די טראַסע זאָל דורכגיין, נאָר אויך טויזנטער פאַרשיידענע ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן, וועלכע פאַרגרעסערן דעם פאָנד פון דעם מעלוכישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט.

— ריכטיק! — האָט אויסגעשריגן קאָוושאָוו פונעם אָרט.

— מע זידלט אים, און ער פרייט זיך, — האָט זיך טאַניע שטיל צעלאַכט. זי האָט שוין באַמערקט דעם דאָזיקן שטריך בײַ אַלעקסייען. ער האָט אויפריכטיק, אָן פאַרדרוס און ווידערשטאַנד אויפגענומען קריטיק.

— זאַלכע קריטיק — איז אַ גרויסע זאַך — האָט איר אַלעקסיי אײַנגערוימט, פאַרשרײַבנדיק עפּעס אין דעלעגאַטן־בלאָקנאָט. — איך קען אײַך אויך באַדאַנקען באַצײַטנס פאַר אַ גיפטיקער רעדע.

— און אויב ס'וועט קיין רעדע ניט זײַן?

— איך צווייפל! איר האָט שוין אַזאַ כאַראַקטערל, אַז איר וועט זיך ניט אײַנהאַלטן.

— זאָגט, און ווו איז דער הויפט־אינזשעניער? פאַרוואָס איז ער ניטאָ אַף דער קאָנפערענץ? איך האָב אים באַגעגנט, ווען איך בין געגאַנגען אַהער, אַף מײַן פראַגע האָט ער געענטפערט עפּעס סוידעסדיק.

— בערידזע איז אַן אומפּאַרטייִשער, — האָט אַלעקסיי געענטפערט, קומענדיק ניט ווילנדיק אין פאַרלעגנהייט.

— פאַרוואָס איז ער אַן אומפּאַרטייִשער?

— איך קען ניט ענטפערן אַף אַזאַ פראַגע. איר מעגט מיר, פונדעסטוועגן גלייבן: בערידזע איז אַן עמעסער אומפּאַרטייִשער באָלשעוויק.

— אײַך וועט אויסקומען אַרויסצוטרעטן ניט בלויז פאַר זיך אַליין.

— איך ווייס. — אַלעקסיי האָט אַ קוק געטאָן אַף איר מיט דאַנקבאַרקייט — ס'איז אים געווען אָנגענעם, וואָס טאַניע טראַכט וועגן געאָרגי דאַווידאָוויטש.

דער אַרויסטריט פון דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטאָרגאַניזאַציע פון פינפטן באַצירק, פון קאָטעניעוון, האָט אָפּגעצויגן טאַניען פון די געדאַנקען וועגן בערידזען. אַלע פאַרשטייער פון דער טראַסע האָבן אַזוי אָדער אַנדערש באַרירט די אַרבעט פון דער פאַוואַלטונג. קאָטעניעווס רעדע איז געווען באַזונדערס שאַרף. די אומעטיקייט און דער אומגלויבן

פון דער אַלטער אָנפירערשאַפט אין דער אײַליקייט פון דער בויונג האָט פאַראַליזירט דעם קאָלעקטיוו פון דעם פינפטן באַצירק. ריכטיקער, דער קאָלעקטיוו, ניט האָבנדיק פאַר זיך קיין קלאָרן ציל, האָט זיך דעמאַגניזירט, אויפגעהערט צו זײַן אַ קאָלעקטיוו. די סיגנאַליזירונגען פון די קאָמוניסטן, אַז מע דאַרף פאַרטוישן דעם באַצירק־נאַטשאַלניק און זײַנע צוויי געהילפן, זײַנען ניט גענומען געוואָרן אין אַכט. צו וואָס האָט סידאָרענקאָ געדאַרפט צונעמען וועלכע ס׳איז שלעכטע אַרבעטער, בעת ער האָט געטראַכט וועגן דער ליקווידאַציע פון דעם באַצירק גופע און פון דער בויונג אינגאַנצן?

— צי קען מען דאָס מוחל זײַן, וואָס הונדערטער בוי־אַרבעטער, וועלכע האָבן געקענט נוצן ברענגען אַפן פראָנט ווי זעלנער, האָבן זיך געפונען אין דער לאַגע פון אומנוציקע מענטשן? — האָט מיט פאַרביטערונג געפרעגט קאָטעניעוו.

זאַלקינד האָט געכאַפּט אַ קוק אַף באַטמאַנאָוון, וועלכער איז געזעסן לעבן אים. יענער האָט אויפמערקזאַם און רויִק געהערט, ניט דורכלאָזנדיק קיין איין וואָרט פון דער רעדע. טאַניע וואַסילטשענקאָ איז קאָטעניעווס אַרויסטריט ניט געפעלן.

— צו וועמען איז דאָס געווענדעט? — האָט זי זיך געוווּנדערט.

און גלײַך האָט זי צוגעשיקט אַ צעטעלע צום פרעזידיום מיט דער ביטע, מע זאָל איר געבן אַ וואָרט.

— דאָס וואָרט האָט כאַווער סמאָרטשקאָוו, ס׳גרייט זיך וואַסילטשענקאָ, — האָט שמייכלענדיק געמאָלדן זאַלקינד.

דער שאָפער האָט זיך ניט לאַנג פאַרהאַלטן אַף דער טריבונע, טאַניע האָט ניט באַוויזן אַפילע אָנצוּוואַרפן אַ סכעמע פאַר איר רעדע.

— איך פאַרשטיי אַזוי אונדזער ווינטערדיקע הויפט־אויפגאַבע, — האָט סמאָרטשקאָוו געזאָגט: — מיר מוזן ביז פרילינג פונאַנדערפירן די רערן איבער דער טראַסע. פאַרשטייט זיך, אַז דערצו זײַנען נייטיק גוטאַרבעטנדיקע מאַשינען און קוואַליפיצירטע שאָפערן. מאַשינען און שאָפערן האָבן מיר, אויך די וועגן וועלן מער־ווייניקער געבראַכט אין אָרדענונג — עמעס, ניט קיין אידעאַלע, אין די גרענעצן פון די מעגלעכקייטן. אָבער אויך דערמיט קען זײַן ס׳זאָל זיך גאָרניט באַקומען.

— פאַרוואָס? — האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט פון פרעזידיום.

— פירן גרויסע לאָדונגען אַף אַ ווײַטן מעהאַלעך אום ווינטער, אין ברענענדיקע פרעסט, ווען די וועגן וועלן קעסיידער פאַרשאָטן מיט שניי, — איז שווער, זייער שווער. און מיט די רערן וועט פאַשעט זײַן אַ פּײַן. איר האָט זיי געזען? יעדע רער דאָס איז אַ גוילעם פון עלף מעטער די לענג און טויזנט קילאָגראַם די וואָג. מאָלט אײַך אויס עטלעכע אַזעלכע אַנטיקלעד אַף אַ מאַשין — און מע דאַרף זיי דערפירן בעשאָלעם איבער־

אַ שלעכטן וועג פון אַ, לאָמיר זאָגן, הונדערט קילאָמעטער. דאָס איז אַן אויפגאַבע!

— איר צווייפלט דערין, צי זי איז אויספירבאַר? — האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט.

— ניין, איך צווייפל ניט, — האָט דער שאָפער שנעל געענטפערט.

— מע דאַרף אָבער ווײַזן אַלע שאָפערן, אַז די אויפגאַבע איז אויספירבאַר.

— ווי מאַכט מען דאָס?

— ס'איז פאַראַן אַ פאָרשלאָג דורכצומאַכן דעם וועג מיט אַן אויטאָ פון איין עק טראַסע ביזן צווייטן, ניט געקוקט אָפּן וועטער און צושטאַנד פון דעם וועג. אויב מע וועט מיר דערלויבן, נעם איך זיך אונטער צו פירן אַן אָנגעלאָדעוועטע מאַשין פון נאָווינסק ביזן דזשאַגידינסקער אײַנגוס. איך גיב דאָס וואָרט פון אַ קאָמוניסט פאַר דער פאַרטיי־קאָנפערענץ, אַז איך וועל דאָס אויספירן. אויך מײַן כאַווער, דער טראַקטאָריסט סילין, האָט געבעטן איבערגעבן דער קאָנפערענץ, אַז אויך ער נעמט זיך אונטער צו מאַכן אַזאַ רייס אָפּן טראַקטאָר.

דער ענטפער סמאַרטשקאָוון זײַנען געווען אַפּלאָדיסמענטן. דער ערשטער האָט אָנגעהויבן אַפּלאָדירן דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

טאַניעס באַווײַזן זיך אָף דער טריבונע האָט אַרויסגערופן אַ לעבהאַפטן טומל — אַ סאַך האָבן זי געקענט און מיט אינטערעס דערוואַרט איר אַרויסטריט. וואַסילטשענקאָס רעדע איז געווען אַ סיורפּריז, און ניט בלויז פאַר באַטמאַנאָוון.

— כאַווער קאָטעניעוו האָט דאָ גערעדט מיט איידעלן צאָרן וועגן דער פאַרוואַלטונג, — אַזוי האָט טאַניע אָנגעהויבן. — נאָר מיר איז ניט קלאָר: וואָסער אָנפירערשאַפט האָט ער געהאַט אין זין? די נײַע צי די אַלטע? אויב סידאָרענקאָס, בין איך מאַסקים זיך אונטערצושרײַבן אונטער זײַן דערקלערונג. מיר אַלע האָבן זיך דערוווּסט אָף דער ביטערער פּראַקטיק, וואָס דאָס איז אַזוינס — אַ שלעכטע אָנפירונג. מיר האָבן זיך אָנגעפּײַניקט, זאָל זי צום גוטן ניט דערמאָנט ווערן. אין איר שוץ וועט קיינער קיין גוט וואָרט ניט זאָגן. וועגן איר האָט דאָס קאָטעניעוו גערעדט?

טאַניע האָט געמאַכט אַ פּויזע, און פון טומל אַרויס האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען:

— כיטרעווע ניט וואַסילטשענקאָ, דו ווייסט אויסגעצייכנט, וועמען איך האָב אין זין געהאַט!

— קלאָר, ער האָט גערעדט וועגן דער אַלטער פאַרוואַלטונג!

— וועגן דער אַלטער? גוט! אָבער צו וואָס ריידן וועגן דער אַלטער פאַרוואַלטונג, אויב פון איר איז שוין קיין זייכער ניטאָ? לויט מיר, האָט עס קיין זין ניט צו באַאומרויקן טויטע. כאַווער קאָטעניעוו האָט אַ ביסל פאַרשפּעטיקט מיט זײַנע פּרעטענזיעס! מאַשמאָעס, אַז וועגן דער נײַער

אָנפירונג האָט ער דערווײַל ניט וואָס צו זאָגן. דערלויבט מיר אויסצופילן דעם דאָזיקן בלויז.

אין זאַל האָבן זיך דערהערט געלעכטערס און אויסרופן:

— פיל אויס, טאַטיאַנאַ פעטראָוונאַ!

— זי האָט מאַניערן פון אַ דערפאַרענעם אָראַטאָר, — האָט זיך באַטמאַנאָוו אײַנגעבויגן צו זאַלקינדן.

— מעגלעך, כאַווײרים, אַז דאָס וועט זיך אויסווײַזן מאָדנע, — האָט טאַניע ווײַטער גערעדט, — נאָר מײַן רעדע וועט זײַן אַ פאַרטיידיקנדיקע. איך וויל זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן דער נײַער פאַרוואַלטונג.

און טאַניע האָט דערציילט, ווי זי איז געגאַנגען קיין נאָווינסק, קעדיי זיך צו קריגן פאַר איר פאָרשלאָג און ביכלאַל פאַר דער טראַסע. ווי פאַר איר האָט זיך אויפגעוויקלט דער טעטיקייט־פלאַן פון דער באַטמאַנאָווישן שטאַב, זײַן סטראַטעגיע און טאַקטיק אין דער צוגרייטונג צו דער בויונג אין ברייטן פאַרנעם.

— מיר זײַנען געוווינט אַוועקצומאַכן מיט כויזעק די פאַרוואַלטונג־מיטאַרבעטער. — באַ די ווערטער האָט טאַניע געמאַכט אַ גרינגשעצנדיקע באַוועגונג מיט דער האַנט. — נאָר מע זאָל נאָר דערבײַ אַליין ניט בלײַבן קיין כויזעק! מיר האָבן ערשט אַ שטאַב, וועלכער קען גוט באַפעלן און שטרענג פאָדערן.

אינמיטן טומל פון די אַפּלאָדיסמענטן האָט זיך זאַלקינד אײַנגעבויגן צו באַטמאַנאָוון און געזאָגט מיט בעפיירעשן יובל:

— אָט אַזוי געשעט עס אין אונדזער לעבן, מײַן טײַערער! ניט אַזוי, ווי דו דערוואַרטסט, נאָר אַ סאַך בעסער, קלוגער!

לאַכנדיק און אין גאַנג זיך איבערוואַרפנדיק מיט די דעלעגאַטן מיט גלײַכווערטלעך, איז טאַניע צוריקגעגאַנגען צו איר אָרט. באַטמאַנאָוו האָט זי באַגלייט מיט אַ מילדן בליק. פלוצים האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געבעטן זאַלקינדן, ער זאָל אים געבן אַ וואָרט אַף אַ קורצער אויסעראָרדנטלעכער דערקלערונג:

— איך בין ריכטיק דאַנקבאַר טאַטיאַנע פעטראָוונען פאַר איר הייסער פאַרטיידיקונגס־רעדע, — האָט זיך באַטמאַנאָוו אויפגעהויבן איבערן טיש. — נאָר איך וויל פון מײַן זײַט זאָגן אַ וואָרט אין פאַרטיידיקונג פון כאַווער קאָטעניעוו און אַנדערע, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער קריטיק. מיר — זײַנען די יאָרשים פון דער אַלטער פאַרוואַלטונג און מיר קענען זיך ניט אָפּגרענעצן פון אירע פליכטן, פון אירע כאַטאָים, זײַט דרײַסטער אין אײַער קריטיק.

וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיך געזעצט אַפן אָרט און מיט פאַר־

מרוזשעטע אויגן געקוקט אַף זאַלקינדן. יעגער האָט געשמייכלט. דער פּאַרטאָרג איז געווען צופרידן — אַלץ איז געגאַנגען גוט. ס׳האָבן זיך אויסגעקלאָרט די באַציִונגען צווישן די מענטשן, ס׳איז פעסטער געוואָרן זייער פרײַנטשאַפט. ס׳האָט זיך דערפרייט אַלעקסיי קאָוושאָוו מיט זײַן ערלעך אויפריכטיק דערציילן וועגן די דערגרייכונגען און דורכפאַלן אין דער אַרבעט איבער דעם פּראָיעקט. גרעטשקין האָט דרײַסט און זאַכלעך פירגעהאַלטן די אָנפירער פון די נאָענטסטע באַצירקן פאַרן סיסטעמלאָזן פונאַנדערשטעלן די אַרבעט־קויכעס. ראָגאָוו האָט זיך געטיילט מיט דער דערפאַרונג פון אָרגאַניזירן די באַצירקן אַפן לינקן ברעג און אַרויסגעזאָגט אַ גוטן געדאַנק, אַז מע דאַרף אין אַ ברייטערן פאַרנעם צוציִען צו דער בויונג די נאָענטצעס און די גאַנצע באַפעלקערונג פון דעם אַדון.

דער קאָנפערענץ זײַנען געקומען באַגריסן די פאָרשטייער פון אַ נײַער פאַרטיע אַרבעטער, וואָס זײַנען נאָר וואָס געקומען פון רובעזשאַנסק. אין זייער נאָמען האָט גערעדט דער אַלטער ערד־גרעבער זיאַטקאָוו. נאָך אים איז אַויסגעטראָטן דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטאָרגאַניזאַציע פון דריטן באַצירק, טעמקין. ער האָט באַרירט די וויכטיקע פראַגע וועגן דעם אָרט פונעם אָנפירער פון אַן אונטערשטן קאָלעקטיוו, וועגן דעם סטיל פון זײַן אַרבעט, וועגן זײַנע באַציִונגען מיט דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

טעמקינען, אַ מענטש פון בידעריקער ווּקס, האָט מען קימאַט ניט אַרויסגעזען פון הינטער דער טריבונע. צוגלעטנדיק די העלע שיטערע האָר אַף ביידע זײַטן פון דעם גלײַכן שרינט, האָט ער זיך געקלאָגט אַף יעפימאָוון, דעם נאַטשאַלניק פון זײַן באַצירק. גערעדט האָט טעמקין אויסטערליש — מיט אַ שטילער, קוים הערבאַרער און עפעס שורשענדיקער שטים.

— דער נאַטשאַלניק האָט אַלץ צעטרעטן אונטער זיך. טאָג און נאַכט גוואַלדעוועט ער, קאָכט זיך. קיינעם טרויט ער ניט, וויל אַלץ אָפטאָן פערזענלעך. מיט קיינעם רעכנט ער זיך ניט. די פאַראָרדענונג וועגן איבערגיין אַפן לינקן ברעג האָט ער דערפילט אַף זײַן שטייגער: האָט געשיקט אַהין די אַרבעטער, און אַליין מיטן קאָנטאָר און אַלע אַמטן פאַרבליבן אַפן אַלטן אָרט. אַף דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ איז ער ניט געפאָרן: ער האָט ניט ווען, מע קען זיך דען אָפרײַסן פון די איניאָנים? וואָס איז פון דעם מענטשן געוואָרן? איך האָב מיט אים געאַרבעט פאַר דער מילכאָמע — ער איז גאָר אַן אַנדערער געווען, מיר האָבן געלעבט אין גרויס פרײַנטשאַפט. און הײַנט קריגן מיר זיך אַרום אומראַכמאָנעסדיק.

— מיר שטעלן זיך פאָר, ווי דאָס קומט אַרויס בא אײַך: ער שרײַט, פאַרשטייט זיך, און דיך הערט מען ניט! — האָט מען אַ געשריי געטאָן פון זאַל.

זאַלקינד האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן אַ שמייכל צו טאָן, האַגאָם צו טעמקינס רייד האָט ער זיך באַצויגן ערנסט. ער האָט געקענט יעפימאָוון

לויט זײַן אַרבעט אין נאָווינסק, און טעמקינס אָפּרוף װעגן אים האָט אים אומאָנגענעם איבערראַשט.

„װאָס שנעלער זײַן אָף יעפּימאָװס באַצירק“, — האָט דער פּאַרט־אָרג פאַרצייכנט באַ זיך. מיט אַזעלכע באַמערקונגען איז געװען אויסגע־שפּרענקלט זאַלקינדס בלאָקנאָט. יעדער אַרויסטריט האָט געבוירן אַלץ נײַערע און נײַערע געדאַנקען. „סאַראַ קאָמפּליצירטע מאַכינע ס׳איז די דאָזיקע בוזונג“, — האָט אומרויק און גלײַכצײַטיק מיט באַפרידיקונג אָפּגעמערקט זאַלקינד און איז געקומען צום אויספיר, אַז ער דאַרף אומ־באַדינגט בעטן דעם געגנט־קאָמיטעט אין מאָסקווע, מע זאָל אים באַ־פרײַען פון די פליכטן פון סעקרעטאַר פון שטאָטקאָם. װײַטער פּאַראַיי־ניקן דיביידע אַרבעטן איז געװען אוממעגלעך.

צוויי טעג האָט געאַרבעט די קאָנפערענץ. צו איר שלוס האָבן די דעלעגאַטן באַשטעטיקט אַ בריוו צום כאַווער סטאַלין — זיי האָבן געגעבן אַ קאָמוניסטיש וואָרט, אַז זיי וועלן אויספירן צום טערמין די רעגירונגס־אויפגאַבע באַם אויסלייגן די ווײַטמיזרעכדיקע נאַפטלייטונג.

קאַפּיטל צוועלף

אומאַראַ מוכאַמעד רײַסט זיך צו דער טראַסע

אַ טונקעלער, קימאַט שוואַרצער וועג האָט זיך געצויגן איבער דער ווײַסער פלאַך פון דעם אַדון. אַנגעלאָדעוועטע מאַשינען האָבן זיך אַלע צען מינוט אַראָפּגעלאָזן פון דעם אויסגעפּאָרענעם מעשופּעדיקן ברעג אַפן אײַז און זײַנען שנעל פאַרשווונדן באַם וועג־אויסבייג.

אויסנוצנדיק דאָס גוטע וועטער, האָט מען אינטענסיוו אַרויסגעפירט פון דעם „סטאַרט" אַף דער טראַסע פּראָוויאַנט און מאַטעריאַלן. פון דער גאַנצער געגנט זײַנען קעסיידער צוגעקומען גרופּעס אַרבעטער — זיי האָט מען אויך באַדאַרפט אַריבערוואַרפן אַף דער טראַסע, איידער ס'הייבן זיך אָן די בוראַנעס.

ס'איז פאָרגעשטאַנען דער אַרויסמאַרש פון אַ ווײַטערער פּאַרטיע בוי־אַרבעטער אַף אַ ווײַטן באַצירק — באַם אײַנגוס. די מענטשן האָבן באַדאַרפט דורכמאַכן אַ מעהאַלעך פון עטלעכע הונדערט קילאָמעטער. זיי אויסצוריכטן אין וועג האָט באַטמאַנאָוו באַשטימט קאָוושאָוון, ליבערמאַנען און ראָדיאָנאָוון. דערבײַ איז אַנטשלאָסן געזאָגט געוואָרן: זיי זײַנען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער זיכערקייט פון יעדן מענטשן. אין פריִען באַגינען זײַנען זיי זאַלבעדריט געקומען אַפן „סטאַרט".

אין דעם ראַכוועסדיקן באַראַק איז געשטאַנען אַן אומדערטרעגלעכע היץ פון די צוויי אָנגעגליטע אויוונס. ס'האָט העל געלויכטן אַ ריזיקער עלעקטרישער לאָמפּ, אויפגעהאָנגען אַף אַ שנור אונטער דעם הילצערנעם דאַך. אין דעם געבײַ האָט געהערשט אַ טומל. די קאָלאָנע פון דרײַ הונדערט מענטשן האָט זיך געגרייט אין וועג אַרײַן. אָלגע ראָדיאָנאָווע — אין אַ ציגייקען פוטערל און אַ פוכיק גרוי היטעלע — האָט באַטראַכט

די מענטשן: ווי זיי זײַנען באַקליידט און באַשוכט. אַ פעלדשער האָט יעדן באַזאָרגט מיט וואַזעלין, טאָמער מאַכט זיך אַן אָפּפרירונג.

פאַרן באַראַק האָט ליבערמאַן מיט טײַנעס־און־מײַנעס קאָנטראָלירט די אויסשטאַטונג פון דער קאָלאָנע, וואָס איז אויפגעלאָדעוועט געוואָרן אַף צוויי אויטאָמאַשינען, — דעם פּראָוויאַנט, די פעלד־קיכן, די רעזערוו־מונדירונג, די פּערזענלעכע זאַכן פון די אַרבעטער. ניט־רירעוודיקייט, אומאָרדענונגען! ער האָט געזידלט דעם צענדליק־אויפזעער גאַנטשאַרוק, דעם אָנפירער פון דער קאָלאָנע, — אַ הויכער, לויטן אויסזען בייזער מענטש, מיט געדיכטע שוואַרצע ברעמען און בלוילעכע באַקן נאָכן ראַזירן.

— פון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסן, אַז איר האָט בעדייע געהאַט צו געבן אונדז נאָך פיש אויך! איר האָט עס אַליין ניט צוגעהיט, און ערשט זידלט איר זיך, — האָט זיך גאַנטשאַרוק דענערווירט.

— מאַמעלע טײַערינקע, מע טאָר קיין מענטשן קיין וואָרט ניט זאָגן! איר דאַרפט פאָדערן. וואָס מער איר וועט פאָדערן, אַלץ מער וועט מען אײַך געבן — אַזוי איז דאָס געזעץ פון דער נאַטור.

קאָוושאָוו האָט אָוועקגערופן גאַנטשאַרוקן און צוזאַמען מיט אים אַרומגעגאַנגען צווישן די אָפּפאָרנדיקע, קאָנטראָלירט זיי לויט די רעשי־מעס, פאַרשריבן אויפטראָגן. דער טראַקטאָריסט רעמניעוו, אַ יונג אַ ריז, האָט אויסגעפרעגט, וווהין זיי פאָרן, וויפל צײַט זיי וועלן זײַן אין וועג — דאָס האָט אַלעמען אינטערעסירט.

— אײַער באַצירק איז דער סאַמע ווײַטסטער און שווערסטער, — האָט אַלעקסיי געזאָגט. — איר וועט זיך באַוועגן פון איין באַצירק אין צווייטן. ווו דער וועג וועט דערלויבן — מיטן מאַשין, ווו ניט — מיט די אייגענע צוויי. אָפּנאַרן וויל איך ניט: סײַ אין וועג, סײַ אַפן אָרט, וועט אָוואַדע אויסקומען ניט ווייניק זיך אָנצולײַדן.

— פאַר שווערקייטן האָבן מיר קיין מוירע ניט, זון, מע איז שוין צו אַלע פּורעניעסן צוגעוווינט, — האָט זיך אָנגערופן דער סוטולעוואַטער און לויטן אויסזען פעסטער אַלטער, דער ערד־גרעבער זיאַטקאָוו. — אַבי מיר זאָלן זיך וואָס שנעלער דערקלײַבן צו דעם דאָזיקן דורכגוס. וויכטיק איז זיך אײַנצופונדעווען אַף אַן אָרט און זיך אײַנקלאַמערן אין דער אַר־בעט, דאָס איבעריקע וועט שוין קומען פון זיך אַליין.

אַלגע האָט זיך געשפּאַרט מיט אַ קליינעם מענטשן, אַ ברייטן אין די פּלייצעס:

— איך קען אײַך ניט לאָזן, איר זײַנט צוגעקילט, — האָט זי גער־רעדט רויק, נאָר אַנטשלאָסן. — איר וועט קראַנק ווערן אין וועג. גלײַכער דורכמאַכן די קראַנקייט דאָ. ס׳וועט קיין אומגליק ניט געשען, אויב איר וועט זיך דאָ פאַרהאַלטן דרײַ טעג.

— כ׳וועל לאַכלוטן ניט קראַנק ווערן, — איז דער מענטש אַרויס מיט טײַנעס: וואָס דאַרף איך עפּעס קרענקען? כ׳בין געזונט, ווי אַ ביק.

אַפֿן הויף קוק זיך ניט אום, איך האָב אים טאָמיד, פֿון רויך איז ער, איך בין אַ רייכערער.

— לאָמיר מער וועגן דעם ניט ריידן. איך קען אײַך ניט לאָזן, — האָט ראַדיאָנאָווע געזאָגט אַנטשיידן און געגאַנגען ווײַטער.

דער מענטש איז איר פֿאַרויסגעלאָפֿן און האָט איר פֿאַרצוימט דעם וועג, זיך שטעלנדיק פּאָנעם־על־פּאָנעם צו איר. אַ צעקאָכטער האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל, ס׳האָבן זיך אָפּגעדעקט גרויסע אויערן און שטאַרצנדיקע שויבערס שוואַרצע האַרטע האָר.

— מיר וועלן יאָ וועגן דעם ריידן! דאָ וועל איך גיכער קראַנק ווערן. פֿאַר מיר איז דאָס זיצן אָן אַרבעט — אַ הינטיש לעבן. מיך האָט געשיקט אַף דער בויונג דודין אַליין, דער סעקרעטאַר פֿון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט. און דו הייסט מיך קראַנק ווערן! — ער איז אַלץ שטאַרקער אין קאָס געוואָרן. — פּאַרוואָס ביסטו אַזאַ נעשאָמעלאָזע, דאָק־טער? איך קען ניט אָפּשטיין פֿון די כאַווײרים. מיר ווילן זײַן אַלע צו־זאַמען. דעם זיבעטן נאָוועמבער ווילן מיר שוין זײַן אַפֿן באַצירק, מיר ווילן אויספֿילן אונדזער פּלאַן. מיר פֿאַרלירן אַזוי אויך צײַט. איך מוז פֿאָרן. שטער ניט.

— איך וויל אײַך טאָן גוטס, ניט קיין שלעכטס, — האָט אים ראַדיאָנאָווע אײַנגערעדט.

— איך דאַרף ניט אַזאַ גוטס, זאָל זײַן שלעכט.

די מענטשן, גרייטע צום אַרויסמאַרש, האָבן זיך צוגעהערט צום סיכסעך און אונטערגעשמייכלט.

— לאָזט אים, ס׳וועט אים גאָרניט געשען! — האָט רעמניעוו גע־בעטן פֿאַרן כאַווער.

— דאָס איז אומאַראָ מוכאַמעד, אַ שווייסער. איך לאָז אים ניט אָפּ, ער איז צוגעקילט. ער מאַכט סקאַנדאַלן, — האָט אַלגע געזאָגט צו דעם צוקומענדיקן קאָווּשאָוון.

— אַ שטוס, ס׳טוט גאָרנישט ניט וויי, זיך גאָרניט פֿאַרקילט. זאָג איר, כאַווער אינזשעניער, זאָל זי ניט שטערן. אַפֿן פֿראָנט וועט מען צו־ליב אַ קאָטאַר אָדער הוסט פֿון שלאַכט ניט באַפֿרײַען.

אומאַראָ האָט זיך שוין איצט אָנגעזעצט אַף קאָווּשאָוון, פּאַנגענדיק זײַן בליק מיט די קליינינקע גלאַנצנדיקע אייגעלעך. אַלעקסיי האָט מיט טאַרומעס באַטראַכט דעם שווייסער, וועלכער איז געוועזן וואָרעם אָנגע־טאָן אין אַ נײַעם וואַטענעם גאָרניטער.

— פֿאַרהאַלטס אים ניט, זאָל ער פֿאָרן אַף מײַן פֿאַראַנטוואָרטלעכ־קייט. אויב ער וועט קראַנק ווערן, וועל איך אים אויסהיילן, ווען כ׳וועל קומען צום דורכגוס.

— אַט אַ דאַנק, אינזשעניער! כ׳וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. אײַ,

אַ דאַנק! — האָט אומאַראַ מוכאַמעד אויסגעשריגן, לײַכט אַ כאַפּ געטאָן דעם זאַק מיט זאַכן און זיך דער ערשטער געוואָרפֿן אײַנצושטײַגן.

די מענטשן האָבן זיך אויסגעזעצט אין צען געדעקטע מאַשינען־לאַסטוועגן. פֿאַרן סאַמע אָפּפֿאָר פֿון דער קאָלאָנע איז אָף אַן אויטאָ צו־געפֿאָרן זאַלקינד. ער איז געווען אין אַ טולעפּ און פּוטערנע שטיוול. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פּאַרטאָרג קלײַבט זיך צו פֿאָרן אָפּן דריטן באַצירק. ס'האָט אים באַגלייט טעמקין. זאַלקינד האָט אָפּגעשיקט זײַן אויטאָ אין גאַראַזש און איז אַרײַנגעקראָכן באַנאַנד מיט טעמקינען אין איינעם פֿון די לאַסטוועגן, צו די אַרבעטער. די שווערע מאַשינען האָבן זיך פֿאַמעלעך באַוועגט איבערן אײַז. אומאַראַ מוכאַמעד האָט זיך אַרויס־געהויבן פֿון וואָגן און אַ געשריי געטאָן צו אָלגען:

— עהעי, דאָקטער! קום צו פֿאָרן צו מיר אָפּן באַצירק, איך בעט דיך, צו גאַסט. וועסט מיר פֿאַרשאַפֿן נאַכעס! וועסט כאַפּן אַ קוק ווי איך שווייסעווע, וועסט זיך דערוואַרעמען. וועסט אַ קוק טאָן אָף מײַן געזונט. כ'על וואַרטן!

אַלעקסיי און אָלגע, ווי פֿאָלגנדיק אומאַראַס רוף, זײַנען אַ ביסל נאָכגעגאַנגען די מאַשינען. אָלגע האָט אויסגעזען אָנגעכמורעט. אַלעקסייען איז געווען ניט אָנגענעם זי אויסצופֿרעגן; פֿון יענעם געדענקלעכן אָוונט אָן האָט ער זיך מיט איר ניט געזען.

— איך דאַרף מיט אײַך ריידן, — האָט אָלגע געזאָגט ניט זיכער, אויפֿהייבנדיק אָף אים אירע גרויסע טרויעריקע אויגן. אין דעם היטעלע מיט די לאַנגע אויערן־לאַפּן האָט זי אויסגעזען ווי אַ גרויס מיידעלע...

— איך דאַרף מיט אײַך נייטיק ריידן.

— גוט.

— איר האָט אונדז פֿאַרגעסן. סעראַפֿימע האָט שוין ניט איינמאָל דערמאָנט. זי און בערידזע זײַנען ווי ניאַנקעס. באַ זייביידע איז פֿאַראַן אַ מוטערלעכע באַדערפֿעניש אָף עמעצן האַשגאָכע צו האָבן. איך האָב אײַך דעמאָלט אָנגעשראָקן, דערפֿאַר קומט איר ניט, יאָ? איר דאַרפֿט פֿאַר מיר זיך ניט שרעקן. שפּאָטישע פֿינקעלעך האָבן געבלישטשעט אין אירע אויגן. — כ'וועל וואַרטן אָף אײַך.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און אָנגעהויבן גיין שנעלער. אַלעקסיי, אַ ביסל אַ געפּלעפּטער, איז געגאַנגען זוכן פֿילימאָנאָוון, נאָר אָלגע האָט אים אַ רוף געטאָן.

— אַלעקסיי איוואַנאָוויטש, איר וועט מיר מויכל זײַן. איך בין צע־דרייט און רייד ניט דאָס, וואָס איך וויל. איך דאַרף האָבן אײַער שטיצע. איר געדענקט, אַז איר האָט זי מיר צוגעזאָגט? איז אָט בעט איך זי באַ אײַך. — זי האָט אַרויסגעצויגן פֿון דער הענטשקע די פֿאַרבאַנדאַ־זשירטע האַנט און זיך צוגערירט צו זײַן ברוסט. — כ'האָב מער קיינעם ניט, מיט וועמען זיך צו באַראָטן. פֿאַר בערידזען שעם איך זיך עפּעס,

טאָניע פאַרשטייט מיך דערין ניט פולשטענדיק. ראַגאָוו איז נעכטן אַוועקגעפאָרן, נו, און גראָד אים קען איך וועגן דעם ניט זאָגן. אײַך פאַרטרוי איך...

— וואָס איז געשען, אָלגע פיאָדאָראָוונע?

— צו מיר האָט אָנגעקלונגען איינער אַ באַקאַנטער, כמאַרע. דעם מאַנס אַ פרײַנט. איך קען אים פון רובעזשאַנסק. אַ טונקעלער שלעכטער מענטש! — אָלגע האָט זיך אײַנגעשרומפן. — ער האָט מיר מיטגעטיילט, אַז מײַן מאַן, קאָנסטאַנטין ראַדיאָנאָוו... איז געשטאָרבן אין וועג צום פראָנט... פּלוצים...

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז. קאָווּשאָוו האָט אָפּגעלענקט איר האַנט.

— רויִקער, אָלגע פיאָדאָראָוונע... איר זײַנט דאָך אַ שטאַרקע...

— ניין, ניין. איך ווייס ניט, צי ער איז געשטאָרבן, אָדער...

— איר אַליין זאָגט דאָך...

— ווען כמאַרע האָט עס מיר געזאָגט, האָב איך זיך פאַרלוירן. ער האָט אַ מאָל פינף גערעדט צו מיר, ביז איך בין צו זיך געקומען. דערנאָך האָט זיך צווישן אונדז אָנגעהויבן אַ זינלאָז געשפּרעך. איך כאַזער איבער: „ס'קען ניט זײַן!" און ער: „פאַרוואָס קען ניט זײַן? אַלע מענטשן זײַנען שטערבלעך"...

אַלעקסיי האָט זי געהערט, זיך אויפרעגנדיק און ניט אַרויסלאָזנדיק איר האַנט פון זײַנער.

— איך גלייב ניט, אַז ער איז געשטאָרבן. דאָ איז עפּעס אויסטערליש. אויסטערליש און שרעקלעך! ס'איז שרעקלעך, אויב ער איז געשטאָרבן, נאָר נאָך שרעקלעכער איז דאָס, וואָס איך גלייב ניט דערין! כמאַרע דאַרף קומען צו מיר שפּעט אין אָוונט.

ס'האָט זיך דערנענטערט פילימאָנאָוו.

— כ'וועל אומבאַדינגט זײַן בײַ אײַך אין אָוונט, — האָט אַלעקסיי געזאָגט אָלגען.

די טראַקטאָריסטן אין פאַרפעטסטע האַלבע פעלצלעך האָבן געוואַרט אַף קאָווּשאָוון און פילימאָנאָוון לעבן וואַרשטאַט.

— גערירט זיך! — האָט פילימאָנאָוו אַ געשריי געטאָן. — די „שנעקן" וועלן גיין דערנאָך, ווען מע וועט זיי קאָנטראָלירן.

ס'האָבן געקוויטשעט די בויגנס פון שווער אָנגעלאָדענע, מיט ברעזענט געדעקטע שליטן־צוטשעפּן. די טראַקטאָרס האָבן זיך איינער נאָכן צווייטן, שקראַבענדיק מיט די רעדער־קייטן, גערירט פון אָרט און זײַנען אַרויס אַפן אײַז־וועג. זיי איז פאַרגעשטאַנען צו דערשלעפּן די לאַדונג אַף די באַצירקן, דורכמאַכנדיק אַ וועג פון אַ הונדערט־צוויי־הונדערט קילאָמעטער.

ס'זײַנען איבערגעבליבן פיר „שנעקן" — אַזוי האָט מען גערופן

אַפֿן „סטאַרט" די גרויסע געדעקטע הילצערנע צוטשעפּ־הײַזלעך אַף שליטן־בויגנס. יעדעס האָט געהאַט אַ טיר און צוויי קליינע פענצטערלעך, אײַ־בערן דאַך האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ קוימען מיט אַ קאַלפּאַק.

לויט דעם טראַקטאָריסט סילינס אידעע איז דער „שנעק", אַ צוגאַב צום טראַקטאָר, באַשטימט געוואָרן צו באַדינען די אײַז־טראַסע. דער טראַקטאָריסט און זײַן געהילף האָבן באַדאַרפט דערהאַלטן דעם וועג אין אַן אײַנגעפאַרענעם צושטאַנד, צוטיילן הילף די אויטאָס אין פאַל פון אַן אַוואַריע. דאָס הײַזל האָט געקענט דינען סײַ פאַר אַ וואַרשטאַט, סײַ פאַר אַ וווינונג, סײַ פאַר אַ סקלאַד.

לעבן איינעם פון די „שנעק" האָט קאָוושאָוון און פילימאָנאָוון אָפּ־געוואַרט סילין — אַ יאַדערדיקער באָכער מיט אַן אָפּן פּאָנעם און קליינע כיטרעוואַטע אויגן.

— נו, ס'זײַנען שוין גרייט אײַערע וואַנדער־הײַזער, — האָט אים קאָוושאָוו געזאָגט. — לאָמיר אַ קוק טאָן ווי זיי זײַנען אין גאַנג. סמאָר־טשקאָוון וועלן מיר אָפּשיקן הײַנט, דערנאָך וועט שוין קומען אײַער ריי.

— כ'בין גרייט צו פאָרן כאָטש שוין...

סמאָרטשקאָווס און סילינס פאַרשלאָג וועגן דורכוויסיקע רייסן מיט אַ מאַשין און טראַקטאָר איבער דער גאַנצער טראַסע איז אָנגענומען גע־וואָרן, און עטלעכע טעג האָבן זיך דער שאָפער און דער טראַקטאָריסט ווי ס'דאַרף צו זײַן געגרייט צו דער שווערער נעסיִע.

— ווײַז דײַן קוואַרטיר, סילין, — האָט פילימאָנאָוו געזאָגט.

דער טראַקטאָריסט איז אַרײַנגעלאָפן איבער אַ הילצערן לייטערל אין דעם „שנעק" אַרײַן. נאָך אים זײַנען, אײַנבייגנדיק זיך, קעדיי זיך ניט אָנצושטויסן אין דער סטעליע, אַרײַנגעגאַנגען די אינזשעניערן. אין הײַזל האָט געשמעקט מיט פרישן געהובליעוועטע ברעטער, מיט אײַזן און באַרשטש. אין דרײַען איז דאָ אוממעגלעך געווען זיך אויסצודרייען. דעם קליינעם רוים האָבן פאַרנומען צוויי שלאָף־פּלעצער — איינער אײַ־בערן אַנדערן, לויטן וואַגאָנען־סיסטעם, אַן אײַזערן אייוועלע מיט אַ רער־קני, אַ וואַרשטאַט און אַ פּרעס, צוויי טאַבורעטן, קעסטלעך מיט שפּײַז, קוילן און האָלץ, פאַרשיידן אײַזן־ברוכוואַרג, קעסטלעך מיט אינסטרו־מענטן און רעזערוו־טיילן.

סילין, וועלכער איז אַרײַן פאַר די אינזשעניערן, האָט זיך באַמיט אויפצוראַמען זײַן ענגע קוואַרטיר: ער האָט פאַרשטופּט מיט אַ פוס אונ־טער די נאַרעס עפּעס אַ זאַק, אַראָפּגענומען פון וואַרשטאַט אַ שיסל און ברויט, פאַרריכט די קאָלדרע אַפֿן בעטל.

— אַנטשולדיקט, כ'האָב ניט געוווּסט, אַז איר וועט זיך פאַראינ־טערעסירן, ווי ס'זעט אויס אינעווייניק, — האָט זיך דער טראַקטאָריסט פאַרענטפערט.

— וואָס, פאַר אונדז מאַכסטו דאָ אָרדענונג? מע דאַרף עס טאָן

פאַר זיך אַליין, — האָט פילימאָנאָוו אַ שמייכל געטאָן. — מיר וועלן דאָ זיצן אַ ביסל, פיר אונדז צו צו דער טעכנישער באַזע.

סילין איז אַרויסגעלאָפן, און אין אַ מינוט אַרום האָט דער טראַקטאָר אָנגעהויבן צו טאַראַכקען, דאָס הײַזל האָט אַ ציטער געטאָן, אַ סקריפּע געטאָן, זיך אַ שאָקל געטאָן אַהין און צוריק — און גערירט פון אָרט. קאָווּשאָוו און פילימאָנאָוו זײַנען שיר ניט אַראָפּגעפאַלן צוליב דעם שטויס. צוזעצנדיק זיך אַף די טאַבורעטן לעבן אייוועלע, ווו ס׳האָבן געפלאַמט די קוילן, האָבן זיי געקוקט איינער אָפן צווייטן, ווי שכיינים אין אַ צוג פאָרן באַקענען זיך. אין מעשעך פון אַ קורצער צײַט האָבן זיי זיך באַ־קאָנט און, טרעפנדיק זיך אָפּט באַ דער אַרבעט, זיך צוגעווינט אַ סאַך זאַכן צו מאַכן צוזאַמען אָדער אייצענדיק זיך איינער מיטן צווייטן. דער „שנעק״ איז געווען איינע פון אַ סאַך אויסבעסערונגען, וועלכע זײַנען אײַנגעפירט געוואָרן אַף דער בויונג. איצט איז אייגנטלעך געמאַכט גע־וואָרן די אויספּרוווּנג.

— ס׳איז אַ גוטע זאַך, — האָט זיך אָפּגערופן אַלעקסיי. — מיר וועלן מאַכן נאָך עטלעכע אַזעלכע. נאָר מע דאַרף גוט צוטראַכטן ווי אײַנצואָרדענען די בעבעכעס אינעווייניק. אַלץ איז דאָ אָנגעוואָרפן אָן אַ סיידער.

— מיר וועלן עפּעס צובײַסן? — האָט פילימאָנאָוו געפרעגט און אַרויסגענומען פון דער קעשענע פון האַלב־פעלצל רייפטלעך ברויט, אײַנ־געוויקלט אין אַ צײַטונג.

זיי האָבן ענערגיש געקײַעט דאָס קאַלטע ברויט מיט פאַרהאַרטע־וועטן רויטן רויג און געשמועסט וועגן דער שווייסעווען די רערן אום ווינטער. דער געוועזענער הויפּט־אינזשעניער, גרובסקי, האָט, פאַררופנ־דיק זיך אַף טעכנישע אויטאָריטעטן, דערוויזן, אַז שווייסעווען רערן אום ווינטער איז ניט דערלאָזבאַר. אַז די קאָנטאַקטן, וואָס ווערן געשווייסע־וועט אום ווינטער באַ אַ נידעריקער טעמפּעראַטור, זאָלן קלוימערשט זו־מערצײַט לײַדן פון אַן אינערלעכער שפּאַנונג אין דעם מעטאַל צוליב דעם אונטערשייד פון די טעמפּעראַטורן. צוליב דעם וועט די פעסטקייט פון דער רערן־לייטונג שוואַכער ווערן, און ס׳קענען פאַרקומען אויפרײַסן אין די קאָנטאַקטן אונטערן דרוק פון דעם נאַפט, וואָס ווערט דורך זיי דורכ־געפּאָמפּעוועט.

אַלעקסייען האָבן זיך די דאָזיקע אַרגומענטן אויסגעוויזן איבער־צײַגנדיק. ער האָט פאַרגעלייגט, זיך ניט אָפּזאָגנדיק פון דעם שווייסעווען אום ווינטער, לינדערן די באַדינגונגען פון דעם שווייסעווען. ניט איבער־שמועסנדיק פריִער מיט בערידזען, האָט ער באַאַרבעט די טעכנאָלאָגיע פון לינדערן דאָס שווייסעווען אום ווינטער. קעדיי אויסצומײַדן די וויר־קונג פון דער דרויסנדיקער טעמפּעראַטור, האָט קאָווּשאָוו באַשלאָסן אויס־צופירן דאָס שווייסעווען אין ספּעציעלע קאַמערן, וואָס לאָזן זיך צענעמען

און איבערטראָגן, מיט אינעווייניקסטער אַנגעוואָרעמטער לופט. די דאָזיקע אידעע איז אויך פּילימאָנאָוון געפעלן.

דער רעזולטאַט האָט זיך באַקומען אַן אומדערוואַרטעטער. בעת־דיזע האָט גלײַך אָפּגעוואָרפן דאָס שווייסוועון אין די קאַמערן, ער האָט לײַכט דערוויזן, אַז דאָס איז סײַ טעכניש, סײַ עקאָנאָמיש ניט רענטאַבל. גרובס־קיס באַטראַכטונגען האָט ער אָנגערופן אינזשעניערישע איבערגעשפּיצט־קייט, ווײַל אינדערעמעסן ווירקט ניט דאָס שווייסוועון אום ווינטער, לויט זײַן מיינונג, אָף דער פעסטקייט פון די קאָנטאַקטן. וואָל־קולאָם האָט ער נאָך קאָוושאָוון אַרײַנגעזאָגט פאַרן פאַטערן צײַט אָף אומזיניקע פּראָ־יעקטן. אַלעקסיי האָט אַן ערגערניש, אָפּילע מיט בעפּיירעשער האַנאָע דערציילט איצט פּילימאָנאָוון זײַן געשפּרעך מיטן הויפּט־אינזשעניער.

דאָס סקריפּען און דאָס שאָקלעניש פון דעם „שנעק” האָט אויפגע־הערט. די אינזשעניערן זײַנען אַרויסגעגאַנגען. דער גלאַנץ פון דער זון אָפן שניי, אַן אומדערטרעגלעכער נאָך דער האַלב־פינצטערניש, האָט זיי געצווונגען צו פאַרזשמורען די אויגן.

ס'איז צוגעקומען סילין און געוואָרט אָף אַן אָפּשאַצונג. אַלעקסיי האָט געזאָגט:

— דער „שנעק” איז גוט. גרייט זיך צום אָפּפאָר.

אָף דער טעכנישער באַזע איז אָנגעגאַנגען דאָס אויפלאָדעוועון די רערן. זיי זײַנען געלעגן שטאַבעלווײַז אָף קאָזלעס איבער דער ערד, וואָס האָבן זיך געצויגן אָף אַ קילאָמעטער לענגאויס דעם טײַך. די אויטאָ־מאַשינען מיט די צוטשעפּ־שליטנס זײַנען צוגעפאָרן צו די קאָזלעס און זיך אָפּגעשטעלט צום אויפלאָדעוועון. צוויי אַרבעטער האָבן אָפּגעוואָרפן די דיקע אונטערשפּאַר־העלצלעך פון דעם צוטשעפּ. צוויי אַנדערע האָבן, פאַרטשעפּענדיק אַ רער פון ביידע זײַטן מיט האָקעס, זי געשלעפּט אי־בער אַלאַכסענדיקע רעלסן צום אַראָפּלאָז. ענלעך צו אַ שיס־רער פון אַ גרויסן האַרמאַט, האָט זי זיך מיט קריצעניש און גרילץ געגליטשט איבער די רעלסן און גלאַטיק אַראָפּגעקײַקלט אָף דער ראַם פון דעם צוטשעפּ. אָף יעדע מאַשין האָט מען אויפגעלאָדעוועט צו פיר רערן.

— ערשט זעט עס שוין אויס גאָר אַנדערש: דרײַ מינוט — און פאַרטיק, — האָט אַלעקסיי געזאָגט, אָבסערווירנדיק דאָס אָנלאָדעוועון אָפן זייגער. — און ס'גייט לעגאַמרע לײַכט, און פריִער האָבן זיי אָפן האָרב געשלעפּט אַזאַ מאַסע!...

— קום צו סמאָרטשקאָוון, ער איז דאָ, — האָט פאָרגעלייגט פּילי־מאָנאָוו.

דער שאָפער האָט מיט אַ באַזאָרגט פּאָנעם געענוי, און קענטיק שוין ניט צום ערשטן מאָל, באַטראַכט דעם צוטשעפּ, די אונטערשפּאַר־העלצ־לעך, וואָס האַלטן אויף די אָנלאָדונג פון פינף רערן, די פאַרקייטלונג פון דעם צוטשעפּ צו דער מאַשין.

אַרום זײַנען געשטאַנען אין דערוואַרטונג די איבעריקע שאָפערן — סמאָרטשקאָווס כאַווײרים. זיי האָבן זיך איבערגעשמועסט.

— ער דאַרף פאָרן ביז צום סאַמע דורכגוס. און אַהין איז אַפילע קיין וועג ניט פאַראַן.

— ניט שוין־זשע וועט ער שלעפן די רערן ביז צום סאָף.

— ניין, צו וואָס! ער וועט אָפּלאָדעווען די רערן אַפן זיבעטן באַ־צירק און דאָרט נעמען אַ געוויינלעכע לאָדונג.

— ס'איז אַ ריזיקאַלישער איניען!

— אַ „ריזיקאַלישער"! צווישן אונדזערע שאָפערן זײַנען פאַראַן אַזעלכע אָדלערס, וואָס האָבן מוירע אַרויסצופאָרן אַף אַ רייס פון צוויי הונדערט קילאָמעטער. זיי טראַכטן אויס פאַרשיידענע טירוצים, אַבי נאָר ניט צו פאָרן. זאָלן זיי נאָר פּרוּוון זיך אַרויסדרייען, ווען סמאָרטשקאָוו מאַכט אַ רייס איבער דער גאַנצער טראַסע!

— נו, ווי האַלט עס, כאַווער סמאָרטשקאָוו? — האָט פילימאָנאָוו געפרעגט.

— כ'בין גרייט, כ'וואַרט אַף אײַער קאָמאַנדע, — האָט דער שאָ־פער געענטפערט.

— אויב איר זײַנט גרייט — לאָזט זיך אין וועג.

— איך ווינטש אײַך דערפאָלג, פון גאַנצן האַרצן! — אַלעקסיי האָט דערלאַנגט דעם שאָפער די האַנט. — איך האָף זיך צו באַגעגענען מיט אײַך בײַם דורכגוס.

סמאָרטשקאָוו האָט זיך געזעגנט מיט די אינזשעניערן און כאַווײ־רים, אַרײַן אין דער קאַבינע, צוגערופן דעם געהילף און לײַכט אָנגעדריקט אַפן באַוועגער. די מאַשין האָט מאָמענטאַל גויוער געוווען די שווערקייט פון דעם צוטשעפ, דערנאָך האָט זי מיט מערקלעכער אָנשטרענגונג אים אַ ריר געטאָן פון אָרט. פאַר די אינזשעניערן האָט זיך פאַרבײַגערוקט סמאָרטשקאָווס פּראָפיל, וועלכער האָט געקוקט גלײַך פאַר זיך, אין זײַן לאַפּן־היטל איז ער ענלעך געווען צו אַ פּילאָט.

דער נאָענטער וועג איבערן אַדון איז געווען, ווי מ'האָט טאַקע גע־רעדט אַפן „סטאַרט", פולשטענדיק פאַרבאַר. די מאַשינען מיט גאַנטשאַ־רוקס קאָלאָנע האָבן זיך ביז נאַכט דערקליבן צום דריטן באַצירק, וווהין זאָלקינד איז געפאָרן. אין וועג האָט דער פאַרטאָרג ניט געפאַטערט די צײַט אומזיסט: איבערזעצנדיק זיך פון איין מאַשין אין דער צווייטער, האָט ער זיך באַקענט מיט די מיטרײַזנדער, דערציילט זיי וועגן דער בויונג, געענטפערט זיי אַף אַן אַ שיר פראַגעס.

די מענטשן האָבן זיך געהאַלטן ווי איין פאַמיליע, וועלכע קלײַבט זיך אַריבער פון אַן אַלט וווינונגס־אָרט אַף אַ נײַעם, — ס'האָט זיי פאַר־קרויווישט דער אומרו פאַר מאָסקווע און דער באַוווסטזײַן, אַז זיי האָבן זיך אין דער דאָזיקער האַרבער צײַט פאַראייניקט פאַר אַן אַלגעמיינער

אױפגאַבע. ניט אומזיסט האָבן זיי מיט אַזאַ האָפענונג אָפּגעוואַרט דעם פּאַרטאָרגס ענטפערס, יעדער פון זיי איז אויך מיט זײַן פּערזענלעכן גורל פאַרבונדן געווען מיט די שלאַכטן, וואָס זײַנען געגאַנגען אַף מײַרעוו. דעם אַלטן זיאַטקאָווס זון האָט געקעמפט הינטער לענינגראַד, אַ יונגערער ברודער — אַפן שוואַרצן יאַם. גאַנטשאַרוקס עלטערן און שוועסטער זײַנען פאַרבליבן אַף אוקראַינע באַם דײַטש. דער טראַקטאָריסט רעמניעוו האָט דערציילט, אַז ניט לאַנג צוריק האָט ער באַגלייט אַפן פראָנט זײַנע האַרציקע פרײַנט. דעם שווייסערס אומאַראַ מוכאַמעדס צוויי ברידער האָבן דורכגעמאַכט דעם שווערן וועג פון צוריקטרעטן פון די ווײַסרוסישע גרענעצן ביז מאָסקווע...

די צײַטווײַליקע אומטעטיקייט האָט געמאַטערט די בוי־אַרבעטער פון דער נאַפטליייטונג, מ'איז שוין געווען אומגעדולדיק זיך צו דערקלײַבן צום דורכגוס און זיך נעמען פאַר דער אַרבעט. די מענטשן האָט דערמוטיקט דאָס אומגעשטערטע פאָרויסגיין איבער דער אײַז־מאַגיסטראַל, זיי זײַנען בעפיירעש פויילעכער געוואָרן.

— אומזיסט, קומט אויס, האָט מען פאַר אונדז געמאָלט די אַרבעט ווי אַ שווערע, — האָט רעמניעוו געזאָגט, זיך אויסדרייענדיק פאָרזיכטיק אין דעם מאַשין־קאַסטן, קעדיי ניט ענג צו מאַכן מיט זײַן ריזיקן קערפּער די כאַווײרים, וואָס ליגן דערלעבן. — מיר וועלן אינגיכן דערפאָרן.

פון דער טיף פון וואָגן האָט זיך ווידער דערהערט זאַלקינדס שטים:

— נאַרט זיך ניט אָפּ, כאַווײרים. פאָרויס שטייט אײַך פאָר אַ לאַנגער און שווערער וועג. ס'וועט אײַך נאָך אויסקומען זיך צו מאַטערן.

אַפן באַצירק האָט דער פּאַרטאָרג איבערגעגעבן טעמקינען אײַנצואָרדענען אַף אָפּרו די מענטשן, וואָס זײַנען אויסגעמאַטערט פון וועג. זיך געזעגענענדיק מיט אים, האָט ער זיך געלאָזט צום קאָנטאָר, באַדויערנדיק, וואָס צוליב דער שפּעטער צײַט קען ער ניט באַלד באַטראַכטן די ווירטשאַפט פון דעם באַצירק. טעמקינס ווערטער האָבן זיך באַשטעטיקט: יעפימאָוו האָט אויוועק געווען אַפן באַפעל פון דער פאַרוואַלטונג — ער איז ביז הײַנט פאַרבליבן מיטן שטאַב אַפן רעכטן ברעג.

באַלײַכטנדיק דעם וועג מיט אַ לאַמטערנדל, האָט זאַלקינד געשפּאַנט איבערן ניט גלאַטן אײַז פון דעם אַדון און געטראַכט וועגן יעפימאָוון. מיכאַיל באָריסאָוויטש האָט אים געדענקט: יעפימאָוו איז געקומען קיין נאָווינסק מיט די ערשטע קאָמיוגיסטן. ער האָט גוט געאַרבעט און זיך אַרויסגערוקט פון צווישן די פּאָשעטע טעסליערס אַף אַן אָנפירנדיקער אַרבעט. ניט לאַנג צוריק פאַר דער מילכאָמע האָט מען יעפימאָוון געשיקט אַף דער בויונג פון דער נאַפטליייטונג.

דער באַצירק האָט זיך געפונען אַפן אָרט פון דעם יישעוו גאָריטשין, וועלכן די נאַצײַצעס האָבן מיט דרײַ יאָר צוריק פאַרלאָזן. זאַלקינד איז אַמאָל געקומען אַהער צו פאָרן אין שײַכעס מיט דעם, וואָס די אײַנוווינער

פון גאָריטשין האָבן זיך אַריבערגעקליבן אַפן לינקן ברעג, פאַראייניקנדיק זיך אין איין קאָלווירט מיט אַ צווייטן יישעוו. קלײנע קײַלעכיקע פּאַנזעס זײַנען געשטאַנען געמישט מיט אײַנעטאַזשיקע ברייטע הײַזער, וואָס דער באַצירק האָט אויפגעבויט. דער קאָנטאָר פון דעם באַצירק האָט, מאַשמאָעס, געלעבט אין ראַכוועס — יעפימאָוו אַליין האָט פאַרנומען אַ גאַנץ הויז.

זאַלקינד האָט באַמערקט אַ געזעמל לאַסט־אויטאָס לעבן דעם דאַזיקן הויז און איז אַרײַן אין אַ שמועס מיט די שאָפערן, וואָס האָבן זיך געזאַמלט באַם גאַנעק.

— איר פרעגט באַ יעפימאָוון, פאַרוואָס מיר שטעקן דאָ! — האָבן זיי אים געענטפערט. — ער טרײַבט פון איין ברעג אַפן צווייטן, אַז ס'איז קיין טאָלק ניט צו דערגיין.

— נאָך אינדערפרי האָט מען אונדז געזאָגט, אַז דער נאַטשאַלניק פון באַצירק וועט אונדז מעלדן אַ נײַעם באַפעל, — איז וואַרטן מיר.

באַ יעפימאָוון איז אַלץ געווען אײַנגעפירט, ווי אין אַ גרויסער אינסטיטוציע — אַ קאַבינעט, אַ גרויס וואַרט־צימער, אַ סעקרעטאַר. אין וואַרט־צימער האָבן זיך געשטויסן מענטשן — געזעסן, געשטאַנען, געשמועסט צווישן זיך, געאַמפּערט מיט דער צעוווירענער פלעגמאַטישער פרוי, וואָס איז געזעסן הינטערן סעקרעטאַרישן טיש. עטלעכע אירע זײַנען געשטאַנען לעבן סמאָרטשקאָוון. דער שאָפער האָט דערציילט וועגן דער פאַרטיי־קאָנפערענץ. דערזען זאַלקינדן, איז ער שנעל צו אים צוגעגאַנגען.

— סמאָרטשקאָוו? דו ביסט שוין דאָ?

— וואָס־זשע קומט אַרויס, כאַווער זאַלקינד? — האָט סמאָרטשקאָוו אָנגעהויבן צו ריידן אויפגערעגט. — איך דאַרף זיך דאָך צוגרייטן. מיטן טאָג גלײַך דאַרף איך פאָרן ווײַטער. און דאָ קען מען קיין טאָלק ניט דערגיין. קיין בענזין אַף זאַפּאַס גיבן זיי ניט און וועגן אָפּצועסן האָט מען אויך קיין טראַכט ניט געטאָן. די מאַכט האָט אויסשליסלעך דער נאַטשאַלניק פון דעם באַצירק, די איבעריקע זײַנען באַ אים פּענדעלעך. און אָנקומען צו אים איז שווערער, איידער צום פאָלקאָם. קומט א י ר שוין צו הילף...

— ניט געזאָרגט, סמאָרטשקאָוו, וועסט אַלץ באַקומען, האָב געדולד אַ ביסל.

זאַלקינד האָט זיך צוגעזעצט און פאַרפירט אַ שמועס מיט די מענטשן, וואָס וואַרטן אַפן אויפנעם. זיי האָבן אָן בושע געזידלט יעפימאָוון. די דעסאַטניקעס האָבן געוואַרט דעם גאַנצן אָוונט, ביז דער נאַטשאַלניק פון באַצירק וועט פערזענלעך באַטראַכטן און באַשטעטיקן דאָס פונאַנדערטיילן די בריגאַדעס אַף מאָרגן. דער עקספּעדיטאָר האָט זיך אויפגערעגט צוליב דעם, וואָס יעפימאָוו שרײַבט ניט אונטער עפּעס אַ קאַבאָלע־פּאַפּירל אַף באַקומענעם ברויט פאַר די אַרבעטער פון לינקן ברעג: די בע־

קערײַ, ווי אַלע אַנדערע באַזאָרגונגס־אונטערנעמונגען, איז נאָך פאַרבליבן אַפן רעכטן ברעג. דער קאָמענדאַנט פונעם אַרבעטער־יִשעוו האָט זיך דענערווירט: מ׳האָט באַדאַרפט באַווײַזן ביז אינדערפרי צוצופירן האָלץ פון דעם האָלץ־סקלאַד, אָבער יעפימאָוו האָט צוליב עפּעס וואָס ניט גע־געבן קיין דערלויבעניש אַף טראַנספּאָרט.

— מיט זײַנע צוויי הענט און שלעכטן קאָפּ וויל ער פאַרטרעטן טויזנט הענט און פינף הונדערט גוטע קעפּ, — האָט אַ זאָג געטאָן סמאָרטשקאָוו.

אין יעפימאָווס קאַבינעט, אַזוי גלײַך ווי אין וואַרט־צימער, האָבן זיך געלאַנגווײַליקט עטלעכע באַזוכער, און אורטײלנדיק לויט זײערע בייזע פּענעמער, שוין לאַנג. זאַלקינדס אויפמערקזאַמקײט האָט צוגעצויגן אַ נאָכלאָזיק פאַרבעט געלעגער, וואָס איז געשטאַנען באַם אויוון. ס׳איז געווען אויסטערליש צו זען דאָס אין אַ דינסטלעכן קאַבינעט. יעפימאָוו האָט הויך אַרײַנגעשריגן אין דעם טעלעפאָן־טרײבל. ער האָט עס ניט אָנגעקליגט אויך ווען זאַלקינד איז אַרײַנגעקומען, האָט זיך בלויז אויפ־געהויבן מיט אים זיך צו באַגריסן. פון יעפימאָווס קוילעס האָט מען גע־קענט פאַרשטיין: ער רעדט מיט דעם פּאָרזיצער פון אַ פישפאַנג־קאָל־ווירט, פאָדערט פון אים, ער זאָל אָפּגעבן די פופציק קילאָגראַם טשווע־קעס, וואָס מ׳האָט אים אויסגעבאָרגט. צוליב זײַן אויסגעמאַטערט, ניט געראַזירט, ווי ניט געוואַשן פּאָנעם, גרויע האָר און אַנטצונדענע אויגן האָט ער אויסגעזען קראַנק.

זיך אָנגערעדט צו דער זאַט, האָט יעפימאָוו אָפּגעלאָזט די אַרבעטער, וואָס האָבן געוואַרט אַף אים, און מיט אַ מידן שמייכל אַ קוק געטאָן אַף זאַלקינדן.

— כ׳האָב דיך שוין לאַנג ניט געזען, מיכאַיִל באָריסאָוויטש. ביסט צו מיר אין געסט געקומען? טו זיך אויס, ס׳איז וואַרעם באַ מיר.

— וויפל ביסטו אַלט, כאַווער יעפימאָוו? — האָט דער פאַרטאָרג געפרעגט.

— דרײַ און דרײַסיק. וואָס האָט עס אײַך פאַראינטערעסירט?

— געדענקסט טערעכאָוון? דו ביסט זײַנער אַ בען־גיל, און לויטן אויסזען פאַסטו אים פאַר אַ זיידן, און פאַר אַ טאַטן שוין אָפּגערעדט. אַ גרויער, שרעקלעכער, אַ זאָקן מיט אַלע קליפּערלעך. דו קרענקסט, צי וואָס?

— איך קרענק ניט — כ׳האָב געפּאַטערט דאָס געזונט באַם באַ־צירק. ס׳איז שווער צו אַרבעטן מילכאָמע־צײַט. ס׳פעלן דערפאַרענע מענטשן, דאָס איז ד אָ ס ניטאָ, דאָ עפּעס אַנדערש. די פאַרוואַלטונג פאַרשטײ איך ניט — צוליב וואָס עפּעס זיך איבערפּעקלען אַפן לינקן ברעג. מ׳האָט זיך נאָר־וואָס אײַנגעאָרדנט — און נעם שטעל אַלץ אײַן אָפּסנײַ. אַ גאַנצן מעסלעס דענערוויר זיך, שרײַ, ניטאָ קיין רו אַף קיין

מינוט. אָוונט צו ווערט דער קאָפּ צעשפּאָלטן, איך האַלט זיך בלויז אַף פּיראַמידאָן.

ווי אַ באַווײַז דערצו האָט יעפימאָוו אַרויסגענומען פון טישקעסטל אַ פּאַקעטל פּיראַמידאָן, האָט אויסגעשאָטן אַ פּראָשעק אַפן צונג און אים פאַרטרונקען מיט וואַסער. זאַלקינד האָט אים אָבסערווירט, קוים באַהערשנ־דיק ניט אויפצורעגן זיך.

— הייסט עס, אַז דו האַלטסט זיך אַף פּיראַמידאָן? אַ שלעכט פּערד האָסטו זיך אויסגעקליבן צו האַלטן זיך אַף דעם. וועסט אַף אים ווײַט ניט פאַרפאָרן.

— יאָ, איך וועל, זיכער אינגיכן פייגערן, כ׳וועל אויסגלײַען אַף דער אַרבעט, ווי מע זאָגט, — האָט יעפימאָוו געגרן מאַסקים געווען. — ס׳וועט אײַך אויסקומען, כאַוועך, צו זוכן אַן אַנדער באַצירק־נאַטשאַלניק.

— עך, דו, נעווראַסטעניקער! שמאָטע! — האָט זיך זאַלקינד אָנ־געצונדן. — און איך האָב געטראַכט, אַז פון דיר וועט אַן אַרבעטער אַרויסקומען.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען האַרט צו יעפימאָווס טיש. יענער האָט זיך מעבולבל פון אָרט אויפגעהויבן.

— פאַר וועלכן האָסטו זיך, מיכאַיל באַריסאָוויטש, אַף מיר אַרויפ־געוואָרפן?

— דערפאַר, וואָס דו פּאַטערסט אָוועק די זאַך! דערפאַר, וואָס דו האָסט ניט באַרעכטיקט אונדזערע האָפענונגען!

— כ׳האָב ניט באַרעכטיקט די האָפענונגען? כ׳טו אַלץ וואָס מעג־לעך איז, אויב עפּעס איז ניט אַזוי... מערער וועט קיינער ניט טאָן.

— טוסט אַלץ ניט ווי ס׳דאַרף צו זײַן. דו ווייסט אַליין ניט, וואָס דו טוסט.

— כ׳אַרבעט טאָג און נאַכט. כ׳גיב קיינעם קיין רו ניט. איך וווין אין קאַבינעט, אַפילע אַ בעטל דאָ אָוועקגעשטעלט.

— אָט, אָט! האָסט פאַרפײַניקט זיך און די מענטשן. פאַרנעמסט זיך מיט יעדן קילאָגראַם בענזין אַנשטאָט דעם עקספּעדיטאָר אָדער דעם באַזאָרגונגס־אַגענט. האָסט מוירע, די אַרבעטער זאָלן קיין איבעריק לעבל ברויט ניט אויפּעסן. זיי זײַנען געצוווּנגען צו קומען צו דיר נאָך אַ דער־לויבעניש אַף יעדן רייס מיט דער מאַשין. דאָס הייסט באַ דיר — קאַמף פאַר עקאָנאָמיע: מיט איין וואָרט, האָסט באַשלאָסן צו אַרבעטן אַפן באַצירק פערזענלעך, אָן צוטרוי צו קיינעם. וואָס־זשע האָסטו זיך, אין דעם פאַל, אויסגעלערנט, אויב דו האָסט ניט באַנומען דעם איקער: דער גאַנצער קויעך איז אין דעם קאָלעקטיוו? ס׳איז עמעס, וואָס מע שמועסט, אַז מענטשן זײַנען פאַר דיר — פּענדעלעך.

— איך האָב קיינמאָל פון דיר אַזעלכעס ניט געהערט, — האָט אומבאַהאָלפן געברומט יעפימאָוו.

— איז הער־זשע, ווען דו האָסט זיך דערויף פאַרדינט! איך האָב טערעכאָוון, דײַן כאַווער, ניט אומזיסט דערמאָנט. די באַדינגונגען זײַנען באַ אים לײַכטערע, איידער באַ דיר? ניין! ער איז אַן עמעסער דירעק־טאָר, דער קאָפּ פון אַ זאַוואָדישן קאָלעקטיוו, ניט קיין עקספּעדיטאָר. און ער ווערט ניט גרוי, שטעל זיך פאָר. טערעכאָוו איז שטענדיק אָפּגעראַ־זירט, פריש, אין אַ נײַעם קאָסטיום — זיצט אין קאַבינעט, ווי ער וואָלט געפײַערט זײַן נאָמענס־טאָג. און ער קלײַבט זיך ניט צו שטאַרבן — ער ווייסט, אַז דער פּאַרטיי און דער מעלוכע זײַנען נייטיק קלוגע און גע־זונטע אַרבעטער, קעדיי צו באַזיגן דעם סוינע. איך בין די טעג געווען באַ אים אָפן זאַוואָד — און ווי כ׳וואָלט זיך מיט זויערשטאָף אָנגע־אָטעמט. ווי לאַנג איז דאָ, אַז ער האָט די פּאַראָרדענונג באַקומען, און ער שטעלט שוין צו געוויער פאָרן פראָנט. און דיר איז אַ שאָד מיטן קאַ־בינעט זיך צו געזעגענען, און דו זיצסט אין אים, ווען דײַן איגיען און דײַנע מענטשן זײַנען אָף יענעם ברעג. קומט אויס, ס׳איז גערעכט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע: מע דאַרף זיך אָראָפּנעמען פון דעם אַמט, דו קענסט זיך ניט קיין אייצע טאָן.

— יעפימאָוו האָט זיך געענדערט אָפן פּאָנעם, זײַנע ליפּן האָבן אָנ־געהויבן ציטערן, צוקן:

— פאַרוואָס־זשע אַראָפּנעמען? פאַר מײַן געטרײַשאַפט?

— געטרײַשאַפט אליין איז ווייניק. פון דיר פאַרלאַנגט מען אַ סאַך — דו ביסט אַן אָנפירער.

זאַלקינד האָט איבערגעפירט די האַנט איבערן פּאָנעם און זיך גע־זעצט. ער איז געווען אויפגערעגט און זיך געצוווּנגען צו באַרויִקן זיך. ניט שוין־זשע האָבן זיי אין יעפימאָוון אַ טאָעס געהאַט, און ס׳וועט ערשט אויסקומען אַראָפּנעמען אים פון דער אַרבעט? יעפימאָוו האָט מיט אַ גרוי־מאָסע אַראָפּגעשלונגען נאָך אַ פראַשעק.

— האָסט זיך פאַרפּלאָנטערט, אַראָפּגעשלאָגן זיך פון ריכטיקן וועג, — האָט זיך זאַלקינד געקאָסט, — צי זעסטו אַליין ניט, אַז דו האָסט זיך פאַרפּלאָנטערט? וואָלסט זיך בעסער צוגעהערט צו טעמקינס רייד — ער האָט אַ שטילע שטים, אָבער אַ ריכטיקע. וואָלסט בעסער צו הילף גערופן די פאַרוואַלטונג. זי איז ניט הינטער די האַריי־כוישעך, און ס׳פירט ערשט צו איר אַ גוטער וועג. דו האָסט זיך אַפילע פון דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אַרויסגעמאַכט. וויכטיקע איניאָנים, איר זעט ניט, האָבן געשטערט — פּופּציק גראַם טשוועקעס אָפּגעראַטעוועט! סאַראַ מאַכער! דאָס הייסט ניט פאַרשטייך, וואָס איז אַזוינס מילכאָמע!

יעפימאָוו איז נאָכאַמאָל געקראָכן צום שופלאָד.

— גענוג דיר שוין צו שלינגען די פּראַשקעס! איך וועל דיר פאַר־שרײַבן אַן אַנדער רעפוּע. זיי זײַנען געזעסן אַ ביסל שווײַגנדיק פון דעם

וואַרט־צימער האָבן זיך געהערט שטימען. זאַלקינד האָט זיך אין זיי אײַנ־געהערט.

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן, מיכאַיל באַריסאָוויטש ? — האָט יע־פימאָוו געפרעגט פאַרצווייפלט. — דו האָסט מיך שוין פולשטענדיק דערהאַרגעט.

— שוין דערהאַרגעט אויך ! — האָט זאַלקינד אַ שמייכל געטאָן. ער האָט זיך אָנגעבויגן איבערן טיש און אַ קוק געטאָן יעפימאָוון אין די אויגן. — באַטמאַנאָוו וועט זיכער באַשטיין, מע זאָל דיך באַזײַטיקן, און מיט רעכט. נאָר איך האָב דיך אין דער פּאַרטיי אַרײַנגענומען, און עָס קרענקט מיך פאַר דיר, איך וויל ניט, אַז דו אַליין זאָלסט זיך פאַר דער צײַט באַגראָבן. דײַן באַצירק וועל איך געמען אונטער מײַן אייגענער האַש־גאָכע. כ׳וועל פּרוּוון דיך באַפרײַנדן מיטן קאָלעקטיוו, כ׳וועל זען, צי וועסטו קענען אַרבעטן מיט טויזנט הענט, און ניט מיט צוויי. האָרעווען וועסטו, ווי איצט — טאָג און נאַכט, נאָר אָן פּראָשקעס. אָדער דו וועסט ווערן אַ נאָרמאַלער נאַטשאַלניק פונעם באַצירק, אָדער דו וועסט מוזן אָנהייבן פון אָנהייב, ווי אַ געוויינלעכער טעסליער. פאַרשטאַנען ? —

— פאַרשטאַנען, — האָט מיט אַ שוואַכער שטים געענטפערט יע־פימאָוו.

— די שטים איז בײַ דיר געוואָרן אַ שטילע, ווי בײַ טעמקינען, — האָט זאַלקינד אַ שמייכל געטאָן. — און ער האָט עס זיך דאָרט עפּעס צעשריגן, דו הערסט ? — זיי האָבן ביידע אַ קוק געטאָן צו דער טיר, — גיי רוף אַרײַן די מענטשן, אַלע, וויפל עס זײַנען דאָ. זיי ווילן אַרבעטן. ניטאָ וואָס זיי צו פאַרהאַלטן אין וואַרט־צימער.

ערשט האָט זאַלקינד אָראָפּגעצויגן פון זיך דאָס האַלב־פּעלצל. ער איז געשטאַנען אינמיטן צימער, געוואַרט אַף די מענטשן — און זיי זײַנען אַרײַנגעקומען, ניט זיכערע, אויפגעבראַכטע, פאַרוואָלקנטע . . .

די טיר האָט געעפנט ראַדיאָנאָווא אַליין. זי איז געווען אויפריכטיק דערפרייט, געשטאַנען לעם קאָושאָוון, ביז ער האָט זיך אויסגעטאָן.

— סעראַפימע איז אַוועק אין געסט. בערידזע איז אין שטוב, — האָט אָלגע געזאָגט. — נאָר איר קומט אַרײַן צו מיר . . .

אין דער ליכטיקער שײַן פון לאָמפּ אונטער אַ געלן זײַדענעם אַבאַ־זשור האָט זיך אין קאָושאָווס אויגן געוואָרפן, אַז די באַלעבאָסטע איז אָנגעטאָן ניט שטוב־מעסיק : אַ קאָסטיום, באָטן.

— איר האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין ? — האָט ער געפרעגט.

— זעט איר, דאָס שוין ניט. אין אַ פינף מינוט אַרום וואָלט איך אײַך געגאַנגען זוכן. אַ דאַנק, וואָס איר האָט ניט פאַרגעסן.

— אָלגע האָט זיך צוגערירט צו די שלייפן מיט די שפּיצן פינגער

זיי זײַנען געווען באַ איר לאַנגע און דינע, אַ ביסל רויטלעכע אין די געלענקען. זי האָט זיך אײַנגעהערט.

— מע טאָר זיך ניט אַזוי דענערווירן, איר קענט זיך אַזוי צעשרויפן ביז היסטעריקע. קומט לאָמיר שמועסן רויִק, אַלץ באַטראַכטן ניכטער.

— איר זײַט גערעכט. — איך וועל זיך, זיכער דערפירן ביז מע־שוגאַס. אינדערפרי האָט זיך אײַך אויסגעדאַכט מאָדנע, ווי̇אַזוי איך האָב גערעדט וועגן טויט פון מײַן מאַן...

פאַרפּלאָנטערט און אָן אַ סדר האָט זי דערציילט וועגן קאָנסטאַנ־טינען. זיי האָבן זיך באַקענט אין דעם רובעזשאַנסקער מעדיצינישן אינס־טיטוט, ווען אָלגע איז נאָך געווען אַ סטודענטן, און ער — אַ דערפאָלג־רײַכער, שיינריידנדיקער דאָצענט פון דער נעווראָפּאַטאָלאָגישער קאַטעד־רע. גלײַך נאָך דער ערשטער לעקציע האָט ראָדיאָנאָוו אָנגעהויבן זי צו אַדאָרירן — אײַנגעשפּאַרט און עפּעס ווי ניט צום אַפּעלירן. נאָכן אַרויס־לאָז־אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן זייער צוזאַמענלעבן. ס'איז געווען אין דעם גוטע טעג, און זי וואָלט איצט ניט קענען זאָגן וועגן זיי קיין שום שלעכטס, ווי אויפמערקזאַם, זאָרגעוודיק און אַפילע צערטלעך קאָנסטאַנ־טין האָט געקענט זײַן, ווען ער האָט געוואָלט! און ער האָט זי געמאַכט אומגליקלעך. ביז דעמאָלט האָט זי ניט פאַרשטאַנען, אַז ס'זײַנען פאַראַן מענטשן, וועלכע זײַנען פעיִק אָפּצונאַרן דעם סאַמע נאָענטסטן מענטשן אַפילע אין דעם, וואָס דאַרף זײַן הייליק. ס'איז ניט נייטיק צו דערמאָנען אַלע פּראָטים, ווי זי האָט אים ביסלעכווײַז אויפגעהערט צו געטרויען. ענדלעך האָבן זיך איר געעפנט די אויגן. פולשטענדיק. דאָס איז געשען בעיס זײַן לעצט קומען אַהער. נאָך ליבלעכע און צערטלעכע פאָררעדעס האָט קאָנסטאַנטין אָנגעהויבן צו ריידן וועגן אַ ווײַסן בילעט. צו דעם אַלעם איבעריקן האָט ער זיך נאָך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּאַכדן.

— איך קען ניט, איך קען ניט טויפעס זײַן, — האָט אָלגע געזאָגט מיט אומעט און אויפגעבראַכטקייט, — פון וואַנען האָבן זיך גענומען אין ראַטנפאַרבאַנד אַזעלכע מענטשן? פאַרוואָס האָבן זיי זיך דערהאַלטן? זיי באַציִען זיך לײַכטזיניק צום לעבן, כויזעקן אָפּ פון אַרבעט, פון געזעל־שאַפטלעכער פליכט, פון פאַמיליע־לעבן, פון ליבע, פון קינדער... סײַ קאָנסטאַנטין, סײַ כמאָרע —ביידע זײַנען זיי איינס און דאָס זעלבע. טרונק־כאַווײרים, פרײַנט אין אַלץ. דער איינציקער אונטערשייד איז, וואָס איינער איז אַ דאָקטער, און דער צווייטער — אַ געאָלאָג. איך פאַרהאַס זיי ביידע!

זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. איר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז כמאָרע גייט.

— פאַר אײַער קומען האָב איך נאָך אַמאָל איבערגעלייענט קאָנס־טאַנטינס בריוו. ס'איז ליגן! נעכטן האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דער מאָביליזאַציע. צי קען ער הײַנט אויפריכטיק אָנשרײַבן אַזאַ בריוו? לייענט

אַליין איבער, אויב ס׳גלוסט זיך אײַך, — זי האָט אַ נעם געטאָן דעם ראַזעווען קאָנווערט און אים דערלאַנגט אַלעקסייען.

— כ׳וועל ניט לייענען. — קאָוושאָוו האָט מיט עקל אַ קוק געטאָן אַפן בריוו.

— איך גלייב ניט און וועל קיינמאָל ניט גלייבן! זיי האָבן צוגעטראַכט עפּעס אַ נעוואָלע. און איך האָב דאָס געפיל, ווי איך וואָלט אויך געוווען פאַרמישט דערין.

אָלגע האָט מיט האָפענונג געקוקט אַף אַלעקסייען. ער האָט געשפּירט, אַז זי זוכט בײַ אים שוץ, און ער האָט זיך באַמיט זי צו באַרויקן. אין אַ געוויסער מאָס האָט זיך אים דאָס אײַנגעגעבן. נאָר איר אויפרעגונג און אומרויִקייט האָבן זיך אויך אים איבערגעגעבן. ניט ווילנדיק האָט זיך אויך אַלעקסיי אײַנגעהאָרכט — צי קומט ניט דער גאַסט.

— ווי זאָל איך זיך האַלטן מיט כמאַרען? כ׳וועל זיך, זיכער, ניט באַהערשן און אים אַרויסטרײַבן.

אָלגע האָט מיט האָפענונג געקוקט אַף אַלעקסייען. אַ טראַכט טוענדיק, האָט ער געזאָגט:

— לאָמיר באַשליסן אַזוי. איר מוזט זיך באַהערשן. באַמיט זיך צו באַציִען צו דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס וועט קומען צו אײַך, אַן פּאַראורטייל. גיכער פון אַלץ איז ער בלויז אַ שעליִעך מיט אַ טרויעריקער בשורע. אין דעם פאַל איז אײַער אומצוטרוי און כשאַד ניט פײַן. אויב אָבער כמאַרע באַטייליקט זיך ווירקלעך אין עפּעס אַ שווינדל און זײַן ציל איז

— מאַכן אײַך גלייבן אין דעם מאַנס טויט, וועט איר אים בלויז מאַכן וואַכזאַמער. איך בין גרייט בײַצוזײַן אײַער באַגעגעניש. נאָר גלײַכער איז פונדעסטוועגן אײַך ניט צו שטערן. אַן מיר וועט ער זיך האַלטן אָפנהאַרציקער. איך וועל זיצן בײַ בערידזען. ווען כ׳וועל אײַך נייטיק זײַן, וועט איר מיך אַרײַנרופן.

— ריכטיק, אַליאָשע, ריכטיק. — אָלגע האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן, ס׳האָט זיך אין איר דערוועקט ענערגיע. — איר האָט גוט באַשלאָסן. זאָל זײַן אַזוי. כ׳וועל אַליין ריידן מיט אים.

— צי קען איך אײַך שטעלן איין פראַגע?

— פרעגט, אַליאָשע.

— איר האָט זייער אַנטשלאָסן דערקלערט: ראַדיאָנאָוו און דער דאָזיקער געאָלאָג זײַנען שלעכטע און אַפילו געפערלעכע מענטשן, צי אין שײַכעס צו אײַך פערזענלעך? אָדער איר האַלט זיי פאַר געפערלעך אויך געזעלשאַפטלעך? וואָס קען מען פון זיי דערוואַרטן?

— אַ גערעכטע פראַגע. ס׳איז ניט גוט, וואָס איך אַליין האָב זי זיך ניט געשטעלט. — אָלגע האָט געענטפערט ניט גלײַך. — יאָ, מיר דוכט זיך, אַז מע קען פון זיי דערוואַרטן שלעכטס, און אַפילו זייער שלעכטס. און ניט בלויז פאַר מיר, נאָר אין אַלגעמיין... איר דאַרפט

ניט טראַכטן, אַז אין מיר רעדט די באַליידיקטע כשיוועס אָדער די באַ־אוולטקייט. איך בין איצט אָביעקטיוו. מישפּעט אַליין. זיי זײַנען עגאָיס־טיש אין זייער יעדן שטריכעלע. דאָס וואָס מיר האַלטן פאַר דעם איקער־דיקסטן אין לעבן, איז פאַר זיי גלײַכגילטיק. איך קען אין דעם אָדער אין יענעם אַ טאָעס האָבן, נאָר איך ווייס אַף וויפל זיי זײַנען מאָראַליש פאַר־דאַרבן. אָט די ליבע צו געלט, זאַכן און פאַרגעניגנס, אָט די כּויזעק־שמיי־כעלעך איבער אַלץ, וואָס איז טײַער דעם עמעסן מענטשן, אָט די נאַרי־שע שוואַכקייט צו אַלץ, וואָס איז אויסלענדיש. אָט די אומאַכטונג צו מענטשן, ווי האָב איך דאָס פריִער ניט דערזען! עמעס, כמאַרען האָב איך שוין דעמאָלט טויפעס געווען. און כ'האָב זיך אַפילע באַמיט אָנצור־שטעלן קאָנסטאַנטינען קעגן אים.

אַלגע איז צוגעגאַנגען צום פּאָרטרעט און אים אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט. אַ רעגע איז זי געשטאַנען, זיך ניט אויסדרייענדיק, דערנאָך צוריקשטעלנדיק דעם פּאָרטרעט אין דער פריִערדיקער פּאָזיציע, אויפגעזוכט אַ שטיקל שוואַרצע לענטע און עס צוגעבונדן צום מאָנס פּאָטאָגראַפיע.

— טרויער. צי ער לעבט, צי ער איז געשטאָרבן — אַלץ איינס, האָט זי געזאָגט מיט פינצטערער אָנטשלאָסנקייט. זי האָט באַמערקט אַף זיך די באָטן און באַשלאָסן: — איך דאַרף זיך איבערטאָן. איר וועט פאַרבלײַבן אַליין, איך קום באַלד צוריק.

— כ'וועל בעסער אַרײַנגיין צו בערידזען, — האָט אַלעקסיי געזאָגט.

— אָבער זאָגט ניט בערידזען וועגן כמאַרען. עס זיצט דאָרט טאַניע, און זי איז ניט גערן צו הערן וועגן אים. איך שרעק זיך, זי זאָל מיר ניט שטערן.

די טיר אין בערידזעס צימער אַרײַן איז געווען אַ ביסל אָפּגעלענט. אַלעקסיי איז שטיין געבליבן אין קאָרידאָר. טאַניע איז געזעסן לעבן בע־רידזען הינטערן טיש, דער טונקעלער אַבאַזשור פון דעם טיש־לאָמפּ האָט פאַרבאָרגן דאָס ליכט, זייערע פּענעמער האָבן זיך געטונקען אין האַלב־טונקל.

„אָט אַ פײַן פּאָרל! שוין צײַט, געאָרגי זאָל זיך אַרומרינגלען מיט אַ פאַמיליע. מע זאָל הונדערט יאָר זוכן — און אַזאַ ווי טאַניע וועט מען ניט געפינען" — האָט אַלעקסיי אַ טראַכט געטאָן, זיך פרייענדיק פאַרן כאַוועראָ

— ס'איז גוט, וואָס איר וועט דעם יאַנטעוו פאַרברענגען דאָ, — האָט בערידזע געזאָגט. — איך בין אַרומגעגאַנגען אַ צעדרייטער, ביז באַטמאַנאָוו האָט ניט מאַסקים געווען אָפּצולייגן דאָס אָוועקשיקן אײַער קאָלאָנע. כאָטש די דאָזיקע דרײַ טעג אײַך זען, הערן אײַך...

— דערפאַר אָבער בין איך ניט צופרידן. ס'וואָלט בעסער זײַן מיר

זאָלן מאָרגן זיך לאָזן אין וועג. פאַרוואָס באַומרויִקט איר מיך, געאָרגי דאַווידאָוויטש?

— איך האָב אײַך געזאָגט. איך וועל עס אײַך זאָגן אָן אויפהער: איך האָב אײַך ליב באַקומען! איר פאַרשטייט, ליב באַקומען! — בעריזדזע האָט די דאָזיקע ווערטער פון דערקלערן זיך אַרויסגעבראַכט מיט עפּעס אַ יובלענדיקער קראַפט.

— מע דאַרף ניט! — האָט טאַניע פּראָטעסטירט. — מע קען דען אַזוי, מיטאַמאָל? איך פאַרשטיי דאָך אַלץ. איר זײַט איינזאַם. און אַ כאַראַקטער איז בײַ אײַך אַזעלכער: איר מוזט וועגן עמעצן זאָרגן. דאָס וואָס איר רופט אָן ליבע צו מיר, דאָס איז בלויז די גרייטקייט ליב צו האָבן, צו זאָרגן וועגן עמעצן. כ׳בעט אײַך, רעדט ניט מיט מיר וועגן דעם.

— איר וועט אַוועקגיין מיט דער קאָלאָנע, און מיר וועלן זיך לאַנג ניט זען. פאַרוואָס־זשע זאָל איך ערשט ניט טאָרן אַרויסזאָגן דאָס, וואָס איך וועל סײַ ווי מוזן ווען עס איז אַרויסזאָגן?

קאָוושאָוו האָט זיך דערזען אין דער אומבאַקוועמער לאַגע פון אַ מענטשן, וועלכער האָט צופעליק אונטערגעהערט אַ פרעמד געשפּרעך. ער האָט זיך אָבער אויך ניט געקענט אומקערן צו ראַדיאָנאַוואַן אין צימער. ער האָט געוואָלט צולענען די טיר און ניט צוגעלענט: אַלעקסיי איז מיטן גאַנצן האַרץ געווען אָף בערידזעס צאַד און געוואָלט וויסן מיט וואָס ס׳וועט זיך ענדיקן די דערקלערונג.

— פאַרוואָס גלייבט איר מיר ניט? — האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי פון געאָרגי דאַווידאָוויטש. — איך זאָג אויפריכטיק דאָס, וואָס איך פיל.

— איך גלייב אײַער אויפריכטיקייט. און איך גלייב ניט, אַז מע קען ליב באַקומען אַ מענטשן פון ערשטן בליק. ווי לאַנג איז דאָ אַז מיר האָבן זיך באַקענט?

בערידזע האָט, מאַשמאָעס, געוואָלט אַרומנעמען דאָס מיידל. טאַניע האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט צוזאַמען מיטן טיש.

— רירט זיך צו מיר ניט צו, געאָרגי דאַווידאָוויטש. אַניט גיי איך אַוועק.

„אַרײַנגעפאַלן די באָרד!״ — האָט אַלעקסיי אַ טראַכט געטאָן מיט אַ שמייכל.

— ווי קען מען ליב באַקומען, ניט קענענדיק דעם מענטשן? פאַרוואָס ליב באַקומען? — האָט טאַניע געפרעגט פאַרלוירן. — קיין מענטשן קען מען אַזוי שנעל ניט דערקענען. מיר דוכט זיך, אַז איר ליבט זיך אײַן מיטאַמאָל, נאָר זייער ניט אָף לאַנג.

זיי זײַנען שטיל געבליבן. אין דער שטילקייט האָט קלאָר געקלאַפּט דער זייגער.

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן, טאַניע? — האָט בערידזע אָפּגעזיפֿצט.
— זאָגט, און איך וועל זיך אײַך אונטערוואַרפֿן...

— מע דאַרף פֿאַרשטייט זיך, וואַרטן. איך מיין, אַז דאָס וועט באַ אײַך פֿאַריבער אַזוי שנעל, ווי ס'האָט זיך באַוויזן.

...פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ הויך קלאַפּן אין דער אײַנגאַנג־טיר. אָלגע איז אַרויסגעלאָפֿן באַגעגענען דעם גאַסט, קאָוושאָוו האָט פֿאַרמאַכט די טיר צו בערידזען און פֿאַרבײַגעגאַנגען אין קיך אַרײַן, אין סעראַפֿימעס קעניגרײַך, ווו ס'איז געווען וואַרעם און ס'האָט געשמעקט מיט וואַרע־ניקעס.

דער שפּעטער גאַסט האָט אויסגעזען סאָליד. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לעדערנעם פּאַלטאָ! שוואַרצע פּילצענע ווויליקעס מיט קלאַפּעס, אַ בלוזע און גאַליפֿע־הויזן — דאָס געוויינלעכע אָנטאָן, וואָס איז באַ־ליבט באַ אַ סאַך סאָוועטישע טוער. זײַן אויסערלעכקייט האָט אַרויסגע־רופֿן צו זיך סימפּאַטיע: אַ ברייט אָפּגעווינטיקט פּאָנעם, אַ פֿאָשעטער בליק פֿון טונקעלע אויגן, האַרטע, עטוואָס פֿאַרביסענע ליפּן.

— גוטן אָוונט, אָלגע, טײַערע! — האָט ער אויסגערופֿן, אַ קוק געטאָן ראַדיאַנאַוואָן אין פּאָנעם און אַ קוש געטאָן אין האַנט. — אַנט־שולדיקט, איך האָב ניט געשיקט דערפֿילט מײַן שליכעס. איך האָב אַ סאָך געטראַכט אָפּן וועג, נאָר גאָרניט אויסגעקלערט קיין קלוגס. ס'איז מיר אַ שאָד קאָנסטאַנטין! אויפֿריכטיק אַ שאָד!

ער האָט זיך געהאַלטן פֿרײַ, פּאָשעט און גלײַכצײַטיק מיט פֿאַרלעגנ־הייט, ווי עס דאַרף זיך האַלטן אַ מענטש אין זײַן לאַגע. אָבער אָלגען, וועלכע האָט אויפֿגענומען פֿאַרשאַרפֿט כמאַרעס יעדעס וואָרט און באַ־וועגונג, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי האָט שוין באַצײַטנס אויפֿגעכאַפּט עפּעס אַ געוויסע פֿאַלשקייט.

ניט דערוואַרטנדיק זיך אַף קיין פֿראַגן, האָט דער גאַסט זיך גענומ־מען דערציילן. קאָנסטאַנטין האָט לאַנג דערוואַרט אַן ענטפֿער אַף זײַן ווענדונג, און דערנאָך איז אַלץ פֿאָרגעקומען מיט דער שנעלקייט פֿון אַ בליץ: מ'האָט אים אַרויסגערופֿן אין מיליטקאָם און געגעבן צוויי שאָ־צײַט זיך אײַנצופּאַקעווען. וועגן זײַן טויט האָבן מוידיע געווען זײַנע מיט־רײַזנדיקע פֿונעם עשעלאָן, זיי טאַקע האָבן צוריקגעשיקט זײַן טשעמאָדאָן. אַלע באַקאַנטע זײַנען איבעררגאַשט געוואָרן פֿון קאָנסטאַנטינס טויט, ער האָט ניט געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ קראַנקן מענטשן. ס'האָט זיך אים זייער געוואָלט אָפּן פֿראָנט, ער האָט זיך בוכשטעבלעך געריסן אַהין — און אָט איז ער ניט דערפֿאָרן. אָוודע וואָלט שוין בעסער געווען אומצו־קומען אָפּן פֿראָנט. נאָר וואָס קען מען מאַכן — ס'איז באַשערט צו שטאַרבן ניט נאָר אין שלאַכטן.

אָלגע האָט אים אויסגעהערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זי האָט אַליין קיין ליגן ניט געקענט זאָגן און ניט געקענט הערן, ווי אַנדערע

זאָגן ליגן. ס׳האָט זיך איר געוואָלט אים אָפּשטעלן, אַרײַנשרײַען אים אין פּנים אַרײַן: „ניט עמעס! קאָנסטאַנטין האָט זיך ניט געריסן צום פראָנט, ער איז אַ פּאַכדן — פּונקט ווי איר! און ער איז ניט געשטאָרבן!״

כמאַרע האָט איר געגעבן דעם טשעמאָדאַן און אונטערגעשטראָכן: די זאַכן זײַנען אין אַן אומבאַרירטן צושטאַנד. אָלגע האָט אַוועקגעשטעלט דעם טשעמאָדאַן, ניט אויפּעפּענענדיק אים, הינטער דעם הענגער. ווי ער וואָלט האַלטן, אַז דער טרויער־טייל פון זײַן וויזיט איז שוין פאַרענדיקט, האָט כמאַרע אַ זאָג געטאָן מיט אַ פריילעכער שטים:

— ס׳וואָלט ניט געשאַדט מאַזקיר צו זײַן דעם פרײַנט לויטן מינהעג. צי געפינט זיך ניט בײַ דיר אַ ביסעלע בראָנפן מיט עפּעס וואָס צוצובײַסן? איך האָב זיך ווי ס׳דאַרף צו זײַן אויסגעהונגערט. — כמאַרע האָט זיך, לאַכנדיק, דערמאָנט: — אין רובעזשאַנסק האָסטו מיך ניט געשאַנעוועט, צײַטנווײַז האָב איך מוירע געהאַט צו אײַך אַרײַנצוגיין. האָסט אָנגעשטעלט קעגן מיר קאָנסטאַנטינען. און אומפאַרדינט: איך בין אַ טרײַער פרײַנט אים און דיר.

אָלגע איז אַרײַנגעגאַנגען אין קיך, צונויפצושטעלן אַן אָוונטברויט, און זיך אָנגעשטויסן אַף אַלעקסייען, וואָס איז דאָ געזעסן.

— איך גלייב אים ניט! איר פאַרשטייט, איך גלייב אים ניט! ער זאָגט ליגן! — האָט זי אַרײַנגעשעפּטשעט קאָװשאָוון אין אויער.

ווען אָלגע האָט זיך אומגעקערט אין צימער אַרײַן, איז כמאַרע געזעסן בײַם טיש און גלײַך געקוקט אַפן פּאָרטרעט אין טרויער, שעפּטשענדיק עפּעס און ווי אונטערגעשמייכלט.

ער האָט ניט פאַרבאָרגן דעם דאָזיקן אויסדרוק, איבערפירנדיק דעם בליק אַף דער באַלעבאָסטע, — און ווי מיט זודיק וואַסער איר אַ שפּריץ געטאָן אין פּנים. זי האָט די גאַנצע צײַט דערוואַרט, אַז כמאַרע זאָל זיך אויסגעבן, — און אַזוי איז עס טאַקע געשען. ערשט האָט זי זיך איבערצײַגט: מע נאַרט זי אָפּ. ס׳האָבן איר געקלעקט קויכעס זיך ניט צו פאַרלירן.

בעייסן אָוונטברויט האָט כמאַרע געוויילט די באַלעבאָסטע מיט דערציילונגען פון דעם לעבן אין געגנטלעכן צענטער. כמאַרע האָט זיך מוידע געווען: ער האָט ליב, פּונקט אַזוי ווי פריִער, אויסצוטרינקען, גוט אָפּצועסן, פאַרווײַלן זיך, נאָכלויפן פרויען, און ביכלאַל איז אים קיין שום פאַרגעניגן ניט פרעמד. אַן אַרבעט האָט ער אַ סאָלידע, ניט קיין דענערווירנדיקע, דער פאַרדינסט און די מעגלעכקייטן זײַנען, אין אַלגעמיין, ווי פאַר דער מילכאָמע.

— דו ביסט אַ שיינע, געטן — האָט כמאַרע געזאָגט מיט אויפריכטיקער אַנטציקונג. — קאָנסטאַנטין האָט דיך ניט אָפּגעשאַצט. כ׳וויל דיר אייצען, כאָטש דו וועסט אַף געוויס אין קאַס ווערן אַף מיר: טרויער ניט צופיל נאָך אים. מיט טרערן וועסטו אים ניט צוריק לעבעדיק מאַכן.

ער איז געווען אַ גרויסער באַלאָווירעניק. באַמי זיך בעסער צו ברענגען אין גלײַכגעוויכט זײַנע אַווירעס מיט דײַנע. גאָט וועט דיר מויכל זײַן!
— נאָכן אויסטרינקען איז כּמאַרע געוואָרן פֿרײַער אין זײַן האַלטונג, זײַן העפֿלעכקייט איז פֿאַרשוווּנדן. ער האָט אַרויפֿגעלייגט זײַן גרויסע שווערע האַנט אַף איר פּלייצע.

— הערט אויף! האָט זיך אַלגע האַסטיק אָפּגערוקט. זי האָט שוין לענגער ניט געקענט פֿאַרטראָגן כּמאַרעס כוצפּעדיק פּלוידערײַ און געוואַרט אַף אַלעקסייס אַרײַנקומען.

קאָוושאָוו האָט, זיצנדיק אין קיך, געהערט גענוי יעדעס וואָרט. כּמאַרעס דערציילונג האָט אין אָנהייב געקלונגען עמעסדיק, און אַלעקסיי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אַלגען פֿאַרפֿירן די פֿאַראורטיילן בענויגייע דעם מענטשן. נאָר אַף וויפֿל כּמאַרען איז לויזער געוואָרן דער צונג, האָט קאָוושאָוו פֿאַרלוירן צו אים דעם צוטרוי און, ניט זעענדיק דעם געאָלאָג, איז ער דורכגענומען געוואָרן מיט אַנטיפּאַטיע צו אים. קאָוושאָוו האָט געהויבן די פּלייצעס. מיט וואָס דערקלערט זיך עס, פֿאַרוואָס די דאָזיקע מענטשן, וועלכע פֿאַרמאָגן פֿאַרשטאַנד און פֿעיִקייטן, האָבן אַליין אויסגעווײַלט פֿאַר זיך אַזאַ נישטיקן גורל? ווי נאַריש כּמאַרע האָט אויסגעזען מיט זײַנע קליינלעכע לײַדנשאַפֿטן! און יענער, דער צווייטער, וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו אַלע געמיינקייטן, אַבי זיך אַרויסצודרייען פֿונעם פֿראָנט... אויב אַפֿילע ראַדיאָנאָוו איז פֿיזיש ניט געשטאָרבן, איז ער סײַ ווי אַ באַרמינען צווישן אונדז.

דערהערנדיק אַלגעס אויסגעשריי, איז קאָוושאָוו אַרויס פֿון קיך.

— מע קען צו אײַך אַרײַן, אַלגע פּיאָדאָראָוונע? — האָט ער געפֿרעגט אַף אַ קאָל. כּמאַרע האָט מיט אַ פֿראַגע אַ קוק געטאָן אַף דער באַלעבאַסטע.

— אַ שאָכן. אַן אינזשעניער פֿון אונדזער פֿאַרוואַלטונג, — האָט זי געזאָגט.

אַלעקסיי האָט געמאַכט אַף כּמאַרען, דוכט זיך, אַ גוטן אײַנדרוק. דער געאָלאָג האָט לײַכט אָנגעבונדן מיט אים אַ שמועס. ער האָט אויפֿגעקלערט דעם דינסטלעכן צוועק פֿון זײַן קומען קיין נאָווינסק. אַרויסגעוויזן באַקאַנטשאַפֿט מיט די איניאַנים פֿון דער בויונג. גערעדט וועגן גרובסקין ווי וועגן זײַנעם אַן אַלטן כאַווער. לויט כּמאַרעס מיינונג באַציט מען זיך הײַנט אין רובעזשאַנסק צו דער בויונג פֿון דער נאַטפּלייטונג נעגאַטיוו. מע האַלט איצט פֿאַר איבעריק, ווײַל אַלע קויכעס דאַרפֿן אָפּגעגעבן ווערן דעם פֿראָנט. מיט אַ קורצער צײַט צוריק וואָלט אַלעקסיי פֿאַרבײַגעלאָזט די דאָזיקע ווערטער אומבאַמערקט. נאָר אַרויסגעבראַכט דורך כּמאַרען, האָבן זיי אים אָנגערירט, אויפֿגערעגט אים. דער אינזשעניער האָט זיך אָנגעטאָן אַ קויעך צו דערדריקן אין זיך דעם כיישעק אים שאַרף צו דערווידערן, לויט זײַן געוויינלעכן שטייגער.

ענדלעך האָט זיך דער גאַסט אויפגעהויבן, ער האָט אויסגעדריקט זײַן האָפענונג און באַגער צו זען אָלגען און אַלעקסייען באַ זיך אין רובעזשאַנסק. זיך אָנטוענדיק, האָט ער געזאָגט דער באַלעבאָסטע:

— מײַן אייצע פאַרגעס ניט...

קאָוושאָוו האָט צונויפגעדריקט די פויסטן — ס'האָט אים אויפגעקאָכט דער ציניזם פון דאָזיקן מענטשן. ווי נאָר דער גאַסט איז אַוועק, האָט זיך אָלגע מיד אַנידערגעלייגט אַפן בעט. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן.

— נעמט זיך אין די הענט אַרײַן, מע טאָר ניט אַזוי! — האָט קאָוושאָוו באַרירט איר פּלייצע.

— איך וועל אים אָניאָגן, איך וויל נאָך ריידן מיט אים.

— גוט, גוט, — האָט אָלגע גלײַכגילטיק מאַסקים געווען.

...קאָוושאָוו איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. כמאַרע איז געשטאַנען ניט ווײַט פון הויז, לעבן דעם אויטאָ, וואָס האָט געוואַרט אַף אים.

— איר האָט דענערווירט די באַלעבאָסטע, — האָט אים אַלעקסיי געזאָגט.

— וואָס קען מען מאַכן? מע קען זי דאָך ניט אָפּנאַרן.

— איר זײַט אַראָפּגעפאַלן אַזוי אומגעריכט. אָלגע פּיאָדאָראָוונאַ גלייבט ניט, אַז ראָדיאָנאָוו איז געשטאָרבן, — האָט אַלעקטיי אַ זאָג געטאָן פּלוצים, צוגייענדיק האַרט צו כמאַרען. דער געזאָלאָג, אַ ברייטפּלייציקער און קרעפּטיקער, איז געשטאַנען די הענט פאַרשטעקט אין די קעשענעס און ברייט צעשטעלט די פיס.

— זי גלייבט ניט? זאָל זי, אויב אַזוי, קאָנטראָלירן. מ'האָט אים מעקאַבער געווען באַ דער סטאַנציע טײַשעט. אָט אַ פּרוי! וויפל ער האָט זי ניט אויסגעפּײַניקט, און זי באַדויערט אים. ס'איז ניט נייטיק! זי דאַרף אים גלײַך פאַרגעסן! — ער האָט אַ קוק געטאָן אַף אַלעקסייען און זיך צעשמייכלט: — און איך מיין, אַז זי וועט אים פאַרגעסן, וואָרשײַנלעך מיט אײַער הילף. ס'האָט אײַך צוגעשפּילט, יונגערמאַן!

אַלעקסיי האָט ניט באַוויזן גאָרניט צו ענטפערן. כמאַרע האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אויטאָ, געווונטשן אַ גוטע נאַכט און שנעל אָפּגעפאָרן.

קאַפּיטל דרײַצן

דער מאָרגן פֿון זיבעטן נאָוועמבער

סטאַלינס שטים האָט זיך דערהערט פּלוצים, געטראָפֿן די מענטשן אומגעריכט, האַגאַם אַף זײַן אַרויסטריט האָבן זיי שוין לאַנג געוואַרט. די מענטשן זײַנען פֿאַרגליווערט געוואָרן אַף זייערע ערטער.

סטאַלין האָט גערעדט רויִק, ניט געאײַלט, מיט אַ קאָלאָסאַלער אי־נערלעכער קראַפֿט. טייל ווערטער זײַנע, גויוועך זײַענדיק טויזנטוועסטי־קע שטאָכים, זײַנען פֿאַרלוירן געגאַנגען אין דעם עטער צווישן טומל און טראַסקערײַ. די פֿאַרזאַמלטע אין קלוב האָבן ניט געהערט דעם אָנהייב. ס'האָט זיך באַקומען דער אײַנדרוק, אַז די ראַדיאָ־סטאַנציע האָט פֿאַר־שפּעטיקט אײַנצושליסן די טראַנסמיסיע.

— מיר זײַנען פֿאַרשלאָפֿן, שלימאַזלס! — האָט הויך אַ שעפּטשע געטאָן גרעטשקין און שטיל געבליבן — קאָוושאָוו, וועלכער איז געשטאַ־נען הינטער אים, האָט אים אַ שטויס געטאָן אין פּלייצע.

ניט אָפּרײַסנדיק די אויגן פֿונעם רעפּראָדוקטאָר, האָט דער בלאַס־געוואָרענער קאָוושאָוו אײַנגעזאַפּט יעדן קלאַנג, וועלכן מ'האָט זיך גיכער אָנגעשטויסן, איידער געהערט. דאָס גאַנצע באַוווסטזיניקע לעבן פֿון אַלעק־סייס דאָר איז געווען ניט אָפּצוטיילן פֿון סטאַלינען, פֿון זײַן טעטיקייט, פֿון זײַנע ביכער און אַרויסטרעטונגען. פֿון די שול־יאָרן, פֿון יענעם טאָג אָן, ווען ס'האָבן אויפֿגעקלונגען די ווערטער: „מיר שווערן דיר, כאַווער לעניִן...", איז פֿאַר אַלעקסיי קאָוושאָוון און זײַנע בניי־גיל סטאַלין גע־וואָרן אַף אייביק יענער איינאונאייגציקער לערער, וואָס זײַן אויטאָריטעט איז געווען אומפֿאַרענדערלעך קלאָר און ניט אָפּצופֿרעגן. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, און בײַ אַ סאַך מענטשן, אַפֿילע די סאַמע אויס־געפּרווטע און דרײַסטע, האָבן אַ ציטער געטאָן די הערצער, האָבן זיך

זייערע געדאַנקען מיט האָפֿענונג געוואָנדן צו סטאַלינען. און זיי האָבן דערהערט זײַנע דורכנעמענדיקע ווערטער:

„כאַווייִרים! ביִרגער! ברידער און שוועסטער! שלאַכטלײַט פֿון אונדזער אַרמײ און פֿלאָט! צו אײַך ווענד איך זיך, פֿרײַנט מײַנע!"

...ערשט האָט סטאַלין אָפּסנײַ גערעדט מיטן פֿאָלק... אין די דאָזיקע מינוטן האָט פֿאַר קאָוושאָוון גאָרנישט ניט עקזיסטירט, אויסער סטאַלינס שטים. די דאָזיקע שטים האָט אין אים אַרײַנגעגאָסן גלויבן און ווילן.

סטאַלין האָט ניט באַרויִקט. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס פֿאָלק נייטיקט זיך ניט אין קיין טרייסט, עס נייטיקט זיך אין דעם עמעס. און, ווי טאָמיד, האָט דאָס פֿאָלק דערהערט דעם דאָזיקן עמעס פֿון סטאַלינען:
„...די געפֿאַר איז ניט נאָר ניט שוואַכער געוואָרן, נאָר פֿאַרקערט, זיך נאָך מער פֿאַרשטאַרקט. דער סוינע... באַדראָט אונדזער פּרעכטיקע רעזידענץ — מאָסקווע..."

ער, וועלכער האָט באַפֿעסטיקט אין לאַנד דעם באַוווּסטזײַן אַז דער סאַמע ווערטפֿולסטער קאַפּיטאַל אױף דער וועלט איז דער מענטש, האָט דרײַסט מיטגעטיילט דעם פֿאָלק וועגן דעם אומקום פֿון הונדערטער טויזנטער סאָוועטישע מענטשן אין די שלאַכטן פֿאַרן היימלאַנד. אַ טיפֿער צאַר האָט זיך געהערט אין זײַן פֿאַרלאַנגזאַמטער שטים.

ניט שעמענדיק זיך פֿאַר די אַרומיקע האָט זיך זשעניע צעוויינט, פֿולשטענדיק ווי אַ קינד, כליפּענדיק און קלאָגנדיק. אַ הייסע קנויל האָט זיך צוגעקײַקלט צו אַלעקסייס קעל, געשטיקט דעם אָטעם. באַטמאַנאָוו, וועלכער איז געשטאַנען לעבן זשעניען, האָט אויפֿגעהויבן די האַנט און שווײַגנדיק איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ: ס'האָט זיך געדוכט, ער האָט אַ גלעט געטאָן די אַלע, וואָס געפֿינען זיך דאָ, ווי פֿאַר זיי אַלע וואָלט געליטן זי איינע, דאָס פֿריילעכע און לעבהאַפֿטיקע מיידל.

„אונדזער זאַך איז אַ גערעכטע, — מיר וועלן זיגן!"

עטלעכע מינוט האָט אין דעם הילכער געשטורעמט פֿון אַפּלאָדיסמענטן. און דאָ — ווײַט פֿון מאָסקווע, אינמיטן מוטער־נאַכט — האָבן אויך די דרײַ הונדערט מענטשן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין דעם הילצערנעם קלוב אָפּן ברעג אַדון, מיט ברען אַפּלאָדירט סטאַלינען. דער רויש אין רעפּראָדוקטאָר האָט זיך פּלוצים איבערגעריסן, ס'האָט אים פֿאַרטוישט די פֿײַערלעכע הימן־קלאַנגען. דערנאָך האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ שטילשווײַגן...

— וואָס פֿאַר אַ גליק דאָס איז, וואָס מיר האָבן סטאַלינען, כאַווייִרים! וואָט וואָלט מיט אונדז געווען אָן אים? — האָט אין דער שטילקייט הויך אַ געשריי געטאָן טאַניע. און אָפּסנײַ האָט מען אָנגעהויבן צו טומלען און פּאַטשן מיט די הענט.

אַלעקסיי האָט זיך אַרויסגעקריגן פֿון דעם אוילעם. ס'האָט אים אָפּ־

געשטעלט בערידזע — אַן אויפגערודערטער, אַ בלאַסער, מיט אַנטציג־דענע אויגן:

— קום צו מיר, אַלעקסיי. מע דאַרף אַ שמועס טאָן...

— אַנטשולדיק מיר, געאָרגי דאַווידאָוויטש, איך קען ניט. איך מוז זײַן אַליין. לייג אָפּ דעם שמועס אױף אינדערפרי. און ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן, דער אינדערפרי. ווער וועסט געדולד האָבן אַ דרײַ שאָ?

— כ׳וועל געדולד האָבן, — האָט בערידזע אַ ברום געטאָן, האָט זיך אויסגעדרייט און אַוועקגעגאַנגען, זיך ניט אומקוקנדיק.

קאָושאָוון האָט אַ רוף געטאָן גרעטשקין:

— וואַרט אונטער, אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש! לאָמיר גיין צוזאַמען. אין צווייען איז לײַכטער צו פאַרדייען...

דער אינזשעניער האָט אָנגעהויבן גיין גיכער, ווי ער וואָלט ניט דער־הערט דעם רוף. ס׳האָבן אין אים געלעבט סטאַלינס רייד. און ער האָט ניט געקענט דערלאָזן, אַז די וויכטיקייט פון דעם איבערגעלעבטן זאָל זיך אויפלייזן אין אומוויכטיקע זאַכן, אין ווייניק באַדײַטנדיקע געוויינ־לעכע געשפּרעכן. פאַרקנעפּלט דאָס האַלב־פּעלצל און אַראָפּרוקנדיק דאָס היטל איבער די אויערן, איז ער געלאָפן איבער דעם אײַנגעפאָרענעם און גליטשיקן וועג אַהיים. די לעוואָנע איז געשטאַנען הויך אין הימל; אומצאָליקע שטערן־טריפן האָבן אויסגעשפּרענקלט דעם קלאָרן הימל. שניי, שניי האָט זיך געשפּרייט אַרום, אַ גרינבלעכער און פאָספאָרירנדיקער קעגן דער לעוואָנע.

אַלעקסיי איז שטיין געבליבן אַ ביסל בײַ דער צוזאַמענוווינונג, האָט עטלעכע מאָל טיף אײַנגעאָטעמט די פריש־פראָסטיקע לופט. פון דעם קלוב זײַנען זיך די מענטשן צעגאַנגען אין פאַרשיידענע ריכטונגען, זייע־רע שטימען האָבן געקלונגען גלאָזיק און אָפּגעריסן. דערזען גרעטשקינען זיך דערנענטערן מיט טאַניען און זשעניען, איז דער אינזשעניער שנעל אַרײַן אין שטוב. איינע פון די טירן אינעם קאָרידאָר האָט זיך אָפּגעלענט אים אַנטקעגן. פון איר האָט זיך אַרויסגעשטעקט ליזאַטשקעס קאָפּ מיט די העלע שיטערע האָר. זי האָט אױף אים אַ קוק געטאָן מיט שאַרפע אויגן און מיט אָפענעם אומצוטרוי זיך נאָכגעפרעגט:

— מײַנעם האָט איר ניט געזען?...

— ער וועט באַלד קומען...

— אַז נאָר ער לויפט! פיר קינדער האָט ער זיך אײַנגעשאַפן, איינ־גיכן וועט צוקומען אַ פינפטער, און קיין זעלבשטענדיקייט קומט אים ניט צו פאַר קיין גראָשן.

— איך בין געווען מיט אים אױף אַ פײַערלעכער זיצונג, דערנאָך האָבן מיר געהערט אַ רעדע פון כאַווער סטאַלין, — האָט אַלעקסיי געזאָגט מיט באַהערשטער דענערווירטקייט.

ליזאָטשקע האָט אַ ציטער געטאָן און גענומען געדיכט בלינצלען מיט די אויגן:

— טאַטעלעך! פאַרוואָס־זשע האָב איך ניט געוווּסט? זאָגט כאָטש, וועגן וואָס האָט ער גערעדט? וועט זיך די מילכאָמע אינגיכן ענדיקן?

— דער מאַן וועט קומען, וועט ער אײַך דערציילן, — האָט אַלעקסיי אַ וואָרטשע געטאָן און אײַליק זי פאַרבײַגעגאַנגען.

ס'האָט זיך אים געוואָלט אײַנהיטן דאָס געפיל פון יאָנטעוודיקער דערהויבנקייט, וואָס האָט אים באַהערשט. ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין זײַן צימער און זיך אָפּגעשלאָסן. ווי געוויינלעך, איז דאָ קאַלט געווען: דער אָטעם איז אַרויס פון מויל אין ווײַסער פאַרע, אַ סאַמעטענער שיכט טוי־פראָסט איז געלעגן אָפן סופיט און אַף דער דרויסנדיקער וואַנט.

דער אינזשעניער האָט זיך שנעל אויסגעטאָן און זיך לאַנג געדרייט אָפן האַרטן, ניט גלײַכן געלעגער, זיך אײַנגניורענדיק אין דער קאָלדרע און האַלב־פעלצל. ליזאָטשקע האָט באַגעגנט גרעטשקינען מיט פירהאַלטן: פאַרוואָס האָט ער באַצײַטנס ניט מיטגעטיילט וועגן דער רעדע און ניט געזאָגט, אַז ער וועט זיך פאַרזאמען. גרעטשקין האָט זיך אומזיכער און שרעקעוודיק פאַרטיידיקט.

ס'האָט זיך אַרײַנגעמישט אויך זשעניע. איר האָט שטענדיק אויפ־געבראַכט, וואָס גרעטשקין, אַן אַנטשיידענער און זעלבשטענדיקער אַף דער אַרבעט, האָט אַזוי קינדעריש מוירע פאַר זײַן ליזאָטשקען. די קוילעס האָבן זיך פאַהגרעסערט. דערנאָך האָט זיך מיט אַ טראַסק פאַרקלאַפּט די טיר. דאָס קריגערײַ האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין גרעטשקינס קוואַרטיר.

אַלעקסיי האָט דערהערט אַ ווייך שאַרוועץ פון ווויליקעס און אַ שטילן, גיכן קלאַפּ אין זײַן טיר. ער האָט זיך ניט אָפּגערופן.

— ער שלאָפט, ער וועט פאַרשלאָפן אַלץ אין דער וועלט, — האָט אומצופרידן געזאָגט זשעניע.

— לאָז אים צו רו, וואָס פאַרפאָלגסטו אים? — האָט איר טאַניע שטיל פירגעהאַלטן.

— איך דאַרף ריידן מיט אים. אין קלוב בין איך צוגעגאַנגען צו אים, האָט ער אַף מיר קיין אַכט ניט געלייגט.

— נעם מאַך אים אַ סקאַנדאַל דאָ, אין קאָרידאָר, לויט ליזאָטשקעס מוסטער, — האָט איר מיט כויזעק אין דער שטים געראָטן טאַניע.

די מיידלעך זײַנען געשטאַנען אַ ביסל בײַ דער טיר און אַוועקגע־גאַנגען. אין הויז איז שטיל געוואָרן, בלויז דער ווינט האָט געזונגען ווי אַ קאָמאַר, אַרײַנדרינגענדיק אין אַ שפּאַלט צווישן צוויי פאַראייניקטע שטיקלעך גלאָז.

די נאַכט איז שוין געקומען צו איר סאָף, און דער שלאָף האָט נאָך אַלעקסייען אַלץ ניט גענומען. אין קאָפּ האָבן זיך אים פאַרבײַגעטראָגן געדאַנקען, שטופנדיק איינער דעם צווייטן. ווידער און ווידער האָבן זיך

געהערט די ווערטער: „דער סוינע... באַדראָט אונדזער פּרעכטיקע רע־זידענץ — מאָסקווע". ער האָט געפּרוווט זיך פאָרשטעלן: וואָס קומט דאָרט איצט פאָר?... וואָס טוען די עלטערן, מיטיענקאַ? ווו איז זינע? ווען מע זאָל קענען זיך זען מיט זיי, כאָטש אַ וואָרט זאָגן, אַרומנעמען! אַלעקסיי האָט ערשט ניט געצווייפלט, אַז די בויונג פון דער נאַפטלייטונג איז נויטווענדיק פאַר דער מילכאָמע, און ער אַליין איז נייטיק פאַר דער בויונג. זײַן אָרט איז ניט ווייניקער וויכטיק און פאַראַנטוואָרטלעך, ווי דאָס, וואָס ער וואָלט פאַרנומען, פאַרטיידיקנדיק מאָסקווע. זאַלקינד האָט ריכטיק געזאָגט: „קעמפן דאַרף מען דאָרט, ווו עלטערע כאַווירים האָבן אָוועקגעשטעלט. אונדזער שלאַכט־אויפגאַבע איז — פאַרטיידיקן מאָסקווע באַ די ברעגן פון אַדון". קעגן דעם דערווידערן איז פונקט ווי נעגירן דעם אומאָפּפרעגלעכן עמעס וועגן דער אייניקייט פונעם פראָנט מיטן הינ־טערלאַנד.

דאָס אַלץ איז אַזוי, אַלץ איז ריכטיק... ס'איז ניט נייטיק די דאָ־זיקע פראַגעס נאָכאַמאָל צו לייזן. און פונדעסטוועגן איז צײַטנווײַז שווער געווען (דעם האָרץ, ניט דעם סייכל), צו אָנערקענען פאַר גלײַכווערטיק די ראָל פון אַן אינזשעניער, וועלכער קאָנטראָלירט אין דער שטילקייט פון קאַבינעט דעם לויפנדיקן פּראָיעקט־בויגן, און די ראָל פון אַ פּלוטאָן־קאָמאַנדיר, וועלכער הייבט אויף זײַנע זעלנער צו גיין אין אַטאַקע אונ־טערן דונער פון אַרטילעריע־פײַער. ווען ס'זײַנען אָנגעקומען באַזונדערס אומרויִקע ידיעס וועגן פראָנט הינטער מאָסקווע, האָט זיך געוואָלט זײַן ניט קיין בויאַרבעטער, נאָר אַ שלאַכטמאַן.

אין קאָרידאָר, קעגנאיבער אַלעקסייס קאַבינעט, איז געהאָנגען אַ פּלאַ־קאַט. ס'האָט פון אים אָפּן פאַרבײַגגייער דראָענדיק אַראָפּגעקוקט אַ פאַר־וווּנדעטער זעלנער און שטרענג געפרעגט: „וואָס האָסטו געטאָן פאַרן פראָנט?" אַזוי וואָלט אויסגעזען דער געוויסן אַליין, ווען מע זאָל פּרווון אים זיך אויסצומאָשלען: „דער סוינע באַדראָט מאָסקווע — און דו וואָס? אָדער דו האָסט ניט וואָס צו פאַרטיידיקן?..."

לעסאָף איז אַלעקסיי אײַנגעשלאָפן אָף אַ שאָ, צי אָף אַ מינוט. עס האָבן זיך געכאָלעמט פאַרשיידענע שטוסים. נאָר ווען ער האָט זיך אויפ־געכאַפּט, האָט ער דערפילט, אַז דאָס פּאָנעם איז נאַס פון טרערן. דער כאָלעם האָט אים איבערגעטראָגן אָף דער מאָסקווער אויסשטעלונג אין צאָפּן־פּאַוויליאָן. ער מיט זינען זײַנען געזעסן אָף דער טעראַסע, געגעסן אײַזקרעם מיט טרוסקאַווקעס, פון ערגעץ־ווו האָט זיך דערטראָגן מוזיק. זינע האָט אויפגעהויבן מיטן לעפעלע אַ גרויסע טרוסקאַווקע און זי דער־לאַנגט אַלעקסייען:

„דאָס איז בעסער פון אײַערע ווײַטמיזרעכדיקע טײַבעלעך?"

און אַלעקסיי האָט ניט געקענט אײַנהאַלטן די טרערן.

„פאַרוואָס וויינסטו, אַליאָשע?" האָט זיך זינע באַומרויִקט און איַינ־געבויגן צו אים, אויסצווווישן אים די אויגן מיט אַ שפּיצן־טיכעלע.

„וואָס פאַר אַ מענטשן מיר זײַנען געווען! ווי מיר האָבן געלעבט, גליקלעכע קינדער!" — האָט אַלעקסיי געזאָגט.

„געווען? — האָט זיך זינע געוווּנדערט. — מיר זײַנען דען גע־שטאָרבן? כ'פאַרשטיי דיך ניט, אַליאָשע".

„מיר זײַנען ערשט ניט די זעלבע", — האָט ער געזאָגט. ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז די מילכאָמע האָט אַ סאָף געמאַכט צו זייער מענוכע, און זיך איַינגעהאַלטן: „מע דאַרף זי ניט פריצײַטיק באַומרויִקן, זאָל זי נאָך אַ ביסל לעבן אין דער פרידלעכער צײַט"...

נאָך סטאַלינס רעדע האָבן זיך דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג און דער פּאַרטאָרג אומגעקערט פון קלוב אין דער פאַרוואַלטונג.

— ווען מיר וואָלטן האָבן אַ טעלעפאָן ביזן אינדזל, וואָלטן מיר זיך באַלד פאַרבונדן מיט דער גאַנצער טראַסע און מע וואָלט זיך אָנגעשמועסט וויפל ס'וואָלט זיך געגלוסט, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט, אַרײַנקומענ־דיק אין קאַבינעט.

אָפן טיש בײַ אים איז געשטאַנען אַ סעלעקטאָר־אַפּאַראַט. ער האָט פאַרבונדן בלויז מיט די נאָענטע באַצירקן, ביז טיוולין, ווו ס'האָט זיך געפונען ראַגאָווס שטאַב. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיך געזעצט בײַם טיש און מיט זײַן געוווינטן זשעסט צוגערוקט דעם אַפּאַראַט צו זיך. זאַלקינד האָט פאַרקלערט זיך אַרומגעדרייט שווײַגנדיק איבערן קאַבינעט.

— מע דאַרף אויפּזוכן בערידזען, זאָל ער קומען, — האָט באַטמאַ־נאָוו געזאָגט. — זיכער שלאָפט ער ניט.

— רוף אים ניט אַרויס, וואַסילי, — האָט זאַלקינד דערווידערט. — איך האָב אים געגעבן אַ וואָרט, אַז נעמלעך הײַנט, דעם זיבעטן נאָוועמ־בער, וועלן מיר באַטראַכטן זײַן ווענדונג וועגן אָנגענומען ווערן אין דער פּאַרטיי. מע דאַרף אים הײַנט ניט באַומרויִקן.

— ריכטיק, כ'האָב פאַרגעסן. האָגאָם איך אַליין האָב אים געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע. פאַרוואָס טוסטו זיך ניט אויס? — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געפרעגט. — טו זיך אויס, זעץ זיך אַנידער, מיר וועלן אַרויסרופן די באַצירקן. מיר וועלן געוואָר ווערן, מיט וואָס פאַר אַן אויפ־טוען האָט אונדזער אוילעם באַשלאָסן ענטפערן אויף דעם כאַווער סטאַלינס אַרויסטריט.

— איך וועל זיך באַטייליקן אין אַ שמועס מיט יעפימאָוון, דערנאָך וועל איך פאָרן אָפן „סטאַרט". דאָרט האָט מען אויך באַשלאָסן צו פאַר־רעכענען דעם זיבעטן נאָוועמבער פאַר אַן אַרבעטס־טאָג.

זאַלקינד האָט זיך צוגעזעצט אָפן פאַרענטש פון אַ שטול, צעשפּילעט די פאָלטע און אַראָפּגענומען דאָס היטל. באַטמאַנאָוו האָט איַינגעשלאָסן

דעם סעלעקטאָר. עמעצער אויף דער טראַסע האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן וועטער. אַ פרוי אַ דיספּעטשער פון צווייטן באַצירק האָט אָפּגעזאָגט און אַ ביסל דענערווירט מיטגעטיילט וועגן אַ פאַרלוירן געגאַנגענעם אויטאָ, וועלכער איז מיט דריי טעג פריִער אַרויס פון נאָווינסק. העכער פון די איבעריקע האָבן זיך געהערט צוויי מענערישע שטימען: אַ נידעריקע, אַ דומפּע — דעם אינזשעניער נעקראַסאָווס פון דריטן באַצירק, אַ קלינגעוודיקע — דעם אינזשעניער מעלניקאָווס פון פערטן. מעלניקאָוו האָט איבערדערציילט דעם אינהאַלט פון סטאַלינס רעדע. נעקראַסאָוו האָט זיך אַלץ ניט געקענט בארויִקן, וואָס אויף זייער באַצירק האָט מען זיך שפּעט דערוווּסט וועגן סטאַלינס אַרויסטריט. כוץ די שטימען, האָט דער סעלעקטאָר דערטראָגן אומקלאָרע געמישטע גערוישן. — עס אָטעמט אונדזער טראַסע, לעבט און ראַנגלט זיך, — האָט באַטמאַנאָוו שטיל געזאָגט. ער איז אומבאַוועגלעך געזעסן באַם אַפּאַראַט, אונטערשפּאַרנדיק די באַק מיט דער האַנט, און האָט זיך אויפמערקזאַם אײַנגעהאָרכט. הערן די טראַסע איז געווען זײַן באַליבטע באַשעפטיקונג.

— כאַווער מעלניקאָוו, איך ראַגאָוו. קווידעמקאַל גראַטוליר איך מיטן אָנקומענדיקן יאָרטאָג פון אָקטאָבער און מיט דער מאַטאַנע, וואָס ס'האָט אונדז אַלעמען געשענקט יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש, — האָט זיך דערהערט די הייזעריקלעכע שטים פון דעם נאַטשאַלניק פון פינפטן באַצירק.

— אַ דאַנק. ווי אַן ענטפער נעמט צו די זעלבע גראַטולאַציעס פון מיר, — האָט זיך אָפּגערופן מעלניקאָוו. — יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש האָט אונדז דערפרייט.

באַטמאַנאָוו האָט זיך שווײַגנדיק איבערגעקוקט מיט זאַלקינדן.

— אויף אַ מיטינג האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצורופן אויף אַ סאָצגעוועט אײַער קאָלעקטיוו, — האָט ראַגאָוו ווײַטער גערעדט. — מאָרגן וועט באַ אײַך זײַן מיט אַן אָפּמאַך דער סעקרעטאַר פון אונדזער פּאַרטאָרגאַניזאַציע קאָטיעניעוו, ערשט טייל איך עס אײַך מיט פּאַרלויפיק.

— איר הערט מיך?

— איך הער, — האָט מעלניקאָוו באַשטעטיקט. — איר זײַט אונדז פאַרויסגעלאָפן. מיר דאָ קענען זיך בעשום אויפן ניט דעררײדן: וועמען אַרויסצורופן — אײַך, אָדער דעם דריטן באַצירק.

— אונדזערע פאַרפליכטונגען זײַנען אַזעלכע, פאַרנאָטירט זיך עס, — האָט ראַגאָוו גערעדט דײַטלעך. — דרינגענדיק פאַרענדיקן די אַרבעטן באַם ווינטער־וועג, אין מעשעך פון צוויי וואָכן ברענגען אים אין אָרדענונג. די סאָמע נײַטיקסטע געבײַדעס, די געוויינלעכע און די אָמטלעכע — די סקלאַדעס, וווינונגען, דעם גאַראַזש, די בעקערײַ — אויפבויען ביז סאַמך הײַנטיקן כוידעש.

— דו הערסט! — האָט, אויסדרייענדיק זיך צו זאַלקינדן, אויסגערופן באַטמאַנאָוו.

— כוץ דעם, האָבן אונדזערע שאָפערן מאַכאָוו, סאָלנצעוו און אַנדערע, נאָכן באַגעגענען זיך מיט דעם סטאַכאַנאָווער סמאָרטשקאָוו, גענומען אַף זיך אַן אַנדערע פאַרפליכטונג: גלײַך אָנהייבן דאָס פונאַנדערפירן די רערן, ניט אָפּוואַרטנדיק ביז דער וועג וועט זײַן אַ פולשטענדיק גוטער. איר האָט זיך פאַרנאָטירט? — ראַגאָווס טאָן איז געווען אַ פאָדערנדיקער, ער האָט גערעדט ווי אַן עלטערער צו יינגערע.

— איך האָב פאַרנאָטירט, פאַרוואָס ניט פאַרנאָטירן, — האָט שוין וואָרטשענדיק געזאָגט מעלניקאָוו.

— הייסט עס, איך קען מיטטיילן דער פאַרוואַלטונג, אַז איר האָט אָנגענומען אונדזער אַרויסרוף?

— נאַ דיר אַ פראַגע! כ'האָב גאָרניט געהערט, אַז עמעץ זאָל אָפּוואַרפן אַן אַרויסרוף אַף אַ סאָצגעוועט. שיקט אײַער קאָטיעניעוון.

— איר האָט געהערט, כאַווער פאַרטאָרג? — האָט באָטמאַנאָוו צופרידן איבערגעכאַזערט און אָנגעלענט די פּלייצע אַפן רוקנפּאָרענטש פון דער שטול.

— מיך באַומרויִקט דער דריטער באַצירק, אָט דער יעפימאָוו, — האָט זיך זאַלקינד אויפגעהויבן. — רוף אַרויס אים און טעמקינען.

נאָר דאָ האָט ראַגאָוו גענומען רופן נאָווינסק. ער האָט זיך דערפרייט, ווען ס'האָט זיך אָפּגערופן באָטמאַנאָוו. — לויט דער שטים איז געווען קענטיק, ווי ראַגאָוון איז אָנגענעם צו ריידן אין אַזאַ שאָ מיטן נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

— מיר אַרבעטן הײַנט. אין צוויי שאָ אַרום וועלן מיר זיך קאָלעקטיוו שטעלן אַף דער וואַכטע, — האָט ראַגאָוו ראַפּאָרטירט. — מיר ווילן מיט דער הילף פון די סטאַכאַנאָווצעס אָפּטאָן פאַרן טאָג צוויי זאַכן... דורכפירן בײַוועגן פון דעם אײַזוועג אַפן אָדון צו דער טראַסע און אָנהייבן בויען אַ יישעוו פאַר דער אויטאָ־קאָלאָנע. איך זאָג אײַך צו, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, אויסצושטאַטן ביז אײַער קומען אַהער אַפן באַצירק אַ מוסטערהאַפטע צוזאַמענוווינונג פאַר די שאָפערן.

— זאָג ניט צו, איך קען ש ו י ן מאָרגן אַרײַנפאַלן. איך וועל זאָגן אַ דאַנק, אויב דו וועסט אויפבויען אַ געוויינלעכע צוזאַמענוווינונג, אַז די מענטשן זאָל זײַן וואַרעם און ריין.

זאַלקינד האָט אומגעדולדיק אַרומגעשפּאַצירט אַהין און צוריק, און באָטמאַנאָוו האָט אונטערגעאײַלט.

— אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש. דו האָסט געזען גאָנטשאַרוקס מענטשן? — האָט ער איבערגעריסן ראַגאָוון.

— זיי האָבן איבערגענעכטיקט באַ מיר. און אייערנעכטן אַוועק ווײַטער.

— אַף די מאַשינען?

— יאָ. כ׳האָב מוירע, אַז פון זעקסטן באַצירק וועלן זיי זיך מוזן שלעפּן צופוס, מע קען ווײַטער ניט פאָרן.

— און וואָס פאַר אַ שטימונג זײַנען זיי? זײַנען אַלע געזונט?

— קיין קראַנקע זײַנען ניט געווען. כ׳האָב זיי געוואָלט פאַרהאַלטן אָפן יאָנטעוו, האָבן זיי ניט געוואָלט. באַ זיי איז דאָרט פאַראַן אייגער אַ היציקער באָכער — אומאַראַ מוכאַמעד, ער אײַלט זיך צום דורכגוס, גלײַך ווי מע וועט אים דאָרט מיט האָניק־לעקעכלעך מעכאַבעד זײַן. ס׳איז ביכלאַל אַ שאָד, וואָס כ׳האָב זיי אָפּגעלאָזט, זיי וואָלטן מיר הײַנט גע־בראַכט נוצן.

— נאָך אַ פראַגע, — האָט זיך וואַסילי מאַקסימאָוויטש צוגעאײַלט.

— איך האָב מיט אַ שטאַפעט געשיקט אַ פּאַקעט אָפן נײַנטן באַצירק — פאַנקאָוון. איך רוף אים דרינגענדיק אַרויס אין דער פאַרוואַלטונג, האָט ער אים באַקומען?

— באַקומען און באַוויזן אים איבערצוגעבן סמאָרטשקאָוון. ער איז אַ פאַרלאָזלעכער יונג, ער וועט אים צושטעלן אָפן אָרט.

— אויסגעצייכנט! — דאָס איז באַ מיר דערווײַל אַלץ, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש. רוט זיך אָפּ אַ ביסל, און אַף דער וואַכטע!

דעם דיספּעטשער פון דער פאַרוואַלטונג האָט זיך ניט גלײַך אײַנ־געגעבן אַרויסצורופן יעפימאָוון, זאַלקינד האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, ווען די שאַרפע שטים פון דעם נאַטשאַלניק פון דריטן באַצירק האָט זיך דערהערט פון דעם אַלגעמיינעם טומל אַרויס. באַטמאַנאָוו איז אָפּגעגאַנגען פון טיש און מיט אַ זשעסט פאַרבעטן זאַלקינדן, ער זאָל פאַרנעמען זײַן אָרט. יעפימאָוו האָט אין אַ פאַטעטישן טאָן אָנגעהויבן צו גראַטולירן דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג און דעם פאַרטאָרג מיטן יאָנטעוו. זאַלקינד האָט אים ניט דערהערט...

— פון וועלכן ברעג רעדט איר? — האָט דער פאַרטאָרג געפרעגט.

— דערווײַל פון רעכטן, — האָט זיך יעפימאָוו פאַרהיקעט. — מיר האָבן זיך שוין קימאַט אריבערגעצויגן. די זאַכן זײַנען שוין אַלע אַף יענער זײַט. איך קלײַב זיך שוין אויך.

זאַלקינד איז רויט געוואָרן, די אויגן האָבן זיך אים אײַנגעשמעלערט און טונקל געוואָרן.

— איר וועט זיך נאָך אַזוי אַ גאַנץ יאָר אַריבערקלײַבן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — איך זע, אַז מיט גוטן וועט מען זיך מיט אײַך צו קיין טאָלק ניט דעררייידן. אַף דעם פאַרענדיקן מיר דאָס געשפּרעך און וועלן עס באַנײַען באַטאָג, ווען איר וועט שוין זײַן אָפן לינקן ברעג. ווו איז טעמקין? ער העלפט אײַך אַוואַדע „זיך קלײַבן״?

— ער איז אַף יענער זײַט. פון אינדערפרי פירן מיר אַ מיטינג, און גלײַך פון מיטינג וועלן אַלע גיין אַף דער אַרבעט.

— זאָג דעם דאָזיקן מענטשן, — איז באַטמאַנאָוו צוגעגאַנגען צו

זאַלקינדן: — אויב ער וועט ניט גלייַך פֿאַרמאַכן זייַן עקלהאַפֿטע קאַנטאַר און אַריבערשפּרינגען אַפֿן לינקן ברעג, מעג ער זיך שוין ביכלאַל ניט אייַלן. איך וועל געבן אַ באַפֿעל, מע זאָל אים פּאַשעט ניט אַרויפֿלאָזן אַפֿן לינקן ברעג.

אויסגעהערט דעם פֿאַרטאָרג, איז יעפּימאָוו נאָך געזעסן אַ מינוט באַם סעלעקטאָר אין אַ מין פֿאַרגליווערונג, דערנאָך האָט ער שנעל צונויפֿגענומען די פּאַפּירן, גענומען דעם קאַלענדאַר פֿון טיש, דעם זייגער און די שרייַב־מאַכשירים, זיך מיט אַ בליק געזעגנט מיטן קאַבינעט און איז אַרויסגעגאַנגען צום אויטאָ, קעדיי צו פֿאָרן אַפֿן לינקן ברעג.

...דער אַרבעטס־טאָג — פֿון זיבעטן נאָוועמבער — האָט זיך אָנגעהויבן זעקס אַזייגער. טעמקין איז געשטאַנען אַף אַן אייַנגעוואַליעטן בוים און מיט זייַן שטילער שטים דערציילט די בוי־אַרבעטער פֿון דריטן באַצירק, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אַרום אים, וועגן סטאַלינס אַרויסטריט. די טונקלקייט פֿון דעם פֿריִען ווינטער־פֿרימאָרגן האָט פֿאַרשטעלט סיי דעם פֿלאַץ פֿונעם ברעג, סיי דעם לייַוונטענעם יישעוו פֿון פּאַלאַטקעס, און די מענטשן גופֿע. די רויטע שייַן פֿון די לאַמטערנס, „פֿלעדערמויז" אין די הענט פֿון נעקראַסאָוון און יעפּימאָוון האָט באַלויכטן בלויז די, וואָס זייַנען געשטאַנען נעענטער.

...אין דער זעלביקער צייַט האָבן ציטעריקע פֿייַערן פֿון אַ סאַך שטורקאַצן פֿון ברעזענער קאָרע באַלויכטן דעם נאַנאַישן יישעוו טיוולין. אַ גרויסער אוילעם פֿון בוי־אַרבעטער און נאַנאַיער האָבן פֿאַרשפּאַרט די ברייטע גאַס פֿון דעם יישעוו. מענטשן האָבן זיך איבערגעשמועסט, איבערגערופֿן איינער דעם צווייטן, געלאַכט, פֿאַרצויגן לידער. און צום אַדון האָט זיך דערטראָגן דער מעכטיקער טומל פֿון די שטימען, וועלכע האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אינאיינעם. פֿון הויז פֿון דער קאָלווירט־פֿאַרוואַלטונג איז אַרויסגעקומען ראָגאָוו, דער פֿאָרזיצער פֿון דאָרפֿס־ראַט מאַקסים כאָדזשער, דער אינזשעניער פֿון באַצירק פּריביטקאָוו, קאָטיעניעוו און ראָגאָווס געהילפֿן — כלינאָוו און פּאָלישטשוק. פֿון גאַנעק, ווו זיי זייַנען געשטאַנען, האָבן זיי זיך אַנטציקט מיט דער שפּיל פֿון די טאַנצנדיקע שטורקאַצן.

— פֿירט פֿונאַנדער די בריגאַדעס, — האָט ראָגאָוו געזאָגט. — איך כאַזער איבער... דייַן אָביעקט, מאַקסים, איז — דער וועג פֿון דער טראַסע דורך קריוואָיער פֿלוס צום אַדון. פּאָלישטשוק וועט פֿירן זייַנע מענטשן איבערן טייַך ביזן שאַמאַנער אינדזל, און פֿון דעם דאָזיקן אָרט וועט ער דורכשלאָגן אַ וועג צו דער טראַסע איבערן שניי־שיכט. איך, פּריביטקאָוו און קאָטיעניעוו גייען מיטן איבעריקן אוילעם צוגרייטן דעם פֿלאַץ פֿאַרן יישעוו פֿאַר דער אויטאָ־קאָלאָנע.

כאָדזשער, כלינאָוו און פּאָלישטשוק זייַנען אַראָפּגעגאַנגען פֿון גאַנעק און זיך פֿאַראייניקט מיטן אוילעם. דער אוילעם האָט זיך אַ רודער

געטאָן, האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן טומלען, און באַלד האָבן זיך פון אים אָפּגעטיילט און זיך צעגאַנגען אין קעגנגעזעצטע ריכטונגען צוויי פּיַערדיקע שטראָמען.

ראַגאָוון האָט פאַרהאַלטן אַ גרופּע שאָפערן. זיי האָבן געהאַט אין די הענט גראַבאַייזנס, קירקעס און שטורקאַצן — קאָנסערוון־פּושקעס מיט פּאַקוליע, געגעצט אין קעראָסין, אַרויפגעזעצט אַף שטעקנס.

— צו וועמען־זשע זאָלן מיר צושטיין? — האָט דעם באַצירק־נאַטשאַלניק געפרעגט דער שאָפער מאַכאָוו, אַ יונגער באָכער מיט אַ שייך, צערטלעך פּאָנעם, ווי בא אַ מיידל. — סײַ די וועגן זײַנען אונדזערע אַ שאָפערישע זאַך, און אויך צום אויפבויען די אייגענע צוזאַמענוווינונג ווילט זיך צולייגן אַ האַנט.

— גוט, קומט מיט מיר, — האָט ראַגאָוו דערלויבט געפעליק, — דעם וועג, זאָל שוין זײַן אַזוי, וועלן אַנדערע פאַר אײַך מאַכן.

אַלעקסייען האָט אויפגעוועקט ליזעטשקעס האַוועו אין קאָרידאָר. די קאַפּריזנע שכײַנע האָט זיך ניט גערעכנט מיט די אַרומיקע. איינער פון גרעטשקינס פיר שפּראָצלינגען האָט געראַוועט מיט אַ באַס, און ליזעטשקע האָט אַף אים געשריגן מ'ט קוילע־קוילעס.

אַ גלעט טוענדיק די פּאַרטויפּראָסטיקטע האָר, וואָס זײַנען לײַכט צוגעפרוירן געוואָרן צו דער קישן, האָט דער אינזשעניער אָפּגעוואָרפן די קאָלדרע און דאָס האַלב־פּעלצל און, באַמיִענדיק זיך ניט צו לייגן קיין אַכט אַף דער קעלט, אײַנגעשלאָסן דאָס ליכט. ער האָט אַ קוק געטאָן אַפן זייגער: דער אַרבעטס־טאָג — דער זיבעטער נאָוועמבער — האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן.

ווי אַ געוועזענער פּראָנטאָוויק, איז קאָוושאָוו, ווי נאָר די האַנט האָט זיך אים פולשטענדיק פאַרהיילט, באַשטימט געוואָרן פאַר אַ פּלוּ־טאָן־קאָמאַנדיר פאַר אַלגעמיינער מיליטערישער אויסבילדונג. אין דעם אונטערהעמד און וואַטענע הויזן איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון צימער, געלאָפן זיך וואַשן. אין קאָרידאָר זײַנען געשטאַנען, אין ריי לויט דער וווקס, דרײַ ייִנגלעך און איין מיידעלע, ענלעך איינער אַפן אַנדערן מיט דער זעלבער רויטקייט אַף די פּוכלע בעקלעך, מיט די פלאַקטענע האָר און העל־בלויע אויגן. דער עלטסטער, פון אַ יאָר זעקס, האָט מיט כשי־ווּעס געהאַלטן אין די הענט אַ רויט פענדל. פאַר דער קליינער ריי איז הויך געשטאַנען אין אַ וואַטענעם קאָסטיום דער באַלעם־אַרטיקער גרעטש־קין. ער האָט געטאָפּטשעט אַפן אָרט מיט די גרויסע גרויע ווויליקעס:

— איינס, צוויי... איינס, צוויי...

ליזעטשקע האָט אַרויסגעקוקט פון דער האַלב־אָפענער טיר און אַן בייזקייט געוואָרטשעט:

— ספעקטאַקלען שטעלט ער, דער זעלנער פון דער אַלגעמיינער מיר־ליטערישער אויסבילדונג.

אַלעקסיי האָט זיך באַגריסט מיט יעדן קינד באַזונדער פאַר דער האַנט, גראַטולירט מיטן פּיראָונצוואַנציקסטן אָקטאָבער־יאָרטאָג.

— וועסט פון מיר קריגן שאָקאָלאַד, — האָט ער צוגעזאָגט דעם מיידעלע.

— ס׳איז הײַנט בײַ אונדז ניט קיין פריילעכער יאָנטעוו, — האָט ליזעטשקע אונטערגעכאַפּט. — אַפילו די קינדער איז ניטאָ מיט וואָס צו דערפרייען.

— פעטער אַליאָשע, גיב מיר אַ פענדל, ווי קאַליעס, — האָט געבעטן דאָס מיידעלע.

— וועסט פון מיר קריגן אַ פענדל אויך, — האָט קאָוושאָוו געזאָגט, אויפגעהויבן דאָס פוכלע, שווערע מיידעלע און איר געקושט אין קאַלט־געוואָרענעם בעקל.

גרעטשקין איז געגאַנגען הינטער אַלעקסייען, הינטער אים האָט אין אַ געגנדזן־שורע געשפּאַנט די קינדערשע שערענגע.

— וואָס ביסטו נעכטן געווען אַזוי צעטראָגן, אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש? — האָט זיך גרעטשקין פאַראינטערעסירט. — דו ביסט פון מיר אַנטלאָפן, ווי עפּעס אַן אומגליק וואָלט געשען.

— ס׳איז גאָרניט געשען... ס׳האָט זיך פאַרגלוסט שלאָפן.

— די מיידלעך האָבן צו דיר אַנגעקלאַפּט...

גרעטשקין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער וואַש־שיסל, די קינדער אויך. די פאַמיליע האָט מיט צען אויגן זיך צוגעקוקט ווי קאָוושאָוו וואַשט זיך, דערנאָך האָט זי אין דעם זעלבן סיידער אים באַגלייט צום צימער. אין קאָרידאָר איז אַרויסגעלאָפן זשעניע, אָנגעטאָן אין אַ גרינעם גאָרטן־קאָסטיום. זי האָט זיך, פאַרקעמענדיק אין גאַנג, געאײַלט צו דער וואַש־שיסל.

— כ׳האָב ניט פאַרשפּעטיקט? מײַן זייגער איז אַ רעטעניש, אָט לויפט ער, אָט פאַרשפּעטיקט ער.

אַלעקסיי האָט אָנגעטאָן אַ סוועטער, אײַנגעצויגן זיך מיט אַ לעדערנעם פּאַסעק, אַריבערגעוואָרפן איבער דער פּלייצע די קערגנגאַז־מאַסקע. אַ נעם טוענדיק די גאַרטעס, האָבן זיך קאָוושאָוו און גרעטשקין געאײַלט צום זאַמל־פּונקט. אינדרויסן איז נאָך געווען פינצטער, ס׳האָט זיי גלײַך אַרומגעכאַפּט אַ ברענענדיקער פראָסט.

— מיט דעם פּיראָונצוואַנציקסטן יאָרטאָג פון אָקטאָבער, אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש! — האָט זשעניע אַ געשריי געטאָן, זיי אַניאָגנדיק. — דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן איז דער זיבעטער נאָוועמבער אַן אַרבעטס־טאָג.

— ס׳מאַכט ניט אויס, זשעניע, — האָט זיך אַלעקסיי אָפּגערופן.
— מיר וועלן די פּאַשיסטן דערמאָנען דעם דאָזיקן אַרבעטס־טאָג.

די איבונגען האָבן זיך אָנגעהויבן מיט נאַרטעס־איבונגען. קאָוושאָוו איז געגאַנגען פאָרויס דעם פלוטאָן, ציִענדיק אַ נאַרטן־שפּור איבערן טיפן שניי. אַ וואָרעמקייט האָט צוגעשטראָמט צום קערפּער, דעם פראָסט האָט מען אינגיכן אויפגעהערט צו שפּירן, די הענטשקעס איז אויסגעקומען צו פאַרשטעקן הינטערן פּאַסעק — די הענט האָבן געברענט. דערווײַל איז אַלעקסיי דער איינציקער גוט געפאָרן אױף די נאַרטעס, די איבעריקע האָבן זיך געלערנט. ער האָט דאָ פאַרשנעלערט, דאָ פאַרפּאַמעלעכט דעם גאַנג, באַאָבאַכטנדיק די אָפּשטייענדיקע. ער האָט געקרײַזט איבערן שי־טערן בערעזע־וועלדל, וואָס האָט זיך אָנגעפּילט מיט ליכט. ער האָט זיך אַרויפבאַקומען אױף אַ שיפּועדיקער סאָפּקע. צעשפּרייטנדיק די הענט אין די זײַטן, איז ער ווי אַ פויגל געפלויגן אַראָפּ און געצוווּנגען די זעלנער זיך אַראָפּצולאָזן איינער נאָכן צווייטן אָפּן שיפּוע. די נאַרטלער זײַנען געפאַלן און אַראָפּגעפאָרן זיצנדיק, אויפהייבנדיק אין דער לופט אַ לײַכטן שניי־שטויב.

— איבערכאַזערן, ניט פאַלנדיק! — האָט אַלעקסיי אַ קאָמאַנדעווע געטאָן. — און איר וואַרט אױף אַ באַזונדערן באַפעל? — האָט ער גע־פרעגט גרעטשקינען, וועלכער האָט זיך געטאָפּטשעט אױף איין אָרט לעבן אים.

אױף די איבונגען האָט זיך אַלעקסיי געהאַלטן האַרב, שטרענג און קיינעם ניט געפאָנקעוועט. סײַ גרעטשקין, סײַ פעדאָסאָוו, סײַ קאָבזעוו, סײַ פּעטיע גודקין, אומאָפּהענגיק פון זייערע אָמטן, זײַנען פאַר אים גע־ווען געוויינלעכע זעלנער. ס׳האָט אױף אים ניט געווירקט דער בעטנדיקער בליק פון דעם נאַטשאַלניק פון דער פלאַניר־אָפּטייל. ס׳האָט זיך נאָכ־אַמאָל דערהערט די קאָמאַנדע:

— זעלנער גרעטשקין, פּילט אויס דעם באַפעל!

גרעטשקין האָט זיך אײַנגעבויגן און זיך צוגערוקט צום שיפּוע, ווי ער וואָלט וועלן פון אים אַראָפּקריכן. די נאַרטעס האָבן אים אַ ריס גע־טאָן פאָרויס, דער קערפּער איז געבליבן הינטערשטעליק, ער האָט זיך אויסגעצויגן און אַראָפּגעפאָרן פונעם שיפּוע אָפּן רוקן. אַלעקסיי האָט באַפוילן נאָכאַמאָל זיך אַראָפּלאָזן. קימאַט מיט אַ צופרידענער מינע איז גרעטשקין אָפּסנײַ נישקאָשעדיק אַראָפּגעפאָרן פונעם באַרג און געפאַלן ערשט בײַ זײַן סאַמע צופוסנס.

דער קאָמאַנדיר האָט געמאָלדן אַ האַפּסאָקע צום פאַררייכערן. די זעלנער האָבן גערייכערט, האַלטנדיק אין די רויט־געוואָרענע הענט די אַף גיך פאַרדרייטע פּאַפּיראָסן. קאָוושאָוו האָט פּירגעהאַלטן:

— קוים־קוים וואָס איר רירט זיך! ווי איר וואַלט געגאַנגען איבער אַ שטריק, אַזוי האָט איר מוירע צו פאַלן. דאָס פאַריקע מאָל האָב איך

געלייענט מיט אײַך אַ לייטאַרטיקל אין „פּראַוודאַ״ — עס פֿאָדערט זיך צו קענען קעמפֿן אױף נאַרטעס, און מיר האָבן זיך ביז איצט ניט אויסגע־לערנט אַפֿילו צו פֿאָרן.

אומגעקערט זיך אין קלוב, דעם זאַמל־פּונקט, האָבן זיי זיך אָנגע־וואַרעמט, אויסגעהערט די לעצטע ידיעות פֿון ראַדיאָ. די צווייטע שאָ איז פֿאַרגעקומען די מושטרירונג. קאָוושאָוו האָט ווידער ניט געגעבן די זעלנער קיין רעגע רו. באַזונדערס האָט אַרײַנגעכאַפּט גרעטשקין. ער האָט שוואַך טויפּעס געוועזן די קאָמאַנדע, בעשום אויפֿן ניט געקענט זיך אויס־לערנען גיין אין טראַט, זיך אומגעווענדט ניט אין דער געהעריקער זײַט. קאָוושאָוו האָט אים באַפֿוילן אַרויסגיין פֿון דער ריי און עטלעכע מינוט אים געיאָגט אַליין, טרענירנדיק מיט באַפֿעלן איינער נאָכן אַנדערן. זיך אָנשטרענגענדיק מיט אַלע קויכעס, האָט זיך גרעטשקין באמת ניט צו מאַכן קיין פֿעלער. די מענטשן אין דער ריי האָבן געשמייכלט. אַלעקסיי גופֿע האָט קוים אײַנגעהיט דעם ערנסט, נאָכשפּירנדיק גרעטשקינס אומ־זיכערע באַוועגונגען און זײַן בייז, אָנגעבלאָזן פּאָנעם. אַלעקסיי האָט גע־זאָגט דעם פּלאַנירער:

— מע טאָר ניט זײַן אומגעשיקט. טרענירט מערער אויך אויסער די איבונגען. ווען ס׳וועט אויסקומען האָבן צו טאָן מיט עמעסע פּריצן, וועט מען קיין צײַט אױף טרענירונג ניט געבן, און פֿון אײַך וועט מען אויך קיין נאָכעס ניט האָבן.

— באַאומרויִקט זיך ניט, מע וועט האָבן, — האָט גרעטשקין אַ וואַרטשע געטאָן מיט קאַס. — מיר וועלן קעמפֿן ניט ערגער פֿון אַנדערע טרענירטע ! . . .

אין דער גאַרקיך האָט קאָוושאָוון אָפּגעוואַרט זשעניע. זי האָט אייגנ־ווילִיק זיך גענומען די האַשגאָכע איבער אים. אויך ערשט האָט ער ניט באַדאַרפֿט וואַרטן אױף דער פֿאַרשמײַעטער קעלנערן, וואָס האָט באַדינט אַ האַלבן זאַל, — דער פֿרישטיק איז געשטאַנען אױפֿן טיש. הײַנט האָט דעם מיידלס זאָרגן וועגן אים באַזונדער גערירט דעם אינזשעניער. אויס־באַהאַלטנדיק פֿאַר איר די אויגן, האָט ער זיך אײַנגעבויגן צום ליימענעם שיסעלע, אין וועלכן ס׳איז אױף צעריבענע קאַרטאָפֿליעס געלעגן אַ שטיקל הערלרויטער געזאַלצענער לאַקס.

— ס׳איז זיך אײַך אוואַדע הײַנט ניט געשלאָפֿן, טײַערער מאַסק־ווער ? — האָט זשעניע געפֿרעגט. זופּנדיק טיי, האָט זי איבער דעם גרויסן ליימענעם טעפּעלע געקוקט אױף אים מיט טונקעלע אומרויִקע אויגן. דעם מיידלס פֿול פּאָנעם איז נאָך ניט אָפּגעגאַנגען פֿונעם פֿראָסט, און אירע באַקן האָבן געפֿלאַמט מיט רויזן. — איך צווייפֿל, צי עמעץ איז הײַנט רויִק געשלאָפֿן.

— פֿאַרוואָס עפּעס ? איך, לעמאָשל, בין געשלאָפֿן רויִק און געהאַט פֿאַרמילכאָמעדיקע כאַלוימעס. איך האָב קלוימערשט אין אַ פּאַווילִיאָן אױפֿן

מיזרעך, אַף אַן אויסשטעלונג, געגעסן אײַזקרעם מיט טרוסקאַווקעס. און ס'איז גאָר קיין מילכאָמע ניט. — אַלעקסיי האָט געוואָלט ענטפערן אין אַ טאָן פון דערווידערונג, נאָר, ניט ווילנדיק, האָבן די ווערטער וועגן דער אויסשטעלונג געקלונגען אומעטיק. — פון דעם אײַזקרעם איז קאַלט געוואָרן, כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט און דערזען, אַז מײַן קאָפּ איז צוגע־פרוירן צו דעם קישן.

— איך האָב אויך ניט צוגעטאָן קיין אויג, האָט זשעניע געזאָגט, ניט נעמענדיק אין אַכט, וואָס קאָוושאָוו האָט געוואָלט דערפירן דאָס געשפרעך צו אַ שפּאַס. — ווייסט איר, איך בין געבוירן געוואָרן אין דער נאַכט פון זעקסטן אַפן זיבעטן, און כ'האָב שטענדיק דערמיט שטאָלצירט. אין איין טאָג זײַנען אויסגעפאַלן צוויי יאָנטויווים.

צוגעוואַרט, ביז ער האָט אויסגעטרונקען דעם לעצטן שלוק ניט־באַ־טאַמטע, קימאַט ניט זיסע טיי, האָט זי זיך אויפגעהויבן. אין מעשעך פון פינף מינוט זײַנען זיי פאַרטיק געוואָרן מיטן פרישטיק.

— איך גראַטוליר אײַך, יעווגעניאַ איוואַנאָוונאַ, פון גאַנצן האַרצן, פון דער טיף פון דער נעשאָמע! — האָט אַלעקסיי געזאָגט מיט היץ. — אַ שאָד, וואָס איר האָט מיר נעכטן ניט געזאָגט וועגן אײַער געבוירנטאָג. מיר וואָלטן געפּראַוועט אַ יאָנטעוו אַ טײַלערהייט.

— איר האָט געהערט, ווי איך האָב זיך נעכטן צעיאָמערט ? ס'איז געווען אַן אוילעם אָרום, און אין אַזאַ מאָמענט האָב איך זיך ניט גע־קענט באַהערשן. ס'איז מיר שוין עפּעס צו שווערן געוואָרן. מיר פלעגן דאָך טאָמיד פאַרגרייטן אַזויפיל סימכעס צום אָקטאָבער ! און הײַנט איז לײַדן, און בלוט, און אומקום פון אָט אַזעלכע, ווי איר און איך.

ער האָט זי פרײַנטלעך גענומען אונטערן אָרעם. זיי זײַנען אַרויפ־געגאַנגען מיט די שטיגן. זשעניע האָט אים דאַנקבאַר געענטפערט מיט אירע פוכלע פינגער.

— איך האָב נעכטן געוואָלט אײַך דערציילן וועגן דעם אַלץ, נאָר כ'האָב זיך ניט געקענט דערקלאַפּן — איר האָט געמוזט שלאָפן. איך בין געקומען באַגאַנד מיט טאַניען. דערנאָך איז זי אַוועקגעגאַנגען צו אַלגען, און איך האָב זיך היפש אַנגעוויינט אין איינזאַמקייט. — זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן. — אָט וועלן מיר הײַנט אַלע גראַטולירן : „מיר ווינטשן אײַך, זשעניטשקע, צו געפינען אין קומענדיקן יאָר אַ גוטן מאַן". גרעטשקין האָט מיר שוין גראַטולירט — גענוי מיט אַזעלכע ווערטער. גלײַך ווי דאָס גאַנצע גליק איז אין אַ גוטן מאַן ! אַ דאַנק אײַך, וואָס כאָטש איר זײַט זיך באַגאַנגען אָן דעם דאָזיקן ווונטש.

זי איז לאַכלוטן ניט געווען ענלעך צו זיך : ניט קיין שמייכל, ניט קיין געלעכטערל, עפּעס אַן ערנסטקייט, וואָס איז ניט געוויינלעך פאַר איר. קאָוושאָוו האָט זי באַטראַכט מיט אַ פאַרכידעשטן בליק.

טאָפּאָליעוו איז שוין געזעסן אַפן אָרט. ער פלעגט קומען אַפן פרימאָרגן זײער פרי. לויט בעריד,עס אײַצע האָט קאָוושאָוו אָוועקגעזעצט דעם אַלטן אין קאַבינעט — „ער וועט שנעלער אַרײַנגעצויגן ווערן אין דעם שטראָם". זײ האָבן זיך באַגריסט מיט דער האַנט, אָבער טרוקן און שווײַגנדיק. ס'האָבן זיך צווישן זײ אײַנגעשטעלט אומפרײַנטלעכע באַציִונגען — אַזוי האָט זיך פאַרגלוסט טאָפּאָליעוון, דעם עלטערן לויט די יאָרן. גאַנצע טעג פלעגט ער זיצן קעגנאיבער קאָוושאָוון און זעלטן, אָפּרײַסנדיק זיך פון די פּאַפּירן, גלײַכגילטיק כאַפּן אַ קוק מיט די אײַנגעפאַלענע אויגן אַף די מענטשן, וואָס קומען צו אַלעקסײען. דער יונגער אינזשעניער איז זיך באַגאַנגען מיט טאָפּאָליעוון אָפּגעהיט־אײדל, אין קײן זאַך ניט אַרויסגעוויזן זײַנע רעכט ווי אַ נאַטשאַלניק פונעם אָפּטײל. די אויפגאַבן פלעגט ער דערלאַנגען דעם אַלטן אין נאָמען פונעם הויפּט־אינזשעניער. טאָפּאָליעוו האָט זײ אויסגעפילט ניט אײַליק און עפּעס קאַלט, האַגאַם זײער פּינקטלעך. צײַטנווײַז פלעגט דעם אַלטנס גלײַכגילטיקײט אויפרעגן קאָוושאָוון, און ער האָט קוים באַהערשט דעם פאַרלאַנג, וואָס איז אין אים אויפגעקומען, מיט האַרבע רײד אַ שמועס צו טאָן מיט זײַן פאַרטרעטער. דער אַלטער איז, דער אײנציקער אין דעם אַפּאַראַט, געשטאַנען מיכוח דעם האַוועניש און די דיסקוסיעס אַרום די פּראָיעקטן.

איבערקוקנדיק די פאַרנאָטירונג־רעשימע פון די אומאָפּלײגבאַרע איניאַנים, וואָס איז נעכטן צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַף הײַנט, האָט אַלעקסײ אַ זיפץ געטאָן. די רעשימע איז געווען אַ גרויסע, און געוויסע זאַכן אין איר זײַנען איבערגעגאַנגען פון אײן פאַרנאָטירונג־ביכל אין אַ צווײט פאַרנאָטירונג־ביכל שוין עטלעכע מאָל.

ס'איז אים שוין מער ניט אויסגעקומען צו האָבן טײַנעס אַף דער פאַרשווענדערישער אַווײדע פון צײַט, אַף דעם, וואָס די נאַטשאַלסטווע וויקלט פאַמעלעך פונאַנדער די אַרבעט. די אַרבעט האָט אַ פלײץ געטאָן, ווי אַ געוויסער. ווי די אָנפירער פון דער בויונג וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט, מיט אַלע מיטלען צו פאַרגרעסערן זײַן אַרבעט. דער דירעקטער נאַטשאַלניק איז געווען דער הויפּט־אינזשעניער, ער האָט אָפּט און אײפעריק דערמאָנט וועגן דעם. אים האָט זיך ראַק אויסגעוויזן, אַז קאָוושאָוו פאַרנעמט זיך מיט עפּעס זײַטיקע זאַכן, וואָס האָבן ניט קײן שײַכעס צו אינזשעניערישער אַרבעט. באַטמאַנאָוו האָט אים צוגעשטעלט אויפגאַבעס, ניט פרעגנדיק זיך — צי האָט ער אַ מעגלעכקײט זײ אויסצופילן. אויך זאַלקינד איז ניט געבליבן הינטערשטעליק, זעלטן איז אַריבער אַ טאָג אָן אַ פאַרטײַישן אויפטראַג.

ס'וואָלטן געווען ווײניקער פליכטן און זאָרגן, פאַרשטײט זיך, ווען קאָוושאָוו וואָלט זיך געווען פון עפּעס וואָס אָפּגעזאָגן. ער האָט זיך אָבער ניט אָפּגעזאָגט. ער אַלײן האָט פאַרלאַנגט וואָס מער אַרבעט: אין דעם האַוועניש האָבן זיך אײַנגעשטילט די זאָרגן. ער האָט געשמײכלט,

ווען ער האָט פון באַטמאַנאָוון, זאַלקינדן אָדער בערידזען באַקומען אין סאַמע ברען פונעם אַרבעטס־טאָג אַ נײַע אויפגאַבע — אָן אומבאַדינגט דרינגענדיקערע און וויכטיקערע, איידער אַלע פריערדיקע. זאַלקינד האָט איינמאָל באַמערקט זײַן שמייכל און מיט פאַרשטענדעניש געזאָגט:

— צום אינטערעסאַנטסטן איז צו לעבן, ווען אַרבעט איז דאָ איבערן קאָפּ. עמעס? פאַרגעדענק, אַליאָשע טײַערער, וואָס מער מע פאָדערט פון אַ מענטשן, וואָס מער פליכטן ער האָט, אַלץ נייטיקער איז ער, הייסט עס, דעם קאָלעקטיוו.

אין דעם קומענדיקן בריוו צו זינען האָט אַלעקסיי געשריבן: „איך האָב פאַר זיך און מײַנע מענטשן געשטעלט די אויפגאַבע: זיך אָן אייצע צו טאָן מיט יעדער מין אַרבעט. מיר דוכט זיך ערשט — דעם מענטשנס קויכעס האָבן ניט קיין גרענעץ, מע דאַרף נאָר פון אים אַ סאַך פאָדערן. דאָס איז אַ פּאַשעטע פּראָפּאָרץ: וואָס מער מע לאָדעוועט אויף — אַלץ מער ציט מען. עפשער האָב איך צופעליק אַנטדעקט אַ נײַעם געזעץ וועגן דער נאַטור פון אַרבעטס־פּראָדוקטיוויקייט?“.

ער האָט איר געשיקט די בריוו אָף זײער שוויגערס אַדרעס. ניט וויסנדיק ווען זיי וועלן דערגיין צו זינען און צי וועלן זיי ביכלאַל דערגיין, האָט ער דאָך ניט געקענט ניט שרײַבן פון צײַט צו צײַט וועגן דעם ווי ער לעבט, ווי ער אַרבעט, וועגן וואָס ער טראַכט. דאָס איז געוואָרן עפּעס אַ גײַסטיקע באַדערפעניש. פון אַ געוויסער צײַט אָן האָט דאָס פאַרפיקסירן אָט די דאָזיקע אייגנאַרטיקע באַריכטן געפאָדערט ניט ווייניק באַנאַכטיקע שאָען: קעדיי געוויסנהאַפטיק אויסצורעכענען די געשעענישן פון דער לויפנדיקער וואָך, איז נייטיק געווען אָנצושרײַבן אַ דיקן העפט. איינמאָל האָט ער געפּרוווט באַשרײַבן די געשיכטע בלויז פון איין טאָג — האָט זיך באַקומען איבער דער מאָס לאַנג, און ער האָט געהויבן מיט די אַקסל, איבערלייענענדיק די קאָנספּעקטיווע רעשימע פון די איניאַנים, וואָס זײַנען דערליידיקט געוואָרן אין מעשעך פון אַ מעסלעס. די קלאַפּאַטן פון דעם דאָזיקן געוויינלעכן וואָכעדיקן טאָג וואַלטן, דוכט זיך, געקלעקט אָפן גאַנצן לעבן אַ וועלכן ס׳איז זיך נודיענדיקן יונגן מאַן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, איינעם פון די, וואָס זײַנען דורך דעם גענוי פון די גרויסע שרײַבער פאַראייביקט געוואָרן אין צענדליקער ביכער.

אויך הײַנט האָבן די זאָרגן גלײַך מיטגעצויגן אַלעקסייען מיט זייער שטראָם. פון אינדערפרי אָן האָט ער זיך צוויי־דרײַ שאָ ניט אָוועקגעריסן פונעם פּראָיעקט. די דאָזיקע ערשטע שאָען זײַנען געווען די בעסטע צײַט פונעם מעסלעס — דער קאָפּ איז פריש, עס שטערן ווייניקער די באַזוכער. דער ווינט האָט זיך אַרײַנבאַקומען דורך די שפּאַלטן אין די ווענט און די טאָפּל־פענצטער, אַרויסגעיאָגט די וואַרעמקייט פון צימער. אָפּגעזעסן אַ האַלבע שאָ אויסגעטאָן, האָט אַלעקסיי אָפּסנײַ אָנגעטאָן דאָס האַלבע פּעלצל. דער צעשויבערטער קאָבזעוו און דרײַ אַנדערע אינזשעניערן זײַ־

נעך געזעסן אַרום קאָװשאָװן און געררייכערט ציגאַרן פֿון מאַכאָרקע.

אַלעקסיי האָט, קנייטשנדיק דעם שטערן און קלאַפּנדיק מיטן בלײַער אין שלייף, קאָנטראָלירט די אויסרעכענונג פֿון אַ פּיעזאָמעטרישן שיפּוע, װעלכע איז צוזאַמענגעשטעלט געװאָרן פֿאַר דעם באַצירק פֿון דער נאַפֿט־לייטונג אַפֿן לינקן ברעג. די דאָזיקע אויסרעכענונג האָט געדינט װי איינער פֿון די באַװײַזן פֿאַר די מײַלעס פֿון דער נײַער ריכטונג פֿון דער טראַסע. בערידזע האָט געהאַט בעדייע צו בויען אַפֿן קאָנטינענט אַנשטאָט צװיי פּאָמפּע־סטאַנציעס בלויז איינע. די צװייטע סטאַנציע האָט געזאָלט געבויט װערן לויט גרובסקיס פּראָיעקט, קעדיי גוױװער צו זײַן די רייען סאָפּקעס אַפֿן רעכטן ברעג. אַף װיפֿל דער לינקער ברעג האָט די דאָזיקע שטערונג ניט געהאַט, איז אָפּגעפֿאַלן די נויטװענדיקייט אין אַ צוגאָב־סטאַנציע.

— װיפֿל איז בײַ אײַך פֿאַרבליבן דריקונג אַפֿן לעצטן פּונקט? אָנ־דערהאַלבן? — האָט קאָװשאָװ געפֿרעגט, ניט קוקנדיק אַף די אינזשע־ניערן.

— אָנדערהאַלבן אַטמאָספֿער, — האָט קאָבזעװ געענטפֿערט, באַ־גלייטנדיק מיט אַ פֿלײַסיקן בליק יעדע באַװעגונג פֿון דעם אָפּטייל־נאַ־טשאַלניק, װאָס צוגעבנדיק ציפֿערן אַף דער לאָגאַריטמישער ליניע, דאָ פֿאַרשרײַבנדיק זיי אַף אַ פּאַפּיר.

— און װאָס איז דער אויספֿיר? — האָט אַלעקסיי געפֿרעגט.

— קיין צװייטע סטאַנציע איז ניט נייטיק.

— אַ גוטער אויספֿיר, — האָט אַלעקסיי געזאָגט און אַ קוק געט־טאָן אַף טאָפּאָליעװן. — עס װעט קלעקן איין סטאַנציע אַף איבערצופּאָמ־פּעװען דעם נאַפֿט פֿון דעם דזאַגדינסקער דורכגוס ביז סאַמע נאָװינסק.

קוזמאַ קוזמיטש האָט מיט אַן אומצופֿרידן פּאָנעם אָפּגעטריבן די קרײַזן מאַכאָרקע־רויך, װאָס זײַנען אַף אים אָנגעשװומען, און זיך אַף אַלעקסייס באַמערקונג ניט אָפּגערופֿן. אַלעקסייען, װעלכער איז צופֿרידן געװען פֿון דעם סאַכאַקל, האָט זיך געגלוסט אַ שטאָך טאָן דעם אַלטן, און ער האָט געזאָגט אַף אַ קאָל:

— בלויז אַף עלעקטרישער ענערגיע װעט מען עקאָנאָמיזירן הונדערט קילאָװאַט־שאָ אַף אַ טאָן נאַפֿט. דאָס איז אַן איגיען! דאָס איז אויסער דעם, װאָס מיר פֿאַרקירצן דעם טערמין פֿון דער בויונג, שפּאָרן אײַן אַר־בעטס־קראַפֿט און מאַטעריאַלן.

דאָס איז בעפֿיירעש געװענדעט געװען צו טאָפּאָליעװן און, דאָס זעעב־דיק, האָט זיך אויך קאָבזעװ אויסגעדרייט צום אַלטן. קוזמאַ קוזמיטש האָט רו:ק אָפּגעשאָטן פֿון אַ גרויסער פֿלאַש אין אַ טאַבעק־פּושקע אַ גרי־נעם שמעק־טאַבעק און אַף זיי קיין שום אַכט ניט געלייגט.

אין קאַבינעט האָט שוין לאַנג געקלונגען דער טעלעפֿאָן. די קלונגען זײַנען אָפּטערער געװאָרן, זײַנען געװאָרן לענגערע און שאַרפֿערע. ניט

אויפהייבנדיק דאָס טרײַבל, האָט אַלעקסיי, זשמורענדיק, געוואָרפן אַ בליק אַפן אַפּאַראַט און אַ שמייכל געטאָן:

— ס'קלינגט בערידזע. ער וועט זיך ניט אָפּטשעפּען! מיט אַבער אויסרעכענונג, קאָבזעוו, וועט מען אים ערשט ניט באַרויקן. ער וועט זידלען פאַרן דורכגוס. דערלאַנגט די מאַטעריאַלן וועגן דעם דורכגוס, שנעלער!

דער טעלעפאָן איז אַנטשוויגן געוואָרן. קאָבזעוו האָט צעלייגט איבערן טיש אַ הויפן צייכענונגען און טאַבעלעס. אין דער גאַנצער אַרבעט איבערן פּראָיעקט איז דער שווערסטער עטאַפּ פאַרבליבן דער איבערגאַנג דורכן דורכגוס צווישן דעם קאָנטינענט און דעם אינדזל. די דאָזיקע צוועלפקילאָמעטערדיקע וואַסער־צוים האָט מען ניט געקענט ניט אַריבערשפּרינגען, ניט אַרומגיין. אינעם דורכגוס האָט די נאַפּטלייטונג געקענט פאַרבײַגיין בלויז אונטער דעם וואַסער. דאָס אויסלייגן זי, וואָס איז אויך שווער געווען אַף דער יאַבאָשע, איז פיל מערער פאַרקאָמפּליצירטער געוואָרן אינעם דורכגוס.

דער פּראָיעקט האָט פאָרויסגעזען, מע זאָל זומער שווייסעווען אַפן ברעג צוועלפמעטערדיקע אייַנגוסיקע רערן אין אַ שנור פון הונדערט— צוויי הונדערט מעטער אין דער לענג. דערנאָך האָט מען געדאַרפט די דאָזיקע עלאַסטיש זיך אויסבייגנדיקע מאַכינעס פון אַ פופצן־צוואַנציק טאָן אַרײַנציִען פונעם ברעג אַף גרויסע באַרזשעס. דאָס צוזאַמענשווייסעווען דעם ברעג פון איין אַראָפּגעלאָזטער שנור אין דורכגוס צו אַ נײַער האָט מען געפּלאַנעוועט צו מאַכן דירעקט אַף דעם וואַסער, וואָס ס'איז געווען אויסערסט אומבאַקוועם און ס'זײַנען ניט געווען קיין מעגלעכקייטן זיך צו באַנוצן מיט מעכאַניזמען. דער ערשטער פּרוּוו צוזאַמענצושווייסעווען צוויי שנורן אַף דער טאָמיד באַוועגלעכער אויבערפלאַך פונעם דורכגוס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קאַטאַסטראָפע. ביידע שנורן רערן זײַנען אַראָפּ צום גרונט. דער גרויסער יאַם־קאַטער, אַף וועלכן מ'האָט אָנגעהויבן דאָס שווייסעווען, האָט זיך איבערגעקערט, ווי אַ שפּילעכל.

אויסער די שוועריקייטן פון דעם שווייסעווען איז אַנטשטאַנען אַ צווייט פּראָבלעם. קעדיי אײַנצוהיטן די רערן זיי זאָלן אום ווינטער ניט געפרוירן ווערן, האָט מען זיי געדאַרפט פאַרגראָבן אַף דער גאַנצער לענג אַף צוויי מעטער אין דער טיף. די פלאַכוואַסערדיקע טייל פונעם דורכגוס —פיר קילאָמעטער פון איין זײַט ברעג און פיר קילאָמעטער פון צווייטן— איז געפרוירן געוואָרן ביז צום גרונט. דערפאַר האָט מען אויך דאָ, ווי אַף דער יאַבאָשע, באַדאַרפט פאַרגראָבן די רערן אינעם גרונט, און בלויז אין דער טיפער טייל פונעם דורכגוס, וואָס ווערט ניט פאַרפרוירן דורכויס, אויסלייגן זיי גלײַך אַפן גרונט. קעדיי צו פאַרבאַהאַלטן די נאַפּטלייטונג אין דער פלאַכוואַסערדיקער טייל האָט מען קוידעם געמוזט אויסגראָבן אַפן גרונט אַ טראַנשיי. אום זומער האָט מען זי געגראָבן מיט

שווימענדיקע ערד־שעפּערס, אָבער איידער דאָס איז האָט זיך געשטעלט האָט מען זיי אַוועקגענומען, בעייס זיי האָבן באַוויזן אָפּצוטאָן בלויז אַ טייל פון דער אַרבעט.

ניט צופעליק איז די אויפמערקזאַמקייט פון דעם הויפּט־אינזשעניער שוין פון די ערשטע טעג אָן געווען צוגעשמידט צום דורכגוס. דאָס גראָבן אַ טראַנשיי מיט ערד־שעפּערס און דאָס שווייסעווען די רערן האָט מען געהאַלטן פאַר מעגלעך נאָר אום זומער. דערצו האָט מען באַדאַרפט האָבן צוויי זומער־סעזאָנען, און דערצו זײַנען נאָך ביכלאַל אַנטשטאַנען ספּייקעס, צי וועט טויגן דער אָנגענומענער מעטאָד צו שווייסעווען די רערן־שנורן אַף דעם וואַסער.

אויסרעכענען אַף צוויי זומער־סעזאָנען האָט מען ניט געהאַט וואָס, די בויער האָבן געהאַט אין זייער רעשוס בלויז איין ווינטער און איין זומער. דערפאַר האָט בערידזע באַשלאָסן צו פירן די אַרבעט אַפן דורכגוס, לעהייפעך די אײַנגעשטעלטע געזעצן, אַנשטאָט זומער — אום ווינטער.

די ערשטע אויפגאַבע — דאָס שווייסעווען די רערן אום ווינטער — איז געלייזט געוואָרן, לויט געאָרגי דאַווידאָוויטשעס פאַרטראַכט, גינסטיק: ער האָט פאָרגעלייגט מע זאָל עס דורכפירן אַפן ברעג און דערנאָך אַראָפּפירן די רערן־שנורן מיט טראַקטאָרן אַפן אײַז פונעם דורכגוס. קאָווּשאָוו האָט דערפאָלגרײַך באַאַרבעט די טעכניק פון אַזאַ שווייסעווען. די לייזונג פון דער צווייטער אויפגאַבע האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו געפינען. ניט בערידזע, ניט קאָווּשאָוו האָבן ניט געוווּסט, אַף וואָס פאַר אַן אויפן זיי וועלן אום ווינטער גראָבן אַ טראַנשיי אינעם דורכגוס.

— ווער האָט געצייכנט און אויסגערעכנט ? — האָט קאָווּשאָוו געפרעגט קאָבזעוון, אַוועקרוקנדיק דעם בויגן מיט דער סכעמע און דער אויסרעכענונג וועגן דער באַוועגונג פון די געשווייסעוועטע רערן־שנורן איבערן אײַז. זײַן פּאָנעם האָט באַקומען אַ ניט פרײַנטלעכן אויסדרוק.

— וואָס איז דען ? — האָט זיך קאָבזעוו פאַראינטערעסירט, זיך אײַנבייגנדיק מיט דער נידעריקער ריִע צום בויגן מיט די צייכענונגען.

— פעלערן און פּאַטשקערײַ !

קאָבזעוו האָט זיך נאָך נידעריקער אײַנגעבויגן, די האָר זײַנען אים געפאַלן אַפן פּאָנעם.

— וועמענס אַרבעט איז עס ? פּעטקינס ? רופט אים אַרײַן, כ׳וועל אים זאָגן עטלעכע ווערטער.

— זאָגט זיי מיר. איך האָב קאָנטראָלירט און צוגענומען די צייכענונג, בין אויך איך שולדיק. אָט קוק איך ערשט אויך און זע ניט קיין פעלערן.

— איך זאָג, רופט אַרײַן גודינען ! — האָט אַלעקסיי פּעסט איבערגעכאַזערט — און נעמט ניט אַף זיך קיין פליכטן פון אַ גוט פּעטערל, איר וועט צופיל פלימעניקעס באַקומען !...

קאָבזעוו האָט זיך אומצופרידן אויסגעגלײַכט און געגאַנגען נאָך פּעטקען. אַלעקסיי האָט באַמערקט אַף זיך דעם בליק פון דעם אַלטן, וועלכער איז געזעסן קעגן אים. אים האָט זיך געדאַכט צו זען אין דעם בליק מיטגעפיל און פאַראינטערעסירונג.

— וואָס וועלן מיר טאָן מיטן גראָבן די טראַנשיי אינעם דורכגוס, קוזמאַ קוזמיטש? — האָט אַלעקסיי געפרעגט אונטערן דרוק פון דער רעגע. — עס טראַכט זיך באַ אונדז גאָרניט צו. אין אײַער דערפאַרונג האָט זיך ניט געמאַכט עפּעס אַזעלכעס?

טאָפּאָליעוו האָט ניט צוגענומען דעם בליק און זיך פאַרטראַכט. עס זײַנען אַרײַנגעקומען קאָבזעוו און פּעטקע — זיי האָבן צוגעצויגן אַלעקסייס אויפמערקזאַמקייט. ביידע האָבן אויסגעזען צערודערט. קאָבזעוו האָט מיסטאָם באַוויזן אויסצוזידלען דעם טעכניק. דער אַלטער, וועלכער האָט זיך געקליבן עפּעס צו זאָגן, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אַוועקגעדרייט צום פענצטער.

— איר האָט אײַנגעבעטן קאָבזעוון און מיך, מע זאָל אײַך געבן זעלבשטענדיקע פּראָיעקטירונגס־אַרבעט, — האָט קאָווּשאָוו טרוקן געזאָגט צו פּעטקען. — אײַך האָט דערעסן צו צייכענען און קאָפּירן. איר זאָלט קלוימערשט האָבן געלערנט ערנסטערע זאַכן. נו, גוט, האָבן מיר אין אַכט גענומען אײַער ביטע, און איר זײַט פאַרפליכטעט געווען זיך צו באַמיִען צו מאַכן אַ גוט־קוואַליטאַטיווע אַרבעט. נו, האָט איר זיך באַמיט! — אַלעקסיי האָט אים צוגעוואָרפן דעם וואַטמאַן־בויגן. — ס׳איז געמאַכט מיט דעם לינקן פוס. צי מעג מען אַזוי אַרבעטן מילכאָמע־צײַט?

— כ׳וועל איבערמאַכן, אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, — האָט נעבעכדיק געזאָגט פּעטקע און אַ צי געטאָן צו זיך די צייכענונג.

— ניין — האָט אַלעקסיי ניט מאַסקים געווען און געלייגט די האַנט אַפן בויגן. — דאָס טויג אויך ניט. זיך אונטערשרײַבן דאַרף מען אונטער אַזאַ אַרבעט, וואָס מע דאַרף זי שוין ניט איבערמאַכן. קוים האָט איר זי געהאַלטן פאַר פאַרענדיקט און זיך אונטערגעשריבן — פאַרטיידיקט זי. עפּשער בין איך אומגערעכט.

— קלאָר, אַז איר זײַט גערעכט, ניטאָ וואָס צו זאָגן, — האָט קאָבזעוו דערווידערט.

ער האָט געפונען אַ פעלער אין דער אויסרעכענונג און ענערגיש איבערגעשטראָכן די קאָלומנעס ציפערן און די שורעס פאָרמולעס מיט אַ פעטן שוואַרצן בלײַער. דער אינזשעניער האָט זיך אויפגעקאָכט און גענומען זידלען פּעטקען:

— איך האָב דאָך דיך געוואָרנט: די אויסרעכענונג פון דער לאַדונג אַפן אײַז, די אויסרעכענונג פון דער פעסטקייט פונעם אײַז — איז אַ פאַראַנטוואָרטלעכער איניען, זאָלסט ניט פאַרטאַטשעווען!

— צי קען מען דאָס דאָזיקע פּאַטשקערײַ אָנרופן צייכענונג? פאַר־

ווישט, אָנגעשמירט, פֿאַרשטראָכן, דער טעקסט איז געשריבן ווי מיט אַ הינעריש פֿיסל. — האָט צוגעגעבן אַלעקסיי. — איך האָב הונדערט מאָל געזאָגט: יעדע צייכענונג דאַרף אויסזען דורכויס אָן פֿעלערן.

— איך האָב געטראַכט איבערצוצייכענען, נאָר ניט באַוויזן, — האָט זיך פּעטקע פֿאַרענטפֿערט.

— מע דאַרף יאָ באַוויַזן! — האָט אַלעקסיי זײַטיק אַ קוק געטאָן אָפֿן טעלעפֿאָן, וואָס האָט ווידער געלאָזט הערן לאַנגע קלונגען. — מיט מאַנגל אין צײַט קען מען ביכלאַל גאָרניט און קיינמאָל ניט פֿאַרענטפֿערן. כאָוער קאָבזעוו וועט מיר אין עטלעכע טעג אַרום אָפּגעבן אַ באַריכט. עפּשער וועט מען מוזן אײַך אָפּסנײַ פֿאַרוואַנדלען אין אַ געוויינלעכן צייכענער.

— אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש! — האָט פּעטקע אויסגעשריגן מיט אַן אויפֿקלינגענדיקער שטים — איך גיב אײַך דאָס וואָרט. איר וועט זײַן צופֿרידן. זײַט מוחל דאָס ערשטע מאָל. פֿון הײַנט אָן וועל איך זיך עס אַליין ניט מוחל זײַן.

און ער האָט זיך בייז אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פֿויסט אין שלייף. די אינזשעניערן האָבן זיך איבערגעקוקט, טאָפּאָליעווס גרוי־געלע וואָנסן האָבן אַ צוק געטאָן.

ברייט צעעפֿענענדיק די טיר, איז אין צימער אַרײַנגעלאָפֿן אַ פֿאַר־סאָפּעטע מוזאַ פֿיליפּאָוונאַ:

— דער הויפּט־אינזשעניער רופֿט אײַך גלײַך. ער האָט אײַך גע־קלונגען טויזנט מאָל, איר האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. גייט שוין טאָקע.

— גוט, האָט קאָווּשאָוו געזאָגט און אָפּסנײַ זיך אויסגעדרייט צו גודקינען: — האָב אָן אויג אָף זיך, פּעטוניעק!

— אָן אײַך גיי איך ניט אַוועק, — האָט מוזאַ פֿיליפּאָוונאַ געמאָלדן.

— ער ווייסט, אַז איר זיצט אין קאַבינעט און נעמט ניט דאָס טרײַבל. ער האָט באַפֿוילן ברענגען אײַך צו פֿירן אַ טויטן אַפּילע.

אַלעקסיי האָט צונויפֿגענומען די צייכענונגען און אַוועקגעגאַנגען נאָך דער סעקרעטאַרן.

פֿון אינדערפֿרי אָן איז ער פֿון עפּעס באַאומרויִקט, — האָט זי אים דערציילט אין גאַנג. — ער איז אַרײַנגעגאַנגען צו אײַך און אָנגעטראָפֿן אָף טאָפּאָליעוון, יענער האָט אים עפּעס אָנגערעדט. מ׳האָט געמוזט טוישן די מעמבראַנע פֿון זײַן טעלעפֿאָנישן אַפּאַראַט: ער האָט געקלונגען צו אײַך, געקלונגען און מאַכמעס ערגערניש אַ זעץ געטאָן מיטן טרײַבל אין טיש.

בערידזע איז שווער געזעסן אינעם פֿוטער הינטערן שרײַבטיש. אָפֿן טיש איז געשטאַנען אַן עלעקטרישע פּליטקע, ער האָט געוואַרעמט די הענט איבערן אָנגעגליטן ספּיראַל.

איבערן גאַנצן צימער האָט הויך געטומלט דער סעלעקטאָר אַף דער טומבעטשקע לעבן טיש. דער הויפּט־אינזשעניער האָט שנעל אַ קוק געטאָן אַפן אַרײַנגעקומענעם אַלעקסייען און, זיך אָנבייגנדיק צום מיקראָפאָן, אַ געשריי געטאָן:

— כאַווער פּריביטקאָוו, איך קען בעשום אויפן ניט פאַרשטיין, אין וואָס איר זײַט זיך צעגאַנגגען מיט ראָגאָוון?

פּריביטקאָוו שטים האָט זיך קוים געהערט. אַלעקסיי האָט שטאַרק אָנגעשטרענגט דאָס געהער, אַז אויך ער זאָל זיך פונאַנדערקלײַבן אין די ווערטער פון דעם אינזשעניער פונעם פינפטן באַצירק.

— איך זאָג דאָך... מ'האָט צוגעגרייט אַ פּלאַץ פאַר דעם אויטאָשטעטל: מ'האָט אויסגעהאַקט די ביימער, אויסגעקאָרטשעוועט די פּניאָקעס, אויסגעגראָבן ראָוועס פאַר די פונדאַמענטן. ראָגאָוו האָט גלײַך געהייסן בויען די צוזאַמענווויינונג און דעם גאַראַזש. „איך, זאָגט ער, האָב צוגעזאָגט באַטמאַנאָוון אויפצובויען ביז זײַן קומען אַ מוסטערהאַפטע צוזאַמענוווינונג. און טאָמער טוט ער אין אַ דרײַ טעג אַרום אַ פאַל אַרײַן...".

— זייער גוט, וואָס שנעלער — אַלץ בעסער! — האָט בערידזע באַגיטיקט. — איר זײַט דערפאַר, אַז דאָס שטעטל זאָל זיך לאַנג בויען?

— איך בין פאַר דעם, אַז דאָס שטעטל זאָל מען בויען שנעל, נאָר גלײַכצײַטיק לויט די פאָדערונגען פון דער טעכניק.

— נעמלעך? — האָט דער הויפּטאינזשעניער אונטערגעאײַלט פּריביטקאָוון.

— ראָגאָוו האָט פאַראָרדנט צו בויען די צוזאַמענווווינונג אַף פונדאַמענטן פון געוויינלעכן טיפּ אָן אַן אונטערערדישער ווענטילאַציע. אַף אַזאַ אויפן האָט ער געענדערט אײַער טיפּישן פּראָיעקט. אויב אַפן דאָזיקן פּלאַץ איז פאַראַן אייביק געפרירעכץ, וועט דאָס הויז ניט לאַנג שטיין. ס'וועט שפּעטער אויסקומען צו בויען אַ נײַס פאַר די מענטשן, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז. איר אַליין זאָגט די גאַנצע צײַט: יעדע ציווילע געבײַדע דאַרף געבויט ווערן מאַסיוו, עס זאָלן זיך מיט איר קאָנען באַנוצן לאַנגע יאָרן די עקספּלאָאַטירער — די קומענדיקע באַלעבאַטים פון דער נאַפט־לייטונג.

— וואָס האָט איר, ווי דער אינזשעניער פון באַצירק, פאָרגעשלאָגן ראָגאָוון?

— איך האָב קאַטעגאָריש געפאָדערט זיך צו האַלטן בײַ דעם טיפּישן פּראָיעקט, וואָס איר האָט באַשטעטיקט.

— נו?

סײַ דער טאָן פון דעם געשפּרעך, סײַ די שאַרפע זשעסטן, סײַ דאָס פּנים פונעם אינזשעניער, וועלכער האָט שלעכט געקענט אויסבאַהאַלטן זײַנע שטימונגען, האָבן אויסגעזאָגט אַלעקסייען, אַז בערידזע איז אויסער

זיך. „ניט שוין־זשע איז ער אַזוי אין קאַס געוואָרן אַף מיר? ס'האָט זי־כער עפּעס פּאַסירט", — האָט קאָוושאָוו געטראַכט.

— ראַגאָוו האָט מיך ניט געוואָלט הערכן, — האָט זיך פּריביטקאָוו פאַרקלאָגט. — ער האָט דערקלערט, אַז ער ווייס ווי צו בויען הײַזער אויך אָן פּראָיעקטן. לויט זײַן מיינונג איז אין ראַיאָן פון טיוולין ניט פאַראַן קיין אייביק געפרירעכץ. ווי אַ בײַשפּיל ברענגט ער די הײַזער פון די נאַנײַצעס.

—לויט אײַער מיינונג איז דאָרט יאָ פאַראַן אייביק געפרירעכץ?

— איך זאָג עס ניט אַף זיכער, נאָר ס'איז מעגלעך, ס'איז אַ צאָפּן־ראַיאָן. מע דאַרף קאָנטראָלירן.

— וואָס־זשע פאַרלאַנגט איר פון מיר? — האָט מיט קאַס געפרעגט בערידזע און געקלאַפּט מיטן דיקן בלײַער אין טיש.

— באַפעלט ראַגאָוון, ער זאָל זיך האַלטן פּינקטלעך בײַ דעם טי־פּישן פּראָיעקט.

— איך קען דאָס ניט טאָן! — האָט זיך געאַרגי דאַווידאָוויטש אָפּגעזאָגט.

— פאַרוואָס קענט איר ניט? — האָט זיך פּריביטקאָוו פאַרוווּנ־דערט. — פאַרוואָס האָט איר, אויב אַזוי, געגעבן דעם באַצירק אַ טי־פּישן פּראָיעקט?

— אַזעלכע פראַגעס האָב איך פון אײַך ניט דערוואַרט, כאַווער פּרי־ביטקאָוו. איר זײַט אָן אינזשעניער ניט קיין יונגער, אַ דערפאַרענער. אַ טיפּישער פּראָיעקט ווערט געגעבן ווי דער סכום פון אונדזערע גרונט־פאָדערונגען צו דער בויונג אַף אַ באָדן, וווּ ס'איז פאַראַן אייביק געפרי־רעכץ. דאָס איז פונדעסטוועגן ניט קיין דאָגמע, ניט קיין רעצעפּט פאַר אַלע פאַלן. מעגלעך, אַז ראַגאָוו איז גערעכט. מיר דוכט זיך אויך, אַז אין טיוולינער ראַיאָן איז ניטאָ קיין אייביק געפרירעכץ. אין דעם פאַל דאַרף מען זיך פון אייניקע פאָדערונגען פונעם פּראָיעקט אָפּזאָגן. פון דער צווייטער זײַט קען זײַן, אַז ראַגאָוו האָט אַ טאָעס.

— איך פאַרשטיי אײַך ניט, — האָט פּריביטקאָוו געזאָגט. — וואָס־זשע בלײַבט איבער צו טאָן?

— ס'איז זייער שלעכט, אויב איר גופא ווייסט ניט, וואָס צו טאָן. דער אינזשעניער פונעם באַצירק איז דער באַלעבאָס פון דער פּראָדוציר־אונטערנעמונג און איר טעכנישער הויפּט־געזעצגעבער, ניט עפּעס אַ קנעכ־טישער אויספירער און נאָכקאָפּירער פון די פּראָיעקט־צייכענונגען. איר זײַט פאַרפליכטעט גענוי צו וויסן, צי איז פאַראַן אייביק געפרירעכץ אַפן אָרט פון דער געבײַדע. אויב יאָ — לייגט איר פאָר צו בויען לויטן פּראָיעקט. אויב ניט — גיט איר צוגאָב־לייזונגען.

— דעריך גייט דאָך עס טאָקע, וואָס ראַגאָוו וויל ניט וואַרטן אַף קיין קאָנטראָל.

— איך פֿאַרשטיי אים, — האָט בערידזע אַ שמייכל געטאָן. — ער וויל בויען שנעל, בעייס איר זײַט, ווײַזט אויס, אַ פֿאַמעלעכדיקער מענטש.

— לויט אײַך דאַרף איך אים אָפּטרעטן? ניט אַזוי?

— ניין, בעשום אופן ניט! אָפּטרעטן דערלויב איך ניט! מע דאַרף צווינגען ראַגאָזון ער זאָל אָנערקענען די אויטאָריטעט פֿון דעם באַצירק־אינזשעניער.

— טאָ העלפֿט מיר צו פֿאַרפֿעסטיקן מײַן אויטאָריטעט!

— איך בין מאַסקים אײַך צו העלפֿן. נאָר איך וויל ניט זײַן אײַער ניאַנקע. דעמאָלט וועט ער שוין זיכער אויפֿהערן מיט אײַך זיך צו רעכע־נען. קעמפֿט אַליין אויס פֿאַר זיך אויטאָריטעט. באַשטייט אַף אײַערן, שלאָגט זיך. נאָר פֿאַרלירט פֿונדעסטוועגן ניט דעם געזונטן פֿאַרשטאַנד. אײַערע רײַסערײַען דאַרפֿן ניט פֿאַרלאַנגזאַמערן די טעמפּן פֿון דער בויונג...

פֿאַרענדיקט דעם געשפּרעך, האָט בערידזע אויסגעשלאָסן דעם סע־לעקטאָר און זיך גענומען אָנשטאָפּן מיט טיטון אַ גרויסע ליולקע.

— אים איז שווער מיט ראַגאָזון, — האָט אַלעקסיי געזאָגט. — פּריביטקאָוו איז אַקאַדעמיש און מעסוגל צו פּראָיעקטן־אַרבעט. ראַגאָוו ווידער איז, לויט איך האָב באַמערקט, ביכלאַל גענייגט צו פֿאַרקלענערן די ראָל פֿון די אינזשעניערן אַף דער בויונג.

בערידזע האָט אויפֿגעהויבן צאַרנדיקע אויגן אַף אַלעקסייען, ווי ער וואָלט אים ערשט איצט דערזען.

— וואָס זאָל דאָס הייסן, כאַווער קאָוושאָוו? פֿאַרוואָס דאַרף איך פֿאַטערן אַף אײַך אַזויפֿיל צײַט? אָט זײַט איר ביכלאַל ניטאָ, אָט קען מען זיך צו אײַך ניט דעררופֿן. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מאַניר ניט צו ענטפֿערן אַף קיין טעלעפֿאָן־קלונג? — בערידזע האָט דאָס אַלץ אַרויס־געלייגט פֿאַר איין מאָל. אין ענלעכע פֿאַלן איז ער איבערגעגאַנגען פֿון „דו" אַף „איר".

— איך הער אײַך, — האָט אַלעקסיי געזאָגט.

— איר הערט מיך אַלץ, אָבער, צום באַדויערן, קומט דערפֿון קיין טאָלק ניט אַרויס. דער גענעראַלער פּראָיעקט רירט זיך באַ אײַך לאַכלוטן ניט.

— פֿאַרוואָס מיינט איר אַזוי? — האָט קאָוושאָוו דערווידערט. — לויט מיר נאָך רירט ער זיך.

— בלויז נאָך אײַך נאָך! — האָט בערידזע אויסגעשאָסן.

— דערלויבט מיר צו באַריכטן, — האָט אַלעקסיי געזאָגט רויִק, אָנשטעלנדיק די גראָע אויגן אַף בערידזעס פּאָנעם, וואָס איז געוועזן אויס־געקרימט מאַכמעס צאָרן.

— איך בין אומצופֿרידן, פֿולשטענדיק אומצופֿרידן, — האָט גע־וואָרטשעט דער הויפּט־אינזשעניער, אָבער מיט פֿאַראינטערעסירונג גע־

קוקט אַף די וואַטמאַן־בויגנס, וואָס קאָוושאָוו האָט פֿאַר אים אַנידערגעלייגט.

— די אויסרעכענונג האָט באַשטעטיקט די מעגלעכקייט פֿון באַגיין זיך מיט איין סטאַנציע אַפֿן קאָנטינענט, אויב די טראַסע זאָל גיין איבערן לינקן ברעג. — האָט אַלעקסיי באַריכטעט.

— איך האָב אין דעם ניט געצווייפֿלט. פֿאַר מיר פּערזענלעך איז די אויסרעכענונג ניט נייטיק, — בערידזע האָט גלײַכגילטיק אָפּגעוואָרפֿן דעם בויגן, נאָר נאָך דעם, ווי ער האָט אים פֿריִער שנעל איבערגעקוקט. — מיך אינטערעסירט דער דורכגוס.

אַלעקסיי האָט אויספֿירלעך דערציילט, וואָס ער טוט וועגן דעם דורכגוס. בערידזע האָט דערזען פּעטקעס צייכענונג מיט דער איבערגעשטראָכענער אויסרעכענונג און איז ווידער אין קאָס געוואָרן.

— איך בין ניט צופֿרידן. בײַ דעם פּראָבלעם פֿונעם דורכגוס זײַט איר אינגאַנצן שטעקן געבליבן. — ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אַפֿן טיש. — איר זײַט אַפֿילע ניט צוגעגאַנגען צו דער לייזונג פֿון דער פֿראַגע וועגן דער טראַנשיי.

— זאָגט אונטער, אין וואָסער ריכטונג צו לייזן די אויפֿגאַבע פֿון דער טראַנשיי.

— פֿאַרוואָס דאַרף איך אונטערזאָגן — בערידזע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, דער פֿוטער האָט זיך אים אַראָפּגעגליטשט פֿון דער פּלייצע, ער האָט אים אַרויפֿגעהויבן. — איר אַליין טראַכט ניט, איר וואַרט ביז איך וועל אונטערזאָגן און אויסזאָגן. איך אייגער אַליין קען ניט אַלץ צוטראַכטן. צווינגט אײַערע אינזשעניערן צו אַרבעטן, זיי זיצן בײַ אײַך מיט פֿאַרלייגטע הענט. אַפֿילע שאָלעם־צײַט האָט זיך ניט רעקאָמענדירט צו באַקומען געלט פֿאַר ניט אַרבעטן.

— וועמען מיינט איר דאָס? — האָט אַלעקסיי אײַליק געפֿרעגט. — נאָר ווײַזט אָן קאָנקרעט און ערלעך. לויט מיר, אַרבעטן די מענטשן אַ סאַך און געוויסנהאַפֿטיק.

— לויט אײַך אַרבעט טאָפּאָליעוו אַ סאַך און געוויסנהאַפֿטיק? — האָט בערידזע אַ געשריי געטאָן. — אַן אַלטער סאַבאָטאַזשניק!

— דאָס איז שוין ניט קיין אַלגעמיינע באַשולדיקונג. נאָר מיט טאָפּאָליעוון קען איך גאָרניט מאַכן. איך האָב אײַך אייניקע מאָל געזאָגט וועגן אים.

— איך האָב ניט וואָס צו ריידן וועגן איינעם אַ צעדרייטן אַלטן עטלעכע מאָל. זײַט אַזוי גוט אַליין זיך אָן אייצע צו טאָן מיט די, וואָס אונטערליגן אײַך. איר קענט ניט אַרויסבאַקומען פֿון אים קיין עכטע נוצן — שיקט אים אָפּ צו דעם קאַדרען־אָפּטייל, זאָל מען אים באַפֿרײַען לויט אַ פּונקט פֿונעם סטאַטוט אָן געזעלעכער פֿאַרגיטיקונג. בײַ אונדז איז ניט קיין שוץ־הויז פֿאַר פֿאַרעלטערטע ליידיקגייער.

אַלעקסיי האָט געשוויגן, פֿאַרשטייענדיק, אַז דערווידערונגען וועלן קיין פּעולע ניט האָבן. קלאָר, אַז אַן אָנגעזעענעם אינזשעניער קען מען ניט אָפּשיקן אין קאַדרען־אָפּטייל און שוין אָפּגערעדט פֿון באַפֿרײַען.

— שטעלט זיך פֿאָר, וואָס עס באַקומט זיך! — האָט זיך ווײַטער אויפֿגעקאָכט דער הויפּט־אינזשעניער. — דער פּראָיעקט פֿאַרהאַלט די גאַנצע בויונג, און אין דער דאָזיקער צײַט פֿאַרנעמט זיך דער נאַטשאַלניק פֿונעם פּראָדוציר־אָפּטייל מיט זײַטיקע זאַכן און דעקט זײַן פּאַרטרעטער.

— איך פֿאַרנעם זיך ניט מיט קיין זײַטיקע זאַכן און כ׳דעק לעגאַמרע ניט טאָפּאָליעוון.

— איך בין געווען בײַ אײַך האַלב נײַן אַזייגער, פֿון אײַך איז קיין זייכער ניט געווען. איר קומט צו דער אַרבעט, ווי אַ באַאַמטער, געוויגן און געמאָסטן פּונקט צו דער באַשטימטער צײַט!

— כ׳בין געווען אַף די אַלגעמיינע מיליטערישע איבונגען און געקומען צו דער אַרבעט פֿינף מינוט צו נײַן.

— אָט־אָט, איר האָט אַ סאַך באַשעפֿטיקונגען, וואָס האָבן ניט קיין שײַכעס צו דער זאַך. איך קען אײַך באַפֿרײַען פֿון די אַלגעמיינע מיליטערישע איבונגען.

— פֿאַרוואָס עפּעס? צי בין איך ערגער אָדער בעסער פֿון אַנדערע? צי די אַלגעמיינע מיליטערישע איבונגען זײַנען אַ שטער פֿאַר דער אַרבעט?

— אַ לעבעדיקער שטער זיצט בײַ אײַך אין קאַבינעט. ווען איך האָב פֿאַרפֿירט אַ שמועס מיט טאָפּאָליעוון, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ער איז לאַכלוטן ניט אין קורס פֿון די איניאָנים. איר ציט אים ניט אַרײַן אין דער אַרבעט.

קאָווּשאָוו האָט איבערגעוואָרט אַ נײַעם אויפֿברויז און באַמערקט:

— טאָפּאָליעוו פֿאַרדינט אַ באַזונדערן צוגאַנג. מיר זײַנען אַלע אין אים פֿאַראינטערעסירט. נאָר מיר האָבן צו אים דעם צוגאַנג ניט געפֿונען. מע דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז דער מענטש איז שוין אַלט זעכציק יאָר.

— אַ פֿרײַלן אין אַ פֿרעכטיקן גאָזענעם קליידל! מע דאַרף האָבן אַ באַזונדערן צוגאַנג, מע זאָל איר ניט אָנטרעטן אַפֿן זוים! — האָט געאָרגי דאַווידאָוויטש גערעדט מיט גיפֿט.

— אין באַצוג צו אים האָבן מיר דערלאָזט אַ ריי אומטאַקטישקייטן, — האָט קאָווּשאָוו ווײַטער גערעדט. — איר האָט אים אָפּגעשמיסן גלײַך בײַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט — איז איינס. מ׳האָט אים באַשטימט צו מיר פֿאַר אַ פּאַרטרעטער, ניט איבערשמועסנדיק מיט אים — איז צוויי. איך האָב אים אַוועקגעזעצט בײַ זיך אין קאַבינעט און געצווּנגען זיצן קעגן מיר, ווי אַ יינגל — איז דרײַ. אין דער וואַנט־צײַטונג האָט מען אים באַליידיקט — איז פֿיר... אויב זאָגן דעם עמעס, וואָלט איך ערשט ניט דערווידערט, ווען מע נעמט אים בײַ מיר צו. ער קרעמפּירט

מיך. ער היפּנאָטיזירט מיט די צאָרנדיקע אויגן, שמעקט גרינעם טאַבעק און שווײַגט, ווי אַ שטיין. איך האָב געפּרוווט ריידן מיט אים ערנסט — איז גאָרניט אַרויסגעקומען, ער האָט מיר איבערגעריסן און זיך אַרויסגעזאָגט בעערעך אַזוי: „איך האָב שוין מײַן פּלאַן אין לעבן אויסגעפּילט. מיר וועלן זען, וואָס פאַר אַ צײַגער וועט זײַן בײַ אײַך...״.

— איך וויל מער ניט הערן וועגן אים! — האָט בערידזע געזאָגט.

— איר קענט אים אַרונטערשטעלן אונטער אַ גלאָז, ווי אַ זעלטענעם מין קאַקטוס. איך האָב אײַך גערופן ניט צוליב אים.

בעייסן געשפּרעך האָט דער הויפּט־אינזשעניער אָנגערירט די פּאַפּי־רענע בלעטלעך, וואָס זײַנען געווען אָנגעשטאָכן אַף דער גרויסער סכעמאַטישער מאַפּע פון דער בויונג. דאָס איז בײַ אים געווען אַזאַ מין נאָטעס־קאַרטאָטעקע. אַף די בלעטלעך זײַנען פאַרשריבן געוואָרן די סאַמע וויכטיקסטע פראַגעס. דאָס אָדער יענץ בלעטל איז ניט אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער מאַפּע, קאָלזמאַן די פראַגע, וואָס איז געווען אַף דעם פאַרצייכנט, איז ניט געלייזט געוואָרן. אַלעקסיי האָט זיך דערמאָנט וואָס פאַר אַ טומל ס׳האָט זיך הײַנטיקע וואָך אויפגעהויבן צוליב בערידזעס בלעטלעך: די נײַע רוימערן, מיינענדיק אַז זיי זײַנען מיסט, האָט זיי אַרײַנגעוואָרפן אין קיישל.

געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט אויפגעכאַפּט אַ שמייכל אין קאָוושאָווס אויגן און געזאָגט אומפרײַנטלעך:

— מע דאַרף שנעלער פאַרענדיקן די אַרבעט איבערן פּראָיעקט. זאַלקינד האָט מיר געוואָרנט, אַז סע שטייט פאַר אַ קאַמף מיט גרובסקין בײַ דער געגנט־נאַטשאַלסטווע. איך האָב בעדייע אַליין צו קאָנטראָלירן אונדזערע גרונט־האַנאָכעס. אין די נאָענטסטע טעג פאָר איך אַרויס אַף דער טראַסע. איך וועל דורכגיין דעם גאַנצן צווייפלהאַפּטן קאָנטינענט־באַצירק אַף נאַרטן, איך וועל אַרומטאַפּן סײַ דעם רעכטן, סײַ דעם לינקן ברעג. ס׳וואָלט בעסער געווען, ווען איר זאָלט גיין מיט מיר. איך קען, פאַרשטייט זיך, זיך באַגיין אָן אײַך אויך.

ער האָט אַ קוק געטאָן אַף אַלעקסייען מיט אַ פראַגע. אַ קלונג פון טעלעפאָן האָט געשטערט.

— בײַ מיר, ביטע, — האָט בערידזע געזאָגט און דערלאַנגט דאָס טרײַבל קאָוושאָוון.

— גוט מאָרגן, יונגערמאַן, כ׳גראַטולירן אײַך מיטן יאָנטעוו! — האָט זיך דערהערט זאַלקינדס דומפּע שטים, און אַלעקסיי האָט ניט ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן, אַז שוין בלויז אין דער שטים פון פאַרטאָרג פילט זיך גוטסקייט. — ביסט ערשט שטאַרק פאַרנומען?

— ווי געוויינלעך. ניט זייער.

— קענסט אַרײַנקומען?

— כ׳וועל באַלד אַרײַנקומען.

אַוועקלייגנדיק דאָס טרײַבל, האָט ער געוואָרט אָפּן העמשעך פונעם געשפרעך מיט בערידזען, אַלעקסיי האָט געפילט: געאָרגי דאַווידאָוויטש וויל אים זאָגן עפּעס וואָס וויכטיקס.

— גייט, איר זײַט פרײַ, — האָט זיך בערידזע אויפגעהויבן.

— גייט צו זאַלקינדן, — האָט בערידזע איבערגעכאַזערט קאַטעגאָריש. — איר האָט צוגעזאָגט צו קומען באַלד. ער דאַרף דאָך ניט וואַרטן אָף אײַך!

בערידזע האָט אַרויפגעכאַפּט דעם פוטער אָף די פּלייצעס, זיך גע־זעצט און זיך פאַרגראָבן אין די פּאַפּירן. ניט פאַרשטייענדיק די סיבע פון זײַן אויפרעגונג, איז קאָוושאָוו נאָך אַ רעגע געשטאַנען. נאָר בערידזע האָט, דוכט זיך, אויפגעהערט אים צו באַמערקן.

קאַפּיטל פערצן

דער טאָג און דער אָוונט פון זיבעטן נאָוועמבער

באַ זאַלקינדן איז געווען גרובסקי. ער האָט געהאַט אַ יאָנטעוודיקן אויסזען אין אַ נײַעם פּײַנעם גרויען קאָסטיום און גרויען פּולאָווער, פון וועלכן ס'האָט זיך אַרויסגעזען אַ שניי־ווײַס אויבערהעמד און אַ זײַדענער קראַוואַט. זײַן ברוסט איז באַפּוצט געווען מיט דעם אָרדן „ערן־צייכן“. זאַלקינד איז אויך געווען אין אָרדענס — „לענין־אָרדען“, „אָרדען פון רויטער פאָן“ און „אָרדען פון רויטן שטערן“ און איז אויך געווען אָנגעטאָן יאָנטעוודיק. קאָושאָוו האָט זיך געפילט קרעמפּירט אין זײַן געוויינלעכן וואָכעדיקן קאָסטיום.

— זעץ זיך, אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, — האָט אים זאַלקינד פאַרבעטן, פעסט אַ דריק געטאָן קאָושאָוון די האַנט און זיך אויסגעדרייט צו גרובסקין. — איך הער אײַך.

— איך בין ווידער געקומען צו אײַך, ווי צום פּאַרטייִשן אָנפירער. מײַן ווענדונג צום נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט קיין פּעולע ניט געהאַט. — גרובסקי האָט גערעדט מענטאָריש, וויכטיק און אַפילע אַ ביסל פײַערלעך. — אין אָנהייב האָב איך באַשלאָסן אָפּצוואַשן זיך די הענט. דאָס געוויסן פון אַ בירגער האָט מיך אָבער געצוווּנגען נאָכאַמאָל צו דערקלערן אַ פּראָטעסט קעגן די באַשלוסן פון כאַווער בערידזע. זיי זײַנען ניט אויסגעצײַטיקט, פעלערדיק און וועלן דערפירן די בויונג צו אַ טעמפּן ווינקל. איך האָב גענוי אַדורכגעטראַכט מײַנע דערווידערונגען און זיי אויסגעדריקט אין אַ מעמאָריאַל אַף אײַער נאָמען.

„נאָך איין מעמאָריאַל“, — האָט אַלעקסיי געוואָלט זאָגן.

— צו וואָס אַף מײַן נאָמען? — האָט זאַלקינד באַמערקט. — איך

האָב אײַך שוין געזאָגט און זאָג אײַך נאָך אַמאָל: איך בין פֿאַר בערידעס פֿאָרשלאָגן און וועל זיי מיט אַלע מיטלען אונטערהאַלטן.

— איר מאַכט אַ טעות! — האָט גרובסקי אויסגעשריגן און זיך אויפֿגעהויבן. זײַן אַזוי אויך טונקל פּנים איז נאָך טונקעלער געוואָרן.

— איך בעט אײַך — גיט זיך ניט אונטער קיין אויסערלעכע עפֿעקטן און שיינע רעדעס. זיי וועלן דערפֿירן די בויונג צו אַ באַלדיקן קראַך. איר וועט באַדויערן שפּעטער, ווען ס׳וועט שוין שפּעט זײַן.

אַלעקסייען האָט זיך געגלוסט אַרײַנצומישן. זאַלקינד האָט אים מיט אַ בליק פֿאַרהאַלטן. דער פּאַרטאָרג האָט איבערגעפֿירט מיט ביידע הענט איבערן פּנים, ווי ער וואָלט זיך געוואַשן, און אַ ווײַלע געשוויגן.

— איר, כאַווער גרובסקי, זײַט קענטיק, אויפֿריכטיק אין אײַער אײַנגעשפּאַרטקייט. נאָר דאָס פֿאַרענטפֿערט אײַך ניט. איך וואָלט וועלן אײַך שטעלן איין פֿראַגע: און וואָס, אויב בערידזע איז גערעכט? לאָמיר אָננעמען, אַז מיר איז קלאָרער, ווער פֿון אײַך ס׳האָט אַ טעות, האַגאַם איך בין ניט קיין אינזשעניער?

— אויב איך האָב אַ טעות, — האָט זיך ניט גלײַך אָפּגערופֿן גרובסקי, — קענט איר מיך איבערגעבן צום קריגס־געריכט. און איך וועל דעמאָלט מוחל זײַן בערידזען, אויב ער וועט מיר אַ שפּײַ טאָן אין פּנים.

— נאָר איידער וואָס און ווען, באַמיט איר זיך צו שפּײַען בערידזען אין פּנים אַרײַן, — האָט קאָוושאָוו ניט אויסגעהאַלטן.

— אײַל זיך ניט, — האָט אים זאַלקינד אָפּגעשטעלט. — דעם טעות האָט איר, כאַווער גרובסקי, און ניט בערידזע און ניט איך. ס׳איז זייער שלעכט, — שלעכט פֿאַר אײַך, פֿאַרשטייט זיך, וואָס איר קענט ניט אַזוי לאַנג באַזיניקן די פֿעלערהאַפֿטיקייט פֿון אײַער פּאָזיציע. אָף וויפֿל איר האָט זיך געווענדעט צו מיר, זאָג איך אײַך צו צו שיקן אײַער מעמאָריאַל דעם באַפֿולמעכטיקטן פֿון דעם מעלוכישן פֿאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט, אָדער דעם סעקרעטאַר פֿון דעם געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט. זאָלן זיי אַנטשיידן, ווער פֿון אײַך ס׳איז גערעכט, ווער שולדיק. אָבער, איך כאַזער איבער, קעמפֿן וועל איך פֿאַר בערידזעס פּראָיעקט. שטעלט דאָס אײַך צופֿרידן?

— איך פֿאַרלאָז זיך אָף אײַך און וויל האָפֿן, אַז אין רובעזשאַנסק וועט מען מיך פֿאַרשטיין. — האָט גרובסקי געענטפֿערט. — איך האָב געגעבן דעם מעמאָריאַל איבערצוקוקן און אונטערצושרײַבן דעם אינזשעניער טאָפּאָליעוו. ער איז דער מיטאויטאָר פֿון דעם פּראָיעקט און אַן אָנהענגער פֿון מײַנע אָנשויונגען. כ׳וועל נעמען בײַ אים דעם מאַטעריאַל און אײַך איבערגעבן.

נאָכן אַרויסבאַגלייטן גרובסקין האָט זיך זאַלקינד איבערגעזעצט אַפֿן דיוואַן צו אַלעקסייען און אים דערלאַנגט דעם לעדערנעם בײַטל מיט טיטון.

— פֿאַררייכער, טײַערער אַליאָשע, אַליין איז מיר לאַנגווײַליק צו רייכערן.

אַלעקסיי האָט אומגעשיקט פֿאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס. זאַלקינד האָט גענומען בײַ אים דעם טיטון־בײַטל און אין אַן אויגנבליק פֿאַרדרייט טי־טון אין צוויי קליינע שטיקלעך צײַטונגס־פּאַפּיר.

— ווי איז דיר געפֿעלן גרובסקי ? — האָט זאַלקינד געפֿרעגט, אַרויסלאָזנדיק אַ גרויסן קרײַז רויך.

— ער איז מיר לאַכלוטן ניט געפֿעלן געוואָרן. ער פּלאָנטערט זיך פֿאַר די פֿיס, שטערט. אַן אומסימפּאַטישער מענטש און, עפּשער, אַפֿילע אַ שעדיקער. — אַלעקסיי האָט זיך צעהוסט, פֿאַרכלינענדיק זיך מיטן רויך.

— וואָס פֿאַר אַ שעדיקער איז ער ! — האָט זאַלקינד דערווידערט.

— אינדערפֿרי בין איך געווען אױפֿן „סטאַרט", ס'איז געווען אַזאַ מינוט, ווען אַלץ האָט זיך באַרויִקט. איך האָב אַ טראַכט געטאָן: מיט וואָס צייכנט זיך אויס דער הײַנטיקער טאָג ? — אױף זאַלקינדס פּנים האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פֿון פֿאַרטרוימטקייט. — איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט די מאָסקווער אין די שוצגרובנס הינטער וואָלאָקאָלאַמסק, די מאַטראָסן צווישן די שטיינער פֿון סעוואַסטאָפּאָל, די מענטשן פֿון ווײַטן צאָפֿן, די לענינגראַדער. איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט אונדזערע מענטשן פֿון ווײַטן צאָפֿן אױף די גרענעצן. הײַנט, דוכט מיר, דאַרפֿן די מענטשן זײַן ניט אײַנגאָנצן קיין געוויינלעכע. ניט, אַז זיי זײַנען פּלוצים געוואָרן ניט די, וועלכע זיי זײַנען טאָמיד געווען, — ניין ! אַזוי צו מיינען איז נאַיִוו. זיי בלײַבן טאַקע די זעלבע, נאָר אַלדאָס בעסטע, וואָס איז אין זיי פֿאַ־ראַן, דאַרף זיך הײַנט אַרויסווײַזן.

— דאָס האָט עפּעס אַ שײַכעס צו גרובסקין ?

— יאָ, צו אים אויך. הײַנט האָט זיך מיר גרובסקי אויסגעוויזן ניט געוויינלעך. בײַ אים שטייט דאָך אױפֿן ערשטן פּלאַן לאָיאַליטעט און דאָס אָפּהיטן די אויסערלעכע פֿאָרמען. זײַן מיינונג קעגן אונדזערע מאַניפּו־לאַציעס מיטן פּראָיעקט האָט ער שוין לאַנג דערקלערט. נאָר האָסט גע־הערט ? אויך ער האָט אָנגעהויבן צוריידן וועגן בירגערלעכן געוויסן ! ער גלייבט אין זײַן גערעכטיקייט און באַמיט זיך אַקטיוו דאָס צו באַווײַזן.

— גוט, לאָמיר אָננעמען, אַז גרובסקי איז הײַנט ניט געוויינלעך פֿאַר זיך אַקטיוו. נאָר צי מיינסטו ניט גלײַכצײַטיק, אַז זײַן אַקטיוויטעט איז לעראָע דער בויונג, האַגאַם ער איז ניט קיין שעדיקער ? מע וואָלט אים באַדאַרפֿט אַרויסטרײַבן, אויב שוין ניט איבערגעבן אין געריכט.

— ענערגיש ! ניט מער, אונדזער לאַגע איז קאָמפּליצירטער, ווי דיר דוכט זיך, טײַערער אַליאָשע. אַרויסיאָגן אים וועלן מיר שטענדיק באַ־ווײַזן. אָבער ווי ניט ווי איז ער אַן אָנגעזעענער אינזשעניער, אַן אויטאָ־ריטעט צווישן די בויער און דער אויטאָר פֿון אַ פּראָיעקט, וואָס איז נאָך

ניט אָפּגערופֿן געוואָרן. מיר האָבן צעשטערט די אַלטע טעכנישע קאָנצעפּציע פֿון דער בויונג און אויפֿגעשטעלט קימאַט אַ נײַע. נאָר אָפּיציעל וועט אונדזער נײַער פּראָיעקט אַרײַן אין זײַן פֿולער קראַפֿט ערשט אין דעם מאָמענט, ווען ער וועט באַשטעטיקט ווערן אין רובעזשאַנסק מיט דער האַסקאָמע פֿון מאָסקווע.

— הייסט עס, זאָל גרובסקי שטערן ?

— נו, ווער וועט עס אים עפּעס דערלויבן צו שטערן ! און אויב דו ווילסט וויסן, זע איך אַ געוויסע אָביעקטיווע נוץ פֿון גרובסקיס זײַן דאָ. קעגן זײַנע קאַוואָנעס העלפֿט ער שאַפֿן דעם נײַעם פּראָיעקט, — מיכאַ:ל באָריסאָוויטש האָט כיטרע געזשמורעט מיט די אויגן.

— עפּעס האָב איך ניט באַמערקט זײַן הילף ! — האָט זיך אַלעקסיי צעלאַכט.

— צי ברענגט גרובסקי ניט אַרײַן דעם עלעמענט פֿון אומרו:קייט אין אײַער אַרבעט ? איר רעווידירט זײַן פּראָיעקט, ער קריטיקירט אײַער נאָוואַטאָרישקייט. צי דאָס צווינגט אײַך ניט ערנסטער אַלץ דורכצוטראַכטן? אין געשלעג מיט אים באַמיט איר זיך צו מאַכן דעם נײַעם פּראָיעקט סאָלידער, באַגרינדעטער. אַפֿילע זײַן לעצטער מעמאָריאַל — אַפֿילע ער וועט ברענגען נוצן. איך וועל אים מוזן שיקן קיין רובעזשאַנסק. דאָס וועט צואײַלן דאָס באַטראַכטן דעם פּראָיעקט. אָן דעם דאָזיקן מעמאָריאַל וואָלט מען אין רובעזשאַנסק געוואַרט ביז מיר אַליין וועלן פֿאָרשטעלן דעם פּראָיעקט. און אַזוי וועט פּיסאַרעוו מוזן דרינגענדיק אַרויסרופֿן גרובסקין און אונדז אַלע אַף אַן ערנסטן געשפּרעך. דערפֿאַר זאָג איך בערידזען און דיר : אײַלט זיך צו !

— ערשט פֿאַרשטיי איך, פֿאַרוואָס בערידזע האָט זיך אײַליק אויסגעקליבן צו מאַכן אַ נאַרטעס־מאַרש איבער דער טראַסע און זיך אַזוי אָנגעזעצט אַף מיר, — האָט אַלעקסיי געזאָגט. — בײַ אונדז איז שוין אַ סאַך פֿאַרטיק, מיר האָבן בלויז שוועריקייטן מיטן אַריבערגיין דעם דורכגוס. און בענויגייע גרובסקין האָסטו מיך ניט איבערצײַגט — ער איז פֿאָרט אַ לײַדאַק.

— דו האָסט קיין געדולד ניט אָפּצושאַצן אַ מענטשן ? בײַ די פֿאָטאָגראַפֿיסטן איז פֿאַראַן אַזאַ טערמין : אַ קאָנטראַסט־פֿאָטאָגראַפֿיע, שוואַרץ און ווײַס, אָן האַלבע טענער. דו באַמיסט זיך אומזיסט צו זען מענטשן קאָנטרסטאַרטיק. פֿאַרשטייט זיך, ס'איז פֿאָשעטער און לײַכטער אַרײַנצושרײַבן אַלע צווייפֿלהאָפּטע מענטשן און די, וואָס האָבן זיך נאָך ניט פֿולשטענדיק אויסגעקלאָרט, אין דער רעשימע פֿון די שעדיקער. אין לעבן איז עס ניט אַזוי. אין אונדזער לאַנד זײַנען די שעדיקער — יעכידים, און מענטשן, וועלכע קענען ניט געפֿעלן ווערן צוליב אַ סאַך זייערע כעסרוינעס — היפּש. מע קען זיי מיט דער האַנט ניט אַוועקמאַכן ! גרובסקי איז ניט קיין סוינע, און אַף זײַן שטייגער איז ער אָרנטלעך. זײַן

אומגליק באַשטייט דערין, וואָס ער איז זעלבסטצופרידן, קאָנסערוואַטיוו, ס׳איז באַ אים ניט אַנטוויקלט דאָס געפיל פון זעלבסטקריטיק. אַן אינזשעניער איז ער אַ גענײַטער. ער קען עפּשער ניט ווייניקער פון בערידזען. דער אונטערשייד צווישן זיי איז דער, וואָס בערידזע איז אַ נאָוואַטאָר, גרובסקי — אַן עפּיגאָן. מ׳האָט מיר דערציילט, אַז באַ אים איז אומאָפּפרעגלעך יעדע מיינונג פון די אויסלענדישע אויטאָריטעטן אַפן געביט פון וויסנשאַפט און טעכניק.

— וואָס־זשע וועט זײַן מיט אים, מיט גרובסקין? — האָט אַלעקסיי געפרעגט. — האָסט באַשלאָסן אים איבערצודערציִען?

— פאַרוואָס איך? באַ אונדז ענדערט דעם מענטשן און שטעלט אים אַף זײַן אָרט דער קאָלעקטיוו, אונדזער גאַנצער סיסטעם. צווישן אים מיט בערידזען וועט, וואָרשײַנלעך, פאָרקומען אַן אַנטשיידענע שלאַכט. ער וועט באַזיגט ווערן, און דעמאָלט וועט ער מוזן אויסוויילן: אָדער ער וועט אָנהייבן אַרבעטן צוזאַמען מיט בערידזען אַף צו פאַרווירקלעכן זײַן פּראָיעקט, אָדער ער וועט מוזן פאַרלאָזן די בויונג.

— דו מיינסט, אַז אויב גרובסקי וועט סאָפּקאָלסאָף אײַנזען זײַן אומגערעכטיקייט, וועט ער זיך ענדערן?

— אומבאַדינגט. פאַר אים וועט דאָס אָנערקענען זײַן אומגערעכטיקייט זײַן דאָס זעלבע ווי אַ גרויסע אויפטרייסלונג. ווען גרובסקי וועט דאָס אַדורכמאַכן, וועט ער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן ענטוזיאַסט פון דער בויונג.

אַלעקסיי האָט געשאָקלט אומצופרידן מיטן קאָפּ און צונויפגעקוועטשט די ליפּן:

— כ׳האָב מוירע, מיר וועלן זיך דעם דאָזיקן ענטוזיאַזם ניט דערוואַרטן, מיר וועלן אויפבויען די נאַפטלייטונג אָן אים. און אויך אָן מײַן אַלטן פאַרטרעטער. לויט דײַן טעאָריע דאַרף זיך אויך טאָפּאָליעוו, די דאָזיקע קאַלטע פאַרשטיינערטקייט, אַרויסווײַזן הײַנט פאַר עפּעס אַן אומגעוויינלעכן?

— ער דאַרף: איך ראָט דיר, זיך צוקוקן צו אים. הײַנט איז אַזאַ טאָג, טײַערער אַליאָשע, וואָס יעדער, ווער עס האָט אַ נעשאָמע, אַנטפּלעקט זי ניט ווילנדיק. אָבער דו דערוואַרט ניט פון טאָפּאָליעוון גלײַך אַפן אָרט אַ וועלכע ס׳איז העלדישקייטן, זוך דאָס אומגעוויינלעכע אין דעם טאָגטעגלעכן, פּאָשעטן, קימאַט ניט באַמערקלעכן. דער דאָזיקער אַלטער, זײַ אַ סאַך ווערט...

— מיך האָט הײַנט איינע אַ מיידל פאַרוווּנדערט, — האָט זיך אַלעקסיי מוידע געווען. — זי האָט זיך אויסגעוויזן צו זײַן אַ לײַכטזיניקער פויגל, און פּלוצים האָט זי אַרויסגעזאָגט ערנסטע און גוטע ווערטער. דאָס שטימט מיט דײַן טעאָריע?

— עס שטימט. — זאַלקינד האָט זיך צעלאַכט מיט זײַן שטיל

האַרציק געלעכטער. — איך קען אויך דערציילן וועגן איינער אַ מיידל — וועגן טאַניע וואַסילטשענקאָ. עמעס, שוין ניט ווי אַ באַוויַיז פון מיַין טעאָריע. אינדערפרי האָב איך זיך באַגעגנט מיט טאַניען אַפן „סטאַרט״ — זי שטאַט דאָרט אויס איר קאָלאָנע. מיר האָבן געכאַפּט אַ קורצן שמועס, און כ׳האָב געפילט — דער מענטש איז עפּעס צערודערט. ס׳איז ניט שווער צו באַמערקן. געווייגלעך איז זי אַ האַרטע, מיט אַ שאַרפן צונג, אַגרעסיוו אין בעסערן זין פון וואָרט. וואָס איז דאָ געשען, טראַכט איך? „נו, טאַטיאַנע, דו ביסט ערשט צופרידן?״ — פרעג איך. זאָגט זי: „זייער צופרידן״. און אין דער שטים איז פאַראַן אַן אומזיכערקייט. און מיר האָט זיך עפּעס געדוכט, אַז זי האָט ערשט קיין כיישעק ניט צו פאַרלאָזן די פאַרוואַלטונג. איך האָב געפרעגט: „פון וואָס ביסטו צערודערט?״ זאָגט זי: „פון גאָרניט״. און ס׳איז קענטיק, אַז זי ווייס אַליין ניט קלאָר, וואָס ס׳איז מיט איר. עפשער האָט זיך דאָ אַריַינגעמישט עפּעס אַ לירישער איניען?

„עך, געאָרגי האָט צעשטערט די מיידלשע רו״ — האָט אַלעקסיי אַ טראַכט געטאָן און זיך אָנגערופן:

— אונדזער באָרד האָט מיך היַינט פערוואונדערט.

— יאָ, פאַר אים איז דער היַינטיקער טאָג באַזונדערס באַדיַיטנדיק און וויכטיק.

— ער איז בייז, ווי אַ מעכאַשייפע. ריַיסט זיך און וואַרפט זיך.

— בייז? — האָט זיך זאַלקינד פאַרוואונדערט. — לויט מיר קען מען היַינט קיין בעסערן מענטשן פון בערידזען ניט געפינען. — ער האָט אַ קוק געטאָן אַפן זייגער און זיך אויפגעהויבן. — נו, טיַיערער אַליאָשע, לאָמיר אָניאָגן די ציַיט. איך האָב דיך גערופן, קעדיי מודיע צו זיַין: איַילט צו מיטן פראָיעקט. כויך דעם דאַרף מען זיך אָפּריידן וועגן דער ציַיט פון דער היַינטיקער ביוראָ־זיצונג. אָננעמען בערידזען מוז מען נעמלעך היַינט. איך מיין, מיר וועלן זיך צוזאַמענקומען דריַי אַזייגער.

— אָננעמען בערידזען? וווּהין אָננעמען?

— ער האָט דיר גאָרנישט ניט געזאָגט? מאָדנע! — האָט זיך זאַלקינד פאַרכידעשט. — נעכטן באַנאַכט האָט ער מיר געבראַכט אַ ווענדונג וועגן אָנגענומען ווערן אין דער פאַרטיי. איך האָב אים אָנגעשריבן אַ רעקאָמענדאַציע, די צווייטע האָט געגעבן באַטמאַנאָוו. איך האָב געטראַכט, אַז די דריטע וועט ער נעמען באַ דיר.

אַלעקסיי איז געווען דערשיטערט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי בערידזע איז צו אים צוגעקומען אין קלוב, וואָרשיַינלעך נאָך אַן אייצע און אַ רעקאָמענדאַציע. ער, אַלעקסיי, האָט זיך פון אים אַוועקגעקערט. אויך אינדערפרי איז געאָרגי צו אים אַריַינגעקומען ניט גלאַט אַזוי. ס׳איז פאַרשטענדלעך געוואָרן דעם כאַוועס נערוועזיטעט, זיַין גאַנצע אויפפירונג היַינט. אַן אויפגערודערטער, האָט אַלעקסיי שוואַך פאַרשטאַנען,

וואָס דער פּאַרטאָרג האָט ווײַטער גערעדט. גוט, וואָס זאַלקינדן האָט אָװעקגערופן דער טעלעפאָן. ער האָט גערעדט מיטן דריטן באַצירק: קיין סעלעקטאָר־אַפּאַראַט איז בײַ אים ניט געווען, און ער האָט געפירט די געשפּרעכן דורכן טעלעפאָניסט.

— פרעגט טעמקינען, ווי ס׳גייען די איניאָנים? הײַנט דאַרף פאַר־קומען אַן איבערברוך אויפן באַצירק. אין אַזאַ טאָג קען מען פירן די מענטשן צו יעדן מין העלדנטאַט.

זאַלקינד האָט געהערט, און לויט זײַן פּנים איז לײַכט געווען צו פאַרשטיין, ווי בלוטיק ער איז פאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס מע טיילט אים מיט. טעמקין האָט איבערגעגעבן: די מענטשן אַרבעטן אָן אָפּרו, זשעדנע... אינדערפרי איז ניט געגאַנגען קעשורע, נאָר נעקראַ־סאָוו האָט אין גאַנג אַנדערש פונאַנדערגעשטעלט די בריגאַדעס, און ערשט איז אַוועק בעסער. ס׳גייט אַן ענערגיש דאָס אַריבערוואַרפן די זאַכן פון דעם רעכטן ברעג. די גוטע געבײַדעס האָט מען באַשלאָסן צו צענעמען און אַריבערצושלעפּן. גלײַכצײַטיק מאַכן די בוי־אַרבעטער אַ וועג איבער דער טראַסע פון באַצירק און פאַרברייטערן דעם פּלאַץ בײַם ברעג אויפן נײַעם אָרט.

— וואָס איז מיט יעפימאָוון? ווו איז ער, מיט וואָס פאַרנעמט ער זיך? — האָט זאַלקינד געפרעגט.

— צוזאַמען מיט אַלע, — האָט דער טעלעפאָניסט איבערגעגעבן אַ קאָרגן ענטפער, און זאַלקינד האָט פאַרשטאַנען: טעמקין וויל זיך ניט אַרײַנלאָזן אין פּרטים.

אַלעקסיי האָט זיך אויפגעהויבן. זאַלקינד האָט פאַרדעקט מיט דער האַנט דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און אים געזאָגט:

— דאָס איז נאָך ניט אַלץ, אַלעקסיי... איך דאַרף האָבן פון דיר אַ זאַכלעך אַרטיקל וועגן דעם פּראָיעקט אין דעם קומענדיקן נומער פון דער צײַטונג. מע דאַרף דערציילן אונדזער אוילעם, אין וואָס איז דער אָפּהאַלט, וואָס איז געטאָן געוואָרן, וואָס איז ניט געטאָן געוואָרן און פאַרוואָס. ווי אַן ענטפער אויף אַזאַ אַרטיקל וועלן קומען פאָרשלאָגן פון דער טראַסע. דו געדענקסט, וואָס מעלניקאָוו האָט געזאָגט אויף דער קאָנ־פערענץ? דאָס אַרטיקל איז נייטיק מאָרגן. מיר האָבן זיך דערדעדט? און פאַרנאַכט, אויב ס׳וועט קיין שטערונג ניט זײַן, וועלן מיר ביידע פאָרן אין שטאָט, אין טערעכאָוס זאַוואָד. האָסט גאָרניט דאַקעגן? איז אויסגעצייכנט. אויף ווידערזען, ביז דרײַ אַזייגער!...

לויטן ערשטן אימפּולס האָט זיך אַלעקסיי געלאָזט צו בערידזען, נאָר ער איז שטיין געבליבן לעבן מוזע פיליפּאָוונאַן, ניט געקענט זיך באַשליסן צו ווײַזן זיך פאַר געאָרגי דאַווידאָוויטשעס אויגן. ער האָט זיך ניט געקענט אויסמאָלן, ווי דער הויפּט־אינזשעניער וועט אים אויפנע־מען, און ניט געקענט צוטראַכטן אַן אויסרייד פאַר זײַן באַזוך. ס׳האָט

זיך אים ניט געוואָלט, אַז זײַן אַרײַנקומען זאָל אַרויסרופן אַ פרישן אויפ־ברויז פון צאָרן באַם כאַווער. ס׳איז בעסער איבערצוואַרטן, ביז ער וועט זיך באַרויִקן. מוזע פיליפּאָוונאַ, וועלכע האָט באַמערקט קאָוושאָווס פאַרלוירנקייט, איז פון אייגענער איניציאַטיוו אַרײַנגעגאַנגען צו בעריד־זען און האָט זיך צוריקגעקערט אַ פאַרכידעשטע :

— ער האָט געזאָגט — „ער איז פאַרנומען”. איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין. איר האָט זיך צעקריגט, אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש ?

— עפּעס אַזעלכעס, — האָט אַלעקסיי געענטפערט און, אַ דענער־ווירטער, זיך אומגעקערט צו זיך.

לעבן טאָפּאָליעווס טיש האָט אַרומגעשפּאַנט גרובסקי. „זיי האָבן אונטערגעשריבן דעם מעמאָריאַל, די קלאָווים !” — האָט אַלעקסיי אַ טראַכט געטאָן. ביידע אינזשעניערן זײַנען מאַכמעס עפּעס געווען אויפ־גערעגט. גרובסקיס נעזל איז אינגאַנצן בלוי געוואָרן און ער האָט, דין אונטערפײַפנדיק, זיך אויסגעשנײַצט אין נאָזטיכל אַרײַן. טאָפּאָליעוו איז געזעסן אומבאַוועגלעך, מיט אַ צאָרנדיק פּאָנעם, זײַנע וואָנסן, ווי באַ אַ יאַם־פערד, האָבן זיך באַוועגט.

— זײַט איר, קוזמאַ קוזמיטש, ניט מאַסקים, הייסט עס ? — האָט גרובסקי געפרעגט מיט אַ פראָקוראַרישן טאָן.

— ניט מאַסקים, פּיאָטר יעפימאָוויטש. בעשום אויפן ניט מאַסקים,

— האָט דער אַלטער האַרט אָפּגעהאַקט און זיך אַוועקגעדרייט פון זײַן געוועזענעם פּאַטראָן צום פענצטער.

— כ׳וועל ניט פאַרהוילן, כ׳בין פאַרווונדערט און געקרענקט, — האָט גרובסקי געזאָגט, צונויפגעדרייט די בויגנס פון דעם מעמאָריאַל אין אַ טרײַבל און אַוועקגעגאַנגען.

„אַ שפּאַלטונג אין סוינעס לאַגער ! — האָט זיך אַלעקסיי אָנגע־שטויסן. — מיכאַיִל באָריסאָוויטש איז גערעכט : די פאַרשטיינערטקייט האָט אויפגעלעבט, זיך אַ באַוועג געטאָן, אַנטפּלעקט נעשאָמע”.

די שטימונג האָט זיך באַ אַלעקסייען אויפגעהויבן. ער האָט אַ קוק געטאָן אָפן אַלטן אַזוי דורכדרינגענדיק, אַז אויך טאָפּאָליעוו האָט אויפ־געהויבן אַף אים די אויגן פון אונטער די געדיכטע ברעמען. מ׳האָט באַ־דאַרפט אָנהייבן ריידן, און אַלעקסיי האָט געזאָגט :

— העלפט מיר צו, קוזמאַ קוזמיטש ! דער פאַרטאָרג האָט אונדז ביידן געהייסן אָנשרײַבן אַן אַרטיקל פאַר דער צײַטונג וועגן דעם פּראָ־יעקט. מע דאַרף דערקלערן דעם קאָלעקטיוו אונדזערע שוועריקייטן. דאָס קען דינען פאַר אַ נײַעם שטויס צו איניציאַטיוו אַף דער טראַסע.

— איך קען קיין אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענט ניט זײַן, כ׳האָב זיך מיט שרײַבערײַ קיינמאָל ניט באַשעפטיקט, — האָט דער אַלטער אַ וואָר־טשע געטאָן.

אַלעקסיי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט געהעריק אויסגענוצט

דעם גינסטיקן מאָמענט אַף זיך צו דערנענטערן. טאָפּאָליעוון האָט שטאַרק אויפגערעגט דער שמועס מיט גרובסקין, און מ׳האָט ניט באַדאַרפט ערשט אָנהייבן מיט אים. דאָס דערמאָנען די צײַטונג איז געווען ניט אַפן אָרט. באַם אַלטן איז נאָך ניט אָפּגעגאַנגען די באַליידיקונג צוליב דער קאַריקאַטור.

— גיט מיר, צום ווייניקסטן, אַן אייצע, וויאַזוי צו דערציילן די מענטשן וועגן דעם דורכגוס. ס׳איז דאָך נאָך גאָרניט באַשלאָסן געוואָרן וועגן דער טראַנשיי — ווי וועלן מיר זי גראָבן, די פאַרשאָלטענע?

טאָפּאָליעוו האָט זיך אויפגעהויבן און, גאָרניט זאָגנדיק, אַרויסגעגאַנגען. קאָווּשאָוו האָט פון ערגערניש אַ ריס געטאָן דאָס טרײַבל פון טעלעפאָן, וואָס האָט שאַרף אַ קלונג געטאָן.

— אַלטער כריין, — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַנשטאָט „האַלאָ" און זיך צעלאַכט, ווען ער האָט דערהערט טאַניע וואַסילטשענקאָס שטים. — ניין, ניט אײַך. איר זענט אַ יונג מערל, אויב מען זאָל ריידן, פאַרגלײַכנדיק מיט גרינוואַרג. קומט אַרײַן כאָטש שוין, אײַערע איניאַנים טאָר מען ניט אָפּלייגן...

טאַניע איז אַרײַנגעקומען צוזאַמען מיט פעדאָסאָוון. זיי האָבן זיך געאַמפּערט — פעדאָסאָוו שפּאַסיק, טאַניע אויפגערעגט.

— זעט, אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, וואָס נאָך דאָס ליבע מיידל פאָדערט. ס׳איז מאַמעש שרעקלעך! — פעדאָסאָוו האָט פונאַנדערגעלייגט פאַר קאָווּשאָוון די פאָדערונג־צעטלען. — און דערלאַנג גלײַך אַלץ פאַראַמאָל. זי נעמט ניט אין אַכט דעם סיידער פון די אַרבעטן, ניט אונדזערע מעגלעכקייטן. גיב — און פּאָטער!

— איך וויל ניט אין אַכט נעמען קיין מעגלעכקייטן. — טאַניע האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין פאָטעל און קאַלט געקוקט אַפן שמייכלענדיקן אינטענדאַנט. — מיר מאַרשירן מאָרגן אַרויס, און דאָס סאַמע נייטיקסטע דאַרף שוין הײַנט אַרויסגעגעבן ווערן. דאָס איבעריקע דאַרף מען אַרויסשיקן דערנאָך.

— מ׳האָט נאָר וואָס באַשטימט דאָס מיידל פאַר אַ נאַטשאַלניק און זי האָט שוין פאַרלוירן אַ העלפט פון אירע אָנגענעמע מײַלעס, — האָט פעדאָסאָוו געשפּילט מיט די טונקעלע גלאַנציקע אויגן. אין טאַניעס בײַזײַן איז ער געווען אויפגעלעבטער, ווי טאָמיד, און בעייסן ריידן אָנגעקוואָלן פון איר.

— מײַנע מײַלעס ווערן ניט בײַגעלייגט צו די פאָדערונג־צעטלען און זיי דאַרפן אײַך ניט אינטערעסירן. כ׳בין גרייט זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ מעכאַשייפע, אַבי צו באַקומען די מאַטעריאַלן. גיט זיי מיר אַרויס, איר האָט אַ פאַראָרדענונג. אָדער איך דאַרף נאָכאַמאָל גיין צו בערידזען זיך קלאָגן אַף אײַך?

— שטעלט זיך עס פאַר, אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש! טאַניעטשקע

האָט שוין באַוויזן אָנצורײדן אַף מיר באַם הויפּט־אינזשעניער, און ער, זיך ניט רעכענענדיק מיטן הײַנטיקן יאָנטעװדיקן טאָג, האָט מיר אַרײַנגעזאָגט אַ יאַם מיט באַליידיקנדיקע ווערטער. איך גיי אַרום, ווי מיט אַ בראַנדוואונד, ווי איך וואָלט זיך איבערגעפרעסן מיט געזאַלצענעם לאַקס.

— זי איז גערעכט, — האָט קאַוושאָוו געמאַכט דעם אויספיר, אַ קוק טוענדיק אַף דער רעשימע מאַטעריאַלן, וואָס טאַניע האָט געפאָדערט. — אויסשטרײַכן קען מען בלויז קלייניקייטן, איך האָב זיי דאָ אָנגעמערקט. אַגעוו, אַף דעם פאָדערונג־צעטל איז פאַראַן דעם הויפּט־אינזשעניערס רעזאָלוציע. צי איז זי דען ניט פאַרפליכטנדיק פאַר אײַך, פאַרוואָס דינגט איר זיך?

— פאַרפליכטנדיק, אומבאַדינגט פאַרפליכטנדיק. — פעדאָסאָוו האָט גענומען די רעשימעס פון טיש און אָפּגעזיפצט. — אָך, וואָס פאַר אַ מענטשן איר זענט! מע קען דען ריידן מיט אײַך? איר וואָלט בעסער געפרעגט — פון וואַנען זאָל איך נעמען דאָס דאָזיקע גאַנצע גוטס?

— מאַכט ניט קיין אָנשטעלן, איר האָט עס פאַרבאַהאַלטן אין אײַערע שפּײַכלערס, — האָט טאַניע געזאָגט קימאַט מיט שאָדנפרייד. — ס'איז אײַך פּאַשעט אַ שאָד עס אָוועקצוגעבן. אײַך כאַלעמט זיך אַוואָדע, אַז די נאַפטליייטונג בויט זיך פון לופט, און אײַערע סקלאַדעס שטייען אונטערן שלאָס, אָנגעפולט מיט קאַלטוווו. איר ווערט נאָך עקלדיקער פון ליבערמאַנען.

— נו, גוט, קאָסט זיך ניט, טאַניעטשקע. איך וועל קריכן פון דער הויט, און אײַך וועל איך באַזאָרגן פולשטענדיק, — דער אינטענדאַנט האָט זיך אײַנגעבויגן צום מיידל און זי צערטלעך אַרומגענומען.

— כ'וועל זאָגן אַ דאַנק, ווען כ'וועל קריגן אַלץ, — האָט זיך טאַניע פון אים אָפּגערוקט.

— הייסט עס, מאָרגן מאַרשירט איר אַרויס? — האָט אַלעקסיי געפרעגט. — און אַ געזעגענונגס־פאַרווײַלונג?

— אַ געזעגענונגס־פאַרווײַלונג? — האָט טאַניע איבערגעפרעגט און אָפּגעזיפצט. — ס'זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע קלעמענישן. און איך בין דאָך אַ היימלאָזע — וווּ־זשע קען מען זי אײַנאָרדענען?

— באַ מיר! — האָט זיך פעדאָסאָוו דערפרייט — ס'וועט זיך צונויפקומען אַ גוטע קאָמפּאַניע. מיר וועלן פאַרבעטן אויך געאָרגי דאַווידאָוויטשן.

— ווי קומט אַהער געאָרגי דאַווידאָוויטש? — האָט טאַניע אַ קוק געטאָן אַף אים מיט כשאַד.

דאָס געשפּרעך האָט איבערגעריסן פילימאָנאָוו און ליבערמאַן. זיי זײַנען געקומען צו אַלעקסייען, קעדיי צו פאַרן צוזאַמען אַפן „סטאַרט“. דערזעענדיק ליבערמאַנען, האָט זיך פעדאָסאָוו אויסגעלאָשן. ליבערמאַן האָט זיך באַגריסט מיט אַלעקסייען, מיט טאַניען, און אַף אים האָט ער

אַפֿילע קיין קוק ניט געטאָן. צווישן די אינטענדאַנטן איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען אַ סינע, און אין דער פֿאַרוואַלטונג זײַנען אומגעגאַנגען אַנעקדאָטן וועגן די שפּיצלעך, וואָס זיי טוען זיך אָפּ איינער דעם צווייטן.

פּעדאָסאָוו האָט אַף אַ רעגע אָפּגערופֿן אַלעקסייען אַף אַ זײַט:

— בעעמעס, קומט צו גיין אין אָוונט. ס׳איז דאָך הײַנט יאָנטעוו! מיר וועלן אַ ביסל אויסטרינקען, כאַפּן אַ שמועס, ליבהאָבער וועלן קענען מאַכן אַ קערטל. איר דאַרפֿט קומען צווישן מענטשן, איר לעבט ווי אַ מאָנאַך, דאָס טויג ניט. כ׳וועל אויך געאָרגי דאַווידאָוויטשן ברענגען צו פֿירן. און טאַטיאַנע וועט קומען.

— כ׳ווייס ניט, — האָט קאָווּשאָוו געזאָגט.

— איינע אַ מיידל אינטערעסירט זיך מיט אײַך, — האָט אים פּעדאָסאָוו צוגעגעבן כיישעק. ער האָט שפּאַסיק צוגעגעבן: — אַגעוו, איך אַדאַריר אויך דאָס דאָזיקע מיידל, און איר שטעלט מיר אונטער אַ פֿוס. איבעריקנס, צוליב געזעלשאַפֿט וועל איך זיך ניט פֿילן געקריוודעט.

— דאָס וועט זיך מיר קוים אײַנגעבן הײַנט, עס שטייט מיר נאָך פֿאַר אַ סאַך אַרבעט, — האָט זיך אַלעקסיי אָפּגעזאָגט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס פֿאַראינטערעסירטע מיידל איז אַוואַדע זשעניע. — פֿאַר דעם פֿאַרבעטן אַ דאַנק. כ׳וועל זיך באַמיִען קומען.

טאַניע האָט געקײַכט פֿאַר געלעכטער, פֿאַרוואַרפֿנדיק דעם קאָפּ, ליבערמאַן האָט געוואָרטשעט:

— ס׳איז לאַכלוטן ניט לעכערלעך. אײַך געפֿעלט, וואָס דער דאָזיקער עקזעמפּלאַר מאַכט כויזעק פֿון מיר.

— ווער מאַכט עס כויזעק פֿון אײַך? — האָט זיך קאָווּשאָוו אויסגעדרייט צו אים. ער האָט מיט פֿאַרגעניגן געקוקט אַפֿן מיידלס שיינעם פּאָנעם, וואָס האָט געלויכטן מיט אַ שמייכל. ער האָט געטראַכט: „מע דאַרף אומבאַדינגט גיין צו פּעדאָסאָוון צוזאַמען מיט בערידזען און טאַניען".

— נעכטן אין אָוונט האָט מען צו אים געקלונגען אין טעלעפֿאָן, — האָט טאַניע דערקלערט אַלעקסייען, ווינקענדיק אַפֿן אינטענדאַנט. — ער האָט אויפֿגעהויבן דאָס טרײַבל: „ליבערמאַן, הערט". און עמעצער דערקלערט מיט אַ מאַנצבילשער שטים: „איר זײַט אַן אייזל". ליבערמאַן איז, נאַטירלעך, אין קאַס געוואָרן און אָנגעהויבן שרײַען: „ווער רעדט?" דער אומבאַקאַנטער ענטפֿערט: „אַלע ריידן", — און ער האָט אויפֿגעהאַנגען דאָס טרײַבל.

— איך וועל אים קיין באַלכויוו ניט בלײַבן. איך וועל צוטראַכטן אַ שאַרפֿזיניקער כאָכמעלע! — האָט ליבערמאַן געדראָט.

— עפּשער איז דאָס ניט פּעדאָסאָוו, נאָר עמעץ אַנדערש האָט אַ שפּאַס געמאַכט? איר האָט אים דערקענט אין קאָל? — האָט אַרויסגעזאָגט זײַנע ספּייקעס דער ערנסטער פֿילימאָנאָוו.

— ס'איז ניט געווען זײַן שטים, ער האָט אַ צווייטן כוצפּעניק אונטערגעשטעלט.

אַלעקסיי האָט איבערגעלאָזט אַ בריוועלע אַף טאָפּאָליעווס טיש, אין וועלכן ער האָט אים געבעטן, ער זאָל אַפּסנײַ קאָנטראָלירן די קאָסט־כעשבוינעס אַף אַלע טיפן הילצערנע געבײַדעס און דורכקוקן עטלעכע, אין מעשעך פון טאָג אָנגעקומענע, ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן, און ער איז אַוועקגעפאָרן אַפן „סטאַרט" צוזאַמען מיט טאַניען, פילימאָנאָוון און ליבערמאַנען. זיי האָבן אַרויסבאַגלייט אין וועג אַרײַן סילינען. ער האָט אַליין געפירט דעם טראַקטאָר. זײַן געהילף האָט אַ מאַך געטאָן מיטן היטל, אַרויסרוקנדיק זיך פון דער טיר פונעם „שנעק". דאָס הײַזל אַף שליטן־בויגנס האָט זיך באַוועגט ניט געאײַלט און עס האָט זיך נאָך לאַנג געזען אַפן גראָ־ווײַסן שעטעך פון טײַך.

טאַניע האָט געבראַכט צו פירן אַלעקסייען צום מאַגאַזין, ווו די פאַרבינדלער האָבן זיך געגרייט צום אַרויסמאַרש אַף דער טראַסע. ביזן פינפטן באַצירק, ווו דער טעלעפאָן האָט זיך געענדיקט, האָט טאַניע מיט דער קאָלאָנע געזאָלט זיך דערקלײַבן מיט אויטאָס און אָנהייבן זייער אַרבעט פון טיוולין. אַלעקסיי האָט אַפן אויפמערקזאַמסטן אויפן קאָנ־טראָלירט די אויסגעשטאַטע פאַרבינדלער און געניי פעסטגעשטעלט, אין וואָס זיי וועלן זיך נייטיקן אין הילף מיצאַד דער פאַרוואַלטונג אין דער נאָענטסטער צײַט. די קאָמיוגיסטן זײַנען געווען אויפגערעגט און האָבן אומגעדולדיק אָפּגעוואַרט דעם מאָרגנדיקן טאָג. טאַניע האָט אויסגעזען פאַרכמורעט, פאַרזאָרגט. מיט פאַרבאָרגענער אומרו האָט זי געקוקט אַף די יונגע כאַווײרים, וועלכע האָבן נאָך ניט געהעריק באַנומען, וויפל שוועריקייטן עס שטייט זיי פאָר איבערצוטראָגן.

— ניט געזאָרגט, טאַניע, — האָט קאָווּשאָוו שטיל געזאָגט, זיך אָנשטויסנדיק וועגן איר געמיט־צושטאַנד. — וואָס שווערער, אַלץ רויִקער דאַרף זײַן דאָס געמיט. זאָלן די כעוורע אָפּטער דערמאָנען זיך ניט נאָ־ווינסק, נאָר מאָסקווע און זייערע בניי־גיל, וועלכע שלאָגן זיך פאָר איר. דו ווער נאָר ניט צעשמאָלצן גלײַך אין אָנהייב, געפין אין זיך אײַזן, זײַ פעסטער, איידער דו ביסט עס אין דער ווירקלעכקייט.

אין דער אַרבעט און אין דעם שמועס מיט די פאַרבינדלער האָט אַלעקסיי שיר ניט פאַרגעסן וועגן דער זיצונג פון דער פאַרטיי־ביוראָ און זיך געכאַפּט ערשט, ווען צו זיי אין מאַגאַזין איז אַרײַנגעקומען פילי־מאָנאָוו.

בערידזע איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט אים ניט אויפגעהויבן בעיס קאָווּשאָווס און פילימאָנאָווס אַרײַנקומען. כוץ זיי זײַ־נען שוין אַלע מיטגלידער פון ביוראָ געווען פאַרזאַמלט.

— איר זײַט אונדז שולדיק צען מינוט, — האָט זאַלקינד געזאָגט מיט פאַריבל אַף די פאַרשפּעטיקטע און געעפנט די זיצונג.

פֿון בערידזעס אומעטיקער פּאָזע האָט אַלעקסיי אַרויסגעלייענט אַ פֿאָרוואורף פֿאַר זיך: אַפֿילע אין אַזאַ מאָמענט אין מײַן לעבן ביסטו ניט געקומען צו דער צײַט". זאַלקינד האָט געלייענט די ווענדונג: „הײַנט, ווען אַ טויט־געפֿאַר הענגט איבערן היימלאַנד, קען איך ניט פֿאַרבלײַבן מיכוץ די רייען פֿון דער פּאַרטיי פֿון לענינען און סטאַלינען", און דערנאָך די אַנקעטע. אַלעקסיי האָט דעם גאַנצן טאָג איבערגעלעבט דעם בערויגעז מיטן כאַוועד און איצט מיט אַ באַזונדערער אויפֿמערקזאַמקייט אויסגעהערט בערידזעס אַנקעטע־אָנגאָבן, אַפּסנײַ זיי באַזיניקנדיק.

„ער איז שוין אַלט פֿינף און דרײַסיק יאָר, — האָט ער געטראַכט אין האַרצן. — איך האָב פֿאַרהאַנט: אַכט יאָר לעבן. זײַן ווײַב איז מיט זעקס יאָר צוריק געשטאָרבן בעייסן גיין צו קינד. געאָרגי האָט וועגן דעם קיינמאָל ניט גערעדט. זײַן פֿאָטער איז אומגעקומען אין דעם בירגער־קריג. די מוטער — וועגן איר האָט ער ניט איין מאָל גערעדט — וווינט אין גאָרי".

די רעשימע פֿון געאָרגי דאַווידאָוויטשעס אַמטן איז געווען אַ לאַנגע. אין זײַנע געשפּרעכן פֿלעגט אַמאָל בערידזע דערמאָנען: „געאַרבעט דאָרט און דאָרט" — און אויך דאָס פֿלעגט זיך פֿאַרבײַגליטשן דורכן באַוווסטזײַן, ווי אַ ווייניק באַדײַטנדיקער פּראָט. איצט האָט זיך פֿון דעם טרוקענעם אויסרעכענען דאַטעס, וווינונגס־ערטער און נעמען פֿון אַרבעטס־פּלעצער צונויפֿגעשטעלט אַ לעבעדיקע כאַראַקטעריסטיק פֿון אַ מענטש.

ער האָט געענדיקט דעם אינסטיטוט אין יאָר 1929. אַלעקסיי האָט זיך דערמאָנט, ווי בערידזע האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער אָנהייב פֿון זײַן אינזשעניערישער אַרבעט איז צונויפֿגעפֿאַלן מיטן אָנהייב פֿון די סטאַלינישע פֿינפֿיאָר־פּלענער. ער האָט פּראָיעקטירט אַ זאַוואָד אין זאַפּאָראָזשיע. געאַרבעט אַפֿן דניעפּרבוי ווי אַן אַרבעטס־לייטער. געבויט די ברעג־גאַסן פֿון טײַך מאָסקווע. זיך באַטייליקט אין דער פּראָיעקטירונג פֿון דעם בערעזניאַקאָווער כעמישן קאָמבינאַט. אין סעמיפּאַלאַטינסק געבויט אַן אײַזנבאַן־ליניע. אַף דער דזשיגדע האָט ער פֿונאַנדערגעאַרבעט אַ פּראָיעקט צו באַזאָרגן מיט וואַסער די גאָלד־גרובנס.

דערנאָך איז ער פֿרײַוויליק אַוועקגעפֿאָרן אַפֿן ווײַטן מיזרעך — אַף אויסצופֿאָרשן די טראַסע פֿון דער גרויסער מאַגיסטראַל פֿון דעם בײַקאַל ביזן שטילן אָקעאַן. בײַ דער געלעגנהייט האָט ער זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דער הידראָ־ענערגעטיק פֿונעם ווײַטן מיזרעך און געשאַפֿן צוויי פּראָיעקטן פֿון הידראָסטאַנציעס — אַף דער אַלגאָכטע און דער טשאָנגאַרי. ערגעץ ווו אין די געגנטן פֿון אַרסעניעוו האָט זיך בערידזע באַגעגנט מיט באַטמאַנאָוון, וועלכער איז צו דער צײַט באַשטימט געוואָרן פֿאַרן נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג פֿון דער מאַגיסטראַל און האָט געבאַלעבאַטעוועט אין די ווילדע אוראַלטע מעקוימעס. זיי האָבן זיך שנעל באַפֿרײַנדעט, און געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט אינגיכן געאַרבעט אַלס הויפּט־אינזשעניער

פון דער בויונג אונטער באַטמאַנאָווס אָנפירונג. ניט לאַנג פאַר דער מילכאָמע זײַנען זיי ביידע באַשטימט געוואָרן צו פאָרן אַף מײַרעוו. דרײַ יאָר האָט בערידזע געאַרבעט אַף דער דאָרעם־בויונג — דאָרט האָט זיך מיט אים באַקענט אַלעקסיי. מיטן צוריקקומען אַפן ווײַטן מיזרעך האָבן זיך פאַרענדיקט בערידזעס לעבנס־וועגן.

דער פאַרטאָרג האָט, לויט ווי ס'איז אָנגענומען, ניט דורכגעלאָזט קיין איין זאַך אין דער אַנקעטע: ער איז באַשאָנקען געוואָרן מיט צוויי אָרדענס — „רויטע אַרבעטס־פאָן" און „ערן־צייכן"; אַ סאַך מאָל איז ער דערמאָנט געוואָרן אין די באַפעלן און פרעמירט געוואָרן; קיין פאָרוווּרפן האָט ער ניט באַקומען; צו קיין שום אַנדערע פאַרטיי האָט ער פריִער ניט געהערט; פאַר קיין געריכט איז ער ניט געשטאַנען. רעקאָמענדאַציעס אַף אַרײַנצוטרעטן אין דער פאַרטיי האָבן בערידזען געגעבן זאַלקינד, באַטמאַנאָוו און פיסאַרעוו — דער באַפולמעכטיקטער פון דעם מעלוכישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט. אַלע רעקאָמענדירנדיקע האָבן געקענט בערידזען אַ סאַך יאָר. איבערלייענענדיק פיסאַרעווס רעקאָמענדאַציע, האָט זאַלקינד באַמערקט:

— דער באַפולמעכטיקטער האָט זי הײַנט צוגעשיקט מיט אַ געלעגנהייטלעכן אַעראָפלאַן. אַלע דאָקומענטן זײַנען איבערגעלייענט געוואָרן, און בערידזע האָט דערציילט וועגן זיך. דער פאַרטאָרג האָט געבעטן צו שטעלן פראַגן. עס זײַנען אַזעלכע ניט געווען, בלויז גרעטשקין האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט עפּעס אַ דעטאַל פון דעם פּראָיעקט פון דער אַלגאַכטער הידראָסטאַנציע.

— איך האָב דערוואַרט און זיך געשראָקן פאַר איין פראַגע, כאַוויירים, — האָט בערידזע אָנגעהויבן ריידן אין פאַרלעגנהייט, מיט פאַרב אין די באַקן. — אַ פולשטענדיק גוזעצמעסיקע פראַגע: פאַרוואָס טרעט איך ערשט הײַנט אַרײַן אין דער פאַרטיי. איך בין דאָך שוין אַלט פינף און דרײַסיק יאָר, אינזשעניער בין איך געוואָרן פאַר דער סאָוועטישער צײַט... איר האָט מיר די דאָזיקע פראַגע ניט געשטעלט. פונדעסטוועגן קען איך זי ניט פאַרבײַגיין. איך בין זיך ערלעך מוידע: עס באַהאַלט זיך ניט אונטער דעם קיין שום עפּעס וואָס ערנסטע סיבע. מיר האָט זיך טאָכיד געדוכט, אַז דאָס אַרײַנטרעטן אין דער פאַרטיי איז בלויז אַ פאָרמאַליטעט, און ס'איז גענוג אינערלעך אָפּצופילן די אייגענע פאַרטייִשקייט... אין אינסטיטוט און די ערשטע יאָרן פון מײַן אַרבעט האָב איך געהאַלטן אַזוי: אויב כ'וועל אַרײַנטרעטן אין דער פאַרטיי, וועלן מיר די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און פאַרשיידענע היסכײַוועסן אַוועקרײַסן פון שטודיום, פון פאַרטיפערטן שטודירן די טעכניק. פאַר מײַנע אויגן איז ווירקלעך פאָרגעקומען אַן ענלעכער פאַל מיט מײַנעם אַ כאַווער. ס'איז ניט באַקוועם צו ריידן וועגן אַזאַ אַרויסווײַז פון לײַכטזיניקייט, נאָר, ווײַזט אויס, אַז ביז אַ געוויסער מאָס איז זי מיר געווען אייגן ביז דער לעצטער צײַט,

ניט געקוקט אַף מײַן עלטער. איר קענט, זיכער, אַ טראַכט טאָן — אָט טרעט בערידזע עפּעס פּלוצים אַרײַן אין דער פּאַרטיי! אָבער דאָס איז ניט קיין צופעליקער שריט. פאָרשט מיך, כאַווײרים, פון וועלכער זײַט איר ווילט — איך בין אַ קאָמוניסט! — בערידזע האָט זיך אויפגערעגט און, הערנדיק אים, האָט זיך אויך אויפגערעגט אַלעקסיי. — פון ערשטן טאָג פון דער מילכאָמע האָב איך זיך דערפילט זייער ניט גוט נעמלעך דערפאַר, וואָס איך בין פאַרבליבן מיכוץ דער פּאַרטיי. און באַזונדערס, ווען איך האָב געהערט אײנעם אַ לײַדאַק זיך אויסדריקן אין דעם זין, אַז אין פאַל פון אַ זיג פון די דײַטשן זאָל זײַן אַ מײַלע דאָס זײַן אַן אומפּאַרטייִשער. מײַן אומפּאַרטייִשקייט איז פאַר מיר געוואָרן אַ קעסיידערדיקער פאָרוואורף...

בערידזע האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם.

— ניט לאַנג צוריק איז באַ אונדז פאָרגעקומען די פּאַרטיי־קאָנפערענץ. כ׳וועל זאָגן פּאָשעט: איך האָב זיך קיין אָרט ניט געפונען, ביז זי האָט זיך ניט פאַרענדיקט. איך האָב זיך געפרעגט: „ווי ביסטו דאָס פאַרבליבן אין עק, צי קליידט עס דיר?" מיר האָט אײנער אַ מענטש, כ׳וועל זאָגן ווער — וואַסילטשענקאָ טאַניע — געפרעגט: „פאַרוואָס זײַט איר ניט, געאָרגי דאַווידאָוויטש, אַף דער קאָנפערענץ?" און ס׳האָט מיר ניט געקלעקט קיין דרײַסטקייט זיך מוידע צו זײַן, אַז איך בין אַן אומפּאַרטייִשער. נעכטן, ווען כאַווער סטאַלין איז אַרויסגעטראָטן, האָב איך זיך געזאָגט: „בערידזע, דו קענסט לענגער ניט פאַרבלײַבן מיכוץ דער פּאַרטיי קיין אײן טאָג, קיין אײן שאָ!..."

געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט גערעדט מיט ברען און לויט זײַן געוווינהייט אָדער געצופּט מיט די פינגער דאָס בערדל, אָדער באַרירט פאַרשיידענע זאַכן. פאַר אָננעמען אים אין דער פּאַרטיי האָט מען אָפּגעשטימט אײנשטימיק. גרעטשקין האָט, שמייכלענדיק, אויפגעהויבן ביידע הענט.

— אַ רעגעלע, אײן וואָרט, — האָט זאַלקינד געזאָגט, ווען אַלע האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן, מײנענדיק, אַז די זיצונג איז פאַרענדיקט. לויט מיכאַ׳ל באָריסאָוויטשעס אויגן און אײַנגעהאַלטענעם שמייכל, לויט דעם, ווי ער האָט אָנגעהויבן ריידן, האָט אַלעקסיי פאַרשטאַנען, אַז אויך דער פאַרטאָרג איז אויפגערעגט. — ס׳איז ערשט אַ שווערע צײַט, כאַווײרים, פאַר אונדזער לאַנד, פאַרן פאָלק און פאַר דער פּאַרטיי. אַ צײַט פון אַ געפאַר, וואָס מיר האָבן נאָך זעלכע ניט איבערגעלעבט... אַזאַ צײַט שטעלט דעם מענטשן אַף פּראָבע. זי איז ווי אַ זויערקוואַס, וואָס באַשטימט גענוי, וואָס עס איז ווערטפולער שטיין און וואָס — דאָס מיסט, וואָס ס׳האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט. אונדזערע בעסערע מענטשן האָבן דעם באַוווסטזײַן: זייער גוירל איז ניט אָפּטיילבאַר פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי — און זיי שטעלן זיך אונטער אירע פענער. זיי שטרעבן

צו טיילן מיט דער פּאַרטיי אַלע ניסיוינעס פונעם קאַמף. די זעלנער אַפן פּראָנט, גייענדיק אין שלאַכט, דערלאַנגען ווענדונגען: „איך בעט מיך פאַררעכענען פאַר אַ קאָמוניסט". אויך אַפן כאַוער בערידזע קוק איך ווי אַף אַ זעלנער פון אונדזער אַרמיי, וואָס עס שטייט אים פאַר צו דער־פילן אַ שווערע אויפגאַבע אין נאָמען פון ניצאַכן, און ער וויל צוטרעטן צו איר, זײַענדיק אַ קאָמוניסט. פון האַרצן גאַרטוליר איך דיר, כאַווער בערידזע!...

ער האָט מיט ביידע הענט געדריקט די האַנט דעם הויפּט־אינזשע־ניער, האָט אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן און אים אַרומגענומען. נאָך אים איז צוגעגאַנגען באַטמאַנאַוו און האָט אויך אַרומגענומען בערידזען, אַ שעפּטשע טוענדיק: „ס'איז שוין לאַנג צײַט געווען, טײַערער". נאָך די איבעריקע האָט זיך דערנענטערט אויך אַלעקסיי. בערידזע האָט אַף אים אַ קוק געטאָן און זיך צעשמייכלט: ווי טאָמיד, האָט מען אַף אַלעק־סייס פּאָנעם געקענט איבערלייענען אַלץ, מיט וואָס ס'איז פול געווען זײַן האַרץ. אַלעקסיי האָט זיך סײַ געפרייט פאַר זײַן כאַווער, סײַ געווען אין פאַרלעגנהייט. בערידזע האָט אים צוגעצויגן צו זיך. זיי האָבן זיך צעקושט.

דער טאָג האָט זיך שוין דערנענטערט צו זײַן סאָף. אַלע זײַנען זיך אײַליק פונאַנדערגעגאַנגען אין זייערע קאַבינעטן. קאָוושאָוון האָט אין קאָרידאָר אָנגעיאָגט זאַלקינד, שוין אָנגעטאָן:

— מיר פאָרן צו טערעכאָוון. האָסט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט? קוק ניט אַזוי ראַכמאָנעסדיק אַפן זייגער — דו וועסט דערנאָך אָניאָגן...

דער אויטאָ איז געלאָפן איבערן וועג, ווי איבער אַ דנאָ פון אַ טראַנ־שיי, צווישן הויכע שניי־וואַלן. האַלטנדיק דאָס הענטל פונעם קירעווער, און אײַנקוקנדיק זיך דורך דער פאַרפרוירענער שויב, האָט זאַלקינד פון צײַט צו צײַט געוואָרפן אַ באַדײַטנדיקן בליק אַפן אינדזשעניער, וואָס איז געזעסן לעבן אים:

— איך כאַזער איבער נאָך אַמאָל: ס'איז הײַנט אַ גוטער טאָג, פרײַנט אַליאָשע!... בערידזע האָט מיר הײַנט ווי אַ מאַטאָנע געגעבן. כ'האָב דורכגעלעבט אַ באַזונדערע שטאָלצקייט פאַר אים. איך לייען די אָנקעטע און טראַכט: אויסגעצייכנטע מענטשן האָט דערצויגן די סאָווע־טישע מאַכט! אָן אַ שיר מײַסטערס, זאַכקענערס, לעגאַמרע נײַע מענטשן סײַ לויט זייער אידעאָלאָגיע, סײַ לויט זייער אינערלעכן וועזן. די דײַטשן פאַרטיליקן ערשט דאָס לעבעדיקסטע און ווערטפולסטע אין אונדזערע לענדער. ס'וועט נעמען אַ סאָף צו דער מילכאָמע... מע וועט דאַרפן צוריק אויפשטעלן דאָס צעשטערטע. און מיר וועלן אויפשטעלן שנעל און נאָך בעסער, ווי ס'איז געווען! פאַרוואָס? דערפאַר וואָס מיר פאַר־מאָגן צענדליקער און הונדערטער טויזנטער מײַסטערס, וואָס זײַנען אי־

בערגעגעבן סטאַלינען, אַ סאַך בערידזעס, וואָס באַזיצן דערפאַרונג און וויסן. ס'איז ריכטיק, צי ניט, אַליאָשע?

— יאָ, — האָט קאָוושאָוו מאַסקים געווען. — איך האָב אויך וועגן דעם געטראַכט, נאָר אַף אַן אַנדער שטייגער.

— לעמאָשל? — זאַלקינד האָט אַף אַ רעגע אָפּגעריסן דעם בליק פון וועג.

— מיר, די יונגע מענטשן, וואָס זײַנען דערצויגן געוואָרן דורך דער סאָוועטישער מאַכט, דאַרפן ערשט האָבן צו זיך גרויסע פאָדערונגען.

— אין וואָס? אין זין פון באַזיניקן די אייגענע פליכט?

— ניין, דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, דאָס איז דער יעסאָד פון אַלץ — די איבערגעגעבנקייט דעם היימלאַנד, די גרייטקייט אָפּצוזאָגן זיך פון דעם פערזענלעכן, אַפילע פונעם לעבן, אויב דאָס פאָדערט די פליכט. איך האָב אין זין עפּעס אַנדערש. צו דרײַסיק יאָר, לאָמיר זאָגן, האָט דער סאָוועטישער יונגער מענטש ניט קיין רעכט צו זײַן ניט דערלערנט. ער איז מעכויעוו צו ווערן דער באַלעבאָס אַף דעם געביט, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעוויילט! עס זײַנען באַ אונדז אויסגעוואַקסן טויזנטער אַג־פירער, אינזשעניערן, אַרכיטעקטן, כעמיקער, לערער, מעדיקער — עמעסע מײַסטערס. נאָר באַ אונדז זײַנען אויך פאַראַן נאָך אַ סאַך ניט דערלערנ־טע, פּאַשעט שלעכט אויסגעבילדעטע מענטשן. און אַלע האָבן דאָך גע־האָט גלײַכע מעגלעכקייטן.

דער אויטאָ, אַרויספאָרנדיק מיטן גאַנצן אימפּעט אַף אַ שטיקל ניט אײַנגעקלאַפּטן וועג ,איז שטעקן געבליבן אין דעם ווייכן שניי. פלינק איבערשליסנדיק די שנעלקייט און דרייענדיק דאָס הענטל, האָט זיך זאַל־קינד באַמיט אַרויסצופירן דעם אויטאָ פונעם געפערלעכן אָרט. דאָס האָט זיך אים אײַנגעגעבן ניט טייקעף.

— כ'האָב געמיינט, מיר וועלן דאָ פאַרזינקען, — האָט אַלעקסיי געזאָגט.

— אַן אומזיסטיקע מוירע. איר האָט אַ שאַפער ערשטע קאַטעגאָ־ריע, — האָט זאַלקינד באַמערקט מיט כשיוועס.

דער אויטאָ איז אַוועק גלײַך. זאַלקינד האָט ניט פאַרגעסן וועגן וואָס זיי האָבן געפירט דעם שמועס:

— דו האָסט אַרויסגעזאָגט אַן אינטערסאַנטן געדאַנק, אַליאָשע. איך בין אויך פאַרנומען מיט דער דאָזיקער פראַגע: פאַרוואָס קומען אונדזערע מענטשן, באַ אַלצאיינע ביאָגראַפיעס, גלײַכע רעכט אין דער געזעלשאַפט און אַפילע, לאָמיר זאָגן, גלײַכווערטיקע אײַנגעבוירענע פעיִקייטן, צו פאַרשיידענע רעזולטאַטן? איך קען זיך ניט דערמאָנען אַן אומרו אין יעפּימאָוון. איך טראַכט וועגן אים די אַלע טעג, און כ'קען אים ניט נישט פאַרגלײַכן... אָט זאָל זײַן מיט טערעכאָוון, צו וועלכן מיר פאָרן. זיי זײַנען מענטשן פון איין עלטער, צוזאַמען געקומען קיין נאָווינסק.

דוכט זיך, געווען אויך אין איין קאָמיוגישער גרופּע. דאָ האָבן זיי זיך געלערנט אַרבעטן, זיך אויסגעצײַטיקט, געוואָרן קאָמוניסטן. אויך איצט קען מען זיי עפּשער פאַרגלײַכן, אָבער ניט שטעלן אין איין ריי. טערעכאָוו איז אַ בעריע, ווײסט אַליין זען... וועגן יעפימאָוון האָב איך דיר דערציילט. פאַרוואָס איז הײַנט טערעכאָוו אַן אויסגעצייכנטער קאָמאַנדיר פון אַן אַרבעטס־אַרמיי, אָדער, באַשיידענער, פון אַ דיוויזיע, בעיס יעפימאָוון, ערלעך געדט, דאַרף מען אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט. פאַרוואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אַזאַ אונטערשייד צווישן זיי אין אַ שווערער צײַט פון ניסיוינעס? — זאַלקינד האָט פרעגנדיק אַ קוק געטאָן אַף אַלעקסייען.

— זייער בײַשפּיל איז, זיכער, ענלעך צום בײַשפּיל פון באַטמאַנאָוון מיט סידאָרענקאָן.

— כ'מיין אַזוי. מעגלעך, אַז די מײַסע באַשטייט נעמלעך אין זייער באַציִונג צו זיך, דערין, וואָס בײַ איינעם איז אָפּגעטעמפּט געוואָרן דאָס געפיל פון פאָדערן פון זיך? וואָרשײַנלעך האָט זיך טערעכאָוו אַנטוויקלט געזעצמעסיק, און יעפימאָוו ניט רעגלמעסיק. לעכאַטכילע האָבן זיי זיך ביידע גוט אַרויסגעוויזן, מען האָט זיי אַרויסגערוקט אַף אָנפירנדיקער אַרבעט... טערעכאָוו האָט אין דעם דאָזיקן אַרויסרוקן אים דערזען עפּעס אַן אַוואַנס, פאַר וועלכן מע דאַרף נאָך אָפּאַרבעטן. ער האָט די גאַנצע צײַט שטודירט און באַוויזן היגטעראויגיק צו פאַרענדיקן דעם מאָסקווער אינסטיטוט. יעפימאָוון אָבער האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס אַרויסרוקן אים איז אַ נאַטירלעכע אָנערקענונג פון זײַנע מײַלעס. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער האָט שוין אַלץ דערגרייכט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער אויפגעהערט צו וואַקסן — און איז אָפּגעשטאַנען. צי בין איך אומגערעכט, אַלעקסיי?

זאַלקינד האָט געהויבן די פּלייצעס און, באַמערקנדיק אַן אויסגעפאָרענע גרוב אַפן וועג, האָט ער טאָרמאָזירט דעם אויטאָ, געפירט אים אַרום. — מעגלעך, אַז שולדיק איז ניט יעפימאָוו גופא, נאָר מיר, וואָס האָבן אים פריצײַטיק אַרויסגערוקט? ווי אָנגענעם דאָס איז, פרײַנט אַליאָשע, אָפּצומערקן די דערפאָלגן פון מענטשן און ווי פאַרדריסלעך ס'איז צוצוזען זייערע מאַפּאָלעס!

די שויב איז פאַרפרוירן געוואָרן און האָט געשטערט זאַלקינדן נאָכצושפּירן דעם וועג — ער האָט מיט איין האַנט אָפּגעווישט דעם טויפּראָסט. אַלעקסיי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און געשלאָסן די אויגן.

די שטאָט מיט אירע לאַנגע קוואַרטאַלן פון סטאַנדאַרטנע הילצערנע הײַזער איז שוין לאַנג געבליבן הינטער זיי. אַ שטיקל צײַט האָט זיך דער וועג געשלענגלט צווישן צוויי רייען פאַרשנייטע סאָפּקעס. נאָך דער לעצטער סאָפּקע האָט זיך גלײַך אויפגעדעקט אַ זאַוואָדישער ראַיאָן אַף אַ ברייטן פליין: גלײַך אויסגעפלאַנירטע גאַסן, אַ ברוקירטער וועג, אַ טראָ־

טואָר פון אַספאַלט, גרויסע פיר־ און פינף־עטאַזשיקע ציגל־הײַזער, צענד־ליקער געמויערטע קאָרפּוסן, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן צאַם.

— ווי מיינסטו, אַליאָשע, וווהין האָב איך דיך געבראַכט? — זאַל־קינד האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון אַ לײַכט כויזעק־שמייכעלע. — געדענקסט, ווען דו ביסט געקומען, האָסטו געוואָרטשעט: צופיל האָט מען געטומלט וועגן נאָווינסק, ס'איז לאַכלוטן ניט קיין שטאָט, נאָר אַ פּראָסטער בויונגס־פּלאַץ! קוק זיך אָקערשט צו! זאַוואָדישע קאָרפּוסן, באַוווינטע קוואַרטאַלן, קלובן, שפּיטעלער, מע זעט עס אַפילע פון אויטאָ. און ווען דיר וואָלט אײַנגעפאַלן צו זײַן דאָ מיט אַכט יאָר צוריק, וואָלסטו געזען עטלעכע נאַנאַישע פּאַנזעס און אַ טויבע טײַגע...

אין דעם גרויסן וואַרט־צימער האָט זיי אָפּגעשטעלט אַ מיידל, די סעקרעטאַרן:

— באַם דירעקטאָר האָט זיך ערשט ניט לאַנג אָנגעהויבן אַ באַראַטונג. איר וועט מיר אַנטשולדיקן, כאַווער זאַלקינד, איך וועל באַ אים פרעגן וואָס צו טאָן. — זי האָט זיך גלײַך צוריקגעקערט, לאָזנדיק אָפן די טיר אין קאַבינעט אַרײַן. — ער בעט אַרײַנגיין.

טערעכאָוו — אַ שטײַפער און שטאַלטנער, מיט אַ רייך־געראַזירט יונג פּאָנעם, אין אַ נײַעם בלויען קאָסטיום, האָט זיך אויפגעשטעלט פון הינטער זײַן שרײַבטיש זיי צו באַגעגענען. ס'האָבן זיך אויפגעשטעלט אויך אַלע, וואָס זײַנען דאָ בײַגעווען.

— מיר האָבן דאָ אַ קורצן שמועס, — האָט טערעכאָוו געזאָגט זאַל־קינדן. — אויב איר האָט ניט דאַקעגן, וועלן מיר פאָרזעצן, מיר דאַרפן האָבן נאָך צען מינוט.

— פאַרשטענדלעך, — האָט זאַלקינד מאַסקים געווען. — מיר וועלן זיך צוהערן. ס'איז אינטערעסאַנט צוליב וואָס פאַר אַ סיבע ס'קומט פאָר אַ באַראַטונג אַף אַ ווײַטמיזרעכדיקן זאַוואָד פון געווער אין דעם דערהויבענעם טאָג פון זיבעטן נאָוועמבער.

— דיר איז באַוווסט, מיכאַיל באָריסאָוויטש, אַז די לעצטע צײַט האָבן מיר זיך אינטענסיוו באַשעפטיקט מיטן צוגרייטן דעם זאַוואָד איבערצוגיין אַף אַ נײַער מאַדרייגע באַם אַרויסלאָזן ספּעציעלע פּראָדוקציע. — טערעכאָוו האָט גערעדט רויִק, זיך אײַנקוקנדיק דאָ אין זאַלקינדן, דאָ אין קאָווּשאָוון. — נעמלעך הײַנט, דעם זיבעטן נאָוועמבער, פירן מיר אײַן דרײַ גרויסע נײַסן: אַ קאָנווייער אין גוס־צעך, דעם שטראָם־סיסטעם — אין מעכאַנישן אָפּטייל און אַ שאָעדיקע אָפּעראַציע־גראַפיק אַפן גאַנצן זאַוואָד. אַלע צעכן האָבן זיך געשטעלט פון אינדערפרי אַף דער סטאַלינישער וואַכטע. ערשט פאַרענדיקט זיך דער ערשטער אומבײַט, און מיר וועלן גענוי פעסטשטעלן די רעזולטאַטן.

די באַראַטונג איז פאַרגעזעצט געוואָרן. טערעכאָוו האָט זי געפירט שנעל. פאַר אַ באַריכט איז צוגעשטעלט געוואָרן איין אָדער צוויי מינוט,

ווער עס זאָל ניט באַריכטן — אַ צעך־מײַסטער, אַ טעכנאָלאָג אָדער אַ הויפּט־אינזשעניער. דעם טאָך פון דער זאַך האָבן אַלע פאַרשטאַנען פון אַ האַלבן וואָרט, מע האָט מער ניט ווי באַדאַרפט מיטטיילן דעם סאַכאַקל, פאַרשטעלן די שוועריקייטן און די פּרעטענזיעס.

ניט אויפהייבנדיק דאָס קאָל, ניט באַנוצנדיק קיין איין זידל־וואָרט, האָט ער אָפּגעצוואָגן דעם נאַטשאַלניק פון דער טעכנישער באַזאָרגונג:

— איך מאַך אײַך הײַנט אַ פאָרוווּרף אין נאָמען פון עם גאַנצן זאַוואָד. איר האָט נעכטן צוגעזאָגט צוצושטעלן אַליוּוע אינדערפרי. ווו איז זי? איר האָט אונדז פאַרפירט. אויב איר האָט ניט געקענט קריגן, האָט איר ניט באַדאַרפט צוזאָגן. אונדזער זאַך וועט זיך ניט רירן, אויב איך און דער הויפּט־אינזשעניער וועלן זיך אָנשטעלן בײַ אײַך פאַר געהילפן. אײַער זאַך פירט איר אַליין.

נאָך אַ ווײַליקער פּויזע האָט ער זיך אויסגעדרייט צום הויפּט־אינזשעניער און דעם נאַטשאַלניק פון מעכאַנישן אָפּטייל:

— און איר האָט ניט פאַרשטאַנען דעם טאָך פון דער שאָעדיקער אָפּעראַציע־גראַפיק. זי באַשטייט דערין, אַז יעדע שאָ זאָל מען פּינקטלעך וויסן — צי גייט די פּראָדוקציע ריטמיש, וויפל דעטאַלן זײַנען געמאַכט געוואָרן פאַר דער שאָ, אין וועלכער אָפּעראַציע שטייט מען אָפּ, ווו איז פאַראַן אַן אומגעזונטער שפּרונג פאַרויס. און איר האָט אַפילו ניט באַוויזן צו באַרעכענען די דעטאַלן, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן אין מעשעך פון דעם אומטויש.

באַפרײַענדיק די מענטשן, איז טערעכאָוו צוגעגאַנגען מיט אַ שמייכל צו זאַלקינדן און קאָוושאָוון, וואָס זײַנען געזעסן אין אַ זײַט.

— פון דעם, וואָס איך האָב דאָ געוואָרטשעט און געזידלט, זאָלט איר ניט מאַכן דעם אויספיר, אַז בײַ אונדז גייט די אַרבעט גאָר שלעכט. פונקט פאַרקערט. דער ערשטער אומטויש האָט אונדז הײַנט געגעבן הונדערט פערציק פּראָצענט פון דער נאָרמע אין די גרונט־צעכן, דאָס איז מיט צוואַנציק פּראָצענט מער ווי נעכטן. אַן אײַנגעגעבענער טאָג, און כ׳בין זייער צופרידן. אַגעוו, פאַרגעס ניט, מיכאַיִל באָריסאָוויטש, אַז מיר גייען איבער — די ערשטע אין לאַנד — אויף אַ שטראָם־סיסטעם און שאָעדיקער גראַפיק.

— מע קען דאָס ניט פאַרגעסן, איוואַן קאָרנילאָוויטש, — האָט זאַלקינד אויסגערופן.

— איר ווילט, אַוואַדע, קאָנטראָלירן, צי פירט טערעכאָוו אויס אײַערע באַשטעלונגען? — האָט זיך טערעכאָוו געווענדעט צו אַלעקסייען. — איך שרעק זיך ניט — קאָנטראָלירט... די באַשטעלונג אויף די פּרעס־אַגרעגאַטן האָב איך אָנגענומען און איבערגעגעבן דער קאָנסטרוקציע־ביוראָ.

— הײַנט וועלן מיר ניט קאָנטראָלירן. האָסט פאַרבעטן אין געסט — זײַנען מיר געקומען צו פאָרן. אונדזער בויונג איז אין דעם פּעריאָד פון

װעלט־באַשאַפֿונג, אַלץ איז נאָך אין פּאַרע און אין זאַט. באַ אײַך איז שױן אַן אַנדערע סטאַדיע — אַלץ האָט זיך פֿונאַנדערגעבונדן. װעסט אַלײן װײַזן?

— נאָר אַלײן. עס װעט לײַכטער זײַן זיך צו פֿאַרטײדיקן, אויב עפּעס!... נאָר פֿרי־ער הער אויס מײַן אָנקלאַגע. כ'האָב צו דיר געקלונגען, און דיך בעשום־אופן ניט געטראָפֿן אין קאַבינעט.

— אַן אָנקלאַגע? מ'האָט דיך באַאַװולט? עפּעס לײגט זיך עס ניט אַפֿן סײכל. אַף װעמען קלאָגסטו זיך?

— אַפֿן שטאָטקאָם. זײ דערגײען מיר די יאָרן, די כאַװײרים...

— אינטערעסאַנט, — איז זאַלקינד לעבעדיקער געװאָרן.

— איך האָב דיר אַנומלטן דערצײלט. די טעכנישע קענטענישן באַזיץ איך גוט, און כ'קען פֿרײַ אָנפֿירן מיט דער דאָזיקער טײל פֿון דער װירטשאַפֿט אַפֿילע אָן אַ הױפּט־אינזשעניער. נאָר איך האָב זיך אַרױסגעװיזן פֿאַר שװאַך אין די פֿראַגן פֿון עקאָנאָמיק. דערין מוז איך זיך בלינד פֿאַרלאָזן אַף מײַנע עקאָנאָמיסטן און בוכהאַלטערס. זײ ברענגען מיר, לעמאָשל, אַ פּלאַן אָדער אַ באַלאַנס, און איך מוז, בעײן־ברײרע, צושאָקלען. כ'האָב געפּרוּװט אין דעם אַרײַנדרינגען — קומט גאָרניט אַרױס: איך באַנעם ניט, איך כאַפּ זיך אָן פֿאַר דעם צװײטראַנגיקן, פֿאַרציפֿערן, װאָס קריכן אַלײן אין די אױגן אַרײַן. איך האָב געטראַכט, געטראַכט און באַשלאָסן צו פֿאַרפֿולקאָמען מײַן בילדונג: האָב אױסגעפֿערעמט מײַנע דאָקומענטן און אַרײַנגעטראָטן אין דעם הינטעראױגיקן פֿאַקולטעט פֿון דעם פּלאַניר־עקאָנאָמישן אינסטיטוט, אַפֿן דריטן קורס.

טערעכאָװ האָט אַרױסגענומען אַ זילבערנעם פּאָרטסיגאַר, פֿאָרגעלײגט די געסט פּאַפּיראָסן און אַלײן פֿאַררײכערט פֿון אַ קלײנינקער צינדמאַשינקע — אַ כראָמירט גלאַנציק מאָדעלעכל פֿון אַ מינע.

— די טעג זײַנען אָנגעקומען פֿון אינסטיטוט די ערשטע קאָנטראָלאַרבעטן, — האָט ער װײַטער גערעדט. — אָװנט־צײַט האָב איך צונױפֿגעזאַמלט עטלעכע בוכהאַלטערס און עקאָנאָמיסטן און אָנגעהױבן צוזאַמען שטודירן. ס'װעט זײ אױך צונוץ קומען. און דאָ האָט זיך, װי אַף צו לעהאַכעס, געפֿונען אַפֿן זאַװאָד עמעצער פֿון די אינסטרוקטאָרן פֿון דעם שטאָטקאָם. און אָט האָט זיך אָנגעהױבן אַ גערעדערײַ: „טערעכאָװ איז פֿון זינען אַראָפּ, פֿאַרטראַכט אַ פֿאַרװײַלעניש מילכאָמע־צײַט!"... מע קען זיך אין שטאָט ניט װײַזן — כױזעק־װערטלעך: „קוקט אָן דעם דירעקטאָר דעם סטודענט!" — ער האָט געהײבן די פּלײצעס און אַ קוק געטאָן אַף זאַלקינדן. — מײַן שטודיום װעט דאָך קײן שאָדן ניט ברענגען, און שפּעטער װעט ער זיכער געבן גוטע רעזולטאַטן. די כאַװײרים באַאומרויִקן זיך פֿאַר מײַן צײַט; ס'הײסט, איך רײַס זי אַװעק פֿון דער איקערדיקער זאַך. נאָר װעמענס דײַגע איז דאָס מײַן צײַט? איך נעם זי ניט צו באַ קײנעם און איך פֿאַרלאַנג ניט, מע זאָל אַ טײל פֿון מײַנע פֿליכטן

אַרויפלייגן אַף עמעצן אַנדערש. זאָל מען פון מיר פאָדערן דעם פּלאַן און די אָרדענונג אַפן זאַוואָד אַזוי, ווי איך וואָלט ניט זײַן קיין סטודענט־דירעקטאָר, נאָר פּאָשעט אַ דירעקטאָר.

— קלאָר, איוואַן קאָרנילאָוויטש, — האָט זיך זאַלקינד אויפגעשטעלט. — דײַן סטודענטערײַ געפעלט מיר, איך באַגיטיק עס. די כויזעקטרײַבער וועל איך צום פאַרשטאַנד ברענגען, זיי וועלן דיך צו רו לאָזן.

מיכאַיל באָריסאָוויטש האָט אַ קוק געטאָן אַף קאָווּשאָוון, און יענער האָט דערזען אַפן פּאָנעם פונעם פאַרטאָרג דעם זעלבן אויסדרוק פון שטאָלץ, מיט וועלכן ער האָט מיט אַ שאָ צוריק אָנגענומען בערידזען אין דער פּאַרטיי.

זיי זײַנען געגאַנגען איבערן זאַוואָד. דער דירעקטאָר האָט געשפּאַנט פּאָרויס, די הענט פאַרשטעקט אין די זײַטן־קעשענעס פון דער טוכענער קורטקע. אין דעם ראַכוועסדיקן און קאַלטן צעך, ווו מע באַאַרבעט רוימאַסע, האָט זיי פאַרטויבט אַ גערויש — ווי פון ווײַטן וואָלטן געלאָפן איבער רעלסן אַ צוויי הונדערט רעדער פּאַראָמאָל. מיידלעך האָבן דורכגעזיפּט אַף גרויסע רעשעטעס זאַמד און רויטע ליים. דערנאָך האָט מען די ליים און דעם זאַמד אַרויפגעשיט אַף מילשטיינער — גרויסע מעטאַלענע באַראַבאַנעס, וועלכע האָבן זיך שנעל געדרייט, צעמאָלנדיק די מאַסע, און פון זיי האָט זיך עס גענומען דאָס פאַרטויבנדיקע קראַכעניש. אַף איינעם פון די מילשטיינער האָבן צוויי יינגלעך צוגעגעבן באַהעפטנדיקע מאַטעריעס — דעקסטרין און אָליווע.

דעם גרעסטן טייל פון צעך האָבן פאַרנומען לאַנגע, העל באַלויכטענע טישן. די אַרבעטערנס, וואָס זײַנען געשטאַנען אין ביידע זײַטן, האָבן אַרײַנגעשטאָפּט די געקנעטענע מאַסע אין פורעמס, אײַנגעמאָנטירטע אין די טישן.

— ווי גייט עס, אַרבעטער־קלאַס ? — האָט זאַלקינד געפרעגט בײַ אַ יונג מיידל. זי האָט געכאַפּט אַ שמועס מיט אַ כאַווערטע, ניט איבעררײַסנדיק די אויסערגעווייינלעכע באַוועגונגען מיט די הענט, און צוגעשמייכלט, נאָכשפּירנדיק מיט די אויגן דעם דירעקטאָר.

— גוט, וואָס גוט הייסט ! וואָס איז דען ?

— גאָרניט. איך פאַרשטיי אַזוי אויך: „גוט, וואָס גוט הייסט". פופציק פּראָצענט אַרבעטסטו אויס ?

— אַזויפיל האָט אויסגעאַרבעט מײַן באָבעשי מאַטרענע, ווען זי איז אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר.

— אַ צינגל אַף שרײַפעלעך ! — האָט זיך זאַלקינד צופרידן צעלאַכט.

— האָסט איר אָנגערירט דעם האָנאָר, — האָט זיך פאַר איר אײַנגעשטעלט טערעכאָוו. — זי און די כאַווערטע אַרבעטן אויס צו הונדערט פופציק פּראָצענט.

אַריבערפירנדיק דעם בליק איבערן צעך און די וואָס אַרבעטן אין אים, האָט טערעכאָוו געזאָגט:

— אָט דאָס איז ער, אונדזער אַרבעטער־קלאַס. אויב ניט רעכענען די ספּעציאַליסטן, האָבן מיר די מאָנצבלען איבערגעלאָזן בלויז בײַ די שווערסטע אַרבעטן, וואָס זײַנען ניט פֿאַר די קויכעס פֿון פֿרויען און אונטערוואַקסנדיקע. מיר האָבן געגעבן דער רויטער אַרמיי אַ גאַנצן פּאָלק שלאַכטלײַט.

אַ דאַרינקער אַלטינקער אין אַ פֿאַרפּעצטן שפּענצער און אַ קעפּקע, ווי אַ פּלעצל, האָט זיי באַגעגנט בײַם אַרײַנגיין אין גוס־צעך.

— דער עלטערער טעכנאָלאָג באַטורין איוואַן איוואַנאָוויטש, דער קעניג פֿון דער וואַגראַנקע. *) — האָט אים טערעכאָוו פֿאַרגעשטעלט און מיט אַ ליבלעכן בליק אַ קוק געטאָן אָפֿן אַלטן.

באַטורין האָט אויסגעזען שרעקלעך אויסגעמאַטערט. זײַן פּאָנעם איז געווען אײַנגעשרומפּן, קליין, די רויטלעכע אויגן האָבן געטרערט.

— נאָך דעם אומטויש, איוואַן איוואַנאָוויטש, זײַט מוחל גייט אַהיים זיך אָפּרוען. איך פֿאַרוועך אײַך נאָכאַמאָל צו געפֿינען זיך אין צעך עט־לעכע טעג נאָכאַנאַנד. מיר וועלן לאַנג ניט אָנציִען, אויב מיר וועלן אַר־בעטן איבער די קויכעס.

— איך בעט אײַך, איוואַן קאָרנילאָוויטש, טשעפּעט מיך ניט הײַנט,

— האָט באַטורין געענטפֿערט מיט אַ שטאַרקער שטימע, וואָס האָט אויסגעזען אומדערוואַרטעט בײַ זײַן אויסגעצערטקייט.

— פֿון דער סטאַלינישער וואַכטע קען איך ניט אַוועקגיין, איר פֿאַר־שטייט עס אַליין. — ער האָט צוגעגעבן מיט אַ שמייכל: — אַף וויפֿל מיר איז באַוווסט, זײַט איר אויך ניט אַהיימגעקומען די גאַנצע וואָך.

— איר האָט ניט פּינקטלעכע ידיעות, איוואַן איוואַנאָוויטש. אָט זעט איר — איך בין זויבער, געראַזירט, יאָנטעווודיק אָנגעטאָן, בײַ מיר איז אַלץ אין אָרדענונג, — האָט דער דירעקטאָר געענטפֿערט.

— דער אַלטער איז זײַן שווער, — האָט זאַלקינד אײַנגערוימט אַלעקסייען.

מיט די געדרייטע שטיגעלעך, וואָס שלענגלען זיך אַרום דעם ציליג־דערישן הייסן און הודזעשנדיקן אײַזערנעם קערפּער פֿון דער וואַגראַנקע, האָבן זיי זיך אַרויפֿגעהויבן אינדערהייך. אין דעם גרויסן הייך־פֿענצטער האָט געווילדעוועט אַ בלוילעכער פֿלאַם. די אַרײַנגעקומענע האָט אַרומ־גענומען אַ היץ, זיי האָבן זיך גלײַך דערוואַרעמט.

— דער אָנהייב פֿון דער שמעלצונג. דאָס האַלץ האָט זיך שוין אָנ־געכאַפּט, די לופֿט ווערט אַרײַנגעלאָזן. מ׳האָט שוין אַרײַנגעלייגט קאָקס, באַלד וועט מען אַרײַנוואַרפֿן מעטאַל, — האָט באַטורין דערקלערט.

*) וואַגראַנקע — אַזאַ אויוון.

אַ הויכער יונג מיט אַ פּאַרריסט פּאָנעם האָט זיך אַף אַ ווײַלע אויסגעגלײַכט — אַ קוק צו טאָן אַף די געסט און זיך באַגריסן — און ווײַטער געוואָרפן מיט אַ שופלע־רידל שטיקער מעטאַל אין דעם פײַעראָטעמדיקן פּיסק. אַלעקסיי האָט פאַרצויבערט געקוקט, ווי דער פלאַם האָט געוואָיעט. געקלאַקאָטשעט, געצישעט, זיך געשלענגלט און געריסן. פאַרענדיקט מיטן הויפן מעטאַלענעם ברוך, האָט דער יונג זיך גענומען אָפּוועגן קאָקס.

— איר זײַט שוין לאַנג באַקענט מיט דער וואַגראַנקע? — האָט אַלעקסיי געפרעגט באַ באַטורינען.

— שוין לאַנג. מיטן ווײַב לעב איך שוין פערציק יאָר, מיט דער וואַגראַנקע האָב איך זיך נאָך פריִער באַקענט.

— פון וואַנען זײַט איר אַליין? אַן אוראַלער?

— ניין, אַ היגער. מײַן טאַטע האָט געשטאַמט פון די איבערגעוואַנדערטע, אַ פּויער. דערפאַר אָבער האָב איך זיך אַפן גאַנצן לעבן פאַרבונדן מיטן זאַוואָד. פריִער האָב איך געאַרבעט אין דעם רובעזשאַנסקער אַרסענאַל. איר האָט געהערט וועגן אים?

— איוואַן איוואַנאָוויטש איז דער פּאַטריאַרך פון דעם גרויסן באַטורינישן שייוועט, — האָט זאַלקינד געזאָגט. — ער האָט דאָ אומעטום שוועסטער און ברידער, זין און אייניקלעך. די זין, איוואַן איוואַנאָוויטש, זײַנען אַוועקגעפאָרן?

— צוויי זײַנען אַוועקגעפאָרן צו ראָקאָסאָווסקין, איינער איז דאָ געבליבן — אַ גרענעצלער. ער איז אומצופרידן. „מיך וואָלט מען אויך באַדאַרפט, זאָגט ער, שיקן מיט די ברידער, אַזוי שטייען מיר אָן אַ טאָלק".

— דער אַלטער האָט פאַרמרוזשעט די אויגן און אַ קוק געטאָן אַף זאַלקינדן: — ווי מיינט איר, מיכאַיִל באָריסאָוויטש: דער יאַפּאַנער וועט שטיין אַף אַן אָרט, אָדער וועט אַ שפּאַר טאָן אַף אונדז?

— דו, איוואַן איוואַנאָוויטש, קענסט דאָך דעם יאַפּאַנער בעסער פון מיר — געווען אין דער פּאַרטיזאַנקע באַ באָיקאָ־פּאַוולאָוון. ווי טראַכסטו אַליין: דער יאַפּאַנער וועט גיין קעגן אונדז אָדער ניין?

זיי האָבן געשמועסט, אַראָפּגעלאָזט זיך פון אונטן און אַריבערגעגאַנגען אין הויכן גוס־צעך. דאָ איז געווען טונקל. דער בליצנדיקער גלאַנץ פון דעם פליסיקן מעטאַל האָט פאַרטונקלט די עלעקטרישע באַלײַכטונג. אין האָל האָט זיך אָוואַל־אַרטיק באַוועגט אַ קאָנווייער — אַן אומענדלעכע קייט פון צווישן זיך באַהעפטע וועגעלעך אַף רעלסן. טערעכאָוו איז שנעל, זיך אײַנקוקנדיק, פאַרבײַגעגאַנגען צו דעם טאָוול פון דער פאַרוואַלטונג, איבערגעבנדיק באַטוריִנען ער זאָל פירן די געסט איבערן צעך.

באַם אַרײַנגאַנג האָט מען צוגעגרייט קאָקילן־פורעמס, וואָס נעמען זיך פונאַנדער,אַף אויסצוגיסן די קאָרפּוסן פון מינעס. די צונויפגענומענע קאָקילן, מיט אַרײַנגעלייגטע יאָדערן אינווייניק, האָבן זיך באַוועגט מיטן קאָנווייער צו דער וואַגראַנקע.

אַ הויכוויקסיקער מאַן אין בלויע ברילן האָט מיט אַ לאָם דורכגע־קלאַפּט דאָס ליימענע ווענטל, און דער צעשמאָלצענער מעטאַל האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבער דער קאַריטע, פאַרשפּרייטנדיק אַ שײַן אַרום זיך. צווי גיסער האָבן קאָנצענטרירט געהאַלטן אַ קרוג, וועלכער האָט זיך אָנגעפילט מיט מעטאַל. דעם ערשטן קרוג האָבן זיי אויסגעגאָסן און מיטן צווייטן געלאָפן צו אַ קאָקיל אין דער ריי און אָנגעהויבן אים אָנצופילן. פון דער הינטערשטער טייל איז מיט אַ געציש אַרויסגעפלויגן אַ גאַזענער פלאַם. דערנאָך האָבן זיי אָנגעפילט אַ צווייטן קאָקיל, דעם רעשט פײַער־דיקע פליסיקייט אויסגעגאָסן אַף דר׳ערד און זיך אומגעקערט צו פאַר־טרעטן אַ צווייטע פּאָר גיסער.

— נעמט ווייניקער מעטאַל — צופיל גיסט זיך אויס! — האָט באַטורין צו זיי אַ געשריי געטאָן.

די געסט זײַנען נאָכגעגאַנגען דעם קאָנווייער. די אַרבעטער האָבן אַראָפּגענומען די אייבערשטע טייל פונעם קאָקיל. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ קאָרפּוס פון אַ מאַלינע־קאָליר. איינער פון די אַרבעטער האָט אים מיט אַ געמאָסטענער באַוועגונג אַרויסגעשטויסן פונעם קאָקיל אין אַ האַנט־וועגעלע אַרײַן. אַפן וועגעלע האָט מען די גליִענדיקע קאָרפּוסן צוגעפירט צום וויבראַטאָר און אַרײַנגעשטעלט אין אַ דרוק־ווערקשטעל. דאָס מע־טאַלענע העמערל פונעם וויבראַטאָר האָט דריבנע געקלאַפּט איבערן קאָר־פּוס, ביז ס׳האָט זיך פון אים ניט אַרויסגעשיט די ערד־מאַסע, וואָס האָט שוין אָפּגעשפּילט איר ראָל. דער מינע־קאָרפּוס, ליידיק פון אינעווייניק, איז שוין געווען אין גראָבע שטריכן פאַרטיק.

זיי האָבן זיך דערנענטערט צום טאָוול פון דער פאַרוואַלטונג, ווו טערעכאָוו איז געשטאַנען.

— וואָרענען אַלע אַרבעטער, — האָט ער אָפּגעגעבן אַ פאַראָרדענונג דעם נאַטשאַלניק פון צעך. — איך פאַרשנעלער דעם גאַנג פונעם קאָנ־ווייער. — ער האָט באַמערקט זאַלקינדן און אים צוגערופן מיט אַ קאָפּ־שאָקל. — איך דערווײַז, אַז מע דאַרף לאָזן דעם קאָנווייער שנעלער. מע דערווידערט מיך, אַז ס׳וועט זײַן בראַק צוליב דעם, וואָס די מענטשן וועלן ניט באַוווײַזן. אָבער אויך ערשט איז פאַראַן אַ סאַך בראַק — צוליב דעם, וואָס די וואַגראַנקעס גיסן זיך אַריבער. איז דאָך שוין גלײַכער טייקעף צוצואייגענען אַזאַ באַוועגונג פונעם קאָנווייער, וואָס באַ איר וועלן די וואַגראַנקעס ניט איבערריאַגן. און די מענטשן וועלן זיך גלײַך צוגעוווינען צו אַ שנעלערן טעמפּ, און מע וועט ניט דאַרפן שפּעטער זיי אָפּסנײַ־לערנען.

זאַלקינד האָט אַ טאַרקע געטאָן אַלעקסייען, וועגנדיק זײַן אויפ־מערקזאַמקייט אַף טערעכאָוון. דער גלאַנץ פון דעם בלאַנקענדיקן מעטאַל, איז געפאַלן אַפן פּאַנעם פונעם יונגן דירעקטאָר, ס׳איז שיין געווען צו־ליבן אויסדרוק פון ענערגיע און אַנטשלאָסנקייט. פאַרשנעלערנדיק דעם

גאַנג פונעם קאָנווייער, איז ער שנעל אָקעגנגעגאַנגען דער באַוועגונג, זיך צוגעקוקט צו דער אַרבעט באַ פאַרשיידענע אָפּעראַציעס און זיך געטוישט מיט קורצע באַמערקונגען מיט די אַרבעטער.

באַם אַרויסגיין פון גוס־צעך האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן. באַטורין האָט זיך געזעגנט מיט די געסט, ער האָט זיך געמוזט אומקערן צו די וואַגראַנ־קעס. פאַרהאַלטנדיק זײַן האַנט, האָט זאַלקינד געזאָגט:

— אַז איר וועט שרײַבן צו אײַערע זין — גיט איבער אַ גרוס פון מיר. איך האָב זיי אין דער פאַרטיי אַרײַנגענומען. און אײַער געזונט, איוואַן איוואַנאָוויטש, היטסט אָפּ. דער דירעקטאָר איז גערעכט: מיר דאַרפן האָבן אַ סאַך געזונט, ס'וועט אויסקומען לאַנג צו פירן מילכאָמע.

באַם טיש פונעם עלטערן בראַקער האָט טערעכאָוו אָפּגעשטעלט די געסט. אַ דאַרינקע, שטומפּנאָזיקע פרוי, וועלכע האָט מיט מאַטערניש גע־האַלטן אַ שווערן מינע־קאָרפּוס אין די הענט, האָט זיך געקריגט מיט אַ היפּשן יונג אין אַ רויטאַרמייִשן מונדיר:

— מיט דײַן טשעפּען זיך צו קלייניקייטן ברענגסטו שאָדן און מע פאַרקלענערט אונדז די נאָרמע. ווו האָסטו דאָ אויסגעזוכט אַ ראַץ? איך קען דיך, דו ווילסט פּאָשעט, אַז מיר זאָלן ניט אויספּילן דעם פּלאַן צום זיבעטן נאָוועמבער!

זי האָט מיט אָנשטרענגונג אויפגעהויבן דעם מעטאַלענעם קאָרפּוס צום פּאָנעם פונעם עלטערן בראַקער. יענער האָט אים רויִק אָפּגעווענדט אין אַ זײַט און אײַנגעטײַנעט:

— איך וויל ניט וויניקער פון דיר, אַז דער זאַוואָד זאָל אַריבער־שטײַגן דעם פּלאַן. איך בין קעגן בראַק. קוק זיך צו בעסער, וועסטו אַליין דערזען דעם ראַץ. פאַרשטיי — מיט די מינעס וועט אויסקומען צו שיסן, ניט טשוועקעס אַרײַנצושלאָגן!

— מאַן און ווײַב. זי איז אַ קאָנטראָליאָר, ער — אַ בראַקער פון דער מיליטערישער קאָמיסיע. אויסגעצייכנט צונויפגעפּאַרט! — האָט טערעכאָוו אונטערגעשמייכלט. — זיי קריגן זיך יעדע ווײַלע און בעטן אַלץ מע זאָל זיי פונאַנדערשיידן אין דער אַרבעט.

די קאָנטראָליאָרשע האָט באַמערקט דעם דירעקטאָר און אַראָפּגע־וואָרפן אַף דער ערד דעם שווערן קאָרפּוס, צו אים צוגעלאָפן.

— כאַווער דירעקטאָר! איוואַן קאַרנילאָוויטש! ווען־זשע וועט צו דעם אַ סאָף נעמען? ער האָט מיר שוין אַלע נערוון אויסגעטרייבערט. פירט מיך אַריבער פון דאַנען, כ'קען מער ניט קוקן אַף אים!

— איך בין ניט מאַסקים, ס'איז מיר ניט באַקוועם דיך אַריבער־צופירן. בעסער געט זיך מיט אים, זוך זיך אויס אַ צווייטן מאַן, — האָט איר טערעכאָוו שפּאַסיק געאייצעט.

צולעצט האָבן זיך די געסט געפונען אין מאָנטאַזש־צעך. דאָ האָבן די מינעס באַקומען זייער ענדגילטיק געשטאַלט און פּאַרפּאַקט געוואָרן

אין קאַסטנס — צו צוויי אין יעדן. אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען האָט אַף די דעקלעך פון די קאַסטנס פּלײַסיק געמאָלן דעם אויפשריפט: „אַ מאַפּאָלע אַף היטלערן!"

די געסט זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון מאָנטאַזש־צעך, ווען די מוזיק פון ראַדיאָ, קוים צו הערן אין גערויש פון דער אַרבעט, האָט זיך ראַפּטעם איבערגעריסן, און דער ספּיקער האָט מיט אַ שטאַרקער שטים פּײַערלעך געמאָלדן, אַז ער שליסט אײַן דעם „רויטן פּלאַץ". טערעכאָוו האָט פאַראָרדנט אָפּצושטעלן די אַרבעט, דאָרט וווּ ס'איז מעגלעך געווען. אין דער שטילקייט, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט, האָט זיך דערהערט דער געמאָסטענער טראָט פון קאָלאָנעס איבערן ברוק, דאָס קראַכעניש און גרילצעניש פון טאַנקען, דער דונער פון ווײַטע אויסרופן.

קאָוושאָוו האָט אַ קוק געטאָן אַפן זייגער: פינף אָוונט. הייסט עס, אין מאָסקווע — צען אינדערפרי. פּינקטלעך צען — ווי טאָמיד! און די דאָזיקע ווערטער, וואָס ער האָט אומדערוואַרט אַרויסגעזאָגט פאַר זיך אַליין „ווי טאָמיד", האָבן אים דערשיטערט. וואָלאָקאָלאַמסק, מאָזשאַיסק, נאַראָ־פאָמינסק — די טרויעריקע קאָמוניקאַטן פון די לעצטע טעג — און פּלוצים, ווי טאָמיד צען אַזייגער, קומט פאַר אַפן „רויטן פּלאַץ" אַ פּאַראַד. און סטאַלין רעדט פון דער מאַווזאָליי־טריבונע מיטן פאָלק.

„צי קען מען צווייפלען דערין, אַז מיר קענען און מוזן באַזיגן די דײַטשישע פאַרכאַפּערס?"...

איבער אַלעקסייס באַקן האָבן זיך ניט צום פאַרהאַלטן אַראָפּגעקײַקלט הייסע טרערן פון פרייד.

...אַף די קאָרפּוסן פונעם זאַוואָדישן ראַיאָן האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט. דער אויטאָ מיט זאַלקינדן און קאָוושאָוון איז, אָנטאַפּנדיק מיט די העלע שטראַלן פון די רעפלעקטאָרן דעם וועג פאָרויס, געלאָפן אין דער פינצטער. זאַלקינד האָט אָן אויפגערודערטער גערעדט:

— ווי אינטערעסאַנט ס'איז צו לעבן, אַליאָשע, — ס'פאַרכאַפּט דעם אָטעם! אונדזערע קינדער און אייניקלעך וועלן אונדז מעקאַנע זײַן. פרעכטיק האָט עס געזאָגט גאָרקי, אַז בעסער קען מען שוין ניט זאָגן: „דאָס איז אַ דערהויבענע אויפגאַבע — זײַן אַ מענטש אַף דער ערד!"

אין שטאָט האָט זאַלקינד אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ לעבן אַ הײַזל מיט אַ גלײַכן שטאַכעטן־צוים. הויכע שניי־בערגלעך האָבן דערגרייכט ביז די פענצטער.

— קום אַרויס, אַליאָשע, מע דאַרף עסן מיטיק, — האָט זאַלקינד פאָרגעלייגט.

דער אינזשעניער האָט זיך געקווענקלט: ס'האָט אים שוין לאַנג געמאַטערט דער הונגער, נאָר גלײַכצײַטיק האָט אים באַאומרויִקט די איבערגעלאָזענע אַרבעט. זאַלקינד האָט אים גענומען פאַר דער האַנט און אַרויסגעשלעפּט פון אויטאָ.

— פאָלג עלטערע כאַווײרים, וויפל מאָל דאַרף מען דיר איבערכאַ־ וערן דעם דאָזיקן הײליקן געבאָט!

אַף מיכאַ:ל באָריסאָוויטשן האָבן אין דער היים געוואַרט דאָס ווײַב, אַ קלײנע פרוי מיט שוואַרצע לעבעדיקע אויגן, און אַ טעכטערל, אַ פינפ־ יעריק מײדעלע מיט געקרײַזלטע טונקעלע האָר און אַ קײַלעכיק פּענעמל.

— טוט זיך אויס, פּעטער, טוט זיך אויס, — האָט אים דאָס מיי־ דעלע פאַרבעטן, נאָכטועענדיק דער מאַמען.

— מיר אײַלן זיך, פּאָלינאַ יאַקאָוולעווגאַ, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט, און זי האָט גענומען אַרומשמײַען.

אַלעקסיי האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן און אַף אַ קאָל זיך געפרייט מיט דער וואַרעמקייט, באַקוועמלעכקייט און זויבערקייט אין דעם פאַמי־ ליע־הויז, אין וועלכן ער, אַן אײַנזאַמער, אַ היימלאָזער קימאַט, האָט גע־ פונען אַן אָפּרו־אָרט כאָטש אַף אַ שאָ. גייענדיק שטיל אין די פוכיקע פוטערנע שטיוול, וואָס ער האָט אָנגעטאָן אַנשטאָט די וווּליקעס, האָט זאַלקינד געהאָלפן דער פרוי דעקן דעם טיש. מירע — אַזוי האָט געהייסן דאָס מײדעלע — האָט באַקענט אַלעקסייען מיט איר ווירטשאַפט — די ליאַלקעס. מיכאַל באָריסאָוויטש האָט באַמערקט, ווי דעם אינזשעניערס פּאָנעם איז פריילעכער געוואָרן, ווי עס וואָלט זיך דערוואַרעמט.

אין צוויי צימערן זײַנען לענגאויס די ווענט, פון דער פּאָדלאָגע ביזן סופיט, געשטאַנען ביכער אַף פּאָליצעס. ס'האָט אַלעקסייען אַ צי געטאָן צו זיי. ער האָט מיט אומעט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער האָט שוין לאַנג ניט גענישטערט אין קיין ביכער, ער לייענט ווייניק.

— כ'האָב לאַנג געזאַמלט, אַ ביכל צו אַ ביכל. גוט, וואָס די לעצטע יאָרן ווין איך אַף איין אָרט, — האָט זאַלקינד געזאָגט.

מער פון אַלץ איז דאָ געווען ליטעראַטור וועגן דעם ווײַטן מיזרעך — אָנהייבנדיק פון איבערגעזעצטע ביכער פון פאַררעוואָלוציאָנערע יאַפּאַנישע גענע־ ראַלן וועגן דער עקספּאַנסיע אַפן אוראַל ביז נײַע ביכער וועגן דער לאַנד־ ווירטשאַפט אַף די געביטן פון אייביקן פאַרפרירעכץ. אַלעקסיי האָט אי־ בערגעבלעטערט איין בוך נאָכן צווייטן. אַ סאַך פון זיי האָט ער געזען צום ערשטן מאָל. ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט איבערצולייענען זאַל־ קינדס גאַנצע ביבליאָטעק, און פאַר אַן אָנהייב אָפּגעקליבן די ביכער פון אַרסעניעוון.

אַף אַ באַזונדערער פּאָליצע, אין דער זײַט פון שרײַבטיש, איז גע־ לעגן ניט קיין גרויסער שטויס באַשיידן אַרויסגעגעבענע ביכער פון ווײַט־ מיזרעכדיקע שרײַבער און אַ קאָמפּלעט פון אַן אָרטיקן זשורנאַל. די דעדי־ קאַציעס אַף די טיטל־בלעטער האָבן אײדעס געזאָגט וועגן דער פרײַנט־ שאַפט פונעם באַלעבאָס מיט די אויטאָרן.

— זיי קומען אַרײַן צו מיר, און איך רייץ זיי דערמיט, וואָס איך האַלט אַלע זייערע ביכעלעך אין איין האַנט, — האָט דער באַלעבאָס

דערציילט. — ס׳האָט זיך באַ מיר ארויסגעוויזן עפּעס אַזאַ מין אייפער־זוכט: איך דענערוויר זיך, ווען איך זע אַ גוט בוך, אָנגעשריבן פון אַ שרײַבער ניט קיין ווײַטמיזרעכדיקן. די סאַמע בעסטע און עמעסדיקע ביכער וועגן אונדזער קאַנט דאַרפן געשאַפן ווערן באַ אונדז. ווער־זשע, אויב ניט מיר דאַרפן זאָגן דאָס סאַמע אויטאָריטעטע וואָרט וועגן דעם ווײַטן מיזרעך? נעם, בלעטער איבער די דאָזיקע ביכלעך אין אַ פרײַער צײַט.

מיט אַ געוויסער באַדויערונג האָט דער פּאַרטאָרג גערעדט:

— די ליטעראַטן — די, וואָס זײַנען ניט אַוועק אַפן פראָנט, — פאַרנעמען זיך מיט באַשרײַבן קריגס־עפּיזאָדן, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען. אונדזער קאַנט איז הײַנט טיף הינטערלאַנד, און זיי האָבן וועגן אים פאַרגעסן. טאַקע וועגן הינטערלאַנד דאַרפן זיי שרײַבן, וועגן דעם, ווי דער ווײַטער מיזרעך באַטייליקט זיך אין דער מילכאָמע.

— דער ווײַטער מיזרעך באַטייליקט זיך אין דער מילכאָמע? — האָט אַלעקסיי געררייצט דעם באַלעבאָס. ווי אַן ענטפער האָט אים זאַלקינד געדראָט מיט אַ פינגער.

בעייסן מיטיק האָט אַלעקסיי אויסגעלויבט אַלץ, מיט וואָס מ׳האָט אים מעכאַבעד געווען.

— פאַרוואָס עסטו אַזוי ווייניק? — האָט זאַלקינד געפרעגט אַף אַ קאָל דאָס טעכטערל. — די פיש געפעלן דיר ניט? אָט הערסטו, ווי דער פעטער אַלעקסיי לויבט זיי. און ער, מעגסט שוין זײַן רויִק, איז אַ מייווין אַף מײַכאָלים — אַ מאָסקווער!

— זי האָט געוויינט, ווײַזט זיך אַרויס, דעם גאַנצן פרימאָרגן. זי איז געגאַנגען שפּאַצירן און האָט זיך שיר ניט אָפּגעפרוירן די פיסלעך, — האָט פּאָלינאַ יאַקאָוולעוונאַ געזאָגט. — איך מוז זי לאָזן אַליין, — כ׳בין אַ לערערן, איך לערן רוסיש און רוסישע ליטעראַטור אין דער שול. עס זײַנען אויך פאַראַן אַ סאַך אַנדערע קלאָפּאָטן.

— זי האָט געוויינט? — האָט זאַלקינד איבערגעפרעגט מיט שפּאַ־סיקן קאַס. — אַ שאָד, וואָס איך בין ניט געווען, איך וואָלט פאַרוועהרט. וואָס איז עס עפּעס פאַר אַ מאָדע — וויינען? לענקע — ער האָט קיינמאָל ניט געוויינט.

— ס׳האָט אַזוי וויי געטאָן! — האָט זיך דאָס מיידעלע געקלאָגט.

— ווען ס׳וואָלט ניט געווען אַזוי וויי געטאָן, וואָלט איך ניט געוויינט.

— מאַלע וואָס סע טוט וויי. אַף צולעהאַכיס האַלט זיך אײַן, שמייכל. זאַלקינד האָט פרעגנדיק אַ קוק געטאָן אַפן ווײַב, זי האָט אים פאַרשטאַנען:

— ניין, ניט קיין בריוו, ניט קיין טעלעגראַמעס...

— אויך אין שטאָטקאָם איז גאָרניט אָנגעקומען...

— פון וועמען דערוואַרט איר? — האָט אַלעקסיי געפרעגט.

— פון מײַנע ברידער. זיי זײַנען באַ מיר דרײַ, און אַלע אַפן פראָנט,

שרײַבן שוין ניט פון לאַנג. פון אירע עלטערן און שוועסטער. זיי האָבן געוווינט אין מאַריופּאָל, פון די ערשטע מילכאָמע־טעג קיינע ידיעס. פונעם זון, פון לענקען — אין האַרבסט האָט ער פאַרענדיקט די יאָם־שול אין וולאַדיוואָסטאָק און איז גלײַך אַפּגעשווומען, קיין אַמעריקע, — האָט זאַלקינד אויסגערעכנט. — איך האָב אויך אַ צווייטע טאָכטער, פּעטער אַליאָשע, — האָט ער געשמייכלט. — זי שרײַבט אויך ניט, דערפאַר אָבער קלינגט זי יעדן טאָג. זי איז אין רובעזשאַנסק, שטודירט אין מעדיצינישן אינסטיטוט.

— אין שטאָט רעדט מען, אַז די יאַפּאַנער האָבן דערטרונקען אונדוערן אַ דאַמפער לעבן קוריל. איז דאָס עמעס ? — האָט פּאָלינאַ יאַקאָווליעוונאַ געפרעגט. אַ שאָטן פון אומרו איז אַריבער איר פּאָנעם.

— יאָ, ס'איז עמעס, — האָט מיכאַיל באָריסאָוויטש געזאָגט און אַרײַנגעקוקט דעם ווײַב אין די אויגן.

— כ'וועל באַלד צוגרייטן קאַווע, — האָט זי זיך אויפגעהויבן.

— זיץ, איך וועל אַליין.

ער האָט גענומען קאָכן קאַווע אַף אַן עלעקטרישער פּליטקע. אַ געשמאַקער אַראָמאַט האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן הויז.

— אַך, וואָס פאַר אַ פּוראַניעס דאָס זײַנען — די יאַפּאַנער ! — האָט זאַלקינד געזאָגט. — אַ פּוראַניעס, וואָס גיט אונדז ניט קיין רו שוין אַזויפיל יאָר. — ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אַלעקסייען. — איך האָב מיט זיי מײַנע כעשבוינעס. מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען זײַן אַ קאָמיסאַר אין אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. לויט זייער אַכזאָריעס און בעסטיאַלישקייט בלײַבן די יאַפּאַניער ניט הינטערשטעליק די היטלעריסטן. אויב זיי וועלן אַף אונדז אָנפאַלן, וועט מען מוזן די פּרויען מיט די קינדער אַרויספירן אין דער טײַגע. אָבער זיי וועלן ניט אָנפאַלן. דער אַלטער באַטורין האָט ריכטיק געזאָגט : זיי וואַרטן אַפן פאַלן פון מאָסקווע. און זיי וועלן זיך ניט דערוואַרטן...

— אין איינאונצוואַנציקסטן יאָר האָבן די יאַפּאַנער צעריסן פאַר מיכאַיל באָריסאָוויטשן אין די אויגן אַ נאָענטן כאַווער, — האָט פּאָלינאַ יאַקאָווליעוונאַ געזאָגט שטילערהייט. — לענקע — דאָס איז יענעם כאַווערס זון. מיר האָבן אים אַדאָפּטירט, ווען ער איז נאָך קיין דרײַ יאָר ניט אַלט געווען.

אומגעקערט זיך אין דער פאַרוואַלטונג, האָט זיך אַלעקסיי אומגעדולדיק גענומען פאַר דער אַרבעט. טאַפּאַליעוו איז שוין געווען אוועקגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק אַף קאַווּשאָווס טיש די אויספירן, אָנגעשריבן מיט אַ קײַלעכיקער דײַטלעכער שריפט, וועגן דעם קאָסט־כעשבן און די ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאַרשלאָגן. אינעם קאָסט־כעשבן האָט דער אַלטער געהאַלטן פאַר נייטיק אַרײַנצופירן ענדערונגען, וואָס פאַרביליקערן די

קאָסטן פון די הילצערנע געבײַען. פון די פאַרשלאָגן פון דער טראַסע האָט טאָפּאָליעוו אונטערגעשטיצט צוויי: דעם אויפן פון אַ פּאָשעטן און שנעלן צוגרייטן שינדלען אַף צו דעקן די דעכער און אַ מעכאַניזם אַף אויפצולאָדעווען די רערן אַף די אויטאָ־מאַשינען. אַלעקסיי האָט אַרויסגערופן אַן אינזשעניער און פאַראָרדנט, ער זאָל דעראַרבעטן די טעכנישע פאַרפולקאָמונגען, וואָס טאָפּאָליעוו האָט באַגיטיקט און צעשיקן איבער די באַצירקן.

אין קאַבינעט האָט אומאַנטשלאָסן אַרײַנגעקוקט פּעטיע גודקין. ער האָט שוין לאַנג מיט אומגעדולד דערוואַרט דעם נאַטשאַלניק פון אָפּטייל. אַלעקסיי האָט קאָנטראָלירט דעם רעכענונג און די צייכענונג, און פּעטקע האָט מיט אומרו געקוקט אַף אים. צום טעכניקערס פאַרוווּנדערונג האָט קאָוושאָוו קיין באַמערקונגען ניט געמאַכט און אַפילע געלויבט די אויסגעבעסערטע אַרבעט. וועגן אינדערפרײַענדיקן אינצידענט האָט ער אַפילע ניט דערמאָנט. אַלעקסיי, וועלכער איז אַליין אַזוי וואַרעם צוגעטוליעט געוואָרן בײַ זאַלקינדן אין הויז, האָט צוגעצויגן צו זיך דעם יונגן טעכניקער:

— ביסט אַ כוואַט, זון. ערשט גיי זיך פאַרווײַלן, אין קלוב איז הײַנט אַ ספּעקטאַקל און טענץ.

פּעטקע, וועלכער איז מעוווּלוול געוואָרן, האָט ניט געפונען קיין ווערטער צו ענטפערן און זיך אַ ריס געטאָן צו דער טיר, איבערקערנדיק אין וועג אַ שטול.

אַלעקסיי איז געגאַנגען צו די פּראָיעקטירער. זיי האָבן גענומען צוזאַמען באַהאַנדלען די נאָך ניט באַאַרבעטע ערטער אין פּראָיעקט. די גרעסטע זאָרג האָט אַרויסגערופן די ניט געלייזטע אויפגאַבע — ווי צו גראָבן די טראַנשיי אין דעם דורכגוס. די אינזשעניערן האָבן זיך פאַראינטערעסירט, ווען אַלעקסיי האָט זיי איבערגעגעבן, אַז גרובסקי האָט אָפיציעל באַלייגט אַ פּראָטעסט קעגן די גרונט־האַנאָכעס פון דעם נײַעם פּראָיעקט.

— יעדן טאָג קען מען אַרויסרופן קיין רובעזשאַנסק. מע מוז זיך צואײַלן, מע טאָר ניט פאַרצײַען קיין איין מינוט, — האָט אַלעקסיי געזאָגט באַזאָרגט.

אין זײַן בײַזײַן האָבן די אינזשעניערן ניט אַרויסגעזאָגט זייער באַציִונג צו גרובסקיס האַנדלונג, אָבער ווי נאָר אַלעקסיי איז אַוועקגעגאַנגען צו דער פאַרבינדונג־סטאַנציע, קעדיי צו האָבן אַ שמועס מיטן צווייטן באַצירק, האָט זיך אין פּראָיעקטן־צימער צעפלאַקערט אַ מאַכלויקעס. די מערהייט אַרבעטער פון דעם אָפּטייל האָבן געוויסנהאַפט און אַ סאַך געהאָרעוועט איבערן נײַעם פּראָיעקט, אָבער ניט אַלע זײַנען געווען ענדגילטיק איבערצײַגט אין בערידזעס אידעע. אייניקע אינזשעניערן האָט זיך נאָך אַלץ, ווי פריִער, אויסגעדוכט, אַז עס זײַנען צווייפלהאַפט די

פאַרשלאָגן וועגן אַריבערטראָגן די טראַסע אַפן לינקן ברעג פון דעם אַדון און וועגן אויסלייגן די רערן אין דעם דורכגוס אום ווינטער. קאַטעגאָריש פאַראורטיילט דעם פּראָיעקט האָט איין פורסאָוו — אַ גוט געקליידטער מאַן מיט אַ שיין געכאָליעט פּאָנעם און גרויען קאָפּ.

— פּיאָטר יעפימאָוויטש גרובסקי האָט גענומען אַף זיך אַן אײדעלע מיסיע, און איך בין אַנטציקט פון זײַן דרײַסטקייט, — האָט זיך פורסאָוו אַרויסגעזאָגט מיט גאַדלעס. — אַ סאַך פון אונדז זײַנען מאָסקים מיט אים אין האַרצן, נאָר מען אַנטשליסט זיך ניט אים אונטערצושטיצן.

— רעדט ניט אין נאָמען פון אַ סאַך! — האָט קאָבזעוו אים שאַרף דערווידערט, אויפהייבנדיק דעם צעשויבערטן קאָפּ פון דער צייכענונג. — דאָס איז די צאָרע, וואָס גרובסקין איז ניטאָ פאַר וואָס אונטערצושטיצן. צי קען מען ערשט פאַרטיידיקן דעם אַלטן פּראָיעקט, בעיס דאָס לעבן גופע וואַרפט אים אָפּ?

— איר אַליין, אַנאַטאָלי סערגייעוויטש, האָט דאָך אָפּגעפרעגט די אידעען פון דעם דאָזיקן היציקן קאַווקאַזער, — האָט פורסאָוו דערמאָנט.

— איך האָב אָפּגעפרעגט אין די ערשטע צײַטן, ערשט פרעג איך ניט אָפּ. מיר איז טײַער דער גורל פון דער בויונג. זי איז אָפּהענגיק פונעם פּראָיעקט, און איך בין גרייט אַרײַנצולייגן אין אים אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג.

— און איר זײַט אויך פאַרן לינקן ברעג? איר, וואָס אײַך איז גוט באַוווסט, פאַרוואָס גרובסקי האָט זיך בעשאַטוי פון אים אָפּגעזאָגט?

— ס'איז שוין צײַט, אַז מיר, די פּראָיעקטירער, זאָלן אויפהערן צו ריידן וועגן לינקן און רעכטן ברעג, — האָט קאָבזעוו פעסט געזאָגט. — דער באַשלוס איז אין טאָך אָנגענומען, און דעם רעכטן ברעג דאַרף מען פאַרגעסן. דאָס לעבן וועט באַווײַזן, צי בערידזע איז גערעכט. דערקענענדיק דעם דאָזיקן מענטשן נענטער, האָב איך אָנגעהויבן גלייבן אין אים און כ'בין איבערצײַגט: אינגיכן וועט ער אונדז געבן נײַע און ענדגילטיקע באַווײַזן פאַר דער ריכטיקייט פון זײַן באַשלוס.

— געבענטשט זײַנען די, וואָס גלייבן, — האָט פורסאָוו גיפטיק אַ שמייכל געטאָן און פאַרריכט דעם שאַליק אַפן האַלדז. — איך גלייב ניט אין בערידזען.

קאָבזעוו איז אויפגעשפּרונגען, האָט אַ וואָרף געטאָן די ווירע מיטן צירקל — דער שפּיץ פון צירקל האָט זיך פאַרשטאָכן אין דער צייכענונג.

— אין די ערשטע אַרבעטס־טעג מיט בערידזען און קאָווזשאָוון איז נאָך געווען צום מויכל זײַן געוויסע אונדזערע וואַקלענישן. ערשט קען מען זיי ניט מויכל זײַן. — דער געוויינלעך ווייכער קאָבזעוו האָט גערעדט אָנגרײַפעריש און האַרב. — די טעג האָט אין דעם צימער געזאָגט קאָווזשאָוו: „מיר דאָ זײַנען די מיטאויטאָרן פונעם פּראָיעקט. אַ סאַך איז אונדז אין אים נאָך ניט קלאָר, נאָר מיר וועלן אים פונדעסטוועגן דאָך מאַכן".

איך האָב קאָוושאָוון ניט דערווידערט, כ'בין געווען מיט אים מאַסקים. וואָרשײַנלעך, האָבן אויך די איבעריקע ניט דערווידערט דערפאַר, וואָס זיי אַרבעטן איבערן פּראָיעקט פון ריינעם האַרצן, אָן הינטער־קאַוואַנעס. אונדזערע ספּייקעס — דאָס זײַנען ספּייקעס פון מענטשן, וואָס ווייטיקן פאַר דער בויונג. און זאָגט מיר, פּורסאָוו, פּאַרוואָס האָט איר ניט דער־ווידערט קאָוושאָוון? איר האַלט זיך דאָך ניט פאַר אַ מיטאויטאָר פונעם נײַעם פּראָיעקט. איר פילט מיט גרובסקין, דעם אויטאָר פונעם אַלטן פּראָיעקט.

— וואָס האָט איר זיך אויפגעקאָכט, אַנאַטאָלי סערגייעוויטש? — האָט רוידעפּשאָלעמדיק אַ זאָג געטאָן פּורסאָוו — צי קען איך ניט האָבן קיין אייגענע מיינונג, וועלכע מיר איז דערלויבט אַרויסצוזאָגן, ווען מיר גלוסט זיך? קאָכט זיך ניט, איך בעט אײַך זייער, איך וויל זיך לאַכלוטן מיט אײַך ניט קריגן.

— און איך האָב ניט בעדייע מער מיט אײַך שאָלעם צו מאַכן, און כ'וועל בעטן דעם הויפּט־אינזשעניער און דעם נאַטשאַלניק פון אָפּטייל, ער זאָל אונדז באַפרײַען פון אײַער צווייפענעמדיקער באַטייליקונג אין דער אַרבעט איבערן פּראָיעקט!

— ריכטיק! צוואַנציק מאָל אין טאָג לויפט ער צו גרובסקין. זאָל ער אײַנגאַנצן צו אים אַוועקגיין! — האָט זיך פּעטקע געלאָזט הערן. זיצנ־דיק בײַ זײַן טיש, האָט דער טעכניקער מיט אויפגעבראַכטקייט געהערט פּורסאָוון און איז געווען צופרידן דערמיט, וואָס קאָבזעוו האָט אים גע־געבן אַ גאָב.

בעיס זײַנע מיטאַרבעטער האָבן זיך אַרומגעקריגט, האָט אַלעקסיי אין צימער פון דער פאַרבינדונג־סטאַנציע געפירט געשפּרעכן מיט די באַצירקן. ס'האָט אים אַרויסגערופן דער טראַקטאָריסט סילין, — ער האָט זיך בעשאָלעם דערקריגן מיט זײַן „שנעק" צום צווייטן באַצירק און געפרעגט, צי האָט ער רעכט צו פאַרהאַלטן זיך אַף די באַצירקן, אויב מע פאַרלאַנגט פון אים הילף, אָדער ער איז מעכויעוו, ניט לייגנדיק קיין אַכט אַף גאָרניט, פאָרן גלײַך צום דורכגוס. אָפן צווייטן באַצירק האָט מען אים געבעטן העלפן אויסצופּאַרטיקן אָן אײַזאַקער אַף אָפּצורייניקן די וועגן און קאָנטראָלירן צוויי טראַקטאָרן, וועלכע זײַנען אַרויס פון דער ריי.

— איך האָב דאָ אַ פּערזענלעכן אינטערעס, אויב ערלעך גערעדט, — האָט סילין דערקלערט. — דאָ נאָענט געפינט זיך אַ וואַלד־אינדוסטריע־ווירטשאַפט, וווּ איך האָב געאַרבעט ביז דער בויונג... אַנשטאָט מיר איז דאָרט פאַרבליבן פאַר אַ טראַקטאָריסט מײַן ווײַב. איך וואָלט דאַרפן מיט איר אַ וויכטיקן איניען אַרומשמועסן.

— איך האַלט, אַז איר דאַרפט אומבאַדינגט זיך אָפּשטעלן אַף די באַצירקן, ווען אײַער הילף איז נייטיק, האָט אַלעקסיי געענטפערט. — אַף

לאַנג, פאַרשטענדלעך, בלײַבט ניט שטעקן, אַניט װעט איר זיך צום דורכגוס קײנמאָל ניט דערשלאָגן. אין אַנדערע פאַמיליע־איניאַנים מיש איך זיך ניט אַרײַן. אויב איר דאַרפט אַרומרײדן מיטן װײַב אַ װיכטיקן איניען — רעדט אײַך אַרום געזונטערהײט.

אַף דער ליניע האָט זיך עמעצער צעלאַכט. סילין האָט, אַפּאַנעם, אַנגעגומען, אַז דאָס לאַכט פון אים קאָװשאָװ.

— איר זאָלט זיך דאַרטן גאָר ניט טראַכטן עפּעס, — האָט זיך דער־הערט זײַן שטים. — קײן שטיפערײַען קריכן מיר אַפּילע ניט אין קאָפּ אַרײַן. איך װיל זיך מיט איר דעררײדן — דאָס ביסל געלט, װאָס מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט, אָפּצוגעבן אַף אַ טאַנק... ס׳װעט עפּשער קלעקן אַף אַ גאַנצן טאַנק.

עמעץ האָט פאַרװוּנדערט אַ פײַף געטאָן, זיך אײַנהערנדיק אין זײער געשפּרעך.

— פײַן, כאַװער סילין, ניט איך, ניט פילימאָנאָװ צװײפלען ניט אין אײַער ערלעכקײט. האַנדלט לױט אײַער אײגענער איניציאַטיװ, אָפּ־הענגיק פון די אומשטענדן. װאָס שײַך דעם טאַנק — באַגריס איך אײַך דורכויס. איך קען אַפּילע דערלײגן אַ ביסל געלט, אויב ס׳איז נײטיק...

דעם געשפּרעך מיט אַלעקסײען דורכן סעלעקטאָר האָט װײַטער גע־צויגן מעלניקאָװ. ער האָט געפרעגט:

— האָט איר דערהאַלטן מײַן װערק?

— נײן. װאָס פאַר אַ װערק?

— כ׳האָב רעפערירט אַ געװיסן געדאַנק. עפּשער װעט ער אונטער־זאָגן װי צו גראָבן די טראַנשײ אינעם דורכגוס.

— דײַן װערק װעט קריכן אַהער דרײַ יאָר. דו זאָג מיר אין צװײ װערטער, װאָס האָסטו צוגעטראַכט.

— די ערשטע סטאַדיע פון דער אַרבעט — דאָס אַנטבלויזן דעם גרונט פונעם דורכגוס, — האָט מעלניקאָװ איבערגעשריגן אַנדערע שטי־מען, — װעט דערגרײכט װערן דורך בעהאַדראָגעדיקער אויספּרירונג פון דעם װאַסער־אויבערפלאַך. אין גאַנג פון דער אײַנפּרירונג פון דעם װאַסער װערט דאָס אײַז באַזײַטיקט, און עס בילדעט זיך אויס אַ מין קאָרידאָר אין דעם אײַז. װען דער גרונט װערט אַנטבלויזט, קומט די צװײטע סטאַ־דיע פון דער אַרבעט — דאָס גראָבן די טראַנשײ אַף עפּעס אַ מעכאַני־זירטן אויפן.

אַלעקסײ האָט געשװיגן, באַטראַכטנדיק דעם פאָרשלאָג.

— האַלאָ, כאַװער קאָװשאָװ, װוּ האָסטו זיך אַהינגעטאָן? — האָט מעלניקאָװ געשריגן.

— איך ערגעץ ניט! איך טראַכט װעגן דער װערט פון דײַן פאָר־שלאָג. עפּעס געפעלט ער מיר ניט אַזוי שטאַרק!

— פאַרװאָס?

— מיט אויספּרירונג קען מען דורכגיין אַ ניט גרויסן טײַך, אָבער מיר דאַרפֿן גויוער זײַן אַ צוואַנציק־קילאָמעטערדיקן דורכגוס. דײַן פֿאַרשלאָג וועלן מיר, פֿאַרשטענדלעך, באַהאַנדלען, ווען מיר וועלן באַקומען דעם פּאַקעט. איך זאָג דיר אַרויס מײַן ערשטן אײַנדרוק.

...אָן איבעררײַס האָט זיך געצויגן אין אַ ריי איין איניען נאָכן צווייטן. אַלעקסיי האָט זיך גענומען שרײַבן דאָס אַרטיקל פֿאַר דער צײַטונג. עס האָט געשטערט גרעטשקינס אַרײַנקומען.

דער פּלאַנירער האָט ניט געקענט לאַנג טראָגן קיין קאַס און האָט שוין פֿאַרגעסן די אינדערפֿריִענדיקע אומאָנגענעמלעכקייטן אַף די מיליטערישע איבונגען.

— ס׳האָט אונדז ביידן אַרויסגערופֿן באַטמאַנאָוו, געפֿרעגט, ווו עס איז דער ענטפֿער אַף דער טעלעגראַמע פֿון פּאָלקאָם און דער באַפֿעל וועגן דער ווינטערדיקע ראָרגאַניזירונג פֿון דער אַרבעט. דער נאַטשאַלניק האָט זיך געבייזערט, געהייסן קומען צו זיך...

זיי האָבן אינאיינעם צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסע טעלעגראַמע צום פּאָלקאָם. דערנאָך האָבן זיי איבערגעקוקט די רעכענונגען פֿון די רעסורסן, וואָס זײַנען נייטיק פֿאַר די ווינטערדיקע אַרבעטן, אַרומגעשמועסט דעם וועלנטועלן אינהאַלט פֿון באַפֿעל. פֿון זייער באַשעפֿטיקונג האָט זיי אַוועקגעריסן אַ קלונג — ס׳האָט ווידער אַרויסגערופֿן דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג. זיי זײַנען אַוועק צו אים, זיך אָפּריידנדיק ניט צו דערמאָנען וועגן באַפֿעל.

באַ באַטמאַנאָוון איז געזעסן בערידזע און האָט קאָנצענטרירט גערעכנט עפּעס אַף אַ פּאַפּירל, פּיפּקענדיק די ליולקע. וואַסילי מאַקסימאָוויטש איז פֿאַרבײַגעלאָפֿן די טעלעגראַמע מיט די אויגן, האָט זי אונטערגעשריבן און אָפּוואַרטנדיק אַ קוק געטאָן אַפֿן אינזשעניער און פּלאַנירער.

— נו? דאָס איז אַלץ?

— און וואָס נאָך? — האָט גרעטשקין געפֿרעגט טמימעסדיק.

— גיב נאָר אַ קוק, געאָרגי דאַווידאָוויטש, אַף די דאָזיקע מאַלאָכים? זיי ווייסן קלוימערשט ניט, נאָך וואָס כ׳האָב זיי אַרויסגערופֿן. זיי האָבן באַשלאָסן, פֿאַרשטייסט, יויצע צו זײַן מיט דער טעלעגראַמקע. ווו איז דער באַפֿעל, ווו זײַנען די רעכענונגען? זיי דאַרפֿן זײַן באַ מיר אַפֿן טיש. פֿאַרשטייט איר, אַז דאָס איז אַ וויכטיקער דאָקומענט, דער דירעקטיוו וועגן צוגרייטן דעם אָנגריף? איר פֿאַרשטייט, צי ניט, פֿרעג איך?

— מיר פֿאַרשטייען, — האָט גרעטשקין געזאָגט.

— פֿאַרוואָס־זשע שלעפּט איר אָפּ? גיט אים אַהער.

— דער באַפֿעל איז ניט פֿאַרטיק.

— איר קלערט אים צו דערלאַנגען אין פֿרילינג?

גרעטשקין האָט זיך פֿאַרענטפֿערט מיט מאַנגל אין צײַט:

— מע ווייס ניט, צו וואָס פֿריִער זיך צו כאַפּן. אַלץ איז דרינגענ־

דיק, איבערדרינגענדיק... די מאַשין האָט זיך אַ דריי געטאָן מיטן פולן גאַנג, מע קען ניט אָניאָגן...

— רעדט ניט אַזוי נעבעכדיק, איך וועל אײַך סײַווי פון אַ מעסלעס קיין אַכט און פערציק שאָ ניט מאַכן. זאָגט בעסער אָפן: ווען וועט איר דערלאַנגען דעם באַפעל? אײַך פעלט אויך אויס צײַט, איר ווייסט אויך ניט, צו וועלכן זיך פריִער כאַפּן? — האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט קאָוו־שאָוון.

— צײַט איז, פאַרשטייט זיך, פאַראַן ווייניקלעך. נאָר אויך איר וועט זי דאָך ניט דערלייגן. און איך פון מײַן זײַט וויל פרעגן אײַך: צי האָט איר איבערגעטראָגן דעם טערמין? מיר דאַרפן אײַך בײַלייגן דעם באַפעל מאָרגן, און איר בייזערט זיך שוין הײַנט?

— כ׳האָב ניט איבערגעטראָגן, אָבער ס׳וועט, וואָרשײַנלעך, אויס־קומען. ווייניקער ווי אין אַ וואָך וועט מען מיט אײַך צו קיין טאָלק ניט דערגיין, און אַפלייגן קען מען ניט.

— דעם באַפעל וועלן מיר אײַך בײַלייגן מאָרגן, — האָט קאָווּשאָוו צוגעזאָגט.

אין וואָרט־צימער האָט זיך גרעטשקין אַרויפגעוואָרפן אָף קאָווּשאָוון:

— וואָס־זשע האָסטו זיך אַזוי געיאָגט? ער האָט אַליין ניט אויס־גערעכנט צו באַקומען דעם באַפעל מאָרגן. צוליב דיר וועט אויסקומען צו שטעקן דאָ ביז אינדערפרי. איך האָב אַ פאַמיליע, ס׳גלוסט זיך פריִער אַהיימקומען, ס׳איז דאָך יאָנטעוו.

בעיס זיי האָבן זיך אַרויפגעהויבן מיט די שטיגן, האָט דער פריד־לעכער פלאַנירער זיך באַרויקט און גאַסטפרײַנטלעך פאַרגעלייגט:

— מיר וועלן אַרבעטן בײַ מיר, אין מײַן קאַבינעט איז אַ היץ.

בײַ גרעטשקינען האָט מען זיך בעעמעס געקענט אַפילו אויסטאָן: אין אַ ווינקל פון קאַבינעט איז דורכגעגאַנגען אַ רער פון דער דאַמף־באַהייצונג. דער פלאַנירער האָט זיך געזעצט הינטערן שרײַבטיש און גלײַך באַקומען אַ וויכטיקע און סאָלידע מינע. עס זײַנען אַרײַנגעקומען דרײַ מיטאַרבעטער — זיי האָבן זיך געקליבן אַהיימצוגיין און אים מיטגערופן.

— גייט צום טײַוול! — האָט זיי גרעטשקין געזאָגט אָן בייזקייט.

— איך כאַזער איבער: גייט צום טײַוול און פאַרמאַכט די טיר פון יענער זײַט— ער האָט פונאַנדערגעלייגט די פאַפּירן, אַרויסגעזעצט די קײַלעכיקע אויגן און זיך געקלאָגט: — דער סאַמע אומגליקלעכסטער גוירל איז צו זײַן אַ נאַטשאַלניק פון אַ פלאַניר־אָפּטייל. מע יאָגט דיך אָן אויפהער, מע זידלט דיך אָן אויפהער, עס זאָל דאָס כאָטש עמעצער זאָגן אַ גוט וואָרט!... מענטשן זײַנען געפאָרן אין אורלויב — איך בין זײַט איך לעב קיינמאָל ניט געפאָרן. איך בין באַלוינט געוואָרן מיט צוויי אָרדענס — און כ׳קען זיי ניט באַקומען. אַפילו אָט דעם אָנוווקס קען איך ניט אָפּערירן — ער וואַקסט און וואַקסט! — ער האָט אַ קנייטש געטאָן דעם

אָנוווקס אַפֿן האַלדז, באַ דער גאָמבע. — אײנמאָל האָבן זײ שױן באַוויליקט, ענלעך, צו געבן מיר אורלויב. ווי נאָר איך האָב זיך אויסגעקליבן, אײַנגעפּאַקט דעם טשעמאָדאַן — האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, און מײַנע פּלענער זײַנען זיך צעפֿלויגן.

זײ האָבן זיך פֿאַרשלאָסן פֿון אינעווייניק און אָפּגעשמועסט זיך ניט אָפּצורופֿן ניט אױף קײן קלאַפּן אין טיר, ניט אױפֿן קלינגען פֿונעם טעלעפֿאָן. קאָװשאָוו האָט געצייכנט די גראַפֿיק, גרעטשקין האָט אָנגעוואָרפֿן דעם אַרײַנפֿיר־טייל פֿון באַפֿעל. זײ האָבן מיט כײשעק אָפּגעאַרבעט אַ דרײַ שאָ דורכאַנאַנד, ביז ליזעטשקע, וואָס האָט זיך שױן מעיאַעש געווען צו דערקלינגען זיך דורכן טעלעפֿאָן, איז אַליין ניט געקומען נאָך גרעטשקינען. ווי נאָר איר שטים האָט זיך דערהערט הינטער דער טיר, האָט זיך גרעטשקין דערשראָקן, אַראָפּגעשאַרט די פּאַפּירן פֿון טיש און זיך געאײַלט אַהײם.

קאַפּיטל פופצן

נאָך האַלבער נאַכט

דער דזשורנע פון אָפּטייל האָט זיך פאַרוווּנדערט, דערזעענדיק אַלעקסייען: ס׳איז לאַנג אַריבער האַלב־נאַכט, און אין דער פאַרוואַלטונג איז שוין קיינער ניט געווען. אַלע מיטאַרבעטער האָט זיך געגלוסט, אַזוי ווי גרעטשקינען, פאַרענדיקן דעם דאָזיקן אומגעווייינלעכן אַרבעטס־טאָג אין אַן אייגענעם קרײַז, אַף אַ יאָנטעוודיקן שטייגער.

— בלויז דער נאַטשאַלניק פון דער בוויונג און דער פּאַרטאָרג זײַנען נאָך דאָ, — האָט דער דזשורנע איבערגעגעבן. — כאָווער בערידזע איז אַרײַנגעקומען, האָט איבערגעלאָזט אַ צעטעלע, — ס׳ליגט אַף אײַער טיש.

„ווּהין ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן ? — האָט געאָרגי דאַווידאָוויטש געפרעגט. — כ׳האָב דיך געזוכט אומעטום. דו האָסט מיך אינגאַנצן פאַרגעסן. מע דאַרף דאָך ווי עס איז אָפּמערקן די הײַנטיקע געשעענישן. איך וויל דיך זייער זען און וועל וואַרטן באַ פעדאָסאָוון. ער זאָגט, אַז דו האָסט אים צוגעזאָגט צו קומען...״

דאָס צעטעלע איז אָנגעקומען מיט אַ בעפיירעשער פאַרשפּעטיקונג — אין אַזאַ שאָ גייט מען ניט צו געסט. דערצו נאָך האָט אַלעקסיי ניט געוווּסט, ווו פעדאָסאָוו וווינט. אַהיים — אין קאַלטן אומהיימלעכן צימער — האָט ניט געצויגן, אַלעקסיי איז געבליבן זיצן איינזאַם אין קאַבינעט. ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן דאָס אַרטיקל, וואָס זאַלקינד האָט באַשטעלט, אָבער די אײַנדרוקן פון טאָג זײַנען געווען צו פריש און האָבן געשטערט זיך צו קאָנצענטרירן.

אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט טריט. ס׳האָט זיך געעפנט די טיר, און ס׳איז אַרײַנגעקומען פעדאָסאָוו. אַ פרייילעכער און קימאַט שי־קער, מיט אַ רויט פּאַנעם און בלישטשענדיקע אויגן, האָט ער דער־

ציילט, אַז ס׳האָט אים אַרויסגערופן פון שטוב באַטמאַנאָוו און זיך ניט געשטערט אָפּצוצוואָגן אים שוין צום דריטן מאָל היינטיקן מעסלעס.

— גוט נאָך, וואָס כ׳האָב דיך געטראָפן, דאָס איז אַ באַלוינונג פאַר אַלע מיינע איבערלעבענישן און דער וואַנדערונג אָפן פראָסט, — האָט פעדאָסאָוו געכקירעט, — קום, ס׳האָט זיך באַ מיר פאַרזאַמלט אַ גרויסע גוטע געזעלשאַפט. בלויז דו איינער פעלסט. געאָרגי דאַווידאָוויטש איז אויך דאָרט, ער וואַרט אַף דיר...

צו פעדאָסאָווס ערגערניש האָבן זיי שוין דאָרט ניט געטראָפן קיין גרויסע געזעלשאַפט. בעייסן באַלעבאָס אָפּוועזנהייט זיינען זיך די געסט צעגאַנגען אַהיים. בלויז פיר פאַרברענטע פרעפעראַנס־שפּילער האָבן גע־האַקט מיט די קאָרטן איבערן טיש, וואָס איז געווען צוגערוקט צום אויוון. אויך זשעניע קאַזלאָווא איז דאָ געווען — זי האָט זיך געלאַנגוויילט, אָנגעשפּאַרט אָפן דיוואַן. דאָס מיידל האָט מיט אויפריכטיקער פרייד באַגעגנט אַלעקסייען.

— איך האָב געפילט, אַז איר וועט פאָרט קומען.

— זיי אים מעכאַבעד, באַלעבאָטעווע, — האָט פעדאָסאָוו געזאָגט.

זשעניע האָט אין אָרדענונג געבראַכט אַ ווינקל טיש און דערציילט:

— בערידזע האָט זיך געערגערט, וואָס איר זייט ניט געקומען. ער און טאַניע זיינען נאָרוואָס אַוועקגעפאָרן אָפן „סטאַרט״. — זי מאַרשירט דאָך באַגינען אַרויס מיט דער קאָלאָנע אַף דער טראַסע.

פעדאָסאָוו האָט זיך געווענדעט צו אַלעקסייען:

— דו טרינק אויס אַ ביסל מער, איך מיט זשעניען אַ ביסל ווייני־קער. פאַר פאַרשפּעטיקן קומט לויט דער טראַדיציע אַ שטראָף.

אַלעקסיי האָט געהאַלטן אַ גלאָז מיט בראָנפן און גוטמוטיק געקוקט אַף פעדאָסאָוון און זשעניען. ס׳איז גוט, וואָס זיין איינזאַמקייט איז צעשטערט געוואָרן. ווען אויך געאָרגי דאַווידאָוויטש וואָלט דאָ געווען! אַ שאָד, וואָס זיי האָבן זיך ניט געטראָפן.

— איך ווייס איער טאָסט, איר קענט אים ניט האַלטן, — האָט זשעניע געזאָגט. — פאַר מאָסקווע? — זי האָט דערקלערט פעדאָסאָוון:

— ער טרינקט ניט, און אויב ער טרינקט שוין יאָ, איז בלויז פאַר מאָסק־ווע, ניט אַנדערש.

— די אַלע, וואָס ס׳איז זיי אויסגעקומען אויפצוהייבן אַ באָקאַל ווין היינט, האָבן געטרונקען פאַר מאָסקווע, ניט אַנדערש, — האָט אַלעק־סיי דערוווידערט. — דערפאַר, וואָס סטאַלין איז אין מאָסקווע. פאַרן פאַראַד אָפן „רויטן פלאַץ״.

— ריכטיק, פאַר דעם בין איך גרייט נאָך אויסצוטרינקען, — האָט פעדאָסאָוו אונטערגעהאַלטן.

ער האָט גערעדט ערגסט און מיט געפיל: דער דאָזיקער זיבעטער נאָוועמבער וועט אים בלייבן אין זיקאָרן אָפן גאַנצן לעבן. ער האָט אַזוי־

פיל דורכגעטראַכט און דורכגעפילט אין מעשעך פון איין טאָג. און ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געאַרבעט אַזוי אייפעריק.

אַלעקסיי האָט זיך דערמאָנט זײַן געשפּרעך מיט זאַלקינדן. ניט שויך־זשע איז דאָס געווען הײַנט ? פונעם בראַנפן זײַנען איבער אַלעקסייס קערפּער דורכגעגאַנגען כוואַליעס וואַרעמקייט. זשעניע האָט אים פלײַסיק מעכאַבעד געווען מיט צובײַסעכצן.

מע האָט דעם באַלעבאָס גערופן פון צווייטן צימער — באַ די שפּי־לער האָט אויסגעבראָכן אַ קריגערײַ.

— איך לאָז אײַך דאָ איבער. אין צווייען וועט אײַך עפּשער זײַן אָנגענעמער, — האָט פעדאָסאָוו געזאָגט גאַסטפרײַנטלעך.

— ער איז גערעכט, אין צווייען איז אָנגענעמער, — האָט זשעניע איבערגעכאַזערט, ווען פעדאָסאָוו איז אַרויסגעגאַנגען. — האַגאַם ס׳קען זײַן, ס׳איז בעסער בלויז פאַר מיר. — אַלעקסיי האָט זיך ניט אָפּגערופן אַף אירע ווערטער, און זשעניע האָט געפרעגט : — צי ווייסט איר, וואָס איך פאַרלאַנג פון אײַך ? איר שטויסט זיך ניט אָן ? זיצט, טוט אַ טראַכט — איך קום באַלד.

זי האָט זיך אומגעקערט מיט אַ טעלער געפּרוּירענע ברוסניצעס.

— איר האָט זיך זיכער ניט אָנגעשטויסן. — זי האָט אים דער־לאַנגט אַ בעכערל מיט אַ בלוילעכער מאַשקע, דאָס צווייטע האָט זי אַליין גענומען. — הײַנט איז מײַן געבוירנטאָג, איר האָט פאַרגעסן ? ספּעציעל לעקאָוועד דעם וויל איך מיט אײַך אויסטרינקען. פּרוּווט אָקערשט זיך אָפּזאָגן !

— פאַרוואָס דאַרף איך זיך אָפּזאָגן ? — האָט אַלעקסיי געפרעגט און אויסגעטרונקען מיט איין שלוק. — איצט איז אײַער ריי. איך גראַ־טוליר אײַך, זשעניע. וואָס זאָל איך אײַך ווינטשן ? זאָל צו אײַער קומענ־דיקן געבוירנטאָג זיך שוין ענדיקן די מילכאָמע.

— איר האָט זיך צוגעאײַלט, איך האָב דאָך געוואָלט אויסטרינקען אַף ברודערשאַפט, — האָט זשעניע געזאָגט. — נו, גוט, זאָל זײַן אַזוי. זײַט זיך מעכאַבעד מיט ברוסניצעס. איר האָט געזאָגט — מע האָט אײַך אין כאָלעם מעכאַבעד געווען מיט טרוסקאַווקעס, דאָס האָב איך ניט, אָבער ברוסניצעס זײַנען אויך ניט קיין שלעכטע יאַגעדעס.

אַלעקסייען האָט געוויילט זשעניעס אומגעצווונגענע האַלטונג, איר זאָרגלאָזע פרייד, די פײַנפיליקע גוטסקייט פון דעם מיידל האָט גערירט. זשעניעס פאַראינטערעסירטקייט מיט אים האָט ער אָנגענומען פאַר אַן אויסדרוק פון איר צוגעלאָזנקייט צו מענטשן. זי איז מיט אַלע באַקענט געווען, אַלע האָבן ליב געהאַט מיט איר אַ פּלוידער צו טאָן. אויך אים איז געווען אָנגענעם צו זיצן און פּלוידערן מיט זשעניען. „טאַניע איז אַן אַ שיר שענער, נאָר זשעניע געפעלט די יאָטן, זיכער, ניט ווייניקער, אויב

ניט מער — מיט איר לעבעדיקייט און טײַערן כאַראַקטער" — האָט קאָוושאָוו אַ טראַכט געטאָן.

— אין מײַן געבוירנטאָג דאַרפֿט איר מיר ניט אָפּזאָגן, — האָט זי דערקלערט.

— אַוואַדע.

— לאָמיר אַ טאַנץ טאָן!

— ס'איז דאָך ניטאָ קיין מוזיק.

— זי איז דאָ, אין מיר.

מיט אַ דינינק ריין קעלעכל האָט זי פֿריילעך אויפֿגעזונגען אַ לעבעדיק לידל — מ'האָט אונטער דעם פֿולשטענדיק געקענט טאַנצן.

— הייבט זיך אויף, — האָט זשעניע אונטערגעאײַלט.

אַלעקסיי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— מע דאַרף ניט טאַנצן אויך. לאָמיר זיצן, מיר וועלן בעסער שמועסן...

— איר זײַט אַן אַקשן! איך וואָלט דאַרפֿן אַף אײַך בייז ווערן הײַנט, אין מײַן געבוירנטאָג. נאָר איך קען ניט. כ'וועל טאַנצן אַליין.

אונטערזינגענדיק, האָט זשעניע זיך לײַכט געדרייט לעבן אַלעקסייען און קעסיידער געקוקט אַף אים מיט ליבלעכע אויגן. פּעדאָסאָוו האָט פֿון צווייטן צימער אַנגעהויבן צופּאַטשן מיט די הענט.

זשעניעס בליק און די דאָזיקע איינזאַמע אַפּלאָדיסמענטן זײַנען אַלעקסייען ניט געפֿעלן געוואָרן. ער איז אָפּגעפּרעמדט אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט. זשעניע האָט אים באַאָבאַכטעט, דערנאָך איז עס איר געוואָרן לאַנגווײַליק און זי איז נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צו אים.

— ווי איר האָט זיך אין איין אויגנבליק געענדערט! און גרעטשקין לויבט אײַער טאָמיד אומגעענדערטע שטימונג. ניט שוין־זשע זײַט איר אָף מ י ר ברוגז געוואָרן?

— ניין, פֿאַר וועלכן קען איך אַף אײַך ברוגז ווערן!

— עפּשער קענט איר נ י ט אומעטיק זײַן, זיך נ י ט אָנכמורען, כאָטש צוליב מײַן הײַנטיקן טאָג? פֿריילעכקייט גייט אײַך בעסער צום פּאָנעם.

— צי קען מען דען טאָמיד זײַן פֿריילעך? דאָס איז שרעקלעך: אַ מענטש, וואָס לאַכט טאָמיד.

— כ'האָב זיך אומזיסט געפֿרייט, וואָס פּעדאָסאָוו איז אַרויסגעגאַנגען. מיר זײַנען סײַווי אין דרײַען, — האָט זשעניע אומדערוואַרט אַ זאָג געטאָן. אַף זײַן שטומער פֿראַגע האָט זי געענטפֿערט: — לעבן אײַך — איז זי, ריכטיק?

— יאָ. לעבן מיר — איז זי. ריכטיק.

— כ'האָב קיינמאָל ניט געדענקט, אַז ס'קען אַזוינס זײַן: אַ מענטש איז ניטאָ, און ער איז פאַרט דאָ. פאַרוואָס האָט מיך קיינער אַזוי ניט ליב, ווי איר אײַער זינען!

— מע וועט אײַך נאָך ליב קריגן. איר אַליין וועט ליב באַקומען אַף דער עמעס.

— און עפשער האָב איך שוין ליב באַקומען?

קאָוושאָוו האָט אַף איר אַ קוק געטאָן, ווי ער וואָלט קאָנטראָלירן אירע ווערטער.

— ניין, איר זײַט ניט ענלעך אַף אַ מענטשן, וועלכער טראָגט אין זיך אַ גרויסע ליבע. איר האָט אַ פאַרשטעלונג וועגן ליבע, ווי וועגן אַ פאַרווײַלונג. ליבע — דאָס איז עפּעס אַנדערש. ווען זי וועט קומען צו אײַך, וועט איר זי באַנעמען.

זשעניען האָבן געטראָפן זײַנע ווערטער. נאָר שוין אין אַ מינוט אַרום האָט זי אַ טרייסל געטאָן מיטן גערדיכטהאָריקן קאָפּ.

— און ס'איז גוט אַזוי, וואָס מײַן ליבע איז אַזעלכע! מע דאַרף ניט קיין אַנדערע. צי דען איז עס גוט אַזוי צו מאַטערן און פּײַניקן זיך, ווי איר אָדער אָלגע?

— אַ פאַרגלײַך! איך פּײַניק זיך ניט, איך בענק מאַכמעס מיר זײַנען צעשיידט. און אָלגעס ליבע — דאָס איז אַן אומגליק, פון וועלכן זי דאַרף זיך באַפרײַען.

— ווי קאָמפּליצירט דאָס איז! — האָט זשעניע געזאָגט מיט אַן אומצופרידענער מינע. — ס'איז גלײַכער ניט צו ריידן וועגן דעם, זיך ניט קאַליע מאַכן די שטימונג.

אַלעקסיי האָט זיך צעלאַכט און פרײַנטלעך אַנגענומען דאָס מיידל פאַר דער האַנט: ס'איז געווען רירנדיק דער דאַזיקער קינדערישער פאַרלאַנג אָפּצוקערן זיך פון דעם אַלץ, וואָס ס'איז קאָמפּליצירט און שווער.

— פון וואָס לאַכט איר? — האָט זשעניע געפרעגט, צופרידן דערפון, וואָס ס'איז צו אים צוריקגעקומען אַ גוטע שטימונג.

— יאָ... איך קוק אַף אײַך און טראַכט... אַ וואָסערער איך בין געווען...

— אַ וואָסערער איר זײַט געווען אין דער יוגנט? — האָט זשעניע געפרעגט מיט איראָניע.

— יאָ, אין דער יוגנט... מיט אַ האַלב יאָר צוריק, לאָמיר זאָגן.

— אַ וואָסערער־זשע זײַט איר געווען? דאָס איז טשיקאָווע. יענער יונגער אַליאָשע וואָלט מיר, זיכער, מער געפעלן געוואָרן. יענער האָט, זיכער...

— וואַרטסט צו, זשעניע, — האָט איר קאָוושאָוו איבערגעריסן.

ער האָט אַלײן ניט געװוּסט, צי װאָס ער האָט עס איר דערצײלט. אַלעקסײ האָט זיך װי צוגעהערט צו עפּעס, װאָס איז פאָרגעקומען אין אים גופא. ער האָט אָנגעהויבן דאָס דערצײלן דערפון, װי ער האָט זיך אומגעקערט פון שפּיטאָל אַהײם. אַלץ איז געװען װי אַמאָל: סײַ דאָס הויקערדיקע געסל, סײַ דאָס רויטע הויז מיט די אומבאַקװעמע, פאַרװאָרלאָזטע צימערן, סײַ די עלטערן, סײַ די זאַכן אַף זײערע פריִערדיקע ערטער. נאָר קומענדיק אַהײם, האָט אַלעקסײ פאַרשטאַנען, אַז ער גופא האָט זיך געענדערט, געװאָרן ניט דער, װאָס ער איז פריִער געװען. פון דער פאַרגאַנגענהײט האָט אים אָפּגעטײלט בלויז דרײַ כאַדאָשים, און די דאָזיקע פאַרגאַנגענהײט האָט זיך אים אויסגעדוכט װי די װײַטע זאָרגלאָזע קינדהײט...

— אָט קוק איך אַזוי אַף אײַך, און כ׳בין גערירט פון דער אומ־מיטלבאַרקײט פון אײַער פרײען זיך, פאַרװײַלן זיך און טאַנצן. איך פאַרשטײ דאָס: בײַ מיר איז אויך אַזוי געװען. נאָר ערשט קען איך ניט זײַן אַזעלכער. ס׳איז מיר אַפילע מאָדנע זיך פאָרצושטעלן װי אַזעלכן...

— אַליאָשע, און װוּ איז אַהינגעקומען זינע? — האָט זשעניע געפרעגט. — איר רעדט גאָרניט װעגן איר.

— אײדער כ׳בין אַרײַן צו די עלטערן, בין איך געלאָפן צו איר. עפּעס האָב איך זיך געשראָקן, כ׳זאָל זי ניט טרעפן... און כ׳האָב זי ניט געטראָפן... זינע איז געװען דאָרט, פון װאַנען מ׳האָט מיך אַרויסגעטראָגן אַן אָפּגעגאַנגענעם מיט בלוט... זי איז אַן אַנטשלאָסענע, אַ שטאַנדהאַפטיקע... אין אַ װאָך נאָך מײַן אַװעקגײן האָט זיך זינע דערשלאָגן, מע זאָל אויך זי אַרויסשיקן אַפן פראָנט.

אַלעקסײ האָט דערצײלט... אין צימער, װוּ זײ האָבן געװוינט בעסאַכאַקל עטלעכע גליקלעכע טעג, האָט אַלץ אַזוי דערמאָנט אין איר. ער האָט צופעליק געפונען אַ קורץ בריװעלע, פאַרשטעקט צװישן די פּאַפּירן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אַף אַ װאַטמאַן־בויגן, װאָס איז געװען צוגענאָגלט צום צײכענונגס־טאָװל. צו צײכענען איז איר שוין ניט אויסגעקומען, די מילכאָמע האָט געשטערט, — דער בויגן איז געװען דורכויס באַשריבן מיט פאַרשײדענערלײ נאַרישקײטן. אַ גאַנצן אָװנט האָט ער באַטראַכט דעם דאָזיקן בויגן, װי אַ פּרעכטיק בילד. די שטריכעלעך, קעסטעלעך און בילדעלעך זײַנען פול געװען מיט אַ טיפן, בלויז פאַר אים פאַרשטענדלעכן, זין. און אַרויסקומענדיק אינדרויסן, האָט ער זיך דערמאָנט — דאָ זײַנען זײ געגאַנגען אינצװײען, זיך האַלטנדיק פאַר די הענט, און אַ פאַרבײַגײענדיקע פרוי האָט זײ, אַ גערירטע, צוגעװוּנטשן, אַז זײ זאָלן אַזוי, האַנט בײַ האַנט, גליקלעך דורכגײן דאָס גאַנצע לעבן... אומװיכטיקע און פאַר פרעמדע, קען זײַן, אַפילע לעכערלעכע פּראָטים פון זײַן קורצן צוזאַמענלעבן מיט זינען, אָבער װיכטיקע און פילבאַדײַטנדיקע פאַר אים, — האָבן זיך אים דערמאָנט אָן אַ סאָף... ס׳איז געװען

אומפאַרשטענדלעך, ווי דאָס אַלץ איז אַזוי פעסט אַרײַן אין זיקאָרן, אויב דעמאָלט איז עס פאַרבײַגעלאָפן, ווי מע וואָלט עס אַפילו ניט באַמערקט...

— אַליאָשע, — האָט אים זשעניע איבערגעשלאָגן. זי האָט פון קעלט אַ ציטער געטאָן מיט די אַקסלען. — אויב ס׳איז אײַך ניט שווער, ברענגט מיר אַרײַן דאָס שאַלעכל. ס׳איז אין שכײַנעסדיקן צימער, עס גלוסט זיך מיר ניט אויפהייבן.

בלײַבנדיק אַליין, האָט זשעניע זיך באַמיט צו באַנעמען: מיט וואָס האָט איר אַנגערירט אַלעקסייס דערציילן? פאַרוואָס האָט זי אים איבערגעריסן?

פעדאָסאָוו האָט געוואָרפן די קאָרטן און געגאַנגען מיט אַלעקסייען זוכן זשעניעס שאַלעכל.

— אָט ווי מיר פאַרווײַלן זיך: אַ פרעפעראַנסל, אַ ביסל ווײַן, אַ לײַכטער פלירט און פאַרשיידענערליי לופט־קושן. די אַלטע אויפאַנים פון פאַרברענגען די צײַט. כ׳בין ערשט געזעסן בײַ די קאָרטן און געטראַכט: „און אין אַזאַ טאָג גיסטו זיך אָפּ מיט אַ פרעפערענס!" ווייסט איר, אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, וואָס איך טראַכט? אונדזער לעבנס־שטייגער איז פאַרהעלטניסמעסיק די סאַמע רעאַקציאָנערסטע זײַט פון אונדזער לעבן. מיר אַרבעטן אָף אַ נײַעם שטייגער, ס׳איז אַנטשטאַנען אַן אַנדערע באַציִונג צו אייגנטום, אויך דאָס געפיל פון פליכט איז אַ נײַס. אָבער דער לעבנס־שטייגער איז אין פיל פּראַטים דער פריִערדיקער...

— וויפל זײַט איר אַלט, באַלעבאָס? — האָט אַלעקסיי געפרעגט.

— פיר און דרײַסיק.

— שוין צײַט צו באַזאָרגן זיך מיט אַ פאַמיליע. איר וועט האָבן אַ גוטע פאַמיליע — אַ ווײַב, קינדער, — און ס׳וועלן אײַך ניט קריכן אין קאָפּ אַרײַן קיין געדאַנקען וועגן דער רעאַקציאָנערישקייט פונעם לעבנס־שטייגער. און ס׳וועט זיך אײַך ניט פאַרגלוסטן קיין ווײַן און לופט־קושן.

— איר רעדט עס אַוודאי אַפן גרונט פון סאָלידער פאַמיליע־דער־פאַרונג, — האָט פעדאָסאָוו אַ שמאָך געטאָן און זיך גלײַך אַפן אָרט מוידע געווען ניט אָן אומעט: — איבעריקנס, האָט איר, ליבער פרײַנט, אַרײַנגעטראָפן אין סאַמע פינטל אַרײַן. אין אונדזער סוויווע גייט אַרום אַזאַ פילאָזאָפיש ווערטעלע: „קאָלזמאַן ביסט יונג — הוליע, וואָרן אַניט וועלן אַוועק די יאָרן, און וועסט ניט האָבן אין וואָס זיך צו דערמאָנען..." איך האָב שוין יאָ געהוליעט. אָבער דערמאָנען זיך איז ניטאָ אין וואָס. קומט אויס, אַז איך האָב פאַרביטן איינע אָף אַלע...

— האָט כאַסענע, וואָס טויג אײַך פילאָזאָפירן?

— כ׳האָב אַדאָרירט זשעניען, געוואָלט מיט איר כאַסענע האָבן, האָט איר געשטערט! — האָט זיך פעדאָסאָוו צעלאַכט.

צוריקקומענדיק אין צימער, האָט אַלעקסיי אַרויפגעוואָרפן דאָס

שאַלעכל אַף זשעניעס פּלייצעס. איר פּאַנעם איז עפּעס פאַרטונקלט גע־וואָרן. האָט זי ניט צו מאָל געוויינט? אַלעקסיי האָט פאַרשנדיק אַ קוק געטאָן אַפן מיידל. עפּשער איז אין פּעדאָסאָווס שפּאָס פאַראַן אַ קערנדל עמעס?

— וואָס איז אײַך, זשעניע? — האָט ער פאַרזיכטיק געפרעגט.

— ס׳איז מיר אַ ביסל אומעטיק. איך ווייס ניט, פאַרוואָס. צי דער־פאַר, וואָס ס׳האָט אָנגעהויבן באַנג טאָן דאָס ביזמילכאַמעדיקע לעבן, צי דערפאַר וואָס די שטימונג איז הײַנט בײַ מיר אַ צעשרויפטע.

— גוט, וועלן מיר זיך מער ניט פאַרנעמען מיט קיין זיכרוינעס.

— ניין, דערציילט! איך וויל אויסהערן ביזן סאָף.

— קיין סאָף האָט זי ניט, די דאָזיקע געשיכטע.

— דערציילט!

קאָושאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט. נאָר דער באַגער אַ קוק צו טאָן מיט בײַדע אויגן נאָכאַמאָל אַף דעם, וואָס ס׳איז געווען, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי שטאַרק, אַז ער איז נאָכאַמאָל פאַרזונקען אין די זיכרוינעס. אַלץ האָט זיך ווי איבערגעכאַזערט אין אים.

אַלעקסיי האָט פאַרגעסן אין זשעניען. זײַן דערציילן האָט זיך אי־בערגעריסן. ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ניט שווין־זשע איז דאָס אַלץ פאַרגעקומען ערשט ניט לאַנג?

זשעניע האָט געקוקט אַף אים, צעעפּענענדיק ברייט די טרויעריקע אויגן. דערנאָך איז זי פּלוצים אויפגעשפּרונגען און מיט אַ געוויין אַוועק־געלאָפן צו דער טיר, שלעפּנדיק נאָך זיך דאָס שאַלעכל אַף דער פּאָד־לאָגע...

דער מעוווּלוועלער אַלעקסיי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך איר, גע־זוכט אין גאַנצן הויז און ניט געפונען. ער איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. ס׳איז געווען ליכטיק פון דער לעוואָנע, ווי באַטאָג דער קופּאָל פון הימל, באַשפּרענקלט מיט אומצאָליקע שטערן, האָט אויסגעזען העל־גרין, מאַטע־ווע. באַם האָריזאָנט האָט זיך דער קופּאָל אָנגעלענט אַף אַ דעליקאַטן מאַ־לינע־קאָליריקן באַוועגלעכן פּאַס שײַן. דער שניי האָט געפינקלט.

זיך אײַנקוקנדיק, האָט אַלעקסיי דערזען זשעניען. זי איז געזעסן אַף אַ פּניאָק, איר פיגור האָט געטונקלט אַפן שניי.

— וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן?

— גאָרניט, אַליאָשע, באַאומרויִק זיך ניט, — האָט זי געזאָגט רויִק, זיך אויפגעהויבן און אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שניי.

אַף דער שוועל האָט זיי באַגעגנט פּעדאָסאָוו:

— איך האָב געמיינט, איר האָט אָפּגעצויגן, זיך ניט געזעגנענדיק. כ׳וויל גיין אַפן „סטאַרט“, צו קאָנטראָלירן ענדלעך, ווי עס זײַנען אויס־

געריכט געוואָרן טאַטיאַנע וואַסילטשענקאָס מענטשן. קומט, לאָמיר גייִן צוזאַמען — מע דאַרף דאָך זיי באַגלייטן.

אין צען מינוט אַרום האָבן זיי שוין געשפּרײַזט אַפן אײַנגעפּאָרענעם גליטשיקן וועג צום „סטאַרט“.

שוין מער פון אַ מעסלעס איז דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג געווען אַף די פיס. באַטאָג האָט ער זיך צוגעלייגט אָפּרוען טאַקע דאָ, אין קאַבינעט. נאָר די ראַיוינעס, וואָס האָבן אים באַלאַגערט, האָבן אים ניט געלאָזט אַנטשלאָפן ווערן.

אַרום צוויי אַזייגער באַנאַכט האָט זיך באַטמאַנאָוו געגרייט אַהיימצוגייִן. ניט ער זאָל האָבן דערפילט זיך אויסגעשעפּט — ניין, וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיך טאָמיד אויסגעצייכנט מיט אויסהאַלטעוודיקייט, און באַזונדערס הײַנט האָט ער, גלײַך ווי אַ סאַך אַנדערע, דורכגעלעבט אַ מעכטיקן, גײַסטיקן און פיזישן ענערגיע־צופלוס. ס'איז פּאַשעט נייטיק געווען, ענדלעך, צו מאַכן אַן איבעררײַס אין דער אַרבעט.

דעם גאַנצן טאָג, דעם גרויסן און דערהויבענעם, האָט באַטמאַנאָוו פאַרבראַכט אין אומאיבערגעריסענער טעטיקייט. קימאַט אַן אויפהער האָט אַפן טיש געטומלט דער סעלעקטאָר — מע האָט דעם נאַטשאַלניק אַרויסגערופן פון די נאָענטע פינף באַצירקן. איינער נאָכן אַנדערן זײַנען געקומען די מיטאַרבעטער, און וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיי פאַרגעבן אַלץ נײַערע אויפגאַבן און צודרינגלעך, האַרבלעך אונטערגעטריבן אויסצופירן די פריִער פאַרגעבענע. דרײַ מאָל האָט ער איבערגעקוקט די אָנגעקומענע פרישע פּאָסט און דיקטירט טעלעגראַמעס, בריוו, קורצע פאַרנאָטירונגען דעם אָדער יענעם אָפּטייל־נאַטשאַלניק. האָט דורכגעפירט די געוויינלעכע באַראַטונג פון די דיספּעטשערס. צוויי מאָל געווען אַפן „סטאַרט“ : זיך באַקענט מיט די נײַע מענטשן, וואָס זײַנען געקומען אַף דער בויונג, באַגלייט אין וועג אַרײַן סילינען, געשמועסט מיט טאַניע וואַסילטשענקאָס כעוורע, נאָכגעשפּירט דאָס אומאיבעררײַסלעכע אָפּשיקן די פּראָכטן אַף די באַצירקן, געווען צוזאַמען מיט בערידזען אַף אַן עקספּערימענט פון שווייסעווען די רערן אין די באַדינגונגען פון נידעריקער טעמפּעראַטור. פאַרנאַכט איז ער געפאָרן צען קילאָמעטער הינטער דער שטאָט — קיין פּאַמפּי. דאָרט איז דער נאַטשאַלניק אַרויסגעטראָטן, אַף אַ לאָסטמאַשין, מיט אַ רעדע אַף אַ מיטינג פון די בוי־אַרבעטער פון ערשטן באַצירק, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אַפן אײַז פונעם אַדון.

דער טאָג איז ניט אָוועק אומזיסט פאַר דער בויונג. דאָס האָט באַטמאַנאָוו געזען און געפילט, וועגן דעם האָבן גערעדט די שריפטלעכע באַריכטן. ביזן אָוונט האָבן זיי זיך אָנגעזאַמלט אַ גאַנצער שטויס. אײַנגעוואַלגערטע ביימער און אַדורכגעהאַקטע וועגן אין דער טײַגע, קילאָמעטערס דורכגעגראָבענער וועג אין שנייפאַרשיטן, הונדערטער קובאָמעטערס

נײַ־אויפגעבויטע געבײַדעס צום באַוווינען און באַנוצן — אין דעם אַלץ איז שוין ווי פֿאַרקערפּערט געוואָרן דער ענטוזיאַזם פון די בוי־אַרבעטער, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך סטאַלינס רעדעס. מע האָט נאָך ניט אײַנגעשטעלט קיין נאָרמאַלע פֿאַרבינדונג מיט די ווײַטע באַצירקן, נאָר אויך פון דאָרטן זײַנען אָנגעקומען יעדיִעס. פֿאַנקאָוו פון נײַנטן באַצירק האָט דורך אַן אומוועג צוגעשיקט אַ ראַדיאָגראַמע וועגן דעם, אַז אין דאָזיקן טאָג האָבן זיי ענדגילטיק אַריבערגעפירט די באַזע אַפן ליגנקן ברעג. ראָגאָוון האָט זיך עפּעס אַף אַ געוויסן אויפן אײַנגעגעבן צו דערוויסן נײַס וועגן גאָנטשאַרוקס בוי־אַרבעטער־קאָלאָנע. סטאַלינס ערשטע רעדע האָבן זיי געהערט אַפן זעקסטן באַצירק — און, דערפּרייטע, דעם גאַנצן טאָג געהאָרעוועט באַם אויפבויען אַ סקלאַד.

בלויז איין זאַך האָט זיך באַטמאַנאָוון ניט אײַנגעגעבן צו פֿאַרווירקלעכן דעם זיבעטן נאָוועמבער — צו פײַערן אין דער היים דעם סאַמע גרעסטן יאָנטעוו אין לאַנד. ער האָט געטראַכט צו פֿאַרבעטן צו זיך זאַלקינדן מיטן ווײַב, בערידזען און נאָך וועמען פון די כאַווײרים. ער האָט אָנגעקלונגען צו דער הויז־דינערן יעוודאָקיאַ סעמיאָנאָווּנאַ און פֿאַראָרדנט צוצוגרייטן אַן אָוונטברויט פאַר צען־צוועלף מענטשן. נאָר דאָס אַלץ האָט ער פֿאַרגעסן, דערזעענדיק צווישן אַ שטויס בריוו דעם דאָזיקן בריוו פון מאָסקווע. גענומען אין די הענט אַרײַן דעם בלויען קאָנווערט, האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש עפּעס טייקעף באַשלאָסן, אַז ס׳איז פֿאַראַן אין אים — אַ יעדיִע וועגן זײַן פֿאַמיליע. ס׳איז טאַקע אַזוי געווען.

איינער פון זײַנע פרײַנט, וועלכער האָט אים געהאָלפן אויפזוכן דאָס ווײַב מיטן זון, האָט געשריבן, אַז ער האָט געזען אַננאַ איוואַנאָוונאַן אין אַבאַס־טומאַן, אַף קאַווקאַז. ס׳האָט זיך איר אײַנגעגעבן זיך אַרויסצובאַקומען פון קרים און אַרויספירן דעם קראַנקן זון. זי האָט אים אײַנגעאָרדנט אין אַ סאַנאַטאָריע פאַר לונגן־קראַנקע. נאָר די מאַטערנישן און נויטן באַם אַריבערפאָרן אונטער דער באָמבאַרדירונג האָבן ענדגילטיק אונטערגעריסן קאָסטיאַן — ער איז געשטאָרבן.

„דאָס איז געשען דעם צענטן אָקטאָבער. אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט מיר געזאָגט, אַז סע קלעקן איר ניט קיין קויכעס דיר אָנצושרײַבן וועגן דעם זונס אומקום. זי האָט באַ מיר גענומען אַ וואָרט, אַז אויך איך וועל דערווײַל שווײַגן. נאָר איך האָב ניט דאָס רעכט דאָס צו פֿאַרהוילן פון דיר. דו ביסט אַ שטאַרקער מענטש און וועסט געהעריק איבערטראָגן דעם אומגליק. איך האָב אויך אַננאַן געזאָגט, אַז מע טאָר דיר ניט איבערלאָזן אין דער לאַגע פון ניט וויסן — דאָס איז ערגער פון וויסן דעם עמעס. וואָרשײַנלעך וועט זי דיר אַליין אָנשרײַבן, לאָז איר קומען צו זיך. דער אומגליק האָט זי דערשלאָגן. זי האָט זיך אײַנגעשמועסט, אַז זי איז שולדיק קעגן דיר: דו האָסט איר אָנגעטרויט דאָס ייִנגל, און זי האָט אים ניט אויסגעהיט. זי האַלט זיך בראַוו: זי איז אַ מיליטערישער

דאָקטער פון דריטן ראַנג, אַרבעט אין אַ שפּיטאָל און אין אַ סאַנאַטאָריע פאַר טובערקולאָזע און באַוויַזט אומעטום. די נאַטשאַלסטווע לויבט זי זייער. פאָרן ערשט צו דיר איז איר ניט דערלויבט און ס׳איז איר, אַוודע אויך שווער — כ׳האָב מיט איר וועגן דעם ניט גערעדט גאָר. איך מיין, אַז דו דאַרפסט איר, ניט דערוואַרטנדיק זיך אַף אירן אַ בריוו, אַליין שרייַבן. אַזוי, מייַן פריַינט, אַף מייַן גורל איז אויסגעפאַלן דיר מיטצו־טיילן די ביטערע בסורע. וואָס קען מען מאַכן! די מילכאָמע — זי גייט קיינעם ניט פאַרביַי, אַזוי אָדער אַנדערש פאַרטשעפּעט זי אַלעמען. שרייַב אָדער טעלעגראַפיר, וואָס איך קען טאָן פאַר דיר...״.

באַ באַטמאַנאָוון איז דעמאָלט געווען גרעטשקין. ער האָט ניט גע־קענט ניט באַמערקן, אַז דער בריוו האָט צערודערט דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג, אָבער די גאַנצע קראַפט פון דעם יאָמערלעכן געפיל, וואָס האָט אין אים אויפגעפלאַקערט, האָט זיך וואַסילי מאַקסימאָוויטשן איַינ־געגעבן ניט אַרויסצוויַיזן. וואָלט דער פלאַנירער געווען אויפמערקזאַמער און וויינקער באַזאָרגט וועגן זיַין באַריכט, וואָלט ער, עפשער, דערזען מיט וואָס פאַר אַן אָנשטרענגונג עס גיט זיך איַין באַטמאַנאָוון צו באַ־הערשן די לייַדן. זיַין פּאָנעם איז פאַרשטיינערט געוואָרן און די הענט האָבן זיך מיט אַזאַ קראַפט איַינגעקלאַמערט אין אָנלען פון פאָטעל, אַז ס׳האָט זיך געדוכט, אָט וועט פון די פינגער אַ שפּריץ טאָן בלוט. גרעטש־קין איז אַוועקגעגאַנגען. ערשט דעמאָלט האָט זיך פון באַטמאַנאָווס ברוסט אַרויסגעריסן אַ קרעכץ. עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין קאַבינעט אַריַין... באַטמאַנאָוו האָט זיך שנעל אָנגעטאָן, אַרויסגעגאַנגען קעגן פילימאָנאָוון און פעדאָסאָוון און, צוזאָגנדיק זיי אויפצונעמען שפּעטער, אַוועקגעפאָרן אַפן ערשטן באַצירק. די בוי־אַרבעטער, דורכגעפרווירענע אַפן ווינט, האָט אויפגערודערט די לייַדנשאַפטלעכקייט פון זיַין ריידן, האָגאָם זיי האָבן ניט געוווּסט, אַז אין די ווערטער וועגן די סאָוועטישע מענטשן, וואָס זייַנען אומגעקומען אַף דער מילכאָמע, הערן זיך ניט בלויז די יעסורים פון אַ בירגער, נאָר אויך פון אַ טאַטן. די רייַזע קיין פּאַמפּי האָט אים געהאָלפן זיך צו נעמען אין די הענט אַריַין, און פאַרן גאַנצן רעשט טאָג האָט קיינער פון די מיטאַרבעטער ניט באַמערקט אינעם נאַטשאַלניק קיין שום ענדערונגען.

...די פאַרוואַלטונג איז שוין לאַנג לער געוואָרן, און ער איז אַלץ געזעסן, ניט באַשליסנדיק זיך אומצוקערן אין זיַין גרויסן און איצט שוין אומניייטיקן הויז. בלויז זאַלקינדס געזעלשאַפט וואָלט אים גוט געדינט אין דער דאָזיקער שווערער שאָ. וואַסיליע מאַקסימאָוויטש האָט, קווענק־לענדיק זיך אַ ביסל, אָנגעקלונגען צום פאַרטאָרג:

— שוין ציַיט אָפּצוציַען, מיכאַיל באָריסאָוויטש. קום צו פאָרן צו מיר, איך בעט דיך, טיילן מיט מיר אַ באָכערישן אָוונטברויט.

זאַלקינד האָט נאָרוואָס גערעדט מיטן וויַיב און איר צוגעזאָגט איַינ־

גיכן קומען צו פאָרן, דערפאַר האָט ער געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון דער איַינלאַדונג, אָדער, פון זיַין זיַיט, פאַרבעטן באַטמאַנאָוון צו זיך. באַט־מאַנאָוו האָט דערשפּירט זיַין וואַקלען זיך און געזאָגט מיט אַ טאָן פון געבעט:

— טו אַ טויווע, מיכאַיל...

אין וואַסילי מאַקסימאָוויטשעס שטים איז געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס דערלויבט ניט זאַלקינדן צו דערווידערן. ער האָט נאָכאַמאָל אָנגע־קלונגען אַהיים. פּאָלינאַ יאַקאָוולִיעווּנאַ האָט זיך געערגערט:

— כ׳האָב שוין געוואָלט אויפוועקן מירען. זי האָט באַ מיר גענו־מען אַ וואָרט, אַז מע וועט איר דערלויבן זיצן מיט אונדז באַם יאָנטעוו־דיקן טיש. קום צו פאָרן כאָטש אין צוויי שאָ אָרום, איך וועל וואַרטן.

באַטמאַנאָווס הויז איז געשטאַנען צווישן אָפּגעלעגענע שנייען, ווי אַ יאָסעם. ווי אַזאַ איינזאַמער יאָסעם, האָט זיך זאַלקינדן אויסגעוויזן דער באַלעבאָס אַליין אין דער לערער ווילע.

— וואָס קוקסטו זיך אַרום, ס׳איז ניט געמיטלעך? — האָט באַט־מאַנאָוו געפרעגט.

— יאָ, ניט געמיטלעך, — האָט מיכאַיל באָריסאָוויטש מאַסקים געווען.

די צימערן האָבן אויסגעזען ניט באַוווינט, ס׳האָבן אין זיי געפעלט יענע קלייניקייטן, וואָס פאַרוואַנדלען אַ לאָקאַל אין אַ וווין־צימער.

— איר זיַיט בלויז אינצווייען? — האָט זיך יעוודאָקיאַ סעמיאָ־נאָוונאַ פאַרכידעשט. — און איך האָב פאַרגרייט אַן אָונטברויט פאַר אַ גאַנצער קאָמפּאַניע.

— דאָס איז גוט. מיר זיַינען פעסטע ליַיט, מיר וועלן זיך אין צווייען אַן אייצע געבן. — האָט זאַלקינד זיך אַ ווערטל געטאָן.

בעייס די פאַרשלאָפענע באַלעבאָסטע האָט געדעקט דעם טיש, האָבן זיי זיך אַרומגעוואַשן. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אויסגעטאָן די גימ־נאַסטיאָרקע, אָנגעטאָן אַ קאָסאָוואָרטקע אָן אַ פּאַסעק און זיך גליַיך פאַר־וואַנדלט אין אַ הויכוואוקסיקן, ברייטפּלייציקן יונג — „דער ערשטער אין דאָרף”. צו אַ פולשטענדיקער ענלעכקייט האָט צוגעפעלט בלויז אַ האַר־מאָניע. זאַלקינד אין די אומגעלומפּערטע שטיוול האָט לעבן אים אויס־געזען, ווי אַ באָכערל.

— מיר זיַינען שוין לאַנג ניט געזעסן צוזאַמען באַ אַ היימישן טיש, אַ יאָר פיר, דוכט זיך, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט. — היַינט האָט זיך געמאַכט אַזאַ געלעגנהייט. מיר וועלן אויסטרינקען פאַר אונדזער פּריַינט־שאַפט און אַ שמועס טאָן פון האַרצן. וואָס קוקסטו אַזוי שרעקעוודיק אָפּן גראַפין? כ׳וויל האָפן, אַז דו ביסט ניט געוואָרן קיין צוואַק און אַבסטינענט? זעסט, כ׳גיס אָן צו ביסלעך. שרעק זיך ניט, איך וועל שיקער ניט ווערן. מיַין טאַטע פלעגט אום יאָנטעוו אייגער אַליין אויס־

קערן אַ פּערטל שטאָף און שטיין פעסט אַף די פיס. איך בין, אַוואַדע, ניט פעיִק אַף אַזאַ העלדנטאַט, פונדעסטוועגן קען איך היפש אויסטריבקען, ניט פאַרלירנדיק דעם פאַרשטאַנד. איך ווער, עפשער, צוליב דעם אָפּנהאַרציקער, נאָר גראָד איצטער באַגער איך עס.

— איך שעץ אונדזער פריַנטשאַפט, וואַסילי, און כ׳וועל פאַר איר מיט פרייד אויסטרינקען, האָט זאַלקינד אויפגעהויבן זײַן קעלישאָק.

זיי זײַנען לאַנג געזעסן. דער גראַפין מיט די צובײַסעכצן זײַנען שוין פון לאַנג געוועזן אַוועקגערוקט. ערשט האָבן זיי ביידע אומראַכמאָנעסדיק גערייכערט, דער גרינער טאַבאַק־נעפּל האָט זיך געוויגט איבער זיי, און אין גרויסן אַש־מעסטל האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ באַרג פון פאַפּיראָסן־רעשטלעך.

— סטאַלינס אַרויסטרעטונגען האָבן אונדז אַלעמען צוגעגעבן קראַפט און פאַרשטאַנד. אין אַזעלכע טעג וואַקסטו אויס מיט אַ קאָפּ העכער! ער ווייסט, ווען זײַן וואָרט איז באַזונדערס נייטיק דעם פאָלק. ער האָט געזאָגט: מיר וועלן זיגן — און מיר וועלן זיגן. זײַנע ווערטער ווערן טאָמיד מעקויעם. און זאָל די צוויימיליאַרדיקע באַפעלקערונג פון דעם ערד־קײַלעך זיך פאַרטראַכטן דעמאָלט וועגן אונדזער קראַפט.

— אין איצטיקן מאָמענט זײַנען בלויז סטאַלין און זײַנע נאָענטסטע מיטקעמפער אימשטאַנד צו זען פאָרויס, איבער די גרענעצן פון דער מילכאָמע. נאָר אויך מיר, פּאָשעטע סאָוועטישע מענטשן, דאַרפן זיך טאָמיד פאַרטראַכטן וועגן דער צוקונפט. מיר וואָלטן ניט זײַן קיין לעניניסטן, ווען מיר וואָלטן דענקען, אַז מיטן באַזײַטיקן היטלערן וועט זיך שוין אײַנשטעלן שאָלעם וועשאַלווע אַף דער וועלט. ניין, אין דער צוקונפט שטייט אונדז פאָר אַ נאָך מער אַכזאָריעסדיקער קאַמף. ס׳איז טשיקאַווע זיך פאָרצושטעלן זײַנע טערמינען, זײַן פאַרנעם, זײַנע פאָרמען. און וואָס נעמלעך וועט אין דאָזיקן קאַמף אויספאַלן אַף אונדזער כיילעק, און וואָס אַפן כיילעק פון די קומענדיקע דורות באָלשעוויקעס?

— איך מיט דיר, לעמאָשל, געהערן צום צווייטן אומטויש. ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ פילמיליאָניק כאַיעל פון דעם דריטן אומטויש — יונגע לײַט ווי קאָוושאָוו, טאַניע וואַסילטשענקאָ, טערעכאָוו, ראָגאָוו. און נאָך זיי צײַטיקט זיך אויס אַ פערטער, אַ פינפטער אומטויש. לויט סטאַלינס בײַשפּיל זײַנען מיר מעכויעוו אָפּצוגעבן דאָס בעסטע, וואָס מיר פאַרמאָגן, פאַר זייער דערציִונג. ס׳וועט דאָך קומען דער טאָג און די שאָ פון אונדזער פיזישן סאָף, צי דו ווילסט צי ניט, וועט מען מוזן אַריבערלייגן די גאַנצע לאַסט פון די איניאָנים אַף זייערע יונגע פּלייצעס. אונדזער הייליקער כויוו איז — מאַכן אַזוי, אַז זיי זאָלן טאָמיד זײַן פעסטע, שטאַרקע, אומדערשראָקענע, גרייטע צום קאַמף פאַרן קאָמוניזם ביז צום פולשטענדיקן זיג!...

ניט ווילנדיק זײַנען די פרײַנט אַריבער אַף טעמעס פון דער בויונג.

דאָ זײַנען זיי געווען אָנפירער, צומשטאַרקסטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מענטשן, פאַר זייער אַרבעט. זיי האָבן געשמועסט וועגן דער טאַקטיק פון גויווער זײַן די שוועריקייטן, וועגן די מעטאָדן פון דער ווירטשאַפט־לעכער און פּאַרטייִשער אָנפירונג, וועגן די מענטשן...

— דו שעצסט די מענטשן און ציטערסט איבער יעדן איינעם — דאָס איז גוט, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט. — נאָר צי ביסטו ניט צו ווייך מיט אייניקע? כ׳פאַרשטיי: דו געדענקסט וועגן די אומגעקומענע אַף דער מילכאָמע, און דײַן זאָרג פאַר די לעבעדיקע ווערט שטאַרקער. און אויך דאָס איז ריכטיק: דער אָדער יענער מיטלמעסיקער אַרבעטער — אַ ניט־קוואַליפיצירטער אָדער פּאָשעט אַ נאָכלאָזיקער — איז דאָך אַ סאָוועטישער מענטש, און מע דאַרף אים העלפן, אונטערציִען, דערציִען. נאָר צי באַקומט זיך ניט בײַ דיר דערבײַ אַ שאָלעם מאַכן מיט כעסרוינעס פון מענטשן, וואָס אין טאָך איז עס שעדלעך? צי מאַכסטו ניט עמעצן קאַליע מיט דײַן מיטפילן?

— גיב בײַשפּילן, וואַסילי! — האָט זאַלקינד געפאָדערט. — אַניט וועלן מיר אייבער דעם צווייטן ניט פאַרשטיין און זיך ניט דעררײדן...

— אַ בײַשפּיל? יעפימאָוו. ער איז דיר אַ שאָד, דו פילסט זיך פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר זײַן גוירל, און ס׳באַקומט זיך ניט ווי ס׳דאַרף צו זײַן. מאַכמעס אַכטונג צו דיר מיש איך זיך דערוווּל ניט אַרײַן אין די איניאַ־נים פון דריטן באַצירק. זאָל דער דאָזיקער באַצירק פאַרבלײַבן אונטער דײַן שעפּטום.

— וואָס ווײַזט זיך דיר אויס ניט ווי ס׳דאַרף צו זײַן?

— אַ מענטש דאַרף זיך אויסקעמפן דאָס רעכט דערויף, ער זאָל זיך אָנרופן אָנפירער און זאָל עס זײַן. וואָס מ׳שטיינס געזאָגט פאַר אַן אָנפירער איז יעפימאָוו? דאָרט זײַנען פאַראַן הונדערטער מענטשן, און ער האָט זיך פאַרלוירן, ער קען מיט זיי ניט אָנפירן. ער שטערט זיי, ווײַל זיי האָבן אַ שווערע אויפגאַבע און בייטיקן זיך אין אַ שטאַרקן נאַ־טשאַלניק.

— דער באַצירק וועט איינגיכן זײַן אין אָרדענונג.

— פאַרשטייט זיך. בײַ דיר וועלן קלעקן קויכעס דערויף. און עס קען דאָך אויך ניט אַזוי געשען, אַז אַ באַצירק, וואָס איז נאָענט צו דער פאַרוואַלטונג, זאָל אַ לאַנגע צײַט זײַן אין אַ פאַרוואָרלאָזטן מאַצעוו. אָבער די אָרדענונג וועט זיך דאָרט אײַנשטעלן ניט אַ דאַנק יעפימאָוון, נאָר גיכער אים אַף לעהאַכיס. איך זע שוין לויט די הײַנטיקע געשפּרעכן מיטן באַצירק, וואָס פאַר אַ מאַצעוו ס׳וועט זיך באַקומען, אויב יעפימאָוו וועט בלײַבן אַפן אָרט.

— וואָס פאַראַ וועט זיך באַקומען?

— טעמקין, דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, וועט ענדגילטיק פאַרטרעטן דעם נאַטשאַלניק פון באַצירק. ער האָט דערפילט

דײַן אונטערשטיצונג און הײַנט געקומען די אָנפירונג אין זײַנע הענט. און, זאָג מיר, וואָס פֿאַר אַ טאָלק וועט זיך באַקומען פֿון דײַן מיטפּילן? דער באַצירק וועט זיך געהעריק אײַנשטעלן, און יעפימאָוו וועט זיך דערפילן פֿאַר אַ העלד, זיך אײַנשמועסן, אַז ער, יעפימאָוו, דרייט דאָס דעם ערד־קײַלעך אַרום זײַן אַקס! און דערװײַל וועט זיך אין אים גאַרניט ענדערן צום בעסערן, ער וועט פֿאַרבלײַבן אַ נאַטשאַלניק בלויז לויטן נאָמען. זײַן שוואַכקייט וועט איבערבלײַבן אין אים און זיך אַרויסווײַזן באַ אַ נײַעם ערנסטן נעסאָיען. לאָמיר זאָגן, אונדזער בויונג וועט זיך ענדיקן און מע וועט אים אַריבערפֿירן אַף אַ צווייטער, אַ שווערער. וואָס וועט דעמאָלט טאָן דער נעבעכדיקער יעפימאָוו, אויב דו וועסט ניט זײַן לעבן אים? ווער וועט אים מיטפּילן און מאַסקים זײַן צו נעמען אַף זיך זײַן לאַסט?

— דו לייגסט פֿאָר אַראָפּצונעמען אים פֿון דער אַרבעט?

— איך לייג פֿאָר אויסצוזוכן פֿאַר אים אַן אַנדער פּלאַץ אין לעבן. מיר האָבן געהאָלפֿן זיך שטעלן אַף זייערע ערטער ראַגאָוון, קאָוושאָוון און אַנדערע. לאָמיר העלפֿן אויך יעפימאָוון. דו האָסט געזאָגט — ער האָט גוט געאַרבעט אַף אַ זאַוואָד. לאָמיר אים שיקן אַף אַ זאַוואָד. אָדער לאָ־מיר אים אַריבערפֿירן אַף אַן אַנדער באַצירק, ווו ס'פֿירט אַן אַ שטאַרקער, קלוגער נאַטשאַלניק, ווו ס'אַרבעט אַ צוזאַמענגעשפּילטער קאָלעקטיוו. לאָ־מיר אים שיקן אין אַנהייב כאָטש צו אַזאַ פּאַנקאָוון.

— גוט וואַסילי, — האָט זאַלקינד געזאָגט, — כ'וועל אַ טראַכט טאָן וועגן דעם. מיר איז שוין אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק — אַריבערוואַרפֿן יעפימאָוון אַפֿן זאַוואָד, צו טערעכאָוון. נאָר פֿריִער מוז איך זיך איבער־צײַגן, אַז יעפימאָוו וועט זיך ניט שוין פֿאַרבעסערן ווי אַן אָנפֿירער אַפֿן באַצירק. גיב מיר אַ שטיקל צײַט, כ'וועל זיך אָריענטירן...

— אויסגעצייכנט. כ'וועל זײַן צופֿרידן, אויב דו וועסט זיך אַרויס־ווײַזן פֿאַר גערעכט.

באַטמאַנאָוו האָט פֿאַררייכערט אַ פֿרישן פּאַפּיראָס באַם אַלטן. זאַל־קינד האָט זיך אַריבערגעטראָגן פֿון דער האַרטער שטול אַף דער טאַכטע. דאָס לאַנג וואַך זײַן האָט זיך פֿונדעסטוועגן געלאָזט פֿילן.

— איצט וועל איך דיר מאַכן אַ פֿאָרוואורף, פֿרײַנט וואַסילי, זיך נויִ־קעם צו זײַן, אַזוי צו זאָגן, — האָט זאַלקינד געזאָגט. — צי ביסטו ניט צופֿיל האַרט און האַרב אין דײַן באַציִונג צו די מענטשן, צי דריקסטו זיי ניט צו צומאָל? צי דאַרף מען ניט זײַן ווייכער, ליבלעכער? מיר זײַנען נאָך פֿאַרשטענדלעך דײַנע שטרענגע, טיילמאָל האַרבע פֿאָדערונ־גען בענויגיייע דעם אַפּאַראַט, די נאַטשאַלניקעס פֿון די אָפּטיילן. אָבער ווען דו ביסט אַזעלכער אויך מיט די פּאָשעטע בויער, מיט די אַרבעטער — איז דאָס שלעכט. ערשט ווען דו זיצסט אין דער פֿאַרוואַלטונג, טרעפֿסטו זיך נאָך מיט זיי ווייניק. אינגיכן וועט דיר אויסקומען צו וווינען און

אַרבעטן צווישן זיי אַ לענגערע צײַט... צי ווּעסטו קענען געפינען דעם שליסל צו זייער האַרץ?

— מיר וועלן זען. דו מאַכסט אַ פּריצײַטיקן אויספיר, ניט האָבנדיק קיינע פאַקטן דערויף.

— מעגלעך, כ'וועל זיך דערווײַל ניט שפּאַרן. נו, און אונדזערע נאַטשאַלניקעס פון די אָפּטיילן זײַנען אויך מענטשן. דו האָסט אײַנגעפירט אַן אָרדענונג אין אונדזער שטאַב, אַפּסנײַ אים באַשאַפן, צעשטעלט די מענטשן אַף זייערע פּלעצער — מיין ניט, אַז איך זע דאָס ניט. פונדעסטוועגן באַמי זיך צו זײַן כאָטש אַ ביסעלע צוגעלאָזענער. צײַטנווײַז רעדסטו מיט אַ מענטשן, און איך זע: ער בייגט זיך אַזש אונטער דײַנע מוסער־ווערטער. דײַנע קאַוואָנעס ווילן זײַן גוטע, פונדעסטוועגן דאַרפסטו צוליב זיי ניט צודריקן די מענטשן, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט אַרבעטן, ווי דיר וואָלט זיך געגלוסט.

— דו האָסט מיך געשילדערט פאַר אַ טיראַן, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט אָנגעכמורעט. — קעדיי ס'זאָל דיר קלאָר זײַן, גיב אויך דו אַ בײַשפּיל. וועמען האָב איך דאָס, נאָך דיר נאָך, דעם רוקן איבערגעבראָכן?

— אַזאַ ליבערמאַנען. אויך ער איז דאָך אַ לעבעדיקער מענטש, האַגאַם, כ'מוז מודע זײַן, ער איז מיר ניט סימפּאַטיש. ער גייט פון דיר אַוועק אַ באַליידיקטער. איז נייטיק אַזוי צוצודריקן? ביכלאַל זײַנען אין דײַן לעקסיקאָן עפּעס ניט פאַראַן קיין וואַרעמע ווערטער. איך קען ביז הײַנט ניט פאַרגעסן, ווי דו האָסט הײַנטיקע וואָך אָפּגעצוואָגן קאָוושאָוון.

— נו, צו וואָס אַזוי שאַרף? דײַנע פּרעטענזיעס האָבן אייגנטלעך אַ שײַכעס געהאַט צום הויפּט־אינזשעניער, נאָר דיר איז ניט באַקוועם געווען אַף אים זיך צו בייזערן, האָסטו די גאַנצע קראַפט פון דײַן סאַרקאַזם אַראָפּגעשלײַדערט אַף דעם דאָזיקן ווילן באָכער. און דײַן נעכטיקער געשפּרעך מיט גרעטשקינען? ס'איז אַ ראַכמאָנעס געווען צו קוקן אַף אים! ער שלעפּט דאָך פאַר פינף, און מע קען אים אַמאָל מויכל זײַן, אויב ער לאָזט עפּעס אַדורך. הײַנט האָסטו אונטערגעטריבן גרעטשקינען און קאָוושאָוון. איך צווייפל ניט — זיי זיצן ערשט, אַוואַדע, און האָרעווען... פאַרוואָס־זשע, כאַווער נאַטשאַלניק, האָסטו ניט אַ טראַכט געטאָן וועגן זיי — זיי האָט זיך דאָך אויך, זיכער, געוואָלט אַ ביסל פאַרווײַלן אין אָוונט לעקאָווועד יאָנטעוו? גרעטשקין האָט אין דער היים אַ גאַנצע קאָלווירטשאַפט, — כ'שטעל זיך פאָר, ווי ס'האָבן דעם גאַנצן טאָג געוואַרט און ניט געקענט דערוואַרטן זיך אַף אים דאָס ווײַב און די קינדער.

— דו האָסט מיך גערירט, מיכאַיל, — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געזאָגט. זײַן פּאָנעם איזווירקלעך געווען צערודערט. — וואָרשײַנלעך, בייג איך צײַטנווײַז אַריבער דעם שטעקן. פונדעסטוועגן זײַ מודע — דאָס זײַנען פּראָטים, אָבער ביכלאַל בין איך פונדעסטוועגן גערעכט.

דו וועסט מיר שוין, מיסטאָם, פֿאַר קיין ווייכן און ליבלעכן ניט מאַכן. ניט שוין־זשע זעט זיך ניט אַרויס קיין גוטסקייט אין מײַן שטרענגקייט? דו האָסט אַזוי רירנדיק גערעדט וועגן גרעטשקינען און קאָוושאָוון. צעשנײַד מיך, און איך קען זיי ניט מוחל זײַן אַפֿילע די קלענסטע בלויזן. עס פֿאָדערט זיך ערשט פֿון זיי אַזויפֿיל! כוץ דעם זײַנען זיי אַזעלכע פֿעסטע יונגען! גרעטשקין, וואָס אַן עמעס, דענערווירט זיך, אַליאָשע אָבער — יענער שמייכלט אונטער, ווען מע בייזערט זיך אַף אים. מיך האָט אַפֿילע איין מאָל אויפֿגעבראַכט עפּעס זײַן שמייכל. „וואָס איז אײַך לעכערלעך? מע דאַרף הערן און פֿאַרגעדענקען", — זאָג איך אים. און ער, קוקנדיק מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן: „איך הער און פֿאַרגעדענק, כאָטש מײַן זיקאָרן איז נאָך יונג. און איך שמייכל דערפֿאַר, וואָס איר זידלט ווי ס'דאַרף צו זײַן. עס נעמט אַזש דורך די ביינער! ווען עס נעמט דיך אַזוי דורך, דערזעסטו בעסער דײַנע פֿעלערן, וועלכע האָסט פֿריִער ניט באַמערקט"... דו האָסט מיר געמאַכט אַ פֿאָרוואורף, און איך וועל אים ניט פֿאַרגעסן, כ'זאָג עס דיר צו. איבעריקנס, ס'איז דאָ אַ מיטל צו קאָנטראָלירן, ווער פֿון אונדז ס'איז גערעכט. גיב ווי עס איז אַ שמועס מיט גרעטשקינען און קאָוושאָוון וועגן מײַן טיראַנישקייט, סאַרקאַזם און די אַנדערע ווילדקייטן. קלײַב צו אַ פּאַסיקן מאָמענט, ווען זיי וועלן אַרויסגיין פֿון מײַן קאַבינעט רויטע און פֿאַרשוויצטע, און פֿאַרפֿיר פֿאָרזיכטיק אַ געשפּרעך. אויב זיי וועלן זיך נעמען קלאָגן, וועל איך זיך באַמיִען צו געפֿינען פֿאַר זיי אַ גוט וואָרט אָדער עפּעס וואָס ענלעכס צו דעם.

— איך זע, דו האָסט אויסגעמיטן צו ריידן וועגן ליבערמאַנען.

— מיט ליבערמאַנען לאָז ביז אַ געוויסער צײַט צו רו. אַף דײַן כּיוור־קאָנטע שטייט יעפֿימאָוו, אַף מײַנעם זאָל שטיין ליבערמאַן. דאָס איז, זאָג איך דיר, אַ שווערער פֿאַרשוין, און דער אומגליק איז, וואָס זײַן ביאָגראַפֿיע איז אַ ביסל אַן ערגערע איידער יעפֿימאָווס. איבעריקנס — אויך ליבערמאַן איז אַ פֿעסטער, זײַן רוקן וועט זיך ניט איבערברעכן. עפּעס וואָס האָט ער שוין באַנומען אַ דאַנק מײַן הילף, נאָר אַ סאַך זעט ער נאָך ניט. איך וויל אים נעמען מיט זיך אַף דער טראַסע, געהעריק באַקענען מיטן אוילעם...

— ס'וואָלט ניט שאַטן קוידעמקאָל שאָלעם מאַכן צווישן אים מיט פֿעדאָסאָוון, — האָט זיך זאַלקינד צעלאַכט.

דער באַנאַכטיקער שמועס פֿון די צוויי אָנפֿירער האָט זיך אַף אַ רעגע ניט אויסגעשעפּט. זיי האָבן זיך געאַמפּערט און אויסגעגלײַכט, דערמאָנט דורכפֿאַלן, וואָס איינער האָט באַמערקט באַם צווייטן, און זיך ניט געשטערט אַרײַנצוזאָגן שאַרפֿע ווערטער. ס'האָט זיי פֿאַראייניקט דאָס פֿאַרשטיין זיך קעגנזײַטיק און יענע עמעסע פֿרײַנטשאַפֿט, וואָס ווערט ניט צעשטערט אַפֿילע פֿון דער סאַמע אומראַכמאָנעסדיקער אָפֿנהאַרציקייט.

— מיר זײַנען אַף דער בויונג דורכגעגאַנגען דעם פּעריאָד פֿון אָר־

גאַניזירונג, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט. — אונדזער קאָלעקטיוו קען, אָן מוירע פאַר אַ דורכפאַל, איבערגיין אין אָנגריף. ערשט דאַרף אונדזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט זײַן געווענדעט ניט אַף דער פאַרוואַלטונג, נאָר אַף די באַצירקן...

— מיר דוכט זיך, וואַסילי, אַז בײַ אונדז האָט זיך הײַנט, ווי אורמעטום, פאַרענדיקט די מאָביליזאַציע פון די קויכעס, וועגן וועלכע כאַווער סטאַלין האָט גערעדט. ניט עמעס?...

...דער אַקוראַטער זאַלקינד האָט צום צווייטן מאָל אַרויסגעטראָגן די פאַפּיראָסן־רעשטלעך — זיי האָבן זיך שוין אַראָפּגעשיט פון אַש־מעסטל אַפן טישטעך.

— לאָמיר טרינקען טיי, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט. — מיר האָבן פײַן זיך אַדורכגעשמועסט, אַלץ באַהאַנדלט.

— אַלץ שוין? — האָט זאַלקינד געפרעגט. — מיר דוכט זיך, אַז עס קלעמט דיך עפּעס... האָסט צוגעזאָגט צו זײַן אָפנהאַרציק... דו ווילסט מיר ניט פאַרטרויען?

— פאַר דיר קען מען גאָרניט פאַרבאָרגן, — האָט באַטמאַנאָוו אַ ברום געטאָן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם גרויסן קאָפּ, ווי ס'וואָלט אים שווער זײַן צו האַלטן אים גלײַך.

דער באַאומרויִקטער זאַלקינד איז, שטיל טרעטנדיק, צוגעגאַנגען צו דער טאַכטע און זיך געזעצט.

— דיר קען מען אַלץ פאַרטרויען. דו ביסט דאָס געוויסן גופע. — באַטמאַנאָוו האָט זיך אויפגעשטעלט און צעשויבערט די האָר. — אָפט קומט דעם מענטשן אויס צו פאַרבאָרגן זײַנע לײַדן אָדער שוואַכקייטן. איינער שטאַרקט זיך מאַכמעס שטאָלץ. אַ צווייטער האָט ניט קיין צוטרוי צו מענטשלעכער גוטהאַרציקייט. אָנפירער און קאָמאַנדירן ווידער זײַנען פאָשעט מעכויעוו צײַטנווײַז אין איינזאַמקייט זיך אָן אייצע צו טאָן מיט זייערע שוואַכקייטן אָדער לײַדן. אַן אָנפירער — דאָס איז, אויסער אַלעמען, אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן, ער מוז זײַן שטאַרקער פון די, מיט וועלכע ער פירט אָן. און אויב ער האָט ווונדן אָדער וועלכע ס'איז גײַסטיקע שוואַכקייטן — זאָל ער זיי בעסער מיט געדולד איבערטראָגן, ניט אַנטבלויזנדיק זיי. אַ קלוגער קאָמאַנדיר, פאַרוווּנדעט אין שלאַכט, וועט באַהערשן דעם ווייטיק, קאָלזמאַן דאָס איז מעגלעך, און זיך באַמיִען ניט אַרויסצווײַזן די זעלנער, אַז ער איז פאַרוווּנדעט. דערמאָן זיך וועגן באַגראַטיאָנען: אַ טויט־פאַרוווּנדעטער, האָט ער באַוויזן צו באַהערשן מיט דער קראַפט פון זײַן גײַסט די פיזישע שוואַכקייט...

— רעג זיך ניט אויף, וואַסילי, און זעץ זיך, כ'בעט דיך, דער קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבן ווײ טאָן פון נאָכדרייען זיך נאָך דיר, — האָט זיך זאַלקינד געבעטן.

באַטמאַנאָוו האָט זיך געזעצט.

—איך בין ניט קיין מיליטער־פירער, ניט קיין היסטאָרישע פערזענלעכקייט — טראַכט ניט, אַז מאַכמעס פאַררישנקייט פיר איך דורך געוויסע פאַראַלעלן. איך בין אַ נאַטשאַלניק פון אַ בויונג, וואָס אַזעלכע זיינען באַ אונדז פאַראַן אַ סאַך. נאָר פונדעסטוועגן בין איך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ גרויסער זאַך און פאַר עטלעכע טויזנט גוטע סאָוועטישע מענטשן. צי האָב איך דאָס רעכט אַרויסצוווייזן פאַר זיי מײַנע ווונדן, אָדער קרעכצן פאַר ווייטיק? איך האָב עס, זיכער, ניט. וואָס פאַר אַן אָנפירער וועל איך זײַן, אויב אין אַזאַ שווערער צײַט וועל איך זיך ווײַזן פאַר זיי אַן אָפּגעשוואַכטער און לײַדנדיקער! זיי דאַרפן גלייבן אין מײַן קויעך, איך בין זייער שטיצע אין אַ שווערער מינוט, זיי טאָרן מיר ניט מיטפילן.

באַטמאַנאָוו האָט זיך ווידער אויפגעהויבן, ער האָט ניט געקענט אײַנזיצן.

— איך האָב ניט קיין רעכט צו אַנטבלויזן מײַנע ווונדן און באַומרויִקן די מענטשן מיט מײַן שוואַכקייט. גוט. נאָר אויב איך שרײַ ניט און קלאָג זיך ניט, ווי אַ קינד אָדער אַ פרוי, צי הייסט דאָס, אַז ס׳טוט מיר ניט וויי? מײַנע ווונדן פאַרשאַפן מיר ווייטיק, זיי זײַנען פון דעם מין, וואָס ס׳איז ניטאָ קיין שום רעפוּע צו זיי. איך זע אין דײַנע אויגן די פראַגע: „וואָס עפּעס פּלוצים? וואָס איז געשען?" איך מוז זיך פּאַשעט אַראָפּריידן פון האַרצן דאָס, וואָס ס׳האָט זיך אין דעם אָנגעזאַמלט. שטעל זיך פאָר, ס׳האָט דיר אָנגעהויבן וויי צו טאָן אַ האַנט — רעוומאַטיזם אָדער עפּעס אַן אַנדער קראַנקייט האָט זיך צוגעטשעפּעט, — ס׳נאָגט און נאָגט, אַז פּאָשעט ניט איבערצוטראָגן. און דו שפּאַצירסט אַרום איבערן צימער, שאָקלסט זי אַהין און אַהער, און האָסט אַליין ניט די האָפענונג, אַז דערפון וועט דער ווייטיק זיך אײַנשטילן. — באַטמאַנאָוו האָט זיך דורכגעשפּאַצירט איבערן צימער, פונאַנדערשאָקלענדיק די האַנט. — מיר טוט די האַנט ניט וויי, שטעל זיך פאָר, אַז איך שאָקל פונאַנדער פאַר דיר מײַן צעווייטיקטע נעשאָמע... דו ווייסט מיר ניט העלפן, כ׳ווייס. נאָר „האָב צו מיר באַציִונג", ווי ס׳האָט געזאָגט מאַיאַקאָווסקי.

— אין וואָס גייט דאָ, וואַסילי, איך פאַרשטיי ניט? — זאַלקינד איז אַ צערודערטער אויפגעשפּרונגען פון דער טאַכטע, נאָר האָט זיך באַהערשט און צוריק געזעצט. — דו האָסט מיך אַזוי באַומרויִקט מיט דער דאָזיקער פאָררעדע! וואָס פאַר אַן אומגליק האָט דיך געטראָפן?

— כ׳וועל אַלץ זאָגן, וואַרט. ווען מיר זײַנען אַהער אַרײַנגעקומען, האָסטו זיך אומצופרידן אַרומגעקוקט: „דו ווינסט שלעכט, באַטמאַנאָוו.

אַליין, ווי אַ יאָסעם!" ריכטיק, כ'ווין שלעכט. איך האָב זיך ניט איין מאָל געקליבן אַרײַנצונעמען אין הויז עמעצן פון די איינזאַמע. און כ'האָב עס ניט געטאָן. איך האָב דאָך דערוואַרט, אַז אין הויז וועט וווינען מיט מיר מײַן פאַמיליע. די פאַמיליע, דו הערסט?

באַטמאַנאָוו האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אַף דער שטול, דאָס האָלץ האָט אַ קרעכץ געטאָן אונטער זײַן שווערקייט. וואָס שטאַרקער אַ מענטש איז, אַלץ ביטערער לעבט ער איבער מינוטן פון שוואַכקייט. זאַל־קינדן איז געווען אַ צאַר צו קוקן אַפן כאַווער, וועלכער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פאַרמאַכטע אויגן, ס'האָט זיך געוואָלט אים העלפן מיטן גאַנצן האַרצן. מיט וואָס? וואַסילי מאַקסימאָוויטש, אַ שטאַר־קער אַפילע אין זײַן שוואַכקייט, האָט זיך ניט גענייטיקט אין קיין טרייסט. וועגן דעם בריוו, וואָס דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט באַקומען, האָט זאַלקינד ניט געוווּסט.

— דו וועסט זאָגן — לײַד געדולדיק. מער וועסטו גאָרניט צו־טראַכטן, כ'ווייס. נאָר ווי קען איך געדולדיק לײַדן, איך, אַ מענטש, וואָס דאָס לעבן האָט אים צוגעוווינט צו קאַמף? לײַדן געדולדיק הייסט — גאָרנישט ניט טאָן, — דאָס איז דאָס אייגענע, ווי זען פליסן בלוט פון אַ וווּנד, און ניט פּרוּוון עס אָפּשטעלן. איך מוז שטענדיק, אין יעדער לאַגע, טעטיק זײַן, סײַ אין אַ פּערזענלעכן, סײַ אין אַ געזעלשאַפטלעכן איניען. אָבער וואָס קען איך אָנהייבן צו טאָן, מיט וואָס זיך העלפן? מיט גאָרניט! — ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אַף זאַלקינדן. אַ קרויז פון זײַנע אַש־קאָלירענע האָר איז אים געפאַלן אַפן שטערן, צוגעבנדיק זײַן פּאָנעם אַ ניט געוויינלעכן אויסדרוק. — ווען מיר האָבן גערעדט דורכן טעלעפאָן, האָב איך דאָך דערפילט, אַז סע ציט דיך ניט צו גיין אַהער און ווילסט מיך פאַרבעטן צו זיך. כ'האָב זיך דערשראָקן. איך ווייס דאָך, וואָס פאַר אַ וואַרעמע נעסט ס'איז באַ דיר, און איך וויל ניט, איך קען ערשט ניט צוזען דאָס גליק פון אַ פרעמ־דער פאַמיליע! ס'קען זיך אויסדוכטן, צו וואָס טויג זי מיר, אַזאַ ווי איך, — די פאַמיליע? איך שטעק איבער די אויערן אין דער אַרבעט און קום אַהיים אַף פינף־זעקס שאָ, בלויז איבערצושלאָפן. נאָר אַף די דאָזיקע פינף־זעקס שאָ איז מיר נאָך מערער נייטיק די פאַמיליע. זאָל מיר דאָס ווײַב באַגעגענען מיט אַ וואָרטשען, זאָל איך טרעפן די קינדער שוין שלאָפנדיקע, און בלויז שווײַגנדיק וועל איך שטיין אַ ביסל איבער זיי, שמייכלענדיק און זיפצנדיק...

באַטמאַנאָוו האָט מיט אַ שאַרפער האַנט־באַוועגונג, ווי אַ קלאַפּ, אָפּ־געוואָרפן די האָר פון שטערן און שווער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם.

— צי קען איך דען זאָגן, אַז איך האָב געהעריק אָפּגעשאַצט די פאַמיליע? כ'בין זיך ערלעך מוידע: איך האָב זי אַזוי ווי ניט באַמערקט!

אין שטוב האָט דאָס ווײַב געשאַפֿן אַרום מיר אַן אַטמאָספֿער פֿון איידע־לער פֿאַרגעטערונג, זי האָט אַפֿילו די פֿליגן ניט דערלויבט צו פֿליִען איבער מיר, בעייס איך בין געשלאָפֿן. קעדיי קיינער זאָל מיר ניט שטערן, בעייס איך אַרבעט אָדער לייען, קעדיי צו טרעפֿן אַלע מײַנע פֿאַרלאַנגען...

ס׳איז אים טרוקן געוואָרן אין האַלדז, און ער איז דורשטיק צוגעפֿאַלן צו דער גלאָז טיי.

— דו שמײַסט זיך מיט אַלע קוילעס, — האָט זאַלקינד אַ זאָג געטאָן אומצופֿרידן. — האָסט אָנגערעדט אַף זיך וואָס אין דער קאָרט. גלײַך איך קען דיך ניט.

— אום גאָטעס ווילן, מיכאַיל, פֿאַרטיידיק ניט באַטמאַנאָוון פֿאַר אים אַליין! — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש אויסגעשריגן. — איך דערמאָן זיך אַלץ, ווי אַפֿט מיר האָבן זיך צעשיידט און געלעבט באַזונדער. לאָמיר זאָגן, אַז דאָס האָט געפֿאָדערט מײַן אַרבעט. אָבער איך זע דאָך הײַנט, אַז דאָס האָט געקענט ניט געשען, ווען כ׳וואָלט געוועזן ווען ווי עס באַדאַרף צו זײַן. צו לײַכט גייען מיר אײַן צײַטנווײַז אַף צעשיידונגען און זאָגן זיך אָפּ פֿון דעם פּערזענלעכן. איך האָב זיי איבערגעלאָזט אין קרים, אָבער צי האָב איך דען ניט געקענט זיי מיטנעמען מיט זיך און דאָ אײַנאָרדענען די היילונג פֿון מײַן זון? איז אָט דער סאַכאַקל: איך האָב ניט געהעריק געשעצט מײַן פֿאַמיליע און די ליבע, כ׳האָב זיך צו שפּעט אויסגעלערנט זיי צו שעצן...

באַטמאַנאָוו האָט אַ וויש געטאָן דעם שטערן מיט דער האַנט און זיך דערמאָנט:

— כ׳וועל דיר באַלד ווײַזן עפּעס אַ זאַך. געדיכטן, אַזאַ בלוי ביכעלע. — ער איז אַרויסגעגאַנגען אין שלאָף־צימער אַרײַן און זיך אומגעקערט מיט אַ ביכל. — דאָס איז דער פּאָעט טשטשיפּאַיעוו:

די ליבע זאָלט איר שאַצן טײַער,
און מיט די יאָרן — טאָפּל שטאַרק.
זי איז ניט קיין שפּאַציר מיט זיפֿצן
אין אַ לעוואָנע־נאַכט אין פּאַרק.

ס׳וועט אַלץ זײַן: טריבער וועטער, שנייען —
דאָס לעבן איז דאָך נאָך פּאַרויס!
ס׳איז ווי אַ גוטע ליד די ליבע,
און ס׳קומט אַ ליד ניט לײַכט אַרויס.

באַטמאַנאָוו האָט זיך מיד אַנידערגעזעצט און אַוועקגעלייגט דאָס ביכל.

— באַ דיר איז דאָס ליד אַרויסגעקומען, און באַ מיר — ניט. באַ

אַן אָרנטלעכן מענטשן דאַרף עס אַזוי זײַן, ווי בײַ דיר: אַ געטרײַע און געליבטע פרײַנדן אַפן גאַנצן לעבן און קינדער.

— דו האָסט דאָך אַ גוטע, געטרײַע פרײַנדן און אַ זון. זיי וועלן קומען אַהער צו פאָרן, און איר וועט לעבן אין גרויס נאַכעס! — האָט מיכאַיל באָריסאָוויטש געזאָגט.

— הער אויף! — האָט באַטמאַנאָוו אַ געשריי געטאָן. — כ׳האָב זיך געמאַטערט אין איינזאַמקייט און געוואַרט אַף זיי די גאַנצע צײַט. געוואַרט, אַז אָט אָט וועלן זיי קומען צו פאָרן. זיי וועלן ניט קומען, מיכאַיל. זיי וועלן ניט קומען...

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי באַשלאָסן?

— קאָסטיאַ לעבט ניט... געשטאָרבן. כ׳האָב אים ניט אײַנגעהיט, ניט אײַנגעהיט. אַננאַ איז אַליין... און זי שרײַבט מיר ניט...

ער האָט די דאָזיקע ווערטער אַרויסגעבראַכט קוים צו דערהערן און אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אַפן טיש זאַלקינד איז געזעסן אַן אויפגעטרייסל־טער. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו באַטמאַנאָוון און אים אַנגערירט פאַר דער פּלייצע:

— טרייסטן קען איך ניט און וויל ניט. דעם זון קען מען ניט צוריק לעבעדיק מאַכן מיט קיינע שום ווערטער. נאָר אַננאַן לאָז ניט איבער אַליין. זי האָט דיך ליב און דאַרף קומען אַהער. דאָס איז זייער גוט, וואָס דו האָסט שטאַרקער דערפילט די גרויסע ווערט פון דער פאַ־מיליע. איך גלייב, אַז דו וועסט נאָך שאַפן דײַן ליד, מײַן טײַערער כאַ־ווער...

וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט טרו־קענע באַצאַרטע אויגן אַ קוק געטאָן אַף זאַלקינדן.

— זאַמל ניט אַן אין זיך די לײַדן, — האָט זאַלקינד ווײַטער גע־רעדט. — פאַרשליס זיך ניט אין זיך ערשט. לעב מיט אַן אָפענער נע־שאָמע. פאַר שנעלער אַרויס אַף דער טראַסע און דערנענטער זיך שטאַר־קער מיט די מענטשן. דו מיינסט, אַז די מענטשן וועלן דיך וויניקער אַכטן, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן וועגן דײַן אומגליק? זיי וועלן דאָך נאָך מערער אָנהייבן גלייבן אין דיר, אין דײַן קראַפט!...

באַטמאַנאָוו האָט זיך אויפגעהויבן און האָסטיק, אומגעשיקט אַרומ־גענומען זאַלקינדן, באַהאַלטנדיק פון אים דאָס פּאָנעם. זיי זײַנען געשטאַ־נען אַזוי אַן אויגנבליק — אומגלײַכע לויט דעם וווקס, שטאַרק ניט ענ־לעכע לויט דער אויסערלעכקייט. דערנאָך איז וואַסילי מאַקסימאָוויטש מיט שנעלע טריט אַוועק אין שלאָף־צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

בלײַבנדיק אַליין, האָט זאַלקינד לאַנג אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער

מיטן פּאַפּיראָס, וואָס האָט זיך קעסיידער געלאָשן, אין מויל. ער האָט אָנגעקלונגען אַהיים און דערציילט, פאַרוואָס ער איז פאַרבליבן בײַ באַט־מאַנאָוון, פאָלינאַ יאַקאָווליעווגאַ האָט אים געענטפערט בלויז מיט אַ קרעכץ. דער פּאַרטאָרג האָט זיך אײַנגעאָרדנט לעבן ראַדיאָ־אויפנעמער און זיך לאַנג געאײַסעקט מיט אים, ביז ער האָט ניט אויפגעכאַפּט דורך די גערוישן אין דער אויפגערודערטער וועלט די שטים פון מאָסקווע: דער ספּיקער האָט געלייענט סטאַלינס רעדע.

זאַלקינד האָט זיך צוגעשפּאַרט אַף דער טאַכט, זיך צוגעדעקט מיטן פּוטער און געהערט. צום פענצטער איז, ווי אַ גרויער קראַליק, צוגעקראָכן דער ניט דרײַסטער ווינטערדיקער פרימאָרגן.

סאָף פון ערשטן בוך

Imprimió Talleres Gráficos "MEXICO"
México 2230 - Buenos Aires